STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03284

KONKURENTN

Yonah Rozenfeld

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געקליבענע ווערק

פון

יונה ראָזענפעלד

III

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

יונה ראָזענפעלד

קאָנקורענטן

(דערציילונגען)

ווילנע – 1929

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

J. Rozenfeld — „Konkurentn“

Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

yi 644, c.1

אינהאַלט

	זייט
קאָנקורענטן	7
רב דוד	24
די נקמה פון אַ קינסטלער	41
ער איז נעבעך אַ מענטש	58
אַן אַנשיקעניש	68
פראַנציסקאַ	82
נו גיי ווייס	100
וואָס האָט פּאַסירט מיטן אַלטן	118
אַזאַ מין געשיכטע	129
די ירושה	150
אין דער פרעמד	155
נאָך אים	174
פיר	183
דער סוד	208
די מויד	213
אַ שכן	221
אין איין טאָג	235
איך	243

קאָנקורענטז

צוויי אייזערנע בעטלעך, אַן אָפּגעקראַכענער שפּיגל אָן אַ ראַם, אַ לימענע קעסטל פאַר אַ שאַפקעלע, אַ פּאָר בענקלעך מיט אויסגעדרייטע פיסלעך און אַ טיש, וואָס הינקט אויף איין פוס, דאָס איז מיין מעבל.

אַ גרויס מויל, בלויע ליפּן, אַ קוויטשענדיק קול און נאַסע, תמיד טרערנדיקע אייגעלעך, דאָס איז מיין ווייב.

אַ מיידעלע אַ צעניעריקס, אַ פּיסקעלע ווי אויף שרייפּעלעך און אייגעלעך ווי באַ אַ פוקסל און דאַר איז דאָס ווי אַ שפּענדעלע און שוויסטקע ווי אַ הינדעלע, דאָס איז מיין טאָכטער.

און אַ ייִנגעלע קלוג ווי דער טאָג, דאַר און טרוקן ווי אַ מצבה־שטעקן, דאָס איז מיין זונעלע, וואָס זעען זעט עס אויס ווי אַ יאָר פינף, אָבער אַלט איז דאָס זיבן יאָר.

דאָס דריטע קינד איז אַלט צוויי יאָר. גרויס איז דאָס ווי אַ וואָ־כעניק, אָבער ווייגען ווינט עס און שרייען שרייט עס שוין גאָרנישט נאָך איר גרויס נאָך. אַ קליין מענטשעלע, מיט אַ קליין שיטער בערדעלע, מיט קליינע שוואַרצע אייגעלעך, דאָס בין איך, איך אַליין, איך דער מאַן פון דעם ווייב און דער טאַטע פון די דריי קינדער. וואָס איך טו? איך טו גאָרנישט, איך טו בלויז דאָס, וואָס מיין ווייב דאַרף טון. גאַנץ פרי, ווי איך שטיי נאָר אויף, צעלייג איך אַ פייער און קאָך אויף אַ טשייניק וואַסער. דערנאָך וועק איך אויף מיין ווייב, גיב איר אויסטרינקען אַגלאָז טיי און פּראָוואַדע זי אַרויס אין מאַרק אַריין. דערנאָך נעם איך מיך ערשט צו דער חברה, טו זיי אָן, וואַש זיי אַרום און האָדעווע זיי אָן, אָבער

נישט אַלע מאָל גיט זיך עס מיר אַזוי גרינג איין. עס טרעפט אָפט, אַז דאָס פּיצל צעגעזגעט זיך און ס׳וויל נאָר צו דער מאַמען און דער עלטע־רער נאָך איר. כאַפּ איך דאָס פּיצל אויף די הענט, לויף צו צום פענצ־טער און הייב אָן פּויקן אין די שויבן, קלאַפּן אין טיש, קלינג אין אַ גלאָז, קנאַק מיט דער צונג, און אַזוי, האַלטנדיק דאָס פּיצל אויף די הענט, נעם איך איין מיין ייִנגעלע אויך: איך שפּיל זיך מיט אים אין פערדלעך. אַמאָל איז ער דאָס פערד און איך דער קוטשער, אַמאָל פאַרקערט. אַמאָל שפּיל איך זיך מיט אים אין סאָלדאַטן. ער קאָמאַנדעוועט מיט מיר, איך מיט אים: קרוּ־גאָם, נאַ־ליעוואָ מאַרש!!! אַז־דוואַ! אַז־דוואַ! און אַז איך שטיל זיי איין, פאַרבעט איך די בעטן, קער אויס די שטוב און שטעל צו וואַרעמס און ווי עס ווערט נאָר פאַרטיק, כאַפּ איך באַלד און גיס אַראָפּ אין אַ קליין טעפּעלע, מאַך ריין אַ שיסל מיט אַ לעפל און — פּאַשאָל! איך לויף אָן אַן אָטעם. (קיין זייגער איז דאָך בײַ מיר נישטאָ, ווייזט זיך מיר תמיד אויס, אַז איך האָב פאַרשפּעטיקט.) און דאָס האַרץ קלאַפּט: אָט זע איך שוין די בודקעלעך און די טאָפּטשאַנעס צווישן די בודקעלעך און אַרום די בודקעלעך. אויף די טאָפּטשאַנעס און אונטער די טאָפּטשאַ־נעס אין אַרום די טאָפּטשאַנעס ליגן אָנגעלייגט גאַנצע בערג ציבעלעס מיט רעטעך, בוראַקעס מיט קרויט, פּעטרושקע מיט מײַרעלעך, קאַרטאָפּ־ליעס מיט כריין און נאָך אַזעלכע מינים קרײַטעכצער, ביטערע און זיסע, זויערע און ווײַניקע. אָט לעבן אַזאַ טאָפּטשאַן מיט אַזעלכע שר־ירקות דערקען איך שוין, דאָס ווײַב מײַנס.

און ס׳טרעפט זייער אָפט, אַז אַזוי לויפנדיק פאַרגיס איך מיר די קאַפּאָטע מיט זופּ און ווען באַמערק איך עס, ווען זי גיט אַ סטאַרטשע אויס די קעלבערישע אויגן אירע אויף מיר און באַגעגנט מיך מיט אַ שטילן אײַנגעהאַלטענעם „בראָך״...

— וואָס איז???

— זע נאָר!...

דאָ הער איך, ווי מען שטיקט זיך שוין פון געלעכטער. אײנע אַ גראָבע ייִדענע מיט אַ פאַרברענט געזונט פּנים, וואָס זיצט אַקעגן מײַן ווײַב, וואַקלט זיך אַזש פון איין זייט אין דער צווייטער, האַלט זיך מיט בײדע הענט בײַ איר בויך — אַזוי געשמאַק לאַכט זי. מײַנע צופּט דאָרט הינטן פון די פּיס פון מײַנע שטיקלעך.

אָבער נישט אַלע מאָל קום איך אָפּ מיט אָט דער „צופֿעניש“. עס טרעפֿט נישט זעלטן, אַז נאָכדעם ווי זי האָט מיך דאָרטן הינטן געגנוג אָנגעקנייפּט, כאַפּט זי ערשט און אַז ס'ענדיקט זיך מיט דעם, דאַנק איך נאָך אויך גאָט. אַמאָל איז זי מיך ערשט מקיים פּסק, ווען זי קומט אַהיים פֿון מאַרק, ווייל זי דאַנקט דאָך גאָט, אַז זי באַקומט אַ געלעגנהייט זיך טשעפּען צו מיר. בין איך אָבער אויך נישט קיין פּרומאַק און ענטפֿער איר אָפּ און טאַקע כּפֿל כּפֿלים און ס'דערגייט אַמאָל צו אַן אמתער מלחמה: זי מיר אַ שטופּ, איך איר אַ שטויס, זי מיר אַ פֿייג אין די ציין אַריין, איך איר מוסטוסאַק אין זייט אַריין, מאַכט זי אַ געוואַלט און די חברה מיט איר צוגלייך, און איך פֿוץ אינדרויסן אַרויס אויף אַלע פֿיס. נאָר צו ביסלעך, נישט באַמערקנדיק פֿאַר זיך אַליין, הייב איך אָן גיין פּאַמע־לעכער און פּאַמעלעכער, בלייב ענדלעך שטיין און קוק פֿאַרטראַכט אויף דער ערד, אויפֿן הימל, אויף די הייזער, אויף די מענטשן, וואָס גייען אויף און אָפּ.

און אַזוי ווי איך בין שטיין געבליבן אַליין, נישט באַמערקנדיק, אַזוי פֿיל איך נישט, ווי איך לאָז מיך גיין צוריק, גיי מיט אַ שווער־אָנגע־לאָדן האַרץ, מיט אַ פֿולן קאָפּ, גיי פּאַמעלעך טריט בײַ טריט און צוגע־קומען צו מיין שטוב, שטעל איך זיך אַוועק הינטער די פֿענצטער און קוק און זע ווי זי, די קליינע מיינע, ס'הייסט די גרויסע, די עלטסטע, אַרבעט אַזוי געטריי, העלפֿט דער מאַמען אירער אויסטון די קינדער און באַלייגט איינס אין בעט אַריין און דאָס צווייטע, און העלפֿט דער מוטער אַראָפּשלעפּן די גרויסע שווערע שיך פֿון די פֿיס און איך טראַכט מיר, אַז דאָס וואַקסט אַ קאָנקורענטין מיינע און ס'איז אין איר צו דערקענען, אַז זי איז זייער צופֿרידן, וואָס איך בין אין שטוב נישטאָ און איך זע, אַז זי סטאַרעט זיך צו באַווייזן פֿאַר דער מוטער, אַז מ'קאָן זיך באַגיין אָן מיר אויך. און ווען דאָס פֿייער ווערט אויסגעלאָשן, גראָב איך איין דאָס פּנים אין אַ שויב און קוק. איך זע גאָרנישט און דאָך זע איך, (אין געדאַנק) ווי עס ליגט אַ פֿרוי, מיט איר צוזאַמען ליגט אַ קליין קינד, צופֿוסנס ליגט אַ מיידל פֿון אַ יאָר צען, און אין צווייטן בעט ליגט דער מאַן אירער, אַ פֿוילער הונט, עפּעס אַ מין טויגעניכטס, וואָס טויג נישט נישט צו גאָט און נישט צו לייט און לעבן אים ליגט זיינס און אירס,

Free Public Library, Newark, N. J.

זייערס אַ יינגעלע. אַלע דאַרע און קליינינקע, כאָטש קנעט זיי צונויף און מאַך פון זיי איין מענטש אַ רעכטן.

איך ווער מיד שטיין הינטערן פענצטער, דריי אויס דאָס פּנים צום דרויסן, בלאָז ברייט אָפּ פון זיך און כאַפּ אַ קוק צו די שטערן, פאַרטראַכט זיך אויף זיי און וויל שטאַרק עפּעס דערזעען דאָרט. דער הימל ווערט צו מיר נענטער און נענטער און אָט דאַכט זיך מיר בין איך שוין לעבן אים, און איך קוק שוין נישט אויפן הימל אַרויף, נאָר אויף דער ערד אַראָפּ. שוין גאָר מעשה גרויסער מענטש. אָבער ווי איך קום נאָר אין שטוב אַריין, ווער איך מיטאַמאָל געקריצט; מיר דאַכט זיך, אַז איך באַקום אַ קליין שמאָל מויל און ווי אַ קליין נאַריש גנבל שאַר איך מיך צו צום ברויט און עס מיט גרויס אַפּעטיט. אַז מיין ווייב האָט אָבער אַזאַ גרינגן שלאָף, — זי דערהערט באַלד און הייבט מיך אָן באַשיטן מיט שוואַרצע קללות. איך גיי צו צו איר און זאָג איר צו, אַז מער וועט עס שוין באַ מיר נישט טרעפן, און אַז איך וועל מיך אויפפירן גוט און פיין. זי ווערט אַנטשוויגן — מוחל, הייסט דאָס. טו איך מיך שוין אויס און גנבע זיך פּאַמעלעך אַריין צו איר אין בעט. זי מאַכט זיך געפּגרט, און איך מיך כּלא ידע, וואָס אַרט דאָס מיך! זאָל זי מיינען, אַז זי נאַרט מיך... און אָט אַזוי שלעפּערדיקערהייט האָב איך שוין דריי קינדער מיט איר. מיר שטייען אויף ברוגזע, גלייך מיר ווייסן ביידע פון גאָרנישט.

איין מאָל, דאָנערשטיק אינדערפרי, האָב איך צוגעשטעלט אַ טאָפּ וואַסער און גיי, ווי געוויינלעך, צו צו מיין טאָכטער און וויל איר אָנהייבן צעפלעכטן די האָר. צוגרייטן צום צוואָגן. נאָר פּלוצלינג גיט זי אַ שפּרונג אָפּ ווי אַ האָז און בלייבט שטיין אַנטקעגן מיר מיט אַ רויטאָנגעבלאָזן פּנים. איך פרעג זי: וואָס איז דאָס? ענטפערט זי מיר נישט, גיט אויף מיר אַ בייזן קוק און בלאָזט זיך נאָך מער אָן. פרעג איך זי ווידער: וואָס איז דאָס? ענטפערט זי ווידער נישט.

— ווילסט זיך נישט צוואָגן? — פרעג איך.

— איך דאַרף נישט, דו זאָלסט מיך צוואָגן, ענטפערט זי מיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און שפּילט זיך מיט אירע פינגער.

— וואָס הייסט ? ? !

— איך קאָן מיך שוין אַליין צוואָגן !

— ווילסטו נישט, איך זאָל דיך צוואָגן ?

— ניין !

— פאַרוואָס ?

— איך קאָן מיך שוין אַליין צוואָגן

מילא, איז נישט געטאַנצט. נישט — איז נישט. גיי איך שוין צו דער פליטע און זע, עס זאָל זיך גיכער אָנוואַרעמען דאָס וואַסער, איך זאָל אויסצוואָגן די צוויי קלענערע חברה. און אַז עס האָט זיך שוין אָנגעוואַרעמט דאָס וואַסער, גיי איך צו צו מיין יינגעלע און הייב אים אָן אויסטון. נאָר זי שפּרינגט ווי פון דער ערד אַרויס, גיט אים אַ כאַפּ בײַ אַ הענטל און רייסט אים אַוועק פון מיר.

— וואָס הייסט דאָס ? ?...

זי האַלט אים בײַם הענטל און ענטפערט נישט.

— וואָס הייסט דאָס ? !

זי ענטפערט נישט.

גיי איך צו און וויל אים נעמען, האַלט זי אים און זאָגט אונטער דער נאָז :

— איך וועל אים אַליין צוואָגן.

נייעס !

— וואָס הייסט, דו וועסט אים צוואָגן ?

מיר איז שוין אַריין עפּעס אין דער נאָז. איך שלעפּ ס׳יינגל און זי האַלט אים.

איך באַטראַכט זי אַ פּאָר מינוט און פרעג :

— וואָס עפּעס פּלוצלינג איז דיר אַריין אין קאָפּ זיך אַליין צוואָגן און אים צוואָגן ?

— ס׳אַ רחמנות אויף דער מאַמען ! — ענטפערט זי מיר...

— וואָס, אַ רחמנות אויף דער מאַמען !...

— ס׳אַ רחמנות אויף דער מאַמען, זי האָרעוועט און דאַרף דיר געבן עסן...

— נו ? ?...

— און אַז איך וועל מיך אַליין צוואָגן און אָנטון יאַנקעלעך מיט מינדעלעך, וועסטו קאָנען גיין עפּעס פאַרדינען.

— וואָס ? ?...

זי ענטפערט נישט.

— דו וועסט אָנטון יאַנקעלעך מיט מינדעלעך ? זיי געבן עסן, צו־רוימען די שטוב ?

— אַ וואָזשנע מיצאַצע !... און דו וועסט קאָנען גיין פאַרדינען !

שוין ! עס איז שוין בּאַ איר גאָר קיין מציאה נישט ! וואָס איך מאַרדעווע מיך אָן אַ גאַנצן טאָג, וואָס איך דעראַרבּעט ! די קלײנע רײסט מיך צען מאָל אַ טאָג די בּאָרד אויס. איך הער הײזעריק, אײדער איך פּאַרוויג זי... זאָגט זי גאָר, אַז עס איז גאָר קיין מציאה נישט. פאַרדינען שיקט זי מיך ! הײסט דאָס, דאָ פאַרדין איך מיר מײן עסן נישט. אַן אומזיסטער עסער בּין איך ! און זי וויל פאַרנעמען מײן שטעלע. און וואָס וועל איך טון, וווהין זאָל איך גיין ? פּאַר אַ ניאַנקע סײדן ? פּאַר אַ ניאַנקע ! אויף וואָס דען טויג איך ? אָבער נײן איך וועל דאָס נישט דערלאָזן ! וואָס הײסט, אַזאַ שנעק זאָל מיך טרייבּן פון שטוב ? זי וועט גיכער אָוועקגיין פון דאַנען, אײדער איך. דאָרטן, ווו עס גײט שוין וועגן פּרנסה, וועגן בּרויט, וועל איך מיר שוין נישט לאָזן שפּײען אין דער קאַשע. אויף טויט און לעבן וועל איך גיין !

— קום נאָר אַהער ! ווער האָט דאָס דיר געהײסן זאָגן ? די מאַמע ?

— נײן, אַליין !

— אַליין ? ?

— איך זאָג, אַליין.

— וואָס הײסט אַליין ? אַליין זאָגסטו דאָס ? די מאַמע האָט דאָס דיר נישט געהײסן זאָגן ?

— נײן !

— נײן ? ?

— נײן !

— הײסט דאָס, זאָגסטו דאָס אַליין ?

— אַליין ! די מאַמע האָט דאָס מיר נישט געהײסן זאָגן !

— הײסט דאָס, ווילסטו מיך אַרויסטרײבּן פון שטוב ?

ענטפערט זי נישט.

איך כאַפּ זי אָן באַם צאָפּ, „דו ווייסט, זאָג איך, אַז איך בין דיר אַ טאַטע ?“

זי פּרוווט זיך אַרויסרייסן.

— דו ווייסט, זאָג איך איר, אַז איך בין דיר אַ טאַטע ? און אַ טאַטע, וואָס ער וויל, קאָן ער טאָן מיט זיין קינד, אַפילו טויטן דיך. דו ווייסט, אַז אַ טאַטע איז מחויב צו שטראָפן זיין קינד, און אויב ס׳גייט נישט אין רעכטן וועג, מעג ער דאָס אַפילו הרגענען, ווייסט ? !

ווייזט אויס, אַז איך האָב שטאַרק געשריגן, ווייל דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט. זי האָט זיך געגעבן אַ ריס אויס פון מיינע הענט, איז צו צום קינד און עס גענומען פאַרוויגן און צוזינגען מיט דעם לידל, וואָס איך זינג עס. דאָ בין איך שוין גאָר פון די כּלים אַרויס. וואָס פאַר אַ רעכט האָט זי צו פאַרוויגן דאָס קינד מיט מיינס אַ לידל, אַ לידל, וואָס איך האָב עס אַליין אויסגעקלערט ? אויב אַזוי... איך בין מיט פעסטע טריט צוגעגאַנגען צום וויגל, זי געגעבן אַ שטויס אָפּ און אַליין גענומען פאַרוויגן דאָס קינד :

אוי ליו-ליו, מיידעלע,
די מאַמע וועט דיר מאַכן אַ קליידעלע,
דער טאַטע וועט דיר וואַשן דאָס קעפּעלע,
די מאַמע וועט דיר ברענגען אַן עפּעלע,
פאַרמאַך, פאַרמאַך די אייגעלעך,
די מאַמע וועט דיר ברענגען בייגעלעך,
אוי ליו-ליו, אוי ליו-ליו.

נישקשה, זי וועט, דאַכט זיך מיר, אויסלעבן אַלע אירע יאָרן, און זי וועט אַזוי נישט פאַרוויגן אַ קינד, ווי איך.

— מעגסט גיין פונדאַנען ! שיסט זי פּלוצלינג אויס : איך קאָן אַליין פאַרוויגן דאָס קינד !

ע-ע-ע, אָט ווו עס האַלט שוין ! נו, אויב אַזוי, וועל איך זיך שוין מיט דיר אָפּרעכענען ! איך כאַפּ אַראָפּ דאָס פּאַסיקל פון די הויזן און מיט אַלע כּוחות — איבערן קאָפּ, איבערן פּנים, איבער דער פּלייצע, נאַ,

נאַ, נאַ, וועסט וויסן, ווי אַזוי צו זיין אַן עזות פּנים אַנטקעגן אַ טאַטן, וועסט וויסן! וועסט וויסן! וועסט מיך שוין האָבן צו געדענקען! וועסט מיך שוין האָבן צו געדענקען!

די צוויי קלענערע חברה האָבן זיך צעקוויטשעט, אויף איר קוקנדיק, און דאָס האָט שוין מיך גאָר פון געדולד אַרויסגעבראַכט: איך בין געשפּרונגען פון איינעם צום צווייטן און געהרגעט, וויפיל עס איז נאָר אַריין. נאָכדעם האָב איך זיך אַליין אַנגעהויבן צופּען בא דער באָרד. איך בין צוגעגאַנגען צום פענצטער, זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס, און האָב זיך צעוויינט.

פאַרנאַכט, ווען די מוטער איז געקומען, זענען זיי זי באַלד באַפאַלן, און יעדער באַזונדער האָט אויף זיין לשון אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי איך האָב זיי געשלאָגן, און האָבן זיך פונדאַסניי צעוויינט. דאָס אויסהערנדיק, האָט זי זיך, דאָס ווייב מיינס, ווי אַ קלאָץ אַ זעץ געגעבן אַוועק אויפן בעט, אַוועקגעשטעלט די עלנבויגנס אויף די קני, און אויף די הענט אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ, און האָט פון צייט צו צייט אויף מיר אַ ביטערן קוק געוואָרפן, פון וועלכן עס איז מיר אַלע מאָל פאַרקילט געוואָרן דאָס בלוט.

— וואָס וועט זיין דער סוף? — האָט זי פלוצלינג אַ פרעג געטון, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, מיט פול אָנגעגאָסענע אויגן, ווי די קאַלוזשעס.

איך האָב געשוויגן.

— וואָס וועט זיין? פרעג איך דיך...

וואָס האָב איך איר געקאָנט ענטפערן?...

— דו ווייסט, אַז מ'דאַרף דיך אָפּשיקן אין משוגעים־הויז!

איך האָב זיך דוקא געוואָלט פרעגן: פאַרוואָס האַלט זי דאָס מיך פאַר אַ משוגענעם? איין מאָל שלאָגט אַ טאַטע קינדער?

— איך בעט דיך: איך האָב דיך אַזאַ צייט אויסגעהאַלטן, געגעבן עסן און טרינקען, קליידער און שיך. שוין עלף יאָר נאָך אונזער חתונה! די גאַנצע צייט האָסטו אפילו אויף קיין איין וואָרעמעס נישט פאַרדינט. איך בין אַזוי שוואַך, אַזוי צעבראָכן, קוים וואָס די נשמה האַלט זיך אין מיר. וואָס האָסטו זיך אָנגעלייגט אויף מיר? נישט גענוג, וואָס איך דאַרף

האָדערווען די קינדער, דארף איך נאָך דיר געבן עסן? וואָס-זשע איז דאָס געהערט געוואָרן?

מיר האָבן זיך אַזש טרערן אין די אויגן געשטעלט. איך האָב זי נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געהערט רעדן!

— מירעלע, — האָב איך זיך באַ איר געבעטן: — זי האָט מיך אַזוי באַליידיקט, זי האָט מיך געטריבן פון שטוב. איך בין דאָך אַ טאַטע, ס'טוט דאָך מיר ווי דאָס האַרץ! אַן אייגן קינד טרייבט דעם טאַטן פון שטוב. נו, ווו איז דאָס געהערט געוואָרן? נו, זאָג דו אַליין!...

— וואָס-זשע פּאַר אַ מאַנסביל זיצט אינדערהיים און קוקט אַרויס, דאָס ווייב זאָל אים געבן עסן?

— דאָס האָסטו איר געהייסן זאָגן?...

זי האָט מיך אָנגעקוקט, קענטיק נישט פאַרשטאַנען, וואָס איך פרעג זי.

— דאָס האָסטו זי געהייסן מיך טרייבן פון דער שטוב?

שווייגט זי מיט שווייגעניש, זיפצט מיט זיפצעניש און קוקט אויף מיר מיט אַזאַ קוקן, אַז ס'גליווערט אין מיר דאָס בלוט.

— דאָס האָסטו זי געהייסן אַליין צוואָגן די קינדער? זי קאָן דען צוואָגן די קינדער? זי קאָן דען אפילו אַ מינוט האַלטן דאָס קינד אין די הענט?

— איך קאָן בעסער פון אים! — שרייט אויס די קליינע.

— אָ, ווי לאַנג קרענקסטו. דו חוצפה דו! דו קאָנסט נאָר זיין אַ שייגעץ אַקעגן טאַטן!

— און ער קאָן זי נאָר שלאָגן!

— נו, יאָ, אַ? זיצסט? עס אַרט דיך נישט, דערנאָך וועט זי דיר רעדן אַקעגן, לאָמיר זען, דו זאָלסט צוגיין איר געבן עטלעכע פעטש.

— איך בעט דיך, זאָלסט אַוועקגיין פון מיר! הערסט? — שרייט אויס מיין ווייב.

און מיט דעם האָט זיך געענדיקט. זי האָט אַ פּאָר מאָל אָפּגעזיפצט און זיך געלייגט שלאָפן.

און איך בין ווייטער געבליבן אויף מיין שטעלע. די קליינע לאָזט איך צום קינד נישט צו. און אין שטוב לאָזט איך זי אויך גאָרנישט טון.

אפילו זיך אַליין צוזאָגן לאָז איך זי נישט. און ווען איך קעם זי, רייס איך איר אויס אַלע האָר פון קאָפּ.

דאַנקען גאָט! איך האָב מיך שוין אויף אַ שטיק צייט באַוואָרנט: מיין איינציקער אויסקוק איז געווען, מיין ווייב זאָל האָבן אַ קליינס. דעמאָלט וואָלט איך שוין גאָר קיין מורא נישט געהאַט פאַר מיין קאָנקורענטקע. איך זע דאָך שוין, אַז זי וויל מיך פּטרן פון דער שטוב. זי האָט זיך אפילו אַרויסגערעדט, פּאַרוואָס: אַ צייגן קליידל, וויל זי, זאָל איר די מוטער מאַכן, האָט איר די מוטער מסתמא געזאָגט, אַז זי קאָן איר נישט מאַכן, פאַרשטייט זי, אַזאַ קליינע, אַז דאָס איז איבער מיר. זי ווייסט: ווען זי בלייבט אַליין אין שטוב, מוז איר שוין די מוטער דעמאָלט מאַכן אַ קליידל. נו־נו, חיל זי דאָס מיך אַרויסשטופּן. און איך האָב באַ זיך טאַקע שטאַרק מורא געהאַט, אַז דאָס וועט זיך איר, סוף־כּל־סוף, איינגעבן. נאָר איצט, ווער הערט זי: מיין ווייב טראָגט אַרום אַזאַ פּיצל, וועט זי שוין נישט קאָנען גיין, איך האָב מיך געפּלייסט דערצו... מיר איז דאָס געווען שווער אָנגעקומען... זי האָט מיך געטריבן פון זיך, זי האָט זיך שוין נישט געמאַכט שלעפעריק... „דו שלעפער, דו! נאָך קינדער ווילסטו אָנפּלאָדזען אויף מיין קאָפּ!“ האָט זי מיר אַלע מאָל געזאָגט צונויפדרייענדיק זיך אין צענטן... נאָר ווי אַזוי עס איז שוין פאָרגעקומען, איך בין איצט תּקיף. אפילו אַנטקעגן מיין ווייב פיל איך מיך שוין אויך גרויס. איך גרייס מיך, ווען זי שטייט אַנטקעגן מיר מיטן שפּיציקן בייכל. איך פיל, אַז איך בין אַ מאַן, און זי, מיין ווייב...

פון גרויס פאַרגעניגן גיי איך אויף מיר יעדער דערנאַכט נאָך ווע־טשערע שפּאַצירן. איך פאַרלייג מיר די הענט אַרונטער, שטעל אַרויס מיין בויך (מיר דאַכט זיך, אַז איך האָב אַ גרויסן בויך) און גיי פּאַמע־לעך מיט קורצינקע טריטעלעך, אַזוי: איינס, צוויי, איינס, צוויי. מיך אַרט נישט: ס׳מעג גיין אַ רעגן, אַ שניי, ס׳מעג זיין אַ לבנה־נאַכט. מיר איז אַלצאיינס. און כאָטש עס איז אפילו קאַלט, דאָך נעם איך אַראָפּ דאָס היטל און לאָז אויף מיין קאָפּ לופט. איך האָב אים נישט פיינט מיין קאָפּ: ער איז נישט קיין נאַר, ער פאַרשטייט אַ געשעפט.

נאָכן שפּאַציר, גיי איך מיר אַריין אין שטוב, גיי נישט אויף די שפּיץ פינגער, נאָר מיט פעסטע טריט שפּאַן איך אַריין און שטעל זיך אַוועק אינמיטן שטוב און באַטראַכט מיין ביסל פאַרמעגן: איינס, צוויי, דריי, ווען נישט איך וואָלטן די דריי מענטשעלעך נישט געווען. די דריי מענטשעלעך, וואָס ליגן איצט און שלאָפן, זענען מיינע, מיינע אייגענע, מיין בלוט און פלייש. די דריי מענטשעלעך זענען איך. איך בין — זיי. און דאָס ווייב מיינס איז אויך מיין, זי געהערט נישט צו קיינעם, נאָר צו מיר. דאָרטן, באַ איר אינעווייניק אין בויך, ליגט אַ שטיקל איך. זענען מיר אינאיינעם?... איינס, צוויי, דריי; דאָס ווייב — איז פיר; באַ איר דאָס קינד — איז פינף; מיט מיר — זעקס... בין איך זעקס, און די זעקס בין איך. איך פאַרנעם אָט די גאַנצע שטוב. אָט ווער איך בין!!! האָט-זשע מיר אַ גוטע נאַכט!...

איך גיי אָפּגעריסן, איך קלויב מיך שוין אַ לענגערע צייט צו זאָגן מיין ווייב, זי זאָל מיר עפּעס וואָס מאַכן: ווייל איצט איז די בעסטע צייט און טאָמער לאָז איך דורך אָט די צייט, איז פאַרפאַלן. אָבער איך לייג עס אָפּ פון איין מאָל אויפן אַנדערן און די צייט לויפט, אָט-אָט אַ ליאַדע טאָג פאַלט זי אַריין אין בעט און דעמאָלט וועט שוין זיין שפּעט. אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז איך האָב מיך אין איינעם אַ טאָג פאַרשווירן, אַז היינט אין אָוונט מוז איך איר דאָס זאָגן.

באַלד ווי זי איז אַריינגעקומען, האָב איך פון איר אַראָפּגעכאַפּט דאָס לייבל, דאָס אָפּגעטרייסלט פון שניי. איך מעג זאָגן, אַז דער גרעסטער קאַוואַליער וועט אַזוי נישט גיין אַרום זיין פריילין, ווי איך אַרום מיין ווייב אין דעם אָוונט. נאָר געזאָגט האָב איך נאָך אַלץ נישט, כאַטש נעם און שנייד די צונג. נאָר ווען זי האָט אָנגעהויבן זיך אויסטון אויף לייגן זיך שלאָפן, בין איך צוגעגאַנגען צו איר און זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ סאָלדאַט, און נאָכן אָפּשטיין אַ פּאָר מינוט, האָב איך איר אויף שטום-לשון מיט איין מאָל געגעבן אַ וויז מיין הולד פון קאָפּ ביז די פיס. זי האָט אויף מיר אַ תמעוואַטן קוק געטון. מילא, זע איך שוין, אַז זי פאַרשטייט מיך נישט, שטיי איך נאָך אַ פּאָר מינוט און גיב איר ווייטער אַ וויז, גיב זיך אַ בייג אָן צו מיינע פיס און גיי אַרויף מיט די

הענט צום קאָפּ... קוקט זי ווייטער... הייב איך איר שוין אָן ביסלעכווייז צו ווייזן: איך גיב אַ הייב אויף איין פוס, ווייז איר איין שוך, נאָכדעם — דעם צווייטן; נאָכדעם האָב איך איר געגעבן אַ ווייז די הויזן פון פאַרנט, און באַלד געמאַכט בואו בשלום און געוויזן פון הינטן, נאָכדעם האָב איך איר געגעבן אַ ווייז איין עלנבויגן, אַ צווייטן, ווי זיי קוקן פון די אַרבל אַרויס.

— וואָס האָסטו זיך אַוועקגעשטעלט ווי אַ גלאָמפּ פאַר די אויגן, — פרעגט מיך מיטאַמאָל מיין ווייב.

איך שווייג.

— דו ביסט געליימט געוואָרן?

איך ריר זיך נישט פון אָרט.

דאָס קליינע קינד צעוויינט זיך פלוצלינג פון שלאָף. איך מיט מיין קאָנקורענטקע גיבן זיךביידע אַ וואָרף צום וויגל. נאָר זי האָט עס פריער פאַרכאַפּט און עס אָנגעהויבן צו פאַרוויגן, שטיי איך שוין, נישט אַהער און נישט אַהין. איך ווייס נישט, וואָס פריער צו טון. און דאָ זע איך, ווי זי פאַרוויגט דאָס קינד אויסגעצייכנט, ווי זי וואָלט שוין פון צען יאָר אַ מאַמע געווען. איך לויף צו צום וויגל, כאַפּ אַרויס דאָס קינד, כאָטש עס דאַרף נאָך גאָר שלאָפן; נאָר זי, די קליינע, גיט דאָס אַ ריס אויס און לויפט צו מיט דעם צו דער מוטער. מאַך איך שוין אַ שווייג, גלייך עס אַרט מיך נישט. גיי צו אויף מיין פריערדיקן פּאָסטן און שטעל זיך אַוועק.

— ווי אַזוי האָלסטו דאָס קינד? — האָב איך פלוצלינג אָנגעשריגן אויף מיין קאָנקורענטקע, כאָטש זי האָט דאָס געהאַלטן בעסער פון מיר.

— ס'איז נישט דיין עסק! — ענטפערט זי מיר.

אַ חוצפה.

— וואָס הייסט נישט מיין עסק? דו דרייסט אויס דעם קינד די הענטלעך!

— זאָל דיך נישט אַרן!

— וואָס הייסט, עס זאָל מיך נישט אַרן? איך בין דאָך אַ טאַטע?

— זאָל דיך נישט אַרן!

— וואָס הייסט, עס זאָל מיך נישט אַרן ? איך בין דאָך אַ טאַטע ?

— נו־נו ?.. — ענטפערט זי מיר אָנגעלאָדן.

— וואָס נו־נו ! מיגדעלע, טאָכטער, קום צו מיר.

— וואָס ווילסטו ? וואָס טשעפּעסטו זיך צום מיידל ? — פרעגט מיך מיין ווייב שטרענג.

— וואָס הייסט, וואָס איך וויל ? זי דרייט אויס דעם קינד די הענטלעך, איך בין דאָך אַ טאַטע, ס'טוט מיר ווײ דאָס האַרץ !

— אָבער זאָל דאָס דיך נישט אַרן !

— וואָס הייסט ?

— דו וועסט נישט אַוועקגיין ? !

— גיב אַ קוק ווי אַזוי איך גיי !

— דו וועסט נישט אַוועקגיין פון מיינע אויגן ?

— נו, גיב אַ קוק...

— אַז מיר וואָלט שוין מערער מצווה געווען ! — רופט זיך אָפּ מיין קאָנקורענטקע. — איך האָב נישט קיין פּיצל קליידל אויף זיך. אַזאַ מין שטן !

— פאַרוואָס גייסטו נישט כאַראָבען ?

— גיב אַ קוק ווי אַזוי איך גיי !

— איך בעט דיך, דו זאָלסט אַוועקגיין פון מיינע אויגן ! איך שטיי.

זי מאַכט קיין סך טענות נישט, קייקלט זיך צו דער וואַנט, כאַפּט אַראָפּ די קאַטשעלקע און הייבט זי אויף איבער מיין קאָפּ.

די קינדער האָבן געמאַכט אַ געוואַלט, די קאָנקורענטקע מיינע האָט זיך, ווי עס ווייזט אויס, דערשראָקן און אַרויסגעלאָזט דאָס קינד פון די הענט. א־א, גוט !... איך האָב פאַרגעסן אָן דעם ווייב מיט דער קאַטשעלקע, איך בין צוגעשפּרונגען צום מיידל, זי אָנגעכאַפּט בײַ די האָר, געשלעפּט ווי אַ צוויג איבער דער גאַנצער פּאָדלאָגע און זי געבאָכעט אין די פּלייצעס, וויפיל עס איז נאָר אין איר אַריין, און דערבײַ ווי אַ געטרייער פאָטער געשריגן : נאַ־נאַ, וועסט וויסן, ווי צו האַלטן אַ קינד ! וועסט וויסן !

עס איז געוואָרן אַ קוויטשעריי, אַזוי ווי אין אַ מאַרק צווישן חזירים.

די קליינע מיט דער גרויסער וענען געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע און געריסן זיך מיט אַלע כּוחות. דאָס ייִנגעלע מייַנס האָט איינגעגראָבן דאָס פּנים אין קליידל אַריין און האָט אַהינצו אַרייַנגעשריגן. און זי, דאָס ווייב מייַנס, איז געשטאַנען ווי אַ ליימענער גולם און האָט גאָרנישט געוווסט, וואָס צו טון: צי זאָל זי מיך שלאָגן? צי זאָל זי אויפהייבן דאָס קליינע קינד פון דער פּאָדלאָגע? צי זאָל זי איינשטילן דאָס? צי זאָל זי צוגיין צו יענער? זי האָט געקוקט מיט צווײ ווילדע אויגן. פּלוצלינג האָט זי זיך צעווײנט און זיך אָנגעהויבן רײַסן די האָר פון קאָפּ, און איך, מיינענדיק, אַז זי איז פון די געדאַנקען אַראָפּ, האָב געמאַכט אַ געוואַלט און צוגעלאָפן צום פענצטער און מיט אַלע פינגער אָנגעהויבן פויקן, מען זאָל זיך צונויפלויפן.

מיין גליק האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן, דאָס קינד האָט אין דריי חדשים אַרום נאָכן געבוירן ווערן פאַרלאָזט די ליכטיקע וועלט. יאָ, דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אָט די נייע יצירה דערזעען, האָט מיך גלייך אַ טיאָכקע געטון דאָס האַרץ, אַז מיין גליק וועט לאַנג נישט אָנהאַלטן, ווייל ס'איז געבוירן געוואָרן אַ גרייטס צו שטאַרבן.

דער ברית איז געווען אין אַ חודש אַרום נאָכן געבוירן. די קאָנקורענטקע מייַנע האָט זיך געמיאוסט צו דעם צוזוירן דערפאַר, וואָס עס איז נישט געווען געמלט; די אַלטיטשקע מייַנע האָט זיך אַ פּאָר מאָל אין טאָג אַרייַנגעכאַפּט דאָס אָנצוזייגן, כאָטש אַלע קינדער האָבן פון קיין ברוסט נישט געוווסט, חוץ די אַכט טאָג אין קימפּעט. און שפּעטער האָב איך זיי אַלע אויסגעכאָוועט מיט אַ סאָסקע.

ווי גליקלעך בין איך אויפן ברית געווען! ווער איז דעמאָלט געווען גלייך צו מיר. הענט האָבן זיך צו מיר געשטרעקט פון אַלע זייטן: „לחיים, בעל ברית! לחיים, בעל בריה!“ איך האָב געפילט, אַז איך לעב, אַז איך פאַרנעם עפּעס אויך אַ שטיקל אָרט אין לעבן. נאָר נישט אויף לאַנג איז געווען מיין גליק! נאָכן ברית איז דעם קינד נאָך ערגער געוואָרן. עס קאָן זיין, אַז ווען נישט זי, די קאָנקורענטקע מייַנע, וואָלט עס אפשר געווען געקלעפּעט נאָך אַ האַלב יאָר, האָט זי אָבער דעם קינד מקצר געווען די יאָרן. זי האָט זיך אַלע מאָל געריפּעט מיט דער

טיר, צי זי האָט עס באַדאַרפט צי נישט און זי איז גאָרנישט איבערראַשט געווען, ווען איך פלעג איר אַלע מאָל זאָגן: „חצופה, דו ווילסט אַוועקפטרן דאָס קינד". ניין, זי האָט גאָרנישט אויסגעהאַלטן און פלעגט מיר אָפּענטפערן:

— נו, אַז יאָ, ווער האָט מורא פאַר דיר?

די גאַנצע צייט בין איך נאָר אַרום דעם געגאַנגען; קיינער האָט זיך אפילו צו דעם נישט צוגערירט. עס האָט טאַקע געעקלט פון דעם, אַ פאַרזשעניש איז עס געווען. דאָס פנימל אַ לאַנגס, אַן אָנגעצויגנס, עס האָט אויסגעזעען ווי אַ זויערע צעקנייטשטע אוגערקע. קיין פלייש לייט האָט דאָס אויף זיך נישט געהאַט, נאָר אַ הויט איז עס נאָכגעהאָנגען, ווי אַ בייטל. אַז איך האָב עס געהאַלטן, זענען די פינגער מיינע געקראָכן אין לייב אַריין, — איך האָב עס געמוזט האַלטן נאָר אין אַ קישן.

נאָך די נאַכט, וואָס עס איז געשטאָרבן, האָט עס באַ מיר גאָר אַן אַנדערן חן באַקומען. דאָ האָב איך שוין נישט געזען פאַר זיך קיין קינד, נאָר אַ גרויסן מענטש, וואָס פאַרשטייט און ווייסט אַלץ. און געווייגלעך האָב איך שוין דערפאַר מורא געקריגן. שטייענדיק לעבן קינד, האָב איך געציטערט, עס זאָל נישט טרעפן מיינע געדאַנקען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט איצט ווייסט עס אַלץ, — ווייסט, אַז איך האָב עס נאָך מער נישט געקאָנט אָנקוקן, ווי אַלע דאָ אין שטוב.

אַלע זענען געשלאָפן, דער זייגער האָט באַדאַרפט זיין אַרום דריי. אין דרויסן איז אַ פינצטערע נאַכט געווען. אַ שרעקלעכער ווינט האָט אין פענצטער געפייפט און האָט אַלע מאָל געוואָרפן גאַנצע ליאַפּוכעס שניי אין די שויבן.

צו דער גסיסה האָב איך אַ ליכטל אָנגעצונדן און גלייך עס אין פנים געקוקט. עס איז זיך גאַנץ רויק געלעגן, נאָר דאָס הערצל האָט זיך באַ דעם שטאַרק געהויבן, די אייגעלעך האָט עס געהאַלטן לייכט פאַרמאַכט, נאָר אַ מינוט פאַרן טויט האָבן זיי זיך מיטאַמאָל אָן עפן געגעבן. אַזעלכע ריינע, שוואַרצע אויגן, און האָבן זיך גלייך אויף מיר אַוועקגעשטעלט. „זיי מיר מוחל!" האָב איך צו דעם געזאָגט. און אַזוי ווי איך האָב עס אַרויסגערעדט, האָבן זיך באַ אים די אויגן ווי מיט אַ פאַרע איבערגעצויגן, און אַזוי זענען זיי אָפן געבליבן.

איך האָב דאָס מתיל מיט אַ שוואַרצן שאַל צוגעדעקט. צוקאָפּנס האָב איך דאָס ליכטל צוגעקלעפּט און אַליין האָב איך מיט שווערע טריט אָנגעהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

מיט אַמאָל האָט מיך פאַרדראָסן, פאַרוואָס קומט מיר אײנער אַליין זיך אַרומדרייען אַרום אַ מת? איך בין גלייך צוגעגאַנגען צו מיין ווייב, איר געגעבן אַ שטאַרק און געזאָגט: „שטיי אויף! דאָס קינד איז געשטאָרבן!" זי האָט זיך ווי אַ צעמישטע אויפגעכאַפּט. נאָכדעם בין איך צוגעגאַנגען און אויפגעוועקט מיין קאָנקורענטקע, אויסגעשריגן: „שטיי אויף, דיין ברודער איז געשטאָרבן!"

די מוטער האָט אָפּגעדעקט דאָס קינד און האָט זיך דערויף שטיל צעוויינט. די קליינע האָט אויסגעוואַלעט די אויגן און געציטערט פאַר קעלט. איך האָב מיך אָװעקגעשטעלט פון דערווייטנס, געקוקט אויף זיי ביידע און געשמייכלט. דערנאָך בין איך צוגעגאַנגען צו מיין קאָנקורענט־קע, אָנגענומען זי פאַר אַ האַנט, אַרויסגעפירט אינמיטן שטוב, און אַליין בין איך אויף הינטער־פיסלעך אָפּגעגאַנגען פון איר, זיך אַװעקגעשטעלט אַקעגן און אָנגעהויבן צו פּלעסקען מיט די הענט און צו זינגען, זי זאָל גיין אַ טענצל.

מיינע האָט אויסגעשריגן: ביסט פון זינען אַראָפּ?!...

— איך בין נישט אַראָפּ פון זינען! דאָס האָט זי דאָס קינד גע־פּטרט. דאָס קינד וואָלט געלעבט, ווען זי קילט דאָס נישט צו.

— וואָס הייסט?...

— וואָס הייסט? וואָס זאָל דאָס הייסן? זי האָט אומישנע געלאָזט אָפן די טיר...

איך האָב ווייטער אָנגעהויבן צוזינגען און צופּלעסקען.

— יידן, געוואַלט!... ער איז פון זינען אַראָפּ... וואָס איז דאָס פאַר אַ פּלעסקען?... — האָט מיין ווייב אַ צעטומלטע געוואַלדעוועט.

— אומישנע! אומישנע! זאָל דאָס קינד הערן... זאָל דאָס וויסן, ווער עס איז זיין מלאך־המות... ווען נישט זי, וואָלט עס געלעבט!

איך בין צוגעגאַנגען צום קינד און געזאָגט: „זאָלסט וויסן, הערשל, אַז דיין שוועסטער מלכה איז גורם אין דיין טויט. זי איז דיין מלאך

המות. איך דיין פאָטער, מאיר ברבי יצחק, זאָג דיר אָן, דו זאָלסט נישט שווייגן דיין פריצייטיקן טויט!״

דאָ איז געוואָרן א געוואַלד, ריכטיק, ווי דער מת וואָלט שוין אויפגעשטאַנען און זיך גענומען צו דער אַרבעט. די מוטער איז אַרויפ־געפאַלן אויפן קינד און האָט זיך געטרייסלט מיטן גאַנצן קערפּער, גע־טופּעט מיט די פיס און האָט דערביי עפּעס גערעדט. די קליינע איז ווי א משוגענע אַרומגעשפּרונגען איבער דער שטוב און געוואַלדעוועט... די צוויי קליינע קינדער האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף און אויך אָנגע־הויבן ריטשען. איך בין שוין גאָר צעדולד געוואָרן... איך בין א פּאָר מינוט געשטאַנען און האָב נישט געוווּסט, וואָס מיט מיר טוט זיך. און אַזוי נישט וויסנדיק, האָב איך אָנגעהויבן פּאַקעווען מיין ביסל וועש, איינגעפּאַקעוועט זיך, בין איך צוגעגאַנגען צום געשטאָרבענעם קינד און געזאָגט: „האָב א ליכטיקן גן־עדן, מיין טייערער זון! דו זאָלסט שטיין און בעטן פאַר דיין אָרימען טאַטן, וואָס לאָזט זיך איצט אַוועק אין דער וועלט אַריין״...

דערנאָך האָב איך גענומען דאָס פּעקל אונטערן אָרעם און מיט א קוק זיך אָפּגעזעגנט מיט די צוויי קלענערע קינדער. איך בין פּאַמעלעך פון שטוב אַרויס און אַוועק אין דער שוואַרצער וועלט אַריין...

ר ב ד ו ד

אַזוי רופֿן אים די קינדער צווישן זיך, און די ערשטע, וועמען ס'איז איינגעפֿאַלן אָנצורופֿן דעם פֿאָטער באַם נאָמען, איז געווען רבקה, די טאָכטער.

אָט ווי אַזוי ס'איז פֿאָרגעקומען:

די צוויי זין רב דודס, רבקהס צוויי ברידער, זענען געשטאַנען בײַ דער אַרבעט, גערִיבן מיט די הייסע פּרעסלעך די „ברוסטן" פֿון די העמ־דער, מאַכנדיק זיי האַרט און גלאַנציק און זי, רבקה, דעם טאַטנס טאָכטער און די ברידערס שוועסטער, איז געשטאַנען און פֿאַרשריבן אין בוך די קוויטיקע וועש, וואָס איינער האָט דאָרטן געבראַכט צום וואַשן. אין דער צייט האָט זיך פֿון יענער זייט טראַטואַר אַנטקעגן די פֿענצטער דער פֿאָ־טער באַוויזן, האָט זי, רבקה, אַ זאָג געטון:

— רב דוד גייט!

און דער יונגערמאַן, וואָס האָט די וועש זיינע געבראַכט צום וואַשן און געוואוסט, אַז דאָס איז איר פֿאָטער, האָט זיך צעלאַכט און געזאָגט, אַז ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַהער די וועש געבראַכט און דערזעען דעם פֿאָטער אירן, איז אים טאַקע גלייך איינגעפֿאַלן, אַז דאָס איז איר פֿאָטער, ער האָט געמיינט אַ פֿרעמדער ייד, אַ בעל־דרשן, דרייט זיך בײַ זיי אין שטוב אַרום.

— וואָס עפּעס אַ בעל־דרשן? — האָט רבקה שמייכלענדיק געפֿרעגט.

— ווייל נאָר אַ בעל־דרשן — האָט דער יונגערמאַן געענטפֿערט, —

קאָן זיך אַזוי פֿילן היימיש אין יעדן יידישן הויז און קאָן זיך דערלויבן צו האַלטן פרעמד און אָפּגעשיידט פון די הויז-מענטשן, וואָס האָבן אים אַלס אורח צו זיך אין הויז פאַרבעטן...

די צוויי האָרעפּאַשנע חברה, וואָס האָבן זיך באַגאָסן מיט שווייס בײַ דער אַרבעט האָבן אַפּלאָדירט דעם קונד זייערן, וואָס איז בײַ זיי כּמעט ווי אַ היימישער מענטש געווען און איז זיי נאָך היימישער געוואָרן, וואָס ער האָט זיי אַזוי גוט צוגעטראָפן.

— איר האָט די ווערט אַ מעדאַל — האָט דער עלטערער געזאָגט.

— און איך? — האָט רבקה געפּרעגט...

דאָ איז רב דוד אַריינגעקומען און דער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן...

און פון דעמאָלט אָן איז עס אַזוי פאַרבליבן. דאָס וואָרט טאַטע ווערט צווישן די קינדער נישט דערמאַנט, נאָר „רב דוד", און ס'האָט זיך אַזוי לייכט געלאָזט „אָננעמען", ווי עס „נעמט זיך אָן" בײַ איינעם פּאָקן, וואָס איז מסוגל געווען זיך אָנצושטעקן מיט פּאָקן-קרענק... ווייל שוין יאָרן לאַנג, אַז די קינדער זענען מיטן פּאָטער ברוגז, ווייל שוין יאָרן לאַנג, אַז דער פּאָטער האַלט זיך אָפּגעריסן און פרעמד פון די קינדער און לעבט זיך זיינס „אַ פאַר זיך" לעבן...

די פרעמדקייט זיינע און אָפּגעריסנקייט פון זיין הויזגעזינט האָט זיך אָנגעהויבן פון יענער צייט אָן, וואָס די זין זיינע זענען געוואָרן באַלמעלאָכעס... ער האָט אַ לאַנגע צייט מלחמה געהאַלטן קעגן דעם, אָבער זיי האָבן אים נישט געהערט און זיי זענען געוואָרן דאָס, וואָס ער האָט נישט געוואָלט זיי זאָלן ווערן, און דאָס ווייב זיינס האָט אויך געהאַלטן מיט די זין, זי ווי זיי האָט נישט געזען פאַר זיי קיין אַנדערן תכלית. זי ווי זיי האָט איינגעזען, אַז אַ מלאכה איז פיל פּראַקטישער, ווי אַלע לופט-פּרנסות...

אמת, קיין עבירה איז דאָס נישט, אָבער ס'איז אינגאַנצן קעגן זיין יידישן גייסט... אַ ייד באַדאַרף זיך גרינג פאַרדינען דאָס שטיקל ברויט... דער „בזיעת אפך תאכל לחם" פּאַסט זיך בעסער צו גויים אָדער צו אַזעלכע יידן, וואָס זענען מיט זייער מהות קיין יידן נישט... אמת, זיי זענען טאַקע פאַרזאָרגט מיט פּרנסה, אָבער המורים זענען זיי, ווייסן

גאַרנישט פון קיין יידישקייט, אַבי זיי לייענען צייטונגען און קוועלן אַריין, ווען זיי דערטאַפּן עפּעס אַן אויפטו, וואָס איינער האָט אויפגעטון און זיין עובדה איז געווען דאָס מבטל צו מאַכן מיט זיין קהלת־בליק פון „אין חדש תחת־השמש"... אַלס ריאה לדבר האָט ער זיי גע־בראַכט דאָס בית־המקדש און שלמה המלכס שטול, וואָס איז געמאַכט געוואָרן מיט אַזוי פיל חכמה, אַז קיינער אַ חוץ שלמהן האָט זיך אויף איר, אויף דער שטול, נישט געקאָנט אַוועקזעצן... און האָט זיי דערביי דערציילט די לעגענדע פון תרגום שני און מגלית אסתר, ווי אַזוי שושק דער מלך פון מצרים, האָט געוואָלט זיך אַרויפזעצן אויף דער שטול און וואָס פאַר „אַ בענטש" ער האָט געכאַפּט פון אַ גאָלדענעם לייב אין זייט אַריין...

— איר זענט דאָך חמורים ! וואָס ווייסט איר וואָס ? — האָט ער אַלע מאָל פאַרענדיקט דעם שמועס זיינעם.

די זין האָבן טאַקע אַ דאַנק דעם ביטול זיינעם, וואָס ער האָט זיי באַ יעדער געלעגנהייט מבטל געמאַכט, אָנגעהויבן טראָגן פאַרדראָס אויף אים, און וואָלטן זיי אַ ביסל מער געוווסט אין די היינטוועלטיקע זאַכן, וואָלטן זיי קאָנקורירט מיטן טאַטנס יידישקייט... אָבער זיי זענען בלויז געווען אָנגעשמעקט מיטן גייסט פון דער צייט און האָבן זיך גע־האַלטן אין דער מעלה מיט דעם, וואָס זיי אַרבעטן באַ זיך און לאָזן זיך פון קיינעם נישט עקספּלאָאַטירן.

איז דאָס אַלץ אַמאָל געווען אָט די וכוחים, היינט רעדט מען שוין נישט, — אַ שטענדיקער אויף אייביק געשלאָסענער רוגז צווישן טאַטן מיט זין און דורך דער השפּעה פון די זין איז שוין די מוטער און די שוועסטער ברוגז געוואָרן... אָבער רב דודן קימערט עס נישט... ס'איז גענוג אַ קוק צו געבן אויף זיין גאַנצער הנהגה, ווי ער צעקעמט זיך אַלע פרימאָרגן די באָרד און ווי אַזוי ער נעמט זיך דעם טלית און תפילין אונטערן אָרעם און גייט זיך בהדרגהדיק אַוועק אין בית-המדרש אַריין, און קוקנדיק אויף אים קאָן מען האָבן אַזאַ איינדרוק, אַז דער ייד האָט זיך דערטראַכט, אַז נישט נאָר דער שבת, וואָס גאָט האָט גערוט פון זיין אַרבעט באַדאַרף זיין באַ יידן הייליק. נאָר אויך די ששת ימי יצירה באַדאַרפן באַ אַ פרומען ייד וואָכעדיק נישט זיין, אַז ס'איז רעכט, ווע־מען גאָט העלפט, צו מאַכן פון יעדן טאָג פון וואָך אַ דבר שבקדושה...

די קינדער, אויף וויפיל זיי זענען שוין געווינט צו אים, קוקן גאָך אַלץ אויף אים מיט שפּאַנענדע בליקן, שפּירן אים נאָך פון זיין אויפ־שטיין ביז זיין אָוועקגיין און פילן, אַז יעדן פרימאָרגן וואָלטן זיי געקאָנט זאָגן עפּעס נייעס וועגן אָט דער האַלטונג זיינער... אָט פּונקט אַזוי ווי באַ זיי שטעלט זיך יעדער פרימאָרגן אַוועק מיט וואָך און מיט אַרבעט, אַזוי שטעלט זיך באַ אים אַוועק יעדער פרימאָרגן מיט יום-טובדיקער זאָרגלאָזיקייט און מיט יום־טובדיק געשטימטער פרומקייט... שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה קומט ער מיטאָג עסן און בענטשט אַזוי פרום מיט אַזוי פיל ליבֿ־געזאַנג צו גאָט, ווי דאָס עסן וואָלט אים גלייך פון הימל אַראָפּגע־פאַלן, און נאָכן עסן און נאָכן בענטשן, גייט ער זיך ווידער אַוועק און קומט אין אָוונט צו דער צווייטער „סעודה״, און נאָכן עסן דרייט ער זיך אַרום אַ שעה־אַנדערהאַלבן מיט זיך און פאַר זיך, ווי ער וואָלט צוליב דעם בלויז באַשאַפן געוואָרן, כּדי צו באַווייזן, אַז מ׳קאָן האָבן אַ ווייב מיט קינדער און דאָך זיך לעבן אַליין — אַ רויק לעבן, אָן זאָרג, אָן דאגות פּרנסה... בקיצור: אַ ייד, וואָס הייסט רב דוד... ער אַליין איז זיינער און דער „רב דוד״ איז אינגאַנצן זייגער, מיט ווייב און קינדער, נישט ער קער זיך אָן און נישט דער נאָמען זיינער און נישט אומזיסט רופן אים די קינדער צווישן זיך:

— „רב דוד!״

ער האָט עפּעס אַ שטיקל פּרנסה, וואָס באַלאַנגט אינגאַנצן צו זיין יידישקייט... „די חברה״, ס׳מיינט ווייב און קינדער, שעמען זיך מיט זיין פּראָפעסיע. נו, איז דערפאַר ווייזט ער זיי קיינמאָל נישט קיין צורת מטבע...

זיין „פּרנסה״? ער זאָגט קדיש נאָך טויטע און לערנט משניות נאָך פאַרשטאָרבענע. דערצו איז ער אַ גאַנצער בן־בית אויפן בית־עולם... ער ווייסט, ווו עס רוען אפילו אַזעלכע, וואָס זענען געשטאָרבן נאָך איידער ער איז געבוירן געוואָרן. און פאַלט אַמאָל אַראָפּ פון אַ ווייטער שטאָט אַ „קינד״ פון די לאַנג פאַרשטאָרבענע און פאַרגעסלעכע, איז ער דער איינציקער, וואָס קען אָנווייזן דאָס קבר פון לאַנג פאַרשטאָרבענעם, (אָדער פאַרשטאָרבענער) צו וועמען „דאָס קינד״ איז געקומען אויף קבר־אבות, מאַכט אַ מלא און ער קריגט שוין זיין שכר דערפאַר...

עס טרעפט זייער אָפט, אַז ער קומט אַ היים „פאַרקנאַקט״, מיט

פלאַמעדיקע און גלאַנציקע אייגעלעך און זינגט זיך אונטער אונטער דער נאָז אַן אומעטיק ניגונדל, אַ מלאדיקס. נאָך פונוויטנס איז צו באַמערקן, ווי דער ייד גייט זיך אַזוי, דאָס קעפּל און בערדל פאַרריסן און די הויזן, קיילעכדיקע ווי צוויי רערן, באָמבלען זיך הויך איבער די שיך עפּעס גאָר אויף אַן אַנדערן אופן ווי אין אַלע געוויינלעכע טעג... ווען די טאָכטער זיינע דערזעט אים דורכן פענצטער, זאָגט זי שוין אָן די בשורה דער מוטער:

— דיין מאַן גייט!

הגם די מוטער איז דורכאויס אויסן צו באַווייזן פאַר די קינדער, אַז זי קער זיך מיט אים גאָרנישט אָן, אַז ער איז איר אַ פרעמדער פונקט ווי ער איז זיי... האָט אָבער די טאָכטער אַ חשד, אַז דאָס איז נאָר לפנים. זי, רבקה, איז זיכער, אַז די מוטער מאַכט אים אפילו ווינזיטן באַנאַכט... ווען זי וואָלט זיך נישט געשעמט, וואָלט זי פאַרמסרט די מאַמען פאַר די ברידער...

וואָס אַנבאַלאַנגט אָט דעם פאַרדאַכט, האָט די אַלטע נאָך מיט יאָרן לאַנג צוריק משלח געווען דעם מאַן פון שלאָפצימער. די טאָכטער אָבער איז חושד די מאַמען, אַז די מאַמע האָט עס נישט געטון מיט איר גוטן ווילן, אַז דאָס איז געטון געוואָרן צוליב די קינדער... זי איז כמעט ווי זיכער רבקה, אַז דער גאַנצער ברוגז דער מוטערס אויפן פאָטער איז נאָר לפנים, כדי די קינדער צופרידן שטעלן... שוין אין דעם אַליין, ווי די מאַמע מאַכט געטריי דאָס געלעגער אויף די טישן אין וועשעריי, קאָן מען עס דערקענען... און אויב דאָס אַליין זאָגט נאָך גאָרנישט, געדענקט זי אַזאַ פאַל: זי האָט זיך איינמאָל באַנאַכט אויפגעכאַפּט פון שלאָף און האָט די מוטער אין בעט נישט געטראָפן...

הייסט עס, אַז נאָר לפנים איז די מאַמע מיטן טאַטן צעשיידט און אויב ס'איז אַזוי, ברענגט דאָך די מאַמע קיין קרבן נישט... און וואָס אַנבאַלאַנגט די ברידער, וואָס האָבן נישט חתונה, וואָס דאָס מיינט שוין דירעקט אַ דאַנק איר, באַדאַרף זי דאָס אויך נישט נעמען אַזוי שטאַרק ערנסט... ווייל מענער קאָנען זיך אַזוי אויך באַגיין... זי פאַרשטייט זיי טאַקע נישט די מענער, נאָכוואָס זיי האָבן חתונה... הייסט עס, אַז זיי, די ברידער, איז אויך נישט אַזוי שלעכט... איז טאַקע איר ערגער פון אַלע... זי איז אַלעמאָל געווען אַ שטומער עדות פון זייער מאַנסביליש פריי

לעבן... און ווען זי איז געגאַנגען עפּענען די טיר, האָט זי מיט אַ מיסטעריעזן קוק באַטראַכט די לאַנג אויסגעצויגענע פיגור פונם פאָטער, וואָס איז געלעגן אויף די ווייס און ווייך־געבעטע טישן אין וועשערײַ... און אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן האָט זיך בײַ איר צונויפגעבונדן די בריידערס קומען שפּעט אין דער נאַכט מיטן פאָטערס ליגן דאָ... עפּעס ווי ער מיט זײַן באַהאַלטענער און אין זיך פאַרהוילענער מאַנסבילישקייט וואָלט „זיך" אַנטפּלעקט דורך די זין און דורך זייער קומען עפּעס אין די נעכט. און ס'איז אויסגעקומען אַזוי מאָדנע, וואָס פון נאַכט אויף נאַכט דרייען זיך אַלע דריי קינדער פאַרבײַ דעם טאַטן און קיינער פון זיי ווייסט נישט, צי שלאָפט ער, צי נישט... און אַלע דריי פילן אַזאַ שווערן אומעט פון דעם טאַטן, וואָס ליגט ווי אַ פרעמדער ייד אויף די געבעטע טישן.

זאָל דאָס אַלץ, וואָס איז ביז אַהער דערציילט געוואָרן, זײַן די אורזאַך פון רבקהס פאַרזיצן? אפשר אין אַ געוויסער מאָס, אָבער ווייט נישט אינגאַנצן... רבקה איז פאַרזעסן ווײַל... זי ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס... עס טרעפט זייער אָפט, אַ מיידל פאַרזיצט און קיינער ווייסט נישט און דאָס מיידל אַליין ווייסט אויך נישט פאַרוואָס זי איז פאַרזעסן... דאַכט זיך, אַ גאַנץ נישקשהדיק מיידל געווען און האָט זיך גאַנץ היפּשלעך אויפן קנאַפּעלע געדרייט און דאָך...

מיט רבקהן איז דאָס אַזוי פאָרגעקומען. אינטערעסאַנט, וואָס זאָגט דערצו רבקה אַליין?

זי, רבקה, זאָגט, אַז זי האָט זיי אין דער ערד, די יונגעלייט, אַז זי באַדאַרף זיי אויף אַ גוטער כּפּרה. איז דאָס אמת?...

ס'איז אָבער זיכער אמת דאָס, וואָס זי זאָגט, אַז זי האָט זיך געהאַלטן צו פאַרריסן און וואָס „צו" טויג נישט...

דאָס מיינט צו זאָגן, אַז אַ דאַנק דעם „צו" איז זי...

ניין, מ'ווייסט נאָך נישט. ס'האָבן חתונה עלטערע מיידלעך פון איר... ס'נאָר, זי אַליין זאָגט, אַז זי וועט שוין נישט חתונה האָבן און דאָס מיינט אייביקייטיק, אַז זי זאָגט, אַז זי איז פאַרזעסן...

— אַ גרויסע מציאָצע, נו... ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך נאָך איצט אויך געקאָנט צוכאַפּן די מציאה...

אַזוי טענהט זי אַריין צו אירע צוויי ברידער און צו דער מוטער... און די לעצטע איז פולקאָם מסכים מיט איר:

— דאָס איז מיר טאַקע די גרעסטע האַרץ-ווייטיק!

און נאָך מער פאַרדריסט דער אַלטער, וואָס די טאָכטער לייגט זיך צו אַ פאָר יאָר... אַנדערש געזעדט — וואָס די טאָכטער לייגט זיך צו די פאָר יאָר, וואָס די מוטער וויל באַ איר אַראָפּנעמען... אַמפּערט מען זיך: די לאָזט נישט יענער, זי זאָל זיך „צולייגן" און יענע לאָזט נישט מ'זאָל באַ איר אַראָפּנעמען און טענהט אַזוי איין אין איר, אין דער מוטער:

— מילא, מאַמע, אַז דו ווילסט פאַר אַנדערע פאַרלייקענען אַ פּאָר יאָר מיינע, פאַרשטיי איך נאָך; אָבער פאַר מיר אַליין?

און איינמאָל זיך צעהיצט אַזוי און געזאָגט:

— איך זאָג דיר, מאַמע, אַז ווען ס'וואָלט געקומען אַ חתן מיך אָנקוקן, וואָלט איך אים געזאָגט: יונגערמאַן, איר זאָלט וויסן זיין, אַז איך בין אַלט אַזוי פיל און אַזוי פיל; ווילט איר, איז גוט און אויב איר ווילט נישט...

די מוטער האָט זיך דערשראָקן; האָט געגלייבט, אַז די טאָכטער קאָן טאַקע אַרויס מיט אַזאַ דיבור... און פאַרבראָכן מיט די הענט, האָט זי אויסגעשריגן בקול רם:

— וויי איז מיר! וואָס טוט זיך עס מיט איר, פּאָטער האַרציקער.

און ערשט דאָ איז רבקה אין איר ראָלע אַריין, ווייל געזעען, אַז ס'ווירקט, האָט זיך די אַמביציע באַ איר צעשפּילט און געוואָלט ס'זאָל נאָר שטאַרקער ווירקן און זי האָט געזאָגט אַזוי צו זאָגן:

— ווען צו מיר וואָלט געקומען אַ שטייגער... נו, אפילו ראָטשילדס אַ זון, און ער וואָלט געפרעגט, וויפיל איך בין אַלט, וואָלט איך אים ראשית, קודם כל געזאָגט די יאָרן מיינע, דערנאָך וואָלט איך אים געעפנט די טיר און וואָלט געזאָגט: פּאַניע ראָטשילד, איר קאָנט שוין גיין!... ווען איך וואָלט געוואָלט אַלי ווערענט פאַר אַ חתן, וואָלט איך שוין לאַנג געקאָנט געווען קריגן... און איך בין אייך קיין פערד נישט!

אָפּגעזאָגט דעם „פּזמון", האָט זי אַוועקגעשטעלט אַ האַנט אויף אַ זייט און האַרטנעקיג אָנגעשטעלט דאָס קעפּל, ווי זי וואָלט די גאַנצע וועלט

באַהערשט (טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז פון קיינעם נישט באַהערשט געוואָרן) און די פֿרימע מאַמע נעבעך האָט פאַרקוועטשט מיט די אויגן און פאַרקרומט דאָס פנים, פאַרטיק צום וויינען... דאָ אָבער האָט זיך אַריינגעמישט איינער פון די צוויי זין (דער ייִנגערער), וואָס זענען געשטאַנען בּאַ צוויי ווייס און ווייך געבעטע טישן און מיט הייסע פּרעסלעך געריבן די „ברוסטן" פון ווייסע העמדער, מאַכנדיק זיי האַרט און גלאַנציק.

— שרעק זיך נישט — לאָז „ער" נאָר קומען, ראָטשילד, וועט זי בעסער ווערן... זי וועט שוין אַליין אַרויסקוועטשן אַ פּאָר יערעלעך, אויב ס'וועט נאָר אין דעם זיין אַן עיקוב...

די צוויי ברידער וואָלטן שוין אויך געוואָרן חתונה געהאַט, הגם זיי זענען ייִנגער פון דער שוועסטער, נאָר האַלטן זיך אָפּ, כדי נישט צו שטעלן די שוועסטער אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע... און טאַקע דערפאַר זענען זיי כסדר אָנגעדרודלט אויף איר (שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם וואָס זי ליגט אויף זייערע פּלייצעס). און זיי דאַנקען גאָט, אַז זיי קריגן אַ געלעגנהייט אָנצופאַלן אויף איר:

— דו מיינסט דאָך, אַז דו ביסט שטאַרק קלוג, האַ? — האָט זיך גלייך נאָכן ייִנגערן אָפּגערופן דער עלטערער — אויב דו מיינסט אַזוי, מיין איך אַנדערש. און ס'איז מסתמא אַזוי ווי איך מיין, נישט ווי דו מיינסט...

דאָס איז שוין גאָר מעשה־טאַטע גערעדט, איז וואָלט עס זי אַזוי נישט פאַרדראָסן, ווען ס'וואָלט קיין טאַטע נישט געווען... מוז מען אויסהערן פון אַ ברודער אַזעלכע דיבורים, וואָס ווערן גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווען מ'איז אָנגעוויזן אויפן חסד פון ברודער... הגם, אַז זי וויל אַ טראַכט טון, פאַרדינט זי זיך דאָס שטיקל ברויט בּאַ זיי: זי נעמט אָפּ די וועש, וואָס מ'ברענגט צום וואַשן, פאַרשרייבט אין בוך און פאַרצייכנט די נומערן אויף יעדן שטיקל וועש, ס'איז אַן אַרבעט און אַמאָל הינטער אַ שבת און הינטער אַ יום־טוב נעמט זי אַמאָל אַ פּרעסל אין דער האַנט אַריין... דאָס עסן פאַרדינט זי זיך בלי ספק... דער גאַנצער גרימצאָרן זייערער מוז זיך נעמען דערפון, וואָס זיי וועט נאָך אויסקומען, ווי זיי דענקען, צו סילוקן פאַר איר אַ נדן... דאָ פילט זי זיי מיט, דאָ זענען

זיי פולקאָם גערעכט... אַז ס'איז דאָ אַ טאַטע, וואָס זאָרגט נישט פאַר איר, זענען דאָך די ברידער אוודאי פטור...

ס'איז געווען אין איינעם אַ זומערדיקן פאַרנאַכט, ווען די ברידער האָבן שוין געהאַט אַוועקגעלייגט די אַרבעט און ביידע זענען שוין גע־שטאַנען אויסגעפוצטע גרייט אַוועקצוגיין, ווי זיי טוען דאָס אַלעמאָל נאָך דער אַרבעט און רבקה איז געזעסן אין לאַמטערנדיקן גאַניקל מיט אירע פאַרנאַכטיקע שטימונגען פון האָפנונגסלאָזער בענקשאַפט און נאָכאַמאָל צו־געקוקט, ווי די זון פאַרגייט, מיטשלעפנדיק מיט זיך נאָך אַ טאָג פון איר, רבקהס, אומזיניקן אַלט־מיידלשן לעבן.

אין גאַניק איז געווען אַזוי הייס, ווי עס קאָן זיין נאָר אין אַזאַ מקום, וואָס דריי האַלבע ווענט זענען פון גלאָז און אַ גאַנצע טאָג שטייט דאָרטן די זון פון אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג. רבקה האָט קיין בעסערן פלאַץ נישט געהאַט ווו צו פאַרברענגען אירע פרייע, איינזאַמע שעהן, איז זי געזעסן אין האָט פון איר אַרומגעגלאָזטער איינזאַמקייט אַרויסגע־קוקט אינדרויסן, צו גאָט און צו מענטשן, און אַזוי ווי זי איז דאָס מאָל געזעסן, האָט זיך צווישן די מענטשן באַוויזן דער טאַטע אירער „רב דוד" און זיך אָפּגעטיילט מיט ייד און יידישקייט פון אַלע איבעריקע מענטשן, האָט ער זיך אַריינגעמאָסטן מיט אַן אויסדרוק פון עפּעס עמעצן שולדיק, וואָס ער האָט זיך אַ גאַנצן טאָג אין שטוב נישט געוויזן און האָט בגנבה אַרויסגעשלעפּט אַ באַרנע פון דער קעשענע פון זיין יידישער קאַפּאָטע, און שטיל, אָן אַ וואָרט, מיט שטילן אָבער גוטמוטיקן רוגז בגנבה אַריינגעשטופּט די באַרנע רבקהן אין דער האַנט אַריין און איז אַריין אין שטוב.

רבקה האָט אַ לענגערע צייט באַטראַכט אָט די מתנה און נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט איר, און מאָמענטבווייז האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז גאָר פלוצלינג אַריבערגעשפּרונגען אויף צוריק מיט צוואַנציק יאָר, ווען דער פאָטער פלעגט זי, די בת יחידה, זייער אָפט מזכה זיין מיט אַזעלכע מתנות... זי איז געזעסן ווי אַ פריטשמעליטע און נישט געוווסט, וואָס צו טון מיט דער באַרנע... אַז מ'קאָן נעמען און זי אויפעסן, איז איר נישט איינגעפאַלן... אַלנפאַלס איז דאָס געווען אַ שפּעטערדיקע

זאַך... און דערביי האָט עס פאַרלויפיק נישט געהאַלטן, און אַזאַ איינדרוק האָט זיך געשאַפן דערפאַר, ווייל אָט די מתנה איז איר איבערגעגעבן געוואָרן אויף אַזאַ אינטימען אופן און דערפאַר, איז איר איינגעפאַלן, מוז זי, איידער וואָס־ווער־ווען, זי באַווייזן די ברידער... האָט זי דאָך אָבער, מהאי טעמא, געשעמט צו באַווייזן...

זי האָט די באַרנע באַטראַכט פון אַלע זייטן, זייער אַ שיינע באַרנע געווען. אַ טונקל־ברוינע און אַזאַ צייטיקע, אָבער פון נעמען זי עסן איז זי אַלץ ווייט געווען. אפשר האָט זי דערפון אָפּגעהאַלטן דאָס, וואָס די באַרנע איז געווען אויסגעוואָרעמט אין פאָטערס קעשענע? זי האָט געפילט אָט די וואַרעמקייט, נאָר צי דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס האָט זי אָפּגעהאַלטן פון עסן די באַרנע, האָט זי אַליין נישט געוווסט און האָט נישט געטראַכט וועגן דעם.

ווען זי איז אַזוי געזעסן און געטראַכט וועגן ווייזן די ברידער דעם טאַטנס מתנה, האָט זיך איין ברודער נאָכן צווייטן באַוויזן און זי האָט אינסטינקטיוו די האַנט מיט דער באַרנע אונטער דער בלוזע אַרונטערגעכאַפּט און האָט זיי נאָכגעקוקט אַ שטיק וועג, ווי זיי גייען זיך באַגאַנד, אָט די צוויי ברידער זכרים, וואָס פאַר דער גאַנצער וועלט פרויען קאָנען זיי זיין זכרים, נאָר פאַר איר איינער נישט. און זי האָט געטראַכט וועגן דעם, ווי זי וועט קיינמאָל נישט וויסן, ווו די ברידער פאַרברענגען זייערע פרייע אָוונט־שעהן און זיי וועגן איר ווייסן, אַז זי זיצט אָפּ אָט די צייט, זיצט אין איר אַלטמוידישער פאַרזעסנקייט, האָט זי אַ פאַרדראָס אַרומגעכאַפּט, אַ פאַרדראָס מיט בושה פאַרמישט... און ס'האָט זיך עפּעס אַזוי צו להכעיסדיק אַ טראַכט געטון וועגן סוף פון אָט דעם „זיצן"... און דערצו נאָך בײַ זיי, בײַ די ברידער. יאָ, ס'וואָלט שוין זיכער געמוזט קומען אַ סוף צו דעם!...

די נאַכט איז צוגעפאַלן און רבקה איז נאָך אַלץ געזעסן און זיך געהאַלטן מיט דער באַרנע. דער פאָטער האָט זיך דאָרט אין דער פינצטערער שטוב אַרומגעדרייט און אין דער זעלבער פינצטערניש האָט זיך די מוטער געטאַסקעט מיט בעטגעוואַנט פון שלאָפצימער און ס'האָט זיך געלאָזט הערן, ווי זי פּאַטשט דאָס געלעגער פאַרן פאָטערס וועגן, און זי, רבקה, האַלט זיך נאָך אַלץ מיט דער באַרנע און ווייסט נאָך אַלץ נישט וואָס צו טון מיט איר... זי ווייסט בלויז איין זאַך, אַז עסן אָט די

באַרנע וועט זי שוין זיכער נישט. פאַרוואָס זי וועט זי נישט עסן ?...
פאַרוואָס האָט זי זי ביז אַהער נישט געגעסן ? אָבער פאָרט וואָס טוט מען מיט איר ? טון עפּעס. מוז מען אומבאַדינגט מיט איר. אָט טאַקע דערפאַר, ווייל דאָס איז אַ באַרנע צום עסן און זי קאָן זי נישט עסן... ניין, גלאַט זי נעמען אַרויסוואַרפן קאָן זי נישט... סיידן...

און דאָ איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק אויסצוגראָבן אַ גריבעלע און מקבר זיין די באַרנע.

הינטער דער שטוב איז געווען אַ גערטל, ווו ס'זענען געוואַקסן אַ פאָר הויקערדיקע ביימלעך. רבקה איז אַרויס מיט אַ שפּיציק מעסער אין דער האַנט און אויסגעגראָבן דאָרט אַ גריבל. האָט זי דאָרטן אין דעם גריבל די באַר באַגראָבן, פאַרשיט און מיטן פוס צוגעטרעטן.

אַריינגעקומען אין שטוב נאָך דער קבורה, האָט זי שוין געטראָפן ברענען אַ לעמפּל אין שטוב. דעם טאַטנס געלעגער איז שוין געווען פאַרטיק און דער טאַטע אַליין איז געשטאַנען מיט די ווייסע אַרבל און גערייכערט אַ פּאַפּיראָס. איבער זיין קאָפּ האָט זיך געקנוילט אַ געדיכטער און מאַסיווער רויך, און אויף דער וואַנט הינטער אים האָט זיך אָפּגעשלאָגן אַ לאַנגער שאָטן, און איבערן שאָטנס קאָפּ האָט זיך אויך געקנוילט אַזאַ רויך, ווי איבערן קאָפּ פון אָריגינאַל.

ווען זי איז אים פאַרבייגעגאַנגען פון הינטן, האָט ער געטון אַ דריי אויס צו איר דעם קאָפּ פול מיט אויפמערקזאַמקייט און געוואָרפן אויף איר אַ פאַרשנדן בליק... זי האָט האַסטיק אָפּגעצויגן און האָט זיך באַזעצט איינדרויסן פאַר דער טיר מיט אַ נעפּלדיק שווער געמיט. ווי זי וואָלט ערשט נישט לאַנג געקומען פון אַ לוויה פון אַ נאָענטן מענטש...
און דאַכט זיך וואָס, וואָס האָט זי דאָ געטון ? זי האָט באַגראָבן אַ באַרנע און דאָך איז לאַנג באַ איר פאַרבליבן אַזאַ שווערער איינדרוק נאָך אָט דער אָפּגעטוענער זאַך און געהאַט אַזאַ געפיל, ווי זי וואָלט דאָרטן, אין דעם גריבעלע, אַ לעבעדיקע זאַך באַגראָבן און עס האָט זיך געגלוסט וויינען...

ס'איז שוין געווען פינצטער, דער הימל איז ערטערווייז געווען אויסגעשטערנט און ערטערווייז פאַרהויכט מיט שיטערע, דורכזיכטיקע וואָלקענדלעך. ס'איז געווען וואַרעם און ווינטלדיק. פון אַ בוים דאָ און אַ בוים דאָרטן, וואָס זענען אין דער לענג פון גאַס געשטאַנען, האָט זיך

געלאָזט הערן אַ שטילע און רויקע אומרויקייט צווישן צווייגן און בלעטער. די קראָמען זענען שוין געווען פאַרמאַכט, ס'האָבן ווי בעלמעס אַרויסגעקוקט די אַראָפּגעלאָזטע שטאָרעס אויף די פענצטער און טירן, נאָר אַנטקעגן האָבן מיט נאַכטיקן אומעט געגלאַנצט די גרויסע צוויי שויפענצטער פון אַפּטייק-מאַגאַזין און געבלייכט האָבן זיך פון דאָרטן די קאָסמעטישע אַרטיקלען, וואָס זענען אין די פענצטער געווען אָנגעלייגט.

זי איז געזעסן און צוגעקוקט, ווי ס'דרייען זיך און גייען פאַרביי־הין און צוריק פּאָרלעך, אייניקע זענען געגאַנגען אַזוי איינגעקלעפּט איינס אין דעם אַנדערן, אַז ס'האָט אויסגעזען, ווי איין מענטש גייט, איין מענטש מיט פיר פיס און מיט צוויי קעפּ... אַ סברה, אַז זי איז קיינמאָל מיט קיינעם אַזוי נישט געגאַנגען? יאָ, געוויס... אָבער ווער דער איינער איז געווען און ווי אַזוי דער איינער האָט אויסגעזען, דאָס געדענקט זי נישט... און ס'איז גאָר קיין וווּנדער נישט, וואָס זי געדענקט „אים" נישט... ווייל דעמאָלט האָט עס בײַ איר קיין אָרט נישט פאַרנומען...ווער וואָלט עס זיך צו יענער צייט אָפּגעזאָגט מיט איר אַזוי צו גיין?... ס'איז בלויז אַ וווּנדער, וואָס גראַד אָט דער איינער, מיט וועלכן זי איז געווען אינטימער ווי מיט אַלע איבעריקע באַקאַנטע יונגעלייט, וואָס דווקא דער איז אויסגערינען געוואָרן פון איר געדעכעניש... און נאָך אַ פראַגע פרעגט זיך בײַ איר: פאַרוואָס איז מיט דעם, ווי מיט אַלע איבעריקע יונגעלייט, גאָרנישט געוואָרן?... איז אויף דעם אויך דאָ אַ תירוץ: ער האָט צו פיל פאַרלאַנגט פון איר, און אַז ס'איז אַזוי, באַווייזט דאָס אַליין, וואָס ער איז געווען מיט איר אינטימער, ווי אַלע איבעריקע... אויב ער האָט זיך דערלויבט און זי האָט אים דערלויבט צו גיין מיט איר אַזוי צונויפגעגאָסן, איז דאָס אַליין אַ באַווייז, אַז ער האָט נאָך עפּעס מער דערפון פון איר באַגערט, און אַזוי ווי זי איז נישט געווען פון „יענע". האָט זי אים אָפּגעשטויסן פון זיך (אַזוי שטעלט זי זיך פאָר) און האָט אים טאַקע איבער דער זעלבער אורזאַך אַרויסגעוואָרפן פון איר געדעכעניש און ער איז פאַרשווונדן פון איר האָריזאָנט...

יאָ, איז ווער איז אין דעם שולדיק? ביידע זענען שולדיק, אי „ער", אי זי... ער דערפאַר, וואָס ער האָט זיך צופיל דערלויבט און זי דערפאַר, וואָס זי האָט אים גאָרנישט דערלויבט... ס'איז איין זאַך נישט

גלאַטיק: ווי איז ער נעלם געוואָרן, דווקא אַט דער, מיט וועמען זי האָט זיך דערלויבט צו זיין נעענטער, ווי מיט אַלע איבעריקע באַקאַנטע יונגעלייט...

דאָ איז איר אַרויסגעשפּרונגען אַ נאָמען בערל, און הגם זי האָט נאָך דאָס געשטאַלט פון אַט דעם נאָמען נישט געזען, אָבער זי איז זיכער געווען, אַז דער, וועגן וועמען זי טראַכט דאָ די גאַנצע צייט, אַז זיין נאָמען איז געווען בערל... און אויב ס'איז נישט דער, טאָ ווער אַנדערש קאָן דאָס זיין? פונוואַנען איז דאָס פּלוצלינג צו איר אין מוח אַזאַ נאָמען אַריינגעשפּרונגען?... און אויב ס'איז נישט דער, טאָ ווער דען קאָן דאָס זיין? פאַרוואָס געדענקט זי אַזאַ נאָמען? און פאַרוואָס געדענקט זי, אַז זי האָט אַזאַ נאָמען געדענקט און האָט אָן אים פאַרגעסן, און זיך דערמאַנט, אַז זי האָט דעם נאָמען פאַרגעסן און זיך דערמאַנט איינצייטיק, אַז זי געדענקט אַט דעם פאַרגעסענעם נאָמען... מיט וואָס האָט ער זיך אַזוי איינגעקריצט באַ איר אין געדעכעניש, אויב ער, דער באַזיצער פון דעם נאָמען, איז פאַר איר גאָרנישט געווען... און אויב „ער" איז עפּעס יאָ געווען פאַר איר, איז דאָך ווידער אַ פראַגע, ווי קאָן מען דאָס אַזוי פאַרגעסן, אַז זי זאָל נישט האָבן די מינדסטע אַנונג ווי אַזוי אַט דער בערל האָט אויסגעזען?...

— זייער, זייער מאָדנע:

„בערל"

אַ נאָמען אָן אַ געשטאַלט... און וואָס מער דער נאָמען חזרט זיך איבער באַ איר אין מוח, אַלץ מער און מער אומעט רופט ער באַ איר אַרויס... עפּעס אַזוי ווי נאָך אַ געשטאָרבענעם. זען מ'דערמאַנט, אַזאַ אומעט רופט באַ איר אַרויס אַט דער באַקאַנטער נאָמען פון דער אומבאַקאַנטער פּערזאָן... איז אפשר מעגלעך אַז „יענער" זאָל האָבן גע־שטאָרבן... געשטאָרבן פון בענקשאַפט נאָך איר, אָדער ער האָט זיך גאָר גענומען דאָס לעבן... צי האָט אָבער דער יעניקער געהייסן בערל, אַט דער, מיט וועמען זי איז געווען אינטימער, ווי מיט אַלע איבעריקע באַקאַנטע יונגעלייט... מעגלעך... ס'איז אָבער זיכער, אַז זיין נאָמען איז נישט געווען בערל... און זי איז שוין גאָר אינגאַנצן נישט זיכער, אַז זי האָט געהאַט אַזאַ באַקאַנטן... יאָ, אָבער טאָ וואָס איז דאָס פאַר אַ בערל

וואָס, וועמענס נאָמען זי געדענקט און וועמענס געשטאַלט זי קאָן זיך נישט דערמאַנען... ס'איז דאָך נישט קיין נאָמען גלאַט אין דער וועלט אריין... שוין דאָס אַליין, וואָס יעדעס מאָל, וואָס ער חזרט זיך איבער באַ איר אין מוח, כאַפּט זי אַרום אַזאַ שווערער פּיינלעכער אומעט, איז שוין דאָס אַליין אַ סימן, אַז אַזאַ באַקאַנטן האָט זי יאָ געהאַט און אויב זי האָט געקאָנט אָן אים פאַרגעסן, איז דאָך נאַטירלעך, אַז זי זאָל פאַרגעסן דעם נאָמען זיינעם, און אויב פאַרגעסן דעם נאָמען זיינעם

טאָ פונוואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ זיכערקייט, אַז „ער" האָט נישט געהייסן בערל.

און איינצייטיק ווי זי האָט זיך איינדרויסן פאַר דער טיר פון גאַניקל געגריבלט אין אירע געדאַנקען, האָט זיך פון שטוב געלאָזט הערן אַ שטיל קרייזלדיקער אל מלא רחמים, וואָס דער פאָטער אירער האָט זיך דאָרטן פון ווילקייט געזונגען און דאָס האָט זי אַרויפגעפירט אויפן געדאַנק, אַז דער „בערל" איז נישטאָ צווישן די לעבעדיקע און דער פאַרלאַנג אָנצוכאַפּן דאָס געשטאַלט פון אָט דעם, וואָס האָט אַמאָל געלעבט און לעבט שוין איצט נישט, איז נאָך געוואָרן באַ איר ליידנשאַפטלעך שטאַרקער... זי האָט זיך איינגעהערט אין דעם טרויעריקן מאָטיוו און ס'האָט זיך געלאָזט גלייבן, אַז נישט אומזיסט האָט זיך דער טאַטע אין דער צייט צעלאָזט מיט דעם אל מלאדיקן געזאַנג... אמת, זי האָט זיך געשטויסן, אַז דער פאָטער האָט ערגעץ געמוזט כאַפּן אַן איבעריק ביסל, איז דאָס אָבער נישט קיין „נאָווינע" באַ אים. פונדעסטוועגן איז נאָך נישט געווען דער פאַל, אַז ער זאָל אין דער צייט פאַרן שלאָפן גיין זיך צעלאָזן מיט אַ מלא... יאָ... ס'איז שוין כמעט ווי זיכער... איר פעלט בלויז זיך צו דערמאַנען דאָס געשטאַלט...

זי האָט שטאַר געקוקט פאָרויס פאַר זיך, אָבער געזעען האָט זי גאָרנישט, זי איז אינגאַנצן געווען פאַרטיפט אין זיך און אין אירע פאַנטאַזיעס, וואָס האָבן זיך געוויקלט אַרום עפּעס אַ ווירקלעכקייט, וואָס איז געווען נישט ווינציקער פאַנטאַסטיש, ווי די פאַנטאַזיעס אַליין... און קוקנדיק אַזוי, האָט זיך איר געדאַכט, אַז ערגעץ, אין דער שטילער, פינצטערער נאַכט, קלאַפּט אַ דופק און אַרום דעם פלאַטערט זיך און פלעכט זיך אַזאַ ווייט-אידיליש לעבן, וואָס איז אַזוי לייכט ווי די לופט און שטיל ווי די שטילקייט אַליין. און ערגעץ-וווּ און אומעטום פלאָנטערט

זיך אַן אַן אָרט און אָן אַ באָדן איינער אַן אַ געשטאַלט, אַן אַ פאָרם, עפּעס אַ גייסט פון איינעם, פון אַ געשטאָרבענעם, וואָס איז געשטאָרבן איבער איר און נאָכן טויט פלאַטערט ער אַרום אויף ווינטיקע פליגל פון בענקשאַפט און לעכצט נאָך איר, נאָך זיין געליבטער...

„בערל!"

און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אויסצושיילן אין בלייכקייט פון אירע דערינערונגען אַ פּנים פון אַ... אַ יונג, גאָר אַ יונג פּנים, פאַרמאַכטע אויגן... יאָ, ס'איז שוין כמעט ווי אַ ווירקלעכקייט... אָט-אָט טאַפּט זי דאָס אָן... אָבער אַלץ — טויט. דער לעבעדיקער קומט נישט...

די געדאַנקען לויפן, שפּרינגען און טאַנצן איינער איבער דעם אַנדערן. שפּרינגען איבער אַ לאַנגער, לאַנגער פאַרגאַנגענהייט און פּלוצ-לינג שפּרייט זיך פאַר איר אויס אַ טייך און באַגלייך מיטן טייך די בריק... דאָס וואַסער שוואַרץ ווי טינט. טיף אינעווייניק שפּיגלען זיך אָפּ מיט אַ מאָדנעם געהיימען, שטילן אומעט די ביימער, וואָס האָבן פון די ברעגעס אַריבערגעוואָרפן זייערע צווייגן איבערן וואַסער און ס'איז אַזאַ אומעט דאָרטן, אַזאַ אומעט, ווי אַ צווייטע וועלט וואָלט פון אונטן אַרויף אַרויפגעקוקט. און פון די אונטערשטע טיפענישן האָט זיך באַוויזן אָט דאָס באַקאַנטע בערל־פּנים...

יאָ, זי איז שוין כמעט אַזוי ווי באַם וועג... זי דערנענטערט זיך אַלץ נענטער צו יענעם און צו יענער צייט... ס'איז זיכער, אַז ער איז מיט זיין טויט נישט געשטאָרבן, אַז ער האָט זיך דער-טרונקען...

אָבער איין קליינינקייט (וואָס איז גאָר קיין קליינינקייט נישט געווען) האָט זי נישט געלאָזט איינגאַנצן זיך צונויפגיסן מיט איר גלויבן, אַז דער בערל האָט זיך איבער איר דערטרונקען. דאָס איז געווען דאָס, וואָס דער, בערל, וועמען זי האָט פון וואַסער אַרויסגעזען, האָט אויסגעזען זייער, זייער יונג... יאָ, ס'איז זיכער, אַז יענער האָט זיך דערטרונקען, אָבער עפּעס צו אַ יונג פּנים, אָן אַ סימן פון באָרד און וואָנסעס...

רבקהן האָט אָנגעהויבן ציען צו דער בריק... זי איז זיכער געווען, אַז דאָרט וואָלט זי גרינטלעך דערגאַנגען, ווער און וואָס דער דערטרונ-קענער איז געווען און ווען דאָס איז פאָרגעקומען... צי האָט זי געהאַט

אַמאָל אַ געליבטן, צי נישט; צי לעבט ער, צי ער איז געשטאָרבן; זיכער איז, אַז עפּעס איינער אַ בערל איז דאָך יאָ ווען עס איז דערטרונקען געוואָרן... און זי האָט אומבאַדינגט געוואָלט, אַז דאָס זאָל האָבן געווען נישט קיין אַנדערער, ווי אירס אַ געליבטער... יאָ, זאָל זיין אַ טויטער, אַ דערטרונקענער, אָבער אַלץ בעסער ווי קיינמאָל קיינעם נישט געהאַט.

און דאָרטן אין שטוב איז אַלץ געווען פינצטער, שטיל און וואָכע־דיק... און שטיל האָט זיך פון דאָרטן געטראָגן דאָס אומעטיקע, אל מלא רחמימדיקע געזאַנג. זי האָט זיך דערמאָנט אין דער נאָר־וואָס צו קבורה געבריינגטע בארגע און ס'האָט זיך איר נישט געגלייבט, אַז זי אַליין האָט עס נאָר־וואָס געטון און נישט געקאָנט באַגרייפן, נאָך וואָס האָט זי עס געטון. ס'האָט זיך באַ איר אויסגעזען, ווי נישט קיין וואָרז־אַפטיקע זאַך, אָט די זאַך, וואָס זי האָט נאָר־וואָס אַליין מיט אירע אייגענע הענט אָפּגעטון... און פאַר וועמענס וועגן גייט עס אָט דער שטילער אָן ווערטער־דיקער אל מלא רחמים: פאַר דער נאָר־וואָס צו קבורה געבריינגטער בארגע, צי פאַר דעם לאַנג דערטרונקענעם בערל?

— — — — — — — — —

דאָ גאָר פּלוצלינג איז אין איר זכרון אַרויסגעשווומען אַ ייִנגעלע, אַ ייִנגעלע פון אַ יאָר אַכט־ניין, וואָס איז צוריק מיט אַ יאָר צוואַנציק דערטרונקען געוואָרן, באָדנדיק זיך שפּעט אינאָוונט איינער אַליין אין טייך און דאָס ייִנגעלע, האָט זי זיך דערמאַנט, האָט געהייסן בערעלע...

און ס'איז איר איינגעפאַלן אַ געדאַנק, אַז דער בערעלע איז דאָס געווען דער זיווג אירער... אַז זי וועט שוין קיין אַנדערן נישט האָבן...

און ס'האָט זי אַ צי געטון צו דער בריק, אַהינצו צום זיווג, און ערשט דאָרט, באַם טייך, איז איר קלאָר געוואָרן, אַז זי קאָן פון דאָרט נישט אַוועקגיין, אַז זי האָט נישט צוליב וואָס און צו וועמען זיך אומצו־קערן צוריק. און האַסטיק און שטורעמדיק זיך אַרייַנגעוואָרפן אין וואַסער אַריין און באַם ערשטן שלונג וואַסער, וואָס זי האָט געגעבן אין זיך אַריין,

האָט זי זיך דערמאַנט אין דער באַגראָבענער באַרנע, ווי אַזוי עס וועט אַרויסוואַקסן פון דער באַרנע אַ גרויסער בוים. און איז עקשנותדיק גע־זונקען צום גרונט...

און פאַר דער גאַנצער צייט האָט זיך אין שטוב באַ זיך און באַ די קינדער אַרומגעדרייט רב דוד און זיך געברומט און געגרייזלט אַן ווערטער דאָס ניגונדל פון אל מלא רחמים...

די נקמה פון אַ קינסטלער

אויף אַ סאָפקע איז ער געלעגן, אין גאַסטיקער בהורשאַפט, אויף אַ יינגלש געלעגער און אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער אין דרויסן אַרויס. מיט זיין פרעמד אויג באַטראַכט די פרעמדע סביבה, געזעען פיל הייזלעך, פיל ביימער און קעסטלעך; לעבן יעדן הייזל אַ קעסטל, אַ פּאַסיקל גראָז: נידעריק געשוירענע, אָפּגעזונדערט, הייזל פאַר זיך און גראָז פאַר זיך. יעדעס הייזעלע מיט זיין אַרכיטעקטור, מיט זיינע אייגנאַרטיקע טיר און פענצטער, און איינצייטיק האָט זיי פאַרייניקט אַן ענלעכקייט, און דאָס איז געווען די פריוואַטע אָפּגעזונדערטקייט, וואָס האָט זיך אָנגעזעען אויף יעדן הייזל, און דאָס האָט דער גאַנצער געגנט צוגעגעבן איין כאַראַקטער. נישט קוקנדיק אויף דעם פאַרשידנאַרטיקן געבוי און קאַפּריז פון יעדן הייזל, האָט זיך דורכויס געפילט דער גרויס-שטאָטישער עגאָיזם פון מענטשן און דאָס לעבן פון יעדן אייגנטימער פון יעדן הייזל, ווי יעדער איינער לעבט זיך פאַר זיך, און יעדער איינער איז דעם אַנדערן פרעמד...

אין קיך האָט געהערשט דאָס פאַמיליען-לעבן, ס'האָט זיך געטומלט מיט גרויס-שטאָטישקייט פון עלטערן און קינדער: אַלע האָבן קיין צייט נישט, און אַלע איילן זיך דאָס הויז צו פאַרלאָזן. קינדער האָבן זיך געקליבן אין סקול, און דער כאַטע פון די קינדער, דער באַלעבאָס פון הויז, האָט זיך, קענטיק, אויך געקליבן אַוועקצוגיין, און די ווירטין פון הויז האָט אַלעמען באַדאַרפט אַרויסבאַגלייטן און דערפאַר האָט זיך איר שטימע געלאָזט אָפטער הערן, און דערפאַר, וואָס אַלע האָבן זיך געאיילט,

האָט זי זיך נאָך מער פון אַלעמען געאײַלט, הגם זי אַליין האָט אין ערגעץ נישט באַדאַרפט גיין.

דער גאַסט האָט געהערט די שטימע אירע און זיך אַזוי געוווּנדערט, וואָס די שטימע איז אים אינגאַנצן געווען פרעמד... צוריק מיט צוויי צענדליק יאָר האָט זי אינגאַנצן אַן אַנדער קול געהאַט; און ווייל דאָס קול פון זיין אייגענער האָט אים איצט אַזוי פרעמד געקלונגען, האָט ער דערפאַר געהאַט דעם באַגריף, אַז ער געפינט זיך אין אַ פרעמד הויז, בײַ ווילד־פרעמדע מענטשן, און דאָס האָט אים געמאַכט נישט־היימלעך זיך צו פילן... און דורך דעם איז ער געקומען צום געדאַנק, אַז ווען ער וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס ער איז, ווען ער וואָלט נישט געווען קיין באַרימטער מענטש, וואָלט אים די קרובה זיינע נישט אָפּגעזוכט און נישט איינגעלאַדן צו זיך, און מען וואָלט אים נישט אויפגענומען מיט אַזאַ פאַראַד; דאָס האָט אים נאָך נעכטן געגעבן צו פילן, אַז די פאַר־וואַנדשאַפט איז נישט מער, ווי אַ גוטע געלעגנהייט צו האָבן אים אַלס גאַסט בײַ זיך...

אין עטלעכע מינוט אַרום, נאָכדעם ווי די מענטשן מיטן טומל זע־נען אַוועק, איז זי, די קרובה זיינע, אַריינגעקומען צו אים און מיט אַ מילכיק שמייכעלע אים אָפּגעגעבן „גוט מאָרגן". ער האָט זי דורכגענומען מיט זיין קינסטלעריש אויג, ס'האָט זיך אים גלייך געוואָרפן אין די אויגן אַריין די אויסגעפּאַרמירטקייט אירע, אָט פונקט אַזעלכע, ווי ער האָט זי נעכטן, ווען ער איז אָנגעקומען, דערזעען... ווען ער וואָלט זי נישט געקענט, וואָלט אים נישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז אַ פרוי אַריבער די פערציקער, און ס'וואָלט אים קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז זי האָט שוין אַזעלכע דערוואַקסענע קינדער...

יאָ, זי איז נאָך איצט אויך שיין, אָבער ווייט, ווייט נישט דאָס, וואָס זי איז געווען צוריק מיט איבער צוואַנציק יאָר... ס'איז נאָר, אַז מ'זעט נישט אַ מענטש אַזאַ לאַנגע צייט, קאָן מען באַמערקן די גרויסע פאַרענדערונג, וואָס אַזוי פיל יאָרן זענען ביכולת צו מאַכן.

ער האָט דאָס באַמערקט באַהאַלטן טיף אין זיך און האָט גע־שמייכלט צו איר מיט אַזאַ שמייכל, אַז זי זאָל מיינען, אַז זי איז נאָך אַלץ פאַר אים דאָס, וואָס זי איז געווען פאַר אים אַמאָל.

— איר ווייסט, איר האָט זיך כמעט ווי נישט געענדערט — האָט

ער געזאָגט צו איר, און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן — איך מיין, אַז פאַר אַ מאַן באַדאַרף עס זיין אַ גרויס גליק, ווען אַ ווייב ענדערט זיך נישט אַזאַ לאַנגע צייט נאָך דער חתונה...

זי האָט זיך ווי אַ היימישע און לאַנג באַקאַנטע אָנגעשפּאַרט מיט דער ברוסט אָן טיש און געקוקט אויף אים מיט אַ זעלבסטצופרידן שמייכעלע. ער האָט אָבער דערקענט, אַז דאָס שמייכעלע אירס באַלאַנגט נישט צו אים, אַז זי וואָלט צו יעדן, וואָס וואָלט איר אַזאַ קאָמפּלימענט געמאַכט, אַזוי געשמייכלט, אָבער אים איז דאָס נישט אָנגעגאַנגען, ווייל ער האָט זיך געפילט אַבסאָלוט גלייכגילטיק צו איר. אין אים איז נישט געבליבן קיין שפּור פון די ברוייזנדע געפילן, וואָס האָבן אַמאָל געברויזט אין אים צו איר... הגם ס'איז פאַר איר ביזן היינטיקן טאָג אַ סוד פאַרבליבן... ער האָט איר קיינמאָל זיינע געפילן נישט אַרויסגעזאָגט, ווייל ער האָט געוווסט, אַז ער וועט זי קיינמאָל נישט דערגרייכן, טאַקע אַ דאַנק דעם, וואָס זי איז אַזוי שיין געווען, און אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז נישט נאָר נישט געווען דאָס, וואָס ער איז איצט, נאָר אים האָט זיך אפילו נישט געחלומט, אַז ער וועט אַזעלכעס זיין...

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער האָט צו איר גאָרנישט געפילט, האָט ער דאָך איצט צו איר געפילט מער נאָענטקייט ווי נעכטן, ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל נאָך אַזאַ לאַנגער צייט זי דערזען, ווייל נעכטן איז זי אינגאַנצן פאַר אים געווען אַ פרעמדע. איצט אָבער, איינקוקנדיק זיך אין איר, האָט ער באַמערקט פיל, פיל באַקאַנטע שטריכן, און הגם ער איז איצט אפילו צו די באַקאַנטע שטריכן געבליבן גלייכגילטיק, דאָך ווי עמעצער אין אים וואָלט געוואָלט בלייבן געטריי צו אים, האָט ער דערפילט צו איר אַ היימלעכע אינטימקייט, און ס'איז אים אָנגענעם געווען צו ליגן און זיך צו פילן אַזוי... עס קאָן זיין, אַז ער וואָלט עפּעס מער געשפּירט פון דעם, נאָר באַמערקנדיק אין איר און אין איר גאַנצער האַלטונג, אַז היימישער ווי זי איז צו אים, וועט זי נישט זיין, אַז זי איז איינע פון יענע פרויען, וואָס וועט בלייבן געטריי צום מאַן, פּשוט דערפאַר, ווייל זי איז אים שוין ביז אַהער געטריי געווען... איז אָט די געדאַנקען, אַז נענטער וועט זי צו אים נישט ווערן, האָט דאָס גאַנצע וועזן זיינס געהאַלטן אין צאַרטלעכקייט געשמידט און ער האָט עס אַרויסגעוויזן נאָך מער, ווי זי איז דאָס גערן געווען...

— איר האָט נאָך היינט אויך אַזעלכע לאַנגע האָר? — האָט ער נאָך אַ קורצן, ווייט נישט אינטערעסאַנטן שמועס, באַ איר אַ פרעג געטון.

און זי האָט מיט אַן אומעטיק גלענצל אין די אויגן זיך פאַרקלאָגט פאַר אים, אַז באַ איר איז שוין קיין העלפט נישט געבליבן פון די אַמאָ־ליקע האָר, וואָס זי האָט געהאַט, און אים דערציילט, ווי זיי, די האָר, האַלטן אין איין אויסקריכן באַ איר, אַז העכער אַ העלפט ליגט שוין באַ איר אין אַ שקאַטולקעלע... זי קלויבט זיי, די האָר, וואָס קריכן באַ איר אויס... צו וואָס זי טוט עס, ווייסט זי אַליין נישט... און ער, דער גאַסט, האָט זי אויסגעהערט מיט אַזאַ געפיל, ווי ס'הערט אַמאָל אויס אַן אויפ־געקומענער גביר, — אַ יורד, וואָס דערציילט אים פון זיין אַמאָליקן רייכטום און פון זיין איצטיקער ירידה... ער האָט געקוקט אין אירע אויסגעלאָשענע אויגן און אויף די קליינע בייטעלעך אונטער זיי, און האָט מיט יעזויטישער כיטרעקייט זיך געפלייכט איר בענקשאַפט פאַרטיפן און ווייטיקדיקער מאַכן... ער האָט אָפּגעגנומען נקמה אַן איר, פאַר זיינע אַמאָליקע ליידן, פאַר זיין ליבע צו איר, וואָס ער האָט אַמאָל געפילט אין אפילו קיין דרייסטקייט נישט געהאַט דאָס איר אַרויסצוזאָגן... ער האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער דערינערט, ווי גרויס זיין ליבע איז געווען צו איר און ווי ער האָט זי געמוזט פאַרשטיקן אין זיך, ווייל ער האָט זיך געפונען אין אַ נידעריקער מדרגה, אין דער צייט נאָך, וואָס אים וואָלט אויסגעקומען צו קאָנקורירן מיט איינעם, וואָס איז אַן אַ פאַרגלייך געשטאַנען העכער פון אים און דער איינער איז דאָס איצט איר מאַן... יענער, ס'מיינט דער איצטיקער מאַן אירער, איז געווען אַן אינטעלי־גענט און האָט געקאָנט אויספירן אפילו באַטאָג זי באַזוכן, און ער איז געווען אַן אַרבעטער, האָט זיך געשעמט מיט זיין מלאכה און מיט זיין אָרימקייט, און נישט זי, און נישט דאָס גאַנצע הויז־געזונט, אירס האָבן נישט געוווסט, אַז ער קומט צוליב איר, נאָר ס'איז פון אַלעמען אָנגענו־מען געווען, אַז ער קומט צו איר מוטער, וואָס איז געווען אַן אייגענע קוזינע זייבע.

— איר ווייסט, אַז איך בין געווען פאַרליבט אין אייך! — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון.

ס'איז פאַר איר נישט געווען קיין איבערראַשונג. אַ גרעסערע אי־

בעראשונג וואָלט איר געזאָגט, אַז ער איז אין איר נישט פאַרליבט געוועז... יאָ, נו, צי האָט מען זיך דען געקאָנט אין איר נישט פאַרליבן, ווען זי איז אַזאַ שיינהייט געווען, אַז פרויען און קינדער זענען געווען פאַרליבט אין איר שיינקייט.

— אָבער דערפון ווייסט איר נישט, אַז איך האָב פיל מאָל באַטאָג מיין אַרבעט געוואָרפן און געקומען צו אייך, כדי אייך צו באַווייזן, אַז איך קען אויך אַרומגיין באַטאָג ליידיק, ווי דער געליבטער אייערער דעמאָלט.

דאָס איז שוין יאָ געווען פאַר איר אַ נייעס, און זי האָט עס קענטיק נישט איינגאַנצן „צעקייט", און ער האָט עס איר געגעבן דייטלעכער צו פאַרשטיין:

— געהאַט אַזאַ פאָרשטעלונג, אַז אייך אימפּאָנירט יענער קלאַס מענטשן, וואָס קאָן אויספירן אַמאָל באַטאָג זיך אַרומצודרייען ליידיק.

קעגן דעם האָט זי געוואָלט פּראָטעסטירן... צי ווייסט ער דען נישט, אַז זי האָט צו יענער צייט באַלאַנגט צו דער פּאַרטיי סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן ?...

— יאָ, איך געדענק עס זייער גוט — האָט ער מיט אַן אונטערטאָן פון איראָניע געזאָגט — איך געדענק, ווי איר האָט געהאַלטן אין קלאָגן אויפן ביטערן גורל פון „מוזשיק" און איר האָט געהאַלטן אין איין זינגען בעקראַסאָווס ליד וועגן דעם עלנט און דחקות פון פויער: „אוקאַזשי מניע טאַקויו אָביטעל, גדיע בי רוסקי מוזשיק ניע סטאָנאַל" („באַווייזט מיר אַזאַ הויז, וווּ דער רוסישער פויער זאָל נישט זיפצן"), אין דער צייט, ווען דער פאָטער אייערער איז געווען אַ קבצן אין צען פּאָלעס און די גאַנצע יידישע סביבה, ווו איר האָט זיך געפונען, האָט געלעבט אין שוידערלעכער אָרימקייט.

— דערפאַר איז ער אַ בונדיסט (דער געליבטער אירער) — האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעלע, ווי זי וואָלט דערמיט געוואָלט פאַרענטפערן די אַמאָליקע באַיווּקייט אירע.

— יאָ, און איר האָט פאַר זיך אויסדערוויילט דווקא אַ בונדיסט אַן אינטעליגענט און נישט קיין אַרבעטער.

נישט ווילנדיק אַריינגעשלעפּט געוואָרן אין אַ געשפּרעך, וואָס אים האָט אין דעם מאָמענט נישט אינטערעסירט, — ער האָט געהאַט פיל

וויכטיקערע זאַכן זי צו דערמאַנען... דערינערונגען זענען קינעמאַטאָ-גראַפיש געשפּרונגען איינע נאָך דער אַנדערער, פיל וויכטיקערע ווי אַט דאָס געשפּרעך און דערפאַר האָט ער עס אינמיטן איבערגעהאַקט. ער האָט אַזוי געזאָגט:

— לאָמיר בעסער רעדן וועגן אַנדערע זאַכן.

און זי איז אויך צופרידן געווען. קענטיק, אַז זי האָט דערוואַר־טעט, אַז די „אַנדערע זאַכן", וועגן וואָס דער גאַסט וויל רעדן, וועט איר אַליין אויך זיין אינטערעסאַנטער.

ער האָט בילדעריש און פאַרביק איר געגומען דערציילן אַ קליי־ניקן עפּיזאָד ווי ער און זי מיט איר גאַנץ הויז-געזינט האָבן געהאַלטן די הענט אויף אַ קליין קיילעכדיק טישעלע און יעדער איינער האָט באַם טישעלע עפּעס געפרעגט, און ווי דאָס טישעלע האָט זיך געהויבן און געקלאַפּט, דאָס מיינט געענטפערט אויף יעדנס פראַגע.

— איך וואָלט עס שוין זיכער לאַנג פאַרגעסן, נאָר איבער איין זאַך געדענק איך עס: אייער מוטער האָט געפרעגט באַם ספּיריטואַליסטישן טישעלע צי ס'וועט זיך אין אייך פאַרליבן אַ גרויסער גביר. און אין דער צייט האָט זיך די טיר געעפנט און „ער" איז פונקט אַריינגעקומען און האָט זיך אַוועקגעשטעלט קוקן און אַלעמען באַטראַכט מיט זיינע שאַרפע קלוגע טיגערישע אויגן און איר האָט צו אים אַזוי היימיש און ליבלעך געשמייכלט... דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב אַ טראַכט געטון: יאָ, זי איז פאַרליבט אין אים און איך האָב מיך אַזוי אומגליק־לעך דערפילט און פאַרלוירן, אַז איך האָב נישט געוווּסט וווּ איך בין אין דער וועלט און ס'זענען אַלע אַזוי געווען איבערראַשט, ווען איך האָב פּלוצלינג אַ זאָג געטון צום טישעלע: „טישעלע, זאָג מיר, ווען וועל איך שטאַרבן?"

זי איז געשטאַנען ווי אַ פאַרעווע און הילכיק געשמייכלט. ער האָט זי דורכגענומען מיט זיין קינסטלערישן אויג און געמאָסטן דעם טעמפּע־ראַמענט איר און דערקענט, אַז פאַרליבן קאָן זי זיך שוין נישט און אַז דעם מאַן האָט זי שוין אויך נישט ליב, אַז באַ איז שוין אַלס צונויפגע־גאָסן: מאַן, קינדער, ווירטשאַפט, מיט אַ ביסל בענקשאַפט און ליבע צו אירע מיידלשע יאָרן... און נאָך אַ לענגערער פּויזע האָט זי באַ אים גאָר פּלוצלינג אַ פרעג געטון?

— ווי אַזוי קערן מיר זיך אָן ?

— מיין פאָטער און אייער זיידע זענען געווען ברידער... אייער מוטער האָט מיידלווייז מיין פאַמיליע געטראָגן.

— זענען מיר דאָך טאַקע גאָר נאָענטע קרובים !

זי האָט זיך עס ערשט איצט מיישב געווען: דעמאָלט האָט עס זי קנאַפּ וואָס אינטערעסירט: דעמאָלט, אויב זי האָט אַמאָל אַ טראַכט געטון וועגן אים, האָט זי בלויז געטראַכט, אַז ער איז בלויז דער מו־טערס אַ קרוב. איצט ווי עס איז קענטיק געווען, האָט איר הנאה געטון די נאָענטע קרובהשאַפט. דאָס איז אפילו קענטיק געווען פון די לעצטע ווערטער:

— מיין מאַמע, ווי איך געדענק, איז געווען פיל איידעלער פונם טאַטען...

געמיינט דערמיט צו זאָגן, אַז ווייל, הייסט עס, די מוטער אירע איז געווען אַזאַ נאָענטע קרובה מיט אים, מיט דעם איצט באַרימטן שרייבער, האָט זי, די מוטער אירע, געהאַט עפּעס אַ נאָענטע פאַר־וואַנדשאַפט מיט אים, מיט איר איידלקייט, וואָס זי האָט פאַר־מאָגט...

דער קינסטלער האָט געשמייכלט און געטראַכט: ווען ער וואָלט נישט געווען דאָס, וואָס ער איז, וואָלט זי עס נישט געזאָגט... און ווילנדיק דאָס איר געבן צו פילן, האָט ער צווישן מויל און ליפּן אַ מורמל געטון:

— ווי איך געדענק, פלעגט איר פון אייער פאָטער מער האַלטן ווי פון אייער מוטער...

זי האָט געשוויגן, געקוקט אויף אים און מיט נייגיריקייט אים באַ־טראַכט און באַ אים זענען דערווייל די דערינערונגען ווי פון אַ כשוף־קעמערל געקראָכן און איינע נאָך דער אַנדערער זיך געוויזן. ער האָט זיך דערמאַנט אָן פיל זאַכן, וואָס זענען שוין לאַנג פון אים פאַרגעסן גע־וואָרן, אָדער וואָס ער האָט געמיינט, אַז ער האָט זיי פאַרגעסן... די דערי־נערונגען האָבן זיך געשפּאַרט און געוואָלט אַרויס פון לאַנגירעיקער פאַר־געסנקייט און דער גאַסט איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט זיך זיי דערמאַנט; ער האָט פאַר זיך, פאַר זיין שאַפן דערזעען אַ רייכן מאַטע־

ריאַל, וואָס ער וועט קאָנען ווען עס איז אויסנוצן... געשוויגן, געקוקט און געשמייכלט און אַרויס מיט אַזאַ דיבור:

— קאָנט איר זיך אַ שטייגער דורכדרינגען מיט אַזאַ געפיל, וואָס עס קאָן פילן אַ יונג בחורל, וואָס גייט אַריין אין אַ הויז אַריין צוליב אַ מיידל און קיינער אין הויז ווייסט נישט דערפון... אַלע אין הויז מיינען, אַז ער קומט צו אַלעמען אין הויז, נאָר צו יענער, צוליב וועלכער ער קומט, פאַלט קיינעם נישט איין, אַז ער קומט צו איר... זיצט עס אָט דאָס יונגע בחורל און פאַרברענגט מיט דער מאַמען מיט אירער, מיט זיין קוזינע און מיטן טאַטן מיט אירן, מיט דער קוזינעס מאַן אין קיך און דאָרטן, אין אַ צווייט הדר. זיצט זיך דאָס מיידל און פאַרברענגט מיט איר געליבטן. עס טרעפט, אַז זי באַווייזט זיך אַמאָל אין קיך, און דאָס נאָך אַ גלאָז וואַסער אָדער נאָך אַ גלאָז טיי פאַר דעם בחור, וואָס זיצט דאָרטן, און צו אים, צו איר טאַטע־מאַמעס גאַסט גיט זי אַ זאָג:

— „זדראַוסטוויטע! ווי זדיעס?" (וואָס מאַכט איר גוטס! איר זענט דאָ?) און פאַרגעסט גלייך אָן אים, אַז ער איז „זדיעס" און נעמט דאָס גלאָז טיי אָדער דאָס גלאָז וואַסער און ווערט נעלם...

זי האָט מיט זעלבסטצופרידנקייט געשמייכלט און אַ פרעג געטון:

— איך האָב זיך שטאַרק געענדערט?

— פאַרענדערט?... — אים האָט זיך דווקא געוואָלט זאָגן, אַז נישט, ווייל ער פילט שוין צו איר אַן אַבסאָלוטע גלייכגילטיקייט. ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז זי וועט מיינען, אַז ער איז נאָך אַלץ פאַר־ליבט אין איר, איז ער אויף אַ ווײַלע אַנטשוויגן געוואָרן און נאָכדעם ווי אים איז איינגעפאַלן וואָס צו זאָגן איר, אַז זי זאָל עס נישט מיינען, האָט ער געזאָגט: — „פאַרענדערט? ניין, כמעט ווי גאַרנישט... כמעט די זעלבע — און אין אַ ווײַלע אַרום צוגעגעבן: — נאָר עפּעס פעלט אָט דער שיינקייט אייערער, הגם ס'איז די זעלבע, וואָס דעמאָלט... ס'פעלט איר די נשמה"...

ער האָט געוואָלט ווייטער אויספאַרמירן דעם געדאַנק זיינעם, נאָר זי האָט אים איבערגעשלאָגן:

— „די נשמה?" — האָט זי אַ פרעג געטון מיט אַ קורץ אָפּגע־האַקט געלעכטערל, — וואָס הייסט ס'פעלט מיר די נשמה? איך בין דען געשטאָרבן?

— נישט אייך פעלט די נשמה, נאָר דער שיינקייט אייערער, — האָט ער זיך פלייסיק פאַרנומען איר צו דערקלערן, — איר פאַרשטייט... אייער שיינקייט האָט דעמאָלט געהאַט די נשמה, וואָס האָט געהייסן יוגנט.. זי איז געווען באַלויכטן פון יוגנט-פלאַם. (פויזע). נו, ווי זאָל איך עס אייך געבן צו פאַרשטיין... נו, קוקט אויף אַ זאַך בײַ דער שיין פון דער זון און קוקט אויף דער זעלבער זאַך נאָכדעם, ווי די זון פאַרגייט, די זאַך איז די זעלבע, זי ענדערט זיך נישט, אָבער בײַ דער שיין פון דער זון האָט עס דאָך געהאַט עפּעס אַן אַנדערשקייט... פאַראַן מענטשן, וואָס שלעפּן אַריין אין דער טיפער עלטער אַלע שטריכן, וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער יוגנט און פון אויבן אויף קאָן זיך דאַכטן, אַז זיי זענען יונג פאַרבליבן... קוקט מען זיך אָבער צו נענטער צו זיי, זעט מען, אַז דאָס איז בלויז אַ פאַרמאַרינירטע יוגנט, וואָס איז אָן דער שולד פון אָט דעם סאָרט מענטשן פאַרמאַרינירט געוואָרן... איר באַלאַנגט צו דעם זעלבן טיפּ מענטשן... איר זעט נישט נאָר נישט אויס די יאָרן, וואָס איר זענט אַלט, נאָר איר זעט אפילו אויס מיידליש, נאָר פונדעסטוועגן ווייס איך נישט, צי ס׳קאָן זיך איצט געפינען אַ מענטש, וואָס זאָל זיך פאַרליבן אין אַזאַ מיידלשקייט...

דער קינסטלער איז געווען העכסט צופרידן, וואָס אים האָט זיך איינגעגעבן צו פאַרמולירן אין ווערטער דאָס, וואָס ער האָט געזען און געפילט אין איר... ער האָט דאָך אייגנטלעך געכאַפּט צוויי האָזן מיט אַמאָל: אי ער האָט איר געזאָגט, אַז זי איז שיין און איינציייטיק האָט ער איר אויפן קלאָרסטן אופן געגעבן צו פאַרשטיין, אַז איר שיינקייט איז פאַר אים אַ טויטע זאַך און דאָס איז נאָך טויזנט מאָל ערגער, ווי ער וואָלט איר געזאָגט, אַז זי האָט זיך געענדערט... דאָס אַליין וואָלט דאָך קיין קונץ נישט געווען, זי וואָלט עס באַטראַכט פאַר אַ נאַטירלעכע זאַך, האָט ער אָבער, דער קינסטלער, צוגעטראַכט פאַר איר אַ גאַנץ נייע אינ-קוויזיציע... אָ, די קינסטלער! זיי זענען אין דעם פאַל נאָך עמפּינדלע-כער ווי פרויען, זיי קאָנען נישט פאַרגעסן אַזעלכע זאַכן. זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע און פאַרגעזעצט:

— אַך, ווען איר וואָלט געוווסט, ווי איך האָב אייך ליב געהאַט! איך פלעג טאָג און נאַכט טראַכטן וועגן אייך... אייער בילד האָט כסדר געשוועבט פאַר מײַנע אויגן און פונקט אַזוי ווי איך האָב אייך געליבט,

אַזוי האָב איך „אים" געהאַסט... עס איז געגאַנגען גענוג איך זאָל אַ טראַכט טון וועגן אים, און מיין גאַנץ וועזן איז אָנגעפילט געוואָרן מיט האַס און גיפט קעגן אָט דעם באַהערשער אייערן, וואָס האָט אייער האַרץ באַהערשט... מיינע באַגעגענישן מיט אים זענען געווען פאַר מיר דער גרעסטער פּיין, די גרעסטע אינקוויזיציע, וואָס אַ מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן זיך פאָרשטעלן... איך האָב אים געהאַסט, ווייל איך האָב געפילט מיין נישטיקייט, ווייל איך האָב געפילט, אַז איך בין אים נישט קיין קאָנקורענט... איך האָב מיך צוליב דעם דעמאָלט אַריינגעוואָרפן אין דער באַוועגונג אַריין און האָב געזוכט דורך קאָנספּיראַציע דערהייבן מיין נאָמען... מיר איז אָבער אַלס פשוטן אַרבעטער און אַנאַלפאַבעט, וואָס האָט אַפילו קיין רוסישע פּראָקלאַמאַציע נישט געקענט איבערלייענען, קיין פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט נישט פאַרטרויט געוואָרן און איך בין פאַרבליבן דער זעלבער נול, וואָס געווען... צו דער זעלבער צייט האָט אומדערוואַרטעט זיך דערוועקט אין מיר אַ דראַנג צו דער פען און איך האָב אָנגעהויבן צו שרייבן און איך האָב די ערשטע פרוכט פון מיין אַרבעט געבראַכט צו אייך אין הויז אַריין...

דער קינסטלער האָט אינמיטן איבערגעריסן, זיך געגעבן אַ זעץ אויפן געלעגער און זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אין קישן און האָט מיט איין אָטעם אַ זאָג געטון:

— פון אייער מאַן קומט דאָך מיר פינף רובל.

די מיידלשע יידענע האָט אים אָנגעקוקט מיט פּראַגעצייכנס אין די אויגן און ער האָט מיט פולן באַוואוסטזיין פון זיין איצטיקער גרויסקייט זי דערמאָנט אַ קליינעם עפּיזאָד, ווי ער, דער מאַן אירער, האָט זיך געוועט מיט אים אין פינף רובל. ער האָט אים, דעם מאַן אירן, (דעמאָלט איר געליבטער) דערציילט, אַז ער האָט אַוועקגעשיקט איינע פון זיינע אָנגעשריבענע זאַכן צום דרוקן, האָט איר איצטיקער מאַן און געוועזענער געליבטער זיך געוועט מיט אים צו פינף רובל, אַז מען וועט עס נישט דרוקן; געזעען, ווי זי שמייכלט אַזוי געלאַסן, האָט ער אַ פרעג געטון:

— וואָס, איר געדענקט נישט? איר זענט דאָך אויך געווען דערביי! — און אין אַ ווײַלע אַרום זיך צעפלאַמט: — אָ, איך וועל עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן! ווי ערשט נעכטן וואָלט עס פאָרגעקומען... איך

געדענק, ווי איך האָב מיך אַרומגעדרייט אויפֿן ברעג פֿון ים, אין אַ שבת־דיקן טאָג איז דאָס געווען; און פּונקט ווי דער ים איז געווען פֿאַרגאָסן מיט וואַסער, אַזוי בין איך אינגאַנצן געווען פֿאַרגאָסן מיט פֿרייד און אומענדלעך גליק, וואָס אײנער, וואָס האָט אַליין געשריבן און וואָס איז געווען אַ מבֿין אויף שרײַבן, האָט אַוועקגעשיקט מיינס אַ דערציילונג אין דער איינציקער יידישער צייטונג, וואָס האָט דעמאָלט עקזיסטירט... דאָס איז געווען מיט אַ טאָג פֿריער און די ערשטע, ווען איך האָב געראָט בדעה אָנצוזאָגן די בשורה, איז אייך און „אים", דער עיקר אים. ער האָט דאָך פֿון מיר חוזק געמאַכט. ער האָט מיך אפֿילו איינמאָל נישט געוואָלט אויסהערן, ווען איך האָב פֿאַר אים געוואָלט עפּעס פֿאָר־לייענען...

אַזוי ווי איך טראַכט וועגן אייך ביידן, און אַזוי ווי איך הייב אויף די אויגן באַרג אַרויף, זע איך, איר שפּאַנט ביידע באַרג אַראָפּ... איך האָב אייך דערזעען ביידע שיינענדיקע, ער האָט נאָך מער געשיינט פֿון אייך, פֿירנדיק אייך אונטער דער האַנט, ווי זיין אייגנטום... און איך האָב באַ זיך אַ טראַכט געטון:

„הער אויס, דו פֿאַרריסענער ליטוואַק, איך וועל דיר באַלד דער־לאַנגען איבערן קאָפּ!"... און איך האָב קיין געדולד נישט געהאַט צו וואַרטן, ביזוואַנען איר וועט זיך אַראָפּלאָזן פֿון באַרג, נאָר איך בין אייך אַנטקעגנגעגאַנגען און צוגעקומען צו אייך מיט יינגלשער פֿרייד און אויס־געדופֿן:

— איר ווייסט, מען האָט דאָך אַוועקגעשיקט מיינס אַ זאַך אין רעדאַקציע.

גיט ער מיך אַ מעסט אָפּ פֿון אויבן ביז אַראָפּ מיט אַ שאַרפֿן אי־ראָנישן בליק, די ליפּן זיינע צעגייען זיך אין אַן איראָניש שמייכעלע און ער גיט זיך אַ זאָג:

— „איך וועט זיך מיט אייך אין פֿינף רובל, אַז מען וועט עס נישט דרוקן".

און ער האָט מיך אויפֿן אָרט „אָוועקגעלייגט". ווען עמעצער וואָלט מיר געגעבן מיט אַ פֿלאַקן איבערן קאָפּ, וואָלט מיר געווען אַ סך, אַ סך בעסער.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זי האָט זיך פֿאַרנומען שפּילן מיט

זיינע ברילן, וואָס זענען אויפן טיש געלעגן און געקוקט און געשמייכלט אין גלעזערנעם גלאַנץ אין זייערן און האָט געהאַט אַ נעפּלדיקע פאַר־שטעלונג, אַז די ברילן, וואָס ער האָט אָנגעטון, האָבן עפּעס אַ שייכות מיט דעם גרויסן נאָמען מיט זיינעם, וואָס ער האָט זיך פאַר דער צייט דערוואָרבן, און האָט זיך דערביי אַזוי אַ זאָג געטון:

— „און איך געדענק עס גאָרנישט"...

— דערפאַר געדענקט ע ר עס זיכער. איך האָב נאָך נעכטן, גלייך ווי איך בין אַריבערגעטרעטן אייער שוועל, געוואָלט אַ מאָן טון באַ אים די פינף רובל, נאָר איך האָב מורא געהאַט, אַז איך וועל אים מאַכן זיך שלעכט צו פילן... (פויזע) איך וואָלט נאָר געוואָלט איין זאַך זיך דער־וויכן, צי איז ער טאַקע געווען אַזוי שטאַרק זיכער אין מיין טאַלאַנטלאָ־זיקייט, צי ער האָט בכיוון מיר געגעבן דעם קלאַפּ, פילנדיק, אַז ווען איך וועל ווערן אַ מענטש מיט אַ שטיקל נאָמען, קאָן ער אין מיר קריגן אַ קאָנקורענט... עס איז מער ווי זיכער, אַז ווען איר וואָלט דערביי נישט געשטאַנען, וואָלט ער עס נישט געווען געזאָגט און ווען אפילו יאָ, וואָלט עס אויף מיר אַזאַ איינדרוק נישט געמאַכט...

איר מיינט, איך האָב עס דעמאָלט אויך נישט פאַרשטאַנען. און דאָך איז עס פאַר מיר געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ... פאַרגעסט נישט מיין לאַגע און מיינע אומשטענדן. אין וועלכע איך האָב זיך געפונען. די גרעסטע פאַנטאַזיע מיינע איז געווען פאַר זיך עפענען אַ ווערקשטאַט און אַרויסהענגען שילדן אינדרויסן און אויף יעדער פון זיי זאָל זיין אָנגעשריבן מיין נאָמען. אָבער אַ שרייבער צו ווערן ? איך האָב אפילו נישט געחלומט וועגן דעם, ווייל חלומען חלומט זיך דאָס, וואָס מען טראַכט און דאָס, וואָס מען זעט, און דאָס מין — שרייבעריי און שרייבער, נישט איך האָב געוווסט וועגן דעם און נישט איך האָב וועגן אַזעלכעס געהערט... פאַרגעסט נישט, אַז די סביבה, אין וועלכער איך האָב זיך געפונען, האָט נישט געוווסט וועגן ביכער און נישט געהערט וועגן יענע, וואָס שרייבן ביכער...

איך בין געקומען צו דער פען אומדערוואַרטעט און אומגעריכט פאַר זיך אַליין. איז קאָנט איר זיך פאַרשטעלן ווי איינזאַם איך האָב זיך געפילט אין מיין סביבה... ווי אַ וואַסער־געוויקס, וואָס וואַקסט אַרויס פון וואַסער, אַזוי בין איך פון אָט דער סביבה אַרויסגעוואַקסן... איך האָב

נישט געהאַט דעם גלויבן, ווי עס האָבן אָט די צענדליקער אָדער הונ־דערטער אינטעליגענטן, וואָס וואַרפן זיך צו דער פּען קודם כּל נישט מיט זייער טאַלאַנט, נאָר מיט זייער „אינטעליגענץ". איך האָב אַזוי אויך נישט געגלייבט אין זיך, ווייט־ווייט נישט געווען זיכער אפילו נאָכדעם, וואָס די זאַך מײַנע איז אַוועקגעשיקט געוואָרן אין רעדאַקציע, אַז זי וועט זיך דרוקן... און דאָ קומט ער און גיט עס מיר אַ זאָג...

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און זי האָט נייגיריק אַ פרעג געטון:

— נו, און וואָס איז געווען נאָכדעם?

— ווען נאָכדעם?

— נאָכדעם, ווי ער האָט דאָס אײַך געזאָגט?

— גאָרנישט!... ער האָט זיך עס געטון אַ זאָג אָפּ און מיט דער זיכערקייט, אַז איך וועל שוין זײַן קאָנקורענט נישט זײַן, האָט ער אײַך געטון אַ נעם אונטער דער האַנט און איר זענט אַוועק און אין אײַער גאַנג איז געווען צו דערקענען, אַז איר האָט גלײַך פאַרגעסן אָן מיר און אין מײַן שרײַבן. נאָכדעם האָט איר גענומען אַ שיפל און זיך ביידע ווי איינער זיך אַרײַנגעזעצט. איך בין געשטאַנען און האָב געקוקט, ווי איר דערווייטערט זיך פון ברעג, דערווײַטערט זיך פון ערד און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איר גיסט זיך דאָרטן אַלץ ענגער און ענגער צוזאַמען און איך האָב געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז איר שווימט אין אײַער גליק אַוועק, אין אײַער אייגן גליק, וואָס נאָר דאָרטן אויפן גרויסן ברייט צע־גאָסענעם יום־טוב פון קילן וואַסער און ים קאָנט איר פרײַ געניסן דער־פון, אַז די ערד איז פאַר אײַך צו וואָכעדיק... אָ, ווי כ'האָב אײַך דע־מאָלט געהאַסט און אַ ווונטש האָט אָנגעפילט דאָס גאַנצע וועזן מײַנס, אַז אײַערע פיס זאָלן שוין מער אויף דער יבשה נישט שטיין, איר זאָלט זינקען אין אָט דער וואַסערדיקער אומענדלעכקייט, וואָס איז פאַר אײַך דעמאָלט אײַער אומענדלעך גליק געווען...

ער האָט זי קענטיק אָנגעשטעקט מיט זײַן טעמפּעראַמענט, דאָס איז געווען צו דערקענען אין אירע אויגן, וואָס האָבן אַ גלענצל באַקומען און אין די שפּיץ באַקן האָט זיך אַ בייזקייט צעשפּילט, און דאָס שמייכע־לע אירס איז שוין נישט געווען אַזוי פאַרעוועט ווי פריער... דער קינסטלער האָט עס באַמערקט און איז געווען העכסט צופרידן. אָט ווען זי וועט זיך איצט אין אים פאַרליבט! ער וועט פון איר האַרץ זיך אַ שפּילעכל

געמאַכט, אָט פּונקט ווי ער איז דעמאָלט געווען אַ שפּילעכל בײַ איר געליבטן...

— נו, נו, און וואָס איז געווען ווײַטער?

ער האָט זיך באַקוועמער געמאַכט דאָס זיצן זײַנס אויף זײַן געלעגער, זיך אָנגעשפּאַרט מיטן עלנבויגן אין קישן און פאַרגעזעצט:

— די נאַכט האָט אָנגעהויבן צופאַלן, די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַלץ נעענטער צום ים און אָט־אָט באַרירט זי מיט איר רונדקייט דאָס וואַסער און דאָס אָרט, וואָס איז אין באַרירונג מיט דעם וואַסער געקומען, האָט זיך אויסגעלאָשן און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, און קוקנדיק אין דער זון, וואָס לעשט זיך און פאַרשווינדט אַזוי, האָב איך געפילט, לעשט זיך אין מיר און ס׳גייט אויס דאָס גליק, וואָס האָט זיך צו מיר געהאַט געוויזן... אַזוי ווי אַן אָרימאַן, וואָס איז להוט נאָך זילבער־געלט און ס׳חלומט זיך אים בײַנאַכט, אַז ער קלויבט און קלויבט זילבער און כאַפּט זיך אויף מיט גאָרנישט, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, האָב איך, דער גײַסטיקער אָרימאַן, אַזאַ חלום געהאַט, אַ חלום פון גײַסטיקער עשירות... און אויפגעוועקט פון שלאָף האָט מיך „ער״ טאַקע און איך האָב דערפילט אַזאַ פּוסטקייט אין מײַן האַרץ און פּונקט דאָרטן, ווו כ׳האָב מיר דעמאָלט פאַרגעשטעלט, ווי איר זעט דאָרטן גליק און בלויז גליק אַרום זיך, אַזוי האָט זיך מיר געדאַכט, איז אַרום מיר בלויז אומגליק; אַ פײַערדיק אומגליק האָב איך אין דער פאַרגייענדיקער זון דערזען, אַ ים מיט אומגליק האָב איך פאַר זיך אין ים געזען... אָ, ווי מיך האָט געשווינדערט די טונקלקייט, וואָס האָט נאָך זון־אונטערגאַנג אָנגעהויבן אַרויסצוקריכן פון וואַסער אַרויס... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט די נאַכט קריכט פון דאָרטן, נאָר טונקעלער שטילער אומעט...

ס׳איז מיר ענג געוואָרן אין ברייטן רוים, איך האָב געזוכט ערגעץ אַ ווינקל אום זיך צו פאַרשטעקן... איך האָב אַזוי געהאַסט דעם ים פאַר זײַן רויקייט און שטילקייט, איך בין געווען אונטערן אײַנדרוק, אַז ער איז מיט אײַך, די גליקלעכע, אַז ער וויל אײַער גליק און אײַער פרייד נישט שטערן, דערפאַר ליגט ער זיך אַזוי גלאַט און רויק...

איך האָב מיך אַרויפגעדראַפּעט אויף אַ הויכן פעלז און דאָרט אַוועקגעזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. איך האָב פון צײַט־צו־צײַט געכאַפּט אַ קוק אַראָפּ אונטן און געטראַכט, ווי פײַן דאָס וואָלט געווען,

ווען איך גיב זיך אַ וואָרף אַראָפּ. איך וואָלט דאָך געקריגן צוויי טויטן מיט איין מאָל. איך וואָלט צעשמעטערט געוואָרן אין שטיין און די רעשט וואָלט שוין דאָס וואַסער פאַרענדיקט... איך האָב געוויינט. שטיל און נאַס געוויינט... איך האָב געפילט צו זיך אַ גרויס רחמנות און פאַר דעם רחמנות זיך געהאַסט, און דערפאַר, וואָס איך האָב זיך אַליין געהאַסט, האָב איך נאָך מער געוויינט... מייגע טרערן זענען געפאַלן אויפן שטיין און אין וואַסער. דער שטיין איז נישט גערירט געוואָרן און דער ים איז נישט פולער געוואָרן...

דערזעען בײַ איר טרערן אין די אויגן, האָט ער פול מיט סאַר־קאַזם געזאָגט:

— איך האָב אייך גערירט? צי ווייגט איר, וואָס דאָס אַלץ איז שוין אַריבער?... אפשר, וואָס ווייסט איר, אפשר בין איך נאָך ביזן היינ־טיקן טאָג פאַרליבט אין אייך? (פויזע). איר וואָלט עס געוואָלט, יאָ? נו, געוויס! אָ, דאָס וואָלט אייך זייער אימפּאָנירט... נו, און איר זענט אפשר איצט גרייט זיך צו פאַרליבן אין מיר? איך וואָלט עס זייער געוואָלט...

— צו וואָס באַדאַרפט איר דאָס? — האָט זי מיט אומצוטרוי געפרעגט בײַ אים...

— צו וואָס איך באַדאַרף עס? יאָ, איך באַדאַרף עס טאַקע נישט. נאָר איין זאַך וויל איך, אַז דער מאַן אייערער זאָל פאַלן אין אייערע אויגן, איר זאָלט קוקן אויף אים מיטן זעלבן קוק, ווי איר האָט דעמאָלט געקוקט אויף מיר... אָ, דאָס וועט זיכער געשעען, צי איר וועט עס וועלן צי נישט און דאָס וועט זיין מיין באַפרידיקונג... מיר איז באַוווּסט די טראַגעדיע, וואָס אַ ווייב לעבט איבער, ווען דער מאַן אירער פאַלט אַראָפּ פון יענעם פּעדעסטאַל, אויף וועלכן ער איז פאַר איר יאָרן און יאָרן געשטאַנען, און פאַרן מאַן אַליין איז דאָס אויך נישט קיין קלענערע טראַ־געדיע... דאָ וועט איר ביידע באַקומען אייער שכר פאַר דעם בלוט, וואָס איז אין מיר דורך אייך פאַרגאָסן געוואָרן.

— איך האָב אייך דעמאָלט נישט געקאָנט אָנקוקן און איצט האָב איך אייך נאָך מער פיינט, — האָט זי מיט אַ מאָדנע טאָן אָפּגעאַקצענטירט יעדעס וואָרט.

— אויב אַזוי, בין איך צופרידן! — האָט ער מיט אַ יעזויטיש שמייכעלע געזאָגט. — אייער האַס צו מיר איז שוין אַ באַווייז, אַז איך

האָב אייך געטראָפן אין ביין אריין... אָט אַזוי מוז אַ כשרה בירגערלעכע פרוי האַסן איינעם, ווען זי וואַרפט דורך דעם איינעם אָן אומחן אויף איר מאַן... אָ, ווי קומט איר צו ליבע איצט? איר זענט דאָך איין שטיק מילכיקס... איך ווייס אפילו נישט צו איר קאָנט האַסן שטאַרק... בּאַ אייך איז דאָך שוין נאָך אַלעמען, איר פאַרשטייט... ווען קען עס רירן די פאַרמאַריינירטע מיידלשע שיינקייט אייערע? איר קוקט דאָך שוין צו מעריב, איר פאַרשטייט? אָט דאָס איז דער אונטערשיד פון גייסט ביז קערפּער. איך האָלט ערשט אינמיטן רעכטן בּליען... איך בין נאָך פול מיט לעבן, פול מיט ענערגיע, איך גיי נאָך ווייטער, איך קלעטער נאָך העכער, און איר וואָס? איר זענט שוין באַנקראָט!

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט צו איר, האָבן בּאַ איר די אויגן געגלאַנצט מיט שנאה און האַס צו אים. נאָר דעם קינסטלער האָט עס נישט געקימערט. פאַרקערט, ער איז נאָך צופרידן געווען. אָט פונקט ווי ער האָט דעמאָלט געגאַרט זי זאָל זיין פאַרליבט אין אים, אַזוי האָט ער איצט באַגערט זי זאָל אים האַסן... ער האָט איר אַ לענגערע צייט אריינגעקוקט אין די אויגן אריין און גאָר פלוצלינג אַ כאַפּ געטון זי בּאַ אַ האַנט און מעפיסטאָפעליש אַריינגערעדט איר אין פּנים אריין:

— אַ-אַ-אַ! איר האַסט מיך! איר האַסט מיך! גוט, איר... — —

— — — — — — — — — —

ער האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר זי האָט זיך געגעבן אַ ריס אַרויס און איז האַסטיק אַפּגעצויגן...

ער איז גלייך אויפגעשטאַנען, געשווינד זיך געגעבן אַ טו אָן און האָט זי געגומען אַרומזוכן אין אַלע צימערן, האָט זי פיל מאָל גערופן, נאָר זי האָט זיך פון ערגעץ נישט אָנגערופן. ער איז אריין אין קיך, דאָרטן האָט ער אַרונטערגעשטעלט דעם צעהיצטן קאָפּ אונטערן קראַן און לאַנג געלאָזט גיסן אויף אים דאָס קאַלטע וואַסער.

ער האָט זיך אַ ביסל באַרויקט, געווישט מיטן פוכיקן האַנטוך דעם קאָפּ און פּנים און געשמייכלט פון דעם גאַנצן אויפטו פון זיינעם... אַך, צום טייוול! צו וואָס האָט עס אים געטויגט?

זיך אַרומגעווישט און זיך אָנגעטון דעם קאַלנער און דאָס רעקל, האָט ער זיך אָוועקגעזעצט וואַרטן אויף איר. אין קיך איז ער געזעסן און

געקוקט אויפן אויסגעפוצטן און אויסגעשייערטן גאַז־אויוון, ווי איין רער האָט געברענט מיט אַ פּאָר צענדליק קליינע בלויאינקע פֿייערלעך, וואָס האָבן אין זיין פאַנטאַזיע אויסגעזעען, ווי נשמהלעך פון קלייניקע שדימלעך.

אָפּגעזעסן אַ פינפצען—צוואַנציק מינוט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז אַזוי לאַנג ווי ער וועט דאָ זיין, וועט זי שוין נישט אַריינקומען. ס'איז אים אָבער זייער נישט אָנגענעם געווען אָן אַ „זיי געזונט" צו פאַרלאָזן דאָס הויז און די יעניקע, וואָס האָט אים אַזוי גאַסטפריינטלעך אויפגענומען... ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר מיט אַ שרייב־פען פון קעשענע און האָט איבערגעלאָזט אַזאַ צעטעלע:

„מיין ליבע קרובה, איר וועט מיר זייער אַנטשולדיקן! ... בעמט נישט ערנסט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב גערעדט און געזאָגט. דאָס איז געווען בלויז אַ קינסטלערישע דעמאָנסטראַציע... פון מיר האָט אַרויסגערעדט דער קינסטלער, נישט דער רעאַליסטישער מענטש... דאָס האָב איך דעמאָנסטרירט אַ דערציילונג, וואָס איך וועל מיט דער צייט אָנשרייבן מיט איין קערנדל פון דער וויכטיקייט... פאַרבלייבט מיר געזונט און שטאַרק, גריסט ליבלעך און פריינטלעך דעם זייער סימפּאַטישן ליטוואַק אייערן".

ער האָט אונטערגעשריבן דעם נאָמען זיינעם, האָט דאָס קוויטעלע צונויפגעלייגט, געלאָזט אויפן טיש און איז אַוועק...

ער איז נעבעך אַ מענטש

דעם זייגערמאַכער באַרענבוים וואָלט געקאָנט זיין גוט, זייער גוט, אפילו גאָר גוט, און דערפאַר טאַקע ווייל ס׳וואָלט געקאָנט און ס׳איז נישט, איז אים דערפאַר שלעכט, זייער שלעכט, און טאַקע גאָר שלעכט.

אַ גאַנץ געוויינלעכע מעשה: ער איז פאַרליבט אין אַ מיידל און דאָס מיידל, אין וועלכער ער איז פאַרליבט, איז פאַרליבט אין אים. איז דאָך גוט? ניין, איז דאָס טאַקע ערשט שלעכט דערמיט, וואָס ס׳וואָלט געקאָנט זיין נאָך בעסער, און בעסער וואָלט עס געקאָנט זיין, ווען ער וואָלט צו דעם מיידל באַקומען אַן אפותיקא (אַ סך געלט), און נאָך ערגער איז פאַרדראָסיקער איז דאָס מיט דעם, וואָס דער טאַטע אירער פאַרמאָגט, און פאַרמאָגט אַ סך, פאַרוואָס זאָל ער נישט געבן, פאַרוואָס? איז איין מאָל אַוועק, און, צווייטנס, איז ער טאַקע אַ נצרך, מוז ער האָבן געלט, ער זאָל זיך קאָנען צעפירן די הענט און זיך שטעלן אויף די פיס: אַזאַ מענטש ווי ער טאָר אָן קיין געלט נישט חתונה האָבן, און טאָמער נישט, בלייבט ער אַן אייביקער קבצן, וועט ער אַלע יאָרן זיינע זיצן באַם פענצטער, באַם גרויסן קלייט-פענצטער, און וועט באַדאַרפן אַרויסקוקן, מ׳זאָל אים אַריינטראָגן אַ זייגער און אַ זייגערל צורעכט מאַכן; פאַר אַ בחור איז דאָס גאַנץ גענוג. אמת, ער האָט אפילו אָפּגעשפּאָרט אַ ביסל געלט, אָבער זיך צעפירן די הענט און זיך שטעלן אויף די פיס מיט דעם געלט קאָן מען נישט, און חתונה האָבן און ציען חיונה פאַר זיך און פאַר אַ ווייב מיט קינדער פון צורעכט מאַכן אַ זייגערל קאָן מען אוודאי נישט.

און וואָס איז טאַקע די מעשה מיט אָט דעם ייד, מיט זיין מיידלס טאַטן, וואָס ער וויל אַזאַ פשוטע זאַך נישט פאַרשטיין ? איז אָט די פשוטע זאַך אויך נישט אַזוי פשוט. דער ייד אַליין וואָלט אפשר געווען נישט ערגער פון אַלע אַנדערע יידן קבצנים. ווינציק קאַרגע (רייכע) יידן זענען דאָ אויף גאָטס וועלט ? פונדעסטוועגן ווייסט יעדער ייד, אַז ווען ער וויל אויסגעבן אַ טאָכטער, דאַרף ער געבן דער טאָכטער נדן, און דער ייד וואָלט עס, ווי אַלע יידן, וואָס ווייסן דאָס, געוווסט. איז אָבער דער ייד נישט אינגאַנצן שולדיק אין דעם. דאָ שטעקט אים ווי אַ פלוים אין האַלז אַ צווייטע פערזאָן, און דאָס איז דער שוואָגער, זיין מיידלס טאַטנס איידעם. שולדיק איז יענער דערמיט, וואָס יענער האָט דעם ייד אַ וועג געוויזן, אַז מען קאָן אויסגעבן אַ טאָכטער אָן נדן. יענער, זיין מיידלס שוואָגער, זיין מיידלס טאַטנס איידעם, האָט זיך פאַרליבט, כמעט ווי איינציטיק מיט אים אין דער עלטערער שוועסטער, אין איר טאַטנס עלטערער טאָכטער (אָט אַ מזל פון אַ ייד !). יענער האָט אפילו נישט מזכיר געווען וועגן נדן, זיך באַקענט, זיך פאַרליבט און חתונה געהאַט. אין אַ משך פון אַ פינף-זעקס חדשים איז דאָס אַלץ פאָרגעקומען, עס הייסט, דאָס באַקענען זיך זייערס, דאָס פאַרליבן און דאָס חתונה האָבן. שוין באַלד אַ יאָר נאָך דער חתונה און מען קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן די פיינקייט פון דעם יונגנמאַן, פונם איידעם, וואָס האָט אפילו נישט מזכיר געווען וועגן נדן, אין דער אַלטער קאַרגוליע, ער גלעט זיך די באָרד און רעדט זיך מיט אַזאַ לשון :

— וואָסי, יעקב אבינו איז געווען אַ גרעסערער יחוס פון אים (פונם איידעם), פונדעסטוועגן האָט ער געדינט איינמאָל זיבן יאָר און אַ צווייט מאָל זיבן יאָר פאַר דעם ארמיס טאָכטער.

נו, קאָן זיך אים עפּענען דאָס מויל צו רעדן וועגן נדן ? כאָטש זיין לאַגע איז אינגאַנצן אַנדערש, ווי דעם בוכהאַלטערס. דער בוכהאַלטער פלוימענבוים (צופעליק אַזאַ ענלעכקייט אין די פאַמיליעס) איז אַ בוכהאַלטער, שרייבט ציפערן און באַקומט דערפאַר שיינע שכירות, איז האָט ער געקאָנט זיין אַזוי פיין און אַזוי לייטיש. וואָלט ער אָבער געווען אַ קרעמער אָדער אַ סוחר, וואָלט ער בײַ זיין (בײַ יענעמס) בעסטן ווילן נישט געקאָנט.

איז ווער דאָ אין דעם שולדיק, אויב נישט דער בוכהאַלטער פלאָ-

מענבוים ? יענער האָט אַריינגעוואָרפֿן אַ שטיין אין גאָרטן און דער מוז זיך, נעבעך, ווערגן מיט דעם שטיין, און ער האָט מורא, ער האָט שטאַרק מורא, אַז עס איז פֿאַרפֿאַלן... ער האָט אפֿילו אַ פּאָר מאָל נאָך דער חתונה געפּרוּווט איבערהוּשקען דעם איידעם, ער זאָל פֿאָדערן נדן באַם שווער, האָט אים יענער געזאָגט. אַז ס׳איז שוין שפּעט. אוודאי שפּעט, ער ווייסט אַליין. אַז ס׳איז שפּעט, נאָר געוואָלט וואָלט ער, אַז יענער זאָל כאָטש איין מאָל אַ מאָן טון. און דאָס וואָלט אים געגעבן אַ פּתחון-פּה. הייסט עס, פֿאַרפֿאַלן ? קאָן עס אָבער פֿאַרפֿאַלן נישט זיין, ווייל ער אָן געלט קאָן נישט חתונה האָבן. ער קאָן זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז ער זאָל דאַ פֿון אויך נאָך דער חתונה זיצן באַ דעם זעלבן ווערקשטאַטל אַקעגן גרויסן פֿענצטער, אינם זעלבן שמאָלן קלייטעלע, וואָס די גאַנצע ברייט פֿון דעם איז נישט ברייטער פֿונם פֿענצטער. ס׳מאָלט זיך אים נישט, אַז ער זאָל דאָ״ט אויך נאָך דער חתונה באַדאַרפֿן זיצן און הערן דעם גאַנג פֿון די וואַנט זייגערס, וואָס ער האָט זיי געמאַכט צום גיין, צום קלאַפּן און צום קלינגען... יאָ, ס׳איז אַ גאַנץ פֿיינע, איידעלע אַרבעט, נעמען אַ שברי-כּלי, אַ זייגער, וואָס שטייט, און מאַכן אים צו גיין. אָבער אַזוי לאַנג ווי מען איז אַ בחור... ער מיינט, אַז עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע זאַכן, וואָס אַז מען טוט זיי בחורוויז זענען זיי שיין פֿאַרן בחור און פֿאַר אַ חתונה געהאַטן זענען זיי עפּעס... נישט, וואָס זיי זענען נישט שיין, נאָר פּשוט, ס׳איז אַ בחורישע אַרבעט... יאָ, מ׳קאָן נאָך דער חתונה אויך אָננעמען אַ זייגער צורעכט צו מאַכן, נאָר דאָס באַדאַרף נישט זיין דער עיקר, דאָס דאַרף זיין אַ בייזאַך. אַ לעבן דאַרף מען מאַכן פֿון פֿאַרקויפֿן אַ זייגער און אַנדערע אַרטיקלען, וואָס באַלאַנגען אין דעם מסחר אַריין... אַ שטייגער, אַזאַ מין קלייניקייט: אָט דאָס זייגערל, וואָס שטייט אויפֿן פֿענצטער און עס האָצקעט זיך אַ מענטשעלע אויף אַ פּרוזשינע. ער האָט עס נישט פֿיינט, אָט דאָס מענטשן-זייגערל, ער ווייסט אָבער, אַז דאָס איז אַ זאַך נאָר פֿאַר אַ בחור אַ זייגערמאַכער, און אויב ער וועט חתונה האָבן אָן נדן און זיך נישט קאָנען עפּענען קיין געשעפֿט, ווי ס׳באַדאַרף צו זיין, וועט ער פֿאַרבלייבן אויף דעם זעלבן אָרט, און דאָס מענטשעלע וועט זיך ווייטער האָצקען נאָך דער חתונה...

II.

דערווייל איז שוין אַוועק אַנדערהאַלבן יאָר, אַז ער פּירט זיך אַרום מיטן מיידל און ער ווייסט אַסור נישט מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן. ווען מ'וואָלט געקומען און מ'וואָלט אים גענומען מיט געוואַלט — ווען אַזאַ מאַכט וואָלט געווען — און אים חתונה געמאַכט, וואָלט ער געווען צופרידן. ער אַליין אָבער האָט קיין מוט נישט דאָס צו טון. פּשוט אוממעגלעך. נו, קומט אויס, אַז וואָס?... איז דאָס אָבער אויך אוממעגלעך... ער האָט זי דאָך ליב! הייסט דאָס, נישט אַהער, נישט אַהין... אַנדערהאַלבן יאָר איז אַפילו נישט קיין סך, אַז מ'גייט אַרום מיט אַ מיידל; באַ לייטן גייט מען אַרום יאָרן לאַנג און ווער ווייסט, וואָס פאַר יאָרן־לאַנג קאָן זיך ענדערן. דאָ אָבער שטייט אים ווידער אָט דער בוכ־האַלטער פלאָמענבוים ווי אַ פלוים אין האַלז. יענער ווערט שוין דאָרטן באַלד אַ טאַטע, און די שוועסטער אירע — אַ מאַמע, דאָס הייסט, אַז פאַר דער צייט, וואָס זיי ביידע, ער — דער זייגער־מאַכער באַרענבוים, און דער בוכהאַלטער פלאָמענבוים, האָבן זיך כמעט ווי איינצייטיק מיט די צוויי שוועסטערן באַקאַנט, איז דער מיט יענער שוין אַזוי ווייט פאַר־פאָרן, און ער מיט דער שטייען נאָך אַלץ אויף איין אָרט... איז דערפאַר אַנטקעגן יענעם פאָרל קומט שוין במילא אויס, אַפילו פאַר זיך אַליין, אַז אַנדערהאַלבן יאָר אַרומדרייען זיך מיט אַ מיידל איז די והותר... אים דאַכט זיך, אַז ווען יענץ פאָרל דאָרטן וואָלט נישט געהאַלטן דערביי, ווו זיי האַלטן, ווען די שוועסטער אירע דאָרט וואָלט זיך נישט געקליבן אַ מאַמע צו ווערן און מאַכן אים, דעם שוואָגער אירן, פאַר אַ טאַטן, אַז ווען נישט דאָס, (פאַרוואָס עפּעס נישט, פאַרוואָס?) וואָלט ער נאָך אַלץ צייט געהאַט... אין ער האָט באַשלאָסן צו גיין און זאָגן דעם טאַטן אירן אַזוי און אַזוי: ממה נפשך — יאָ־יאָ, נישט־נישט... ס'הייסט אַזוי: אויב ער וועט באַווייליקן אויף יאָ, וועט דאָך זיין יאָ, און אויב נישט?... וועגן דעם האָט ער נאָך קיין באַשלוס נישט אָנגענומען, און דערפאַר

האָט ער נישט געוווּסט, וואָס ער וועט טון, ווען יענער וועט אים אָפּזאָגן. און דאָס איז געווען די אורזאַך, וואָס ער האָט עס אַרייַנגעלאָזט אין דער לאַנגער באַנק אַריין, אָפּגעלייגט פון איין טאָג אויפן אַנדערן, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז דאָרטן איז דעם מיידלס שוועסטער געלעגן געוואָרן, און דאָס האָט שוין באַשלאָסן דעם גורל זיינעם. ס׳הייסט יענער, אַלץ דער בוכהאַלטער פלאָמענבוים, יענער האָט אים אומדירעקט, און אַליין גאָרנישט חושד זייענדיק, אים אַריינגעשפּילט אין זיין מזל אַריין פונם אָנהייב ביזן סוף... נאָר לאָמיר נישט כאַפּן די פיש פאַר דער נעץ און בהדרגה דערציילן ווי אַזוי דאָס איז צוגעגאַנגען.

* *

*

נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער פאַרן ברית האָט ער באַקומען דורך פּאָסט צוגעשיקט אַן איינלאַדונג אויפן ברית צו קומען. אינם באַשטימטן טאָג איז דער זייגערמאַכער געקומען אויפן פרימאָרגן צו דער טיר פון זיין קלייטל אַ יום־טובדיק־אויסגעפּוצטער. ער האָט אינגאַנצן אויסגעזעען ווי איינער זעט אויס, ווען ער קומט שבת אָדער יום־טוב צו זיין צוגעמאַכט געוועלב און ער דאַרף עפּעס אַרויסנעמען פון דאָרטן, וואָס ער האָט פאַרגעסן ערב שבת (אָדער ערב יום־טוב), און ער דאַרף עס טאַקע האָבן, אָט דאָס, וואָס ער האָט אין קלייט פאַרגעסן, לכבוד שבת. יאָ, ס׳האָט שוין גאָרנישט אויסגעזעען, אַז ער איז געקומען צו דער אַרבעט. אָבער געווען זענען טאַקע ביידע זאַכן: אי ער איז צו דער אַרבעט געקומען און איינצייטיק איז ער שוין געקומען אַן אויסגעפּוצטער, כּדי שוין פון דאָרטן, צו דער באַשטימטער שעה, אַוועקצוגיין אויפן ברית.

געקומען איז ער, געעפנט די טיר און אַרויפגערוקט דעם שטאָר פון פענצטער ניין אַ זייגער; און צוועלף אַ זייגער, ווען אַלע זייגערס, וואָס זענען בּאַ אים דאָרטן אויף די ווענט געהאָנגען, האָבן זיך איינער נאָך דעם אַנדערן אין אַ קלאַפּעריי און אַ קלינגעריי צעלאָזט, האָט ער שוין צוגעשלאָסן די טיר, אָבער נישט מיטן באַנאַכטיקן שלאָס, נאָר מיט אַ באַטאָגעדיקן, אַ דערווייליקן, ס׳הייסט, מיט אַ שלאָס האָט ער די

טיר פאַרשלאָסן אויף צו באַווייזן, אַז ס׳הענגט אַ שלאָס אויף דער טיר... אויפן פענצטער האָט ער נאָר אַ העלפט אַראָפּגעלאָזט דעם שטאָר, אויך אַזוי זיך צו באַווייזן, אַז ס׳איז אָפן און פאַרמאַכט, אָדער, אַז ס׳איז נישט אָפן און נישט פאַרמאַכט; צו באַווייזן, אַז דער באַלעבאָס איז שוין דאָ געווען, אַז איצט איז ער נישטאָ און אַז שפּעטער וועט ער ווידער זיין...

די אונטערשטע העלפט פענצטער איז געבליבן אָפן, און די עטלעכע זייגערלעך, וואָס זענען אין פענצטער געהאָנגען, זענען געבליבן אָפּגעצוימט פון גאַס מיט אַ דין גלאָז און האָבן זיך זילבערדיק און קיילעכיק אַרויסגעגלאַנצט צו דער גאַס און מיט זייער קליינער צאָל, וואָס זיי זענען דאָרט געהאָנגען, און ווי אומעטום בײַ אַזעלכע זייגערמאַכערס, אַזוי איז דאָ בײַ דעם אויך שווער געווען צו באַנעמען צו וועמען, אָט די עטלעכע אַלטע, עלטערע, געניצטע זייגערלעך באַלאַנגען, צי זענען זיי דאָס אייגנטום פון דעם זייגערמאַכער, צי באַלאַנגען זיי צו מענטשן פון גאַס.

הינטן, הינטער די זייגערלעך, וואָס זענען געהאָנגען, איז אויפן פענצטער-ברעט געשטאַנען דאָס זייגערל מיטן העצקענדיקן מענטשעלע, וואָס האָט זיך געהאַלטן אין איין וויגן, און ס׳איז נאָך בײַ אים נישט געווען דער פאַל, אַז דאָס זייגערל זאָל בלייבן שטיין און אַז דאָס מענטשעלע זאָל זיך אויפהערן צו האָטשקען. ער האָט דאָס אַלעמאָל געהאַט אויפן אויג, און אויך איצט פאַרן אַוועקגיין, האָט ער אַ וואָרף געטון אַ קוק וויפיל ס׳האַלט אָט דאָס זייגערל און האָט אייַנצייטיק אויך אַ קוק געטון אויף די בײדע זייגערלעך, וואָס ער טראָגט מיט זיך אין די קאַמזויל-טעשלעך, צי בײדע זייגערלעך גייען פּינקטלעך אַזוי ווי יענץ זייגערל, און פאַרקערט — צי גייט יענץ זייגערל פּינקטלעך אַזוי ווי די צווייי. און ווידער האָט ער געקוקט אויף די צוויי, צי גייט איינס אַזוי שטרענג פּינקטלעך, ווי דאָס צווייטע.

דאָס האָט ער נישט נאָר איצט געטון — אַלע מאָל איז דאָס בײַ אים אַזוי, אַלע מאָל טראָגט ער בײַ זיך אַרום צוויי זייגערלעך: איינס אַ פרעמדס און דאָס צווייטע אַן אייגנס. דאָס אייגענע זייגערל מוז גיין פּינקטלעך ווי דאָס פרעמדע, און דאָס פרעמדע מוז תמיד זיין פּינקטלעך ווי דאָס אייגענע, און דאָס זייגערל מיטן מענטשעלע האָט געמוזט זיין פּינקטלעך ווי די בײדע...

איצט האָט ער עפּעס באַזונדערס אַכט געגעבן אויף די זייגערס, ווייל דער מאָמענט איז געווען זייער אַן ערנסטער... עפּעס האָט ער זיך דאָך געקליבן ערגעץ צו גיין, און געפֿילט, אַז מיט דעם איצטיקן גיין וועט זיך די לאַגע ענדערן, אַז ס'וועט עפּעס אַנדערש ווערן, ווי ס'איז געווען ביז איצט... און דערפֿאַר האָט ער געהאַט אַזאַ נישט באַגרייפֿנד געפֿיל, אַז די צוויי זייגערלעך, וואָס ער האָט בײַ זיך, מוזן גיין שטרענגריכטיק און פּינקטלעך צו דער סעקונדע...

געקומען אַהינצו, האָט ער שוין געטראָפֿן אַ היפּש ביסל מענטשן, עס הייסט, אַזוי פֿיל, אַז די יידן האָבן שוין געקאָנט, נישט וואַרטנדיק אויף אַנדערע, מאַכן דעם ברית. און אַזוי ווי מען האָט אים נאָך נישט געהאַט געמאַכט, האָט דאָס אַליין פֿאַר זיך באַוויזן, אַז מ'האָט נאָך אויף עמעצן געוואַרט. דער טיש איז געווען יום-טובדיק געדעקט מיט שטראַדלדיקן טאָרט און פֿיל-קאָלירטע משקאות; עס האָבן געברענט צוויי סטעאַריגאָווע ליכט אין צוויי זילבערנע לייכטער, און צוזאַמען האָט עס געמאַכט אַן איינדרוק, ווי אַ יום-טוב, אַ מיטנוואָכעדיקער יום-טוב, און דאָך אַן אַלגעמיין-יידישער און אַ הייליקער...

בײַ אַ צען יידן זענען שוין געשטאַנען אין די טליתים און אַ דאַנק דעם האָט די ···יב באַקומען אַ שוליקן קאָלאָריט. און דער זייגערמאַכער, באַרענבוים, האָט זיך דאָרטן, גלייך ווי ער איז אַריינגעפֿאַלן, דערפֿילט אי היימלעך אי פֿרעמדלעך; היימלעך איז אים געווען אָט דאָס שוליקע, און אומהיימלעך — וואָס דאָס איז פֿאָרט אַ שטוב און אַ פֿרעמדער יום-טוב, אַן ענגער פֿאַמיליען יום-טוב. און וואָס טוט ער דאָ? אַלס אַן אייגענער? וואָס פֿאַר אַן אייגענער איז ער?... און אַז מ'האָט אים דאָך פֿאָרט פֿאַרבעטן, מיינט עס, אַז זיי מיינען, אַז ער וועט ווערן אַן אייגענער. ווען נישט, וואָלט מען אים דאָך אויפֿן ברית נישט פֿאַרבעטן... און דאָס אַליין האָט אים געמאַכט שלעכט זיך צו פֿילן... אַליין זיך געפֿילט פֿרעמד, ווי אַלע פֿרעמדע צוזאַמען, און דאָך האָבן אַלע אַרויסגעקוקט אויף אים און אָפּגעוואַרט מיטן ברית. יאָ, דאָס האָט מען געוואַרט אויף אים, ווייל אַזוי ווי ער איז נאָר אַריינגעקומען, האָט איינער פֿון די יידן געזאָגט:

— אָט גייט ער!

פון אַ צווייט צימער האָט זיך באַוויזן דער בוכהאַלטער פלאָמענבוים מיט אַ זיידענער יאַרמולקע אויפן קאָפּ, און אָט דער באַלעבאָס מיט דער גערעזירטער באָרד און מיט דער יאַרמולקע אויפן קאָפּ האָט אויפן זייגערמאַכער געמאַכט אַ מאָדנעם איינדרוק צווישן אַלע איבעריקע יידן מיט בערד... יענער, דער בוכהאַלטער, איז אים באַזונדערס אינם מאָמענט פריקרע געווען. ער האָט געהאַט אַזאַ נאַריש און אומבאַגרייפלעך געפיל, אַז אָט דער בוכהאַלטער האָט זיך לכתחילה פון אָנפאַנג ביזן סוף אָנגעזעצט אויף זיין קאָפּ, אַז עפּעס ווי אים צו דערווידער האָט ער זיך צוגעאיילט און איצט־אָ האָט ער אים נאָך פאַרבעטן אויפן ברית... אפילו אין דער התלהבותדיקער באַגעגעניש, מיט וועלכער יענער האָט אים באַגעגנט, האָט זיך אים געדאַכט, ליגט אָט די ביטערעקייט פון באַגער צו באַשטאַטן אים, דעם זייגערמאַכער, און מער פון אַלעם איז אָט די יאַרמולקע געווען אַ צולייג צו אַלע זאַכן... דאָס יאַרמולקעלע איז זיך קיילעכדיק און שטייפיק ווי אַ קליין פענדעלע (אַ פאַררייכערטס) אָן אַ הענטל, געשטאַנען אויפן קאָפּ און די אייגעלעך האָבן אַזוי געגלאַנצט צו אים, ווי זיי וואָלטן געזאָגט: אַהאַ, זעסט ווו איך האַלט שוין! איך בין שוין אַ ייד צווישן יידן. און דו...

אַ פּאַטש געכאַפּט אין אַקסל אַריין, אַ היימישן פּאַטש, אַזעלכן ווי איינער אויף אַזאַ שמחה כאַפּט פון בעל־שמחה אַליין, און דער איינער האָט נאָך נישט זוכה געווען צו דעם, וואָס דער איז שוין אַ בעל־זכיה, און נאָכן פּאַטש אין אַקסל איז ער באַלד פון דער זעלבער האַנט, וואָס ער האָט דעם קלאַפּ געקריגן, געכאַפּט געוואָרן אונטערן אָרעם, און ווי אַ רוח האָט אים יענער אַריינגעטאַסקעט אין אַ צווייט חדר, וואָס איז שוין פול געווען מיט אייגענע. און חוץ זיין מיידלס משפחה, וואָס איז אים נאָך אויך פרעמד געווען, איז ער אַריינגעפאַלן נאָך אין אַ פרעמדער, און דאָס איז געווען דעם בעל־בריתס אייגענע און פריינט. און דיביידע פרעמדע משפחות האָבן זיך דערפרייט מיט אים... עמעצער (ער האָט נישט געוווסט, צי דער זעלבער, וואָס האָט אים אַריינגעפירט אַהער, אָדער אַ צווייטע פערזאָן) האָט אים צוגעפירט צו דער קימפעטאָרין, וואָס איז געזעסן אָן אויסגעבלאַסטע, אַליין ווי אַ ניי־געבוירענע, אויפן בעט, און געהאַלטן אַ קישן, אויסגעקייַלעכדיקט ווי אַ מולטערל, און פונם קישן אַרויס האָט ער באַמערקט ווי עס קוקט אַרויס אַ פּנימל אַ

קליינס און אַ רויטס, אַזוי גרויס און אַזוי רויט ווי אַ סוף־חודשדיקע לבנה (באַם אַוועקגיין). ער האָט איר אָפּגעגעבן מזל־טוב און איז געבליבן שטיין, נישט וויסנדיק ווייטער וואָס צו טון, און געמערקט, אַז עפּעס שטייט אים דאָ פאַר זייער אַ וויכטיקע אַרבעט, און אַז אַלע האָבן עס דאָ אַרויסגעקוקט אויף אים, ער זאָל קומען און טון אָט די וויכטיקע אַרבעט, וואָס איז דאָ באַשלאָסן געוואָרן אָן אים, אַז ער זאָל זי טון. איינע פון די ווייבער האָט אַ רוף געטון אַ באַקאַנטן ליבן מיידלישן נאָמען, און באַלד איז זי גלייך אויסגעוואַקסן לעבן אים, אַזאַ בלאַסע און אַזאַ לייטישע, וואָס האָט טאַקע מיט איר בלאַסקייט געמאַכט אַזאַ לייטישן און צניעותדיקן איינדרוק, אַז זי האָט עפּעס געקוקט אויף אים מיט אַ נייעם בלאָנדזשענדיקן בליק און אירע ליפּן האָבן געבליצט מיט שמייכל און מיט עפּעס אַ נייער און פּיקאַנטער זאַך, וואָס אים און איר, וואָס זיי ביידע צוזאַמען, איז דאָ פאָרגעשטאַנען צו טון.

די מוטער זייערע, דער קינפּעטאָרינס מוטער און דעם מיידלס מוטער, האָט דאָ אַזוי גלייך, דאָס אייניקל פון איין טאָכטערס האַנט גענומען און גלייך דאָס איבערגעגעבן צו דער צווייטער טאָכטער. באַרענבוים האָט באַמערקט, ווי די יונגע קוואַטערין איז אינגאַנצן רויט געוואָרן און געוואָרפן אויף אים אַזאַ פאַרשעמטן קוק, ווי דאָס קינד וואָלט געווען עפּעס אַזעלכעס, ווי מ'דאַרף זיך קרעמפּירן מיט דעם צו האַלטן דאָס אויף מיידלשע הענט... זי האָט אים איבערגעגעבן דאָס קישן מיטן קינד און ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט דער לבנה (אַ סוף־חודשדיקע) אין קישן טריט באַ טריט און געהאַט אַזאַ געפיל (אמת, נישט אינגאַנצן קיין קלאָר געפיל), אַז ער טראָגט דאָ אַ שטיק צו־להכעיס, דעם בוכהאַלטער פלאָמענבוימס אַ שטיק צו־להכעיס קעגן אים, קעגן דעם זייגערמאַכער באַרענבוים...

— ברוך הבא! — האָבן אַ צענדליק קולות מיטאַמאָל אַ ברום אַרויסגעלאָזט אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך מיטן קישן און מיטן קינד באַוויזן דאָרטן, ווו מען האָט אויף אים און אויפן קינד געוואַרט און גרייט געשטאַנען „זיי" צו באַגעגענען מיט אַ ברוך־הבא, און דער קוואַטער האָט זיך אַזוי לעקישעוואַטע געפילט און געזוכט מיט די אויגן צווישן די טליתים און יידן דאָס בוכהאַלטערל... ער האָט אים שוין זייער אויף אַ מאָדנעם און זייער פּיקאַנטן אופן געהאַסט... ער האָט געפילט

אַ פּילפּאַכיקן צו־להכעיס פֿאַרקערפּערט אין דער „רויטער לבנה, וואָס ער האָט געטראָגן אין קישן. . . און ס׳איז שוין זיכער דעם בוכהאַלטערס איינפֿאַל געווען אים מכבד צו זיין מיט דעם לעקישעוואַטן כּיבוד און מיט דעם אים צו בינדן און צווינגען צו טון אַזאַ זאַך, וואָס ער וואָלט אַזוי נישט געווען געטון און וואָס איצט, אַ דאַנק אָט דעם קוואַטערדיקן כּיבוד, וועט ער שוין מוזן טון...

אן אָנשיקעניש

אין גאַס האָט מיך אָפּגעשטעלט איינער אַ פּאַרשוין און מיר אַריינגעשטופּט די לאַפּע זיינע:

— שלום־עליכם!

ס'טרעפט בײַ מיר אָפט, וואָס איך דערקען נישט אַ מענטש פון איינמאָל זעען אים. אין אַזאַ פאַל בין איך זיך נוהג צו אַנטשולדיקן און פרעגן: „מיט וועמען האָב איך די ערע?" דאָ אָבער, מיט דעם פּאַרשוין, נאָך דעם „ברוך הבא", וואָס ער האָט מיר געמאַכט, האָט זיך בײַ מיר באַקומען אַן איינדרוק, אַז מיר האָבן זיך נישט איינמאָל שוין געזעען און נישט איינמאָל זיך צוזאַמענגעטראָפן. דאָס האָט מיך אַוועקגעשטעלט זייער אין נישט קיין אָנגענעמער לאַגע. ער באַגריסט מיך ווי אַלטן גוטן באַקאַנטן און איך ווייס אפילו נישט ווער ער איז...

— עליכם שלום...

— איז וואָס מאַכט מען עפּעס, אַ?

— אַ דאַנק, וואָס זאָל מען מאַכן... וואָס מאַכט איר...

— אַ דאַנק. ווי געפעלן אייך עפּעס די מיידלעך?

— וואָסערע מיידלעך?...

— אָ, איך פאַרשטיי, איר האָט זיי אין די טויזן; נאָר איך קען זיי דאָך נישט אַלע אייערע, איך פרעג אויף די, וואָס איך מיט אייך, וואָס מיר ביידע קענען... ווו מיר האָבן זיך געטראָפן...

— יאָ... זייער פיינע מיידלעך — האָב איך געזאָגט, נישט

וויסנדיק און נישט האָבנדיק קיין באַגריף וועגן וואָסערע מיידלעך ער רעדט. . .

— אָ, וואָס ווייסט איר, דאָרט אַהין קומט אַריין איינע אַ בערגמאַן, זי איז גראָד נישט געווען, ווען איר זענט געווען, איז דאָס אַ מיידעלע, מאַמעלעך מיינע, איך זאָג אייך אַ ליאַלקעלע... זי קומט אָבער נישט אַזוי אָפט אַהינצו און איך קלאַפּ עס מיר די פּיס אָפּ אַזוי אָפט בחנם צוליב איר... און וואָס איז שייך די איבעריקע, איז עס באָרשט. מיר איז אַ חידוש, וואָס זיי געפעלן אייך... איך בין זייער טשיקאַווע צו הערן פון אייך, וועלכע פון זיי, למשל כּדומה, געפעלט אייך בעסער?

געזעען, אַז איך בין אַריינגעפאַלן, בין איך זייער נייגיריק געוואָרן: ווי לאַנג וועל איך עס קאָנען האַלטן דעם שמועס וועגן די מיידלעך, וואָס ער זאָגט, אַז מיר ביידע האָבן ערגעץ געזעען...

— בעסער פון אַלע איז מיר געפעלן אָט די דאַרינקע, אָט די קליינינקע...

דער אומבאַקאַנטער פּאַרשוין, גייענדיק מיט מיר, האָט זיך געגעבן אַ שטעל אָפּ און מיט ביידע אויגן אין מיין פּנים אַריינגעקוקט. איך האָב געזעען און דערקענט אין זיין קוקן, אַז דאָ וועט באַלד פּלאַצן אַ באָמבע...

— איך פאַרשטיי אייך נישט... ס'איז געווען דאָרט אינגאַנצן איינע אַזעלכע, ווי איר האָט אָפּגעמאָלט; אָבער, האַר פון דער וועלט, דאָס איז דאָך אַ העסלעכע בריאה, ס'איז דאָך אַ מאַלפּע, מ'קאָן דאָך ברעכן, קוקנדיק אויף איר...

— און מיר געפעלט זי...

— איר מאַכט זיך עס אַ געלעכטער, איך פאַרשטיי; ווייל, הייסט עס... — און דערביי האָט ער גוטברודעריש אַוועקגעלייגט די לאַפּע זיינע אויף מיין אַקסל.

איך האָב געזעען, אַז ס'קאָן צו ווייט פאַרקריכן, און כּדי פּטור צו ווערן פון אים, האָב איך אַ פרעג געטון:

— אין וועלכער זייט גייט איר?

— און ווי געפעלט אייך פאַננאַ העלענאַ?...

אָנרופנדיק דעם נאָמען, האָב איך זיך דערמאַנט, אַז איך בין צוריק מיט צוויי וואָכן געווען אין אַ שטוב, וווּ איך האָב אַ חוץ מיט אַנ-

דערע מיידלעך, זיך באַקענט מיט פּאַננאַ העלענאַ. דאָס איז ווירקלעך גע־ווען אַן אינטערעסאַנטע מויד, וואָס האָט מיט איר שטעל און מיטן געבוי פון האַלז און גוידער דערמאַנט אַן יעקאַטערינע דער צווייטער, אין גלייכצייטיק האָב איך מיך דערמאַנט, אַז דאָרט האָב איך עס געהאַט דאָס גליק מיט דעם פאַרשוין זיך צו באַקענען.

איך האָב מיך צעשמייכלט, איך בין צופרידן געווען, וואָס מיר איז דאָך געלונגען זיך צו דערמאַנען, ווו איך האָב זיך מיט אָט דעם שלאַק באַקענט (הגם מיט אים אַליין בין איך שוין גאָרנישט צופרידן געווען).

איך האָב אים געבעטן איבערצוגעבן דער פּאַננאַ העלענאַ אַ גרוס און אים געגעבן די האַנט צו געזעגענען זיך און ער האָט אָנגענומען די האַנט מיינע, גלייך ווי איך וואָלט זי אים געגעבן צו האַלטן און נישט צו געזעגענען זיך, האָט זי אַ דריק געטון מיט ביידע הענט און מיר אַריינגעשמייכלט אין פּנים אַריין:

— נו, און דער פּאַננאַ שטורקאַץ גיט איר נישט איבער קיין גרוס?

— וועלכע איז פּאַננאַ שטורקאַץ?

— אָט דאָס פּאַרזעניש, וואָס איר האָט זיך פאַרליבט אין איר.

— אָ! יאָ... זיכער!... גיט איר איבער אַ הייסן גרוס פון מיר...

איך האָב מיך געלאָזט גיין און האָב געמיינט, אַז איך בין שוין פון אים פּטור געוואָרן, אָבער איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיך אויסצו־דרייען צו אים מיט דער פּלייצע, ווי ער האָט מיר שוין דעם וועג פאַר־צוימט און געזאָגט:

— אייגנטלעך, קאָן איך דאָך גיין מיט אייך! — און באַלד האָט ער צוגעגעבן: — ס'איז מיר דען אַ חילוק וווהין צו גיין, אַהער צי אַהין?

אָפּגעגאַנגען מיט מיר אַ שטיקל וועג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט לעבן אַ יידענע מיט אַ קויש עפּל און זיך געהייסן אָפּוועגן אַ פונט עפּל, און גלייך האָט ער פון דער וואָגשאָל אַראָפּגעכאַפּט אַן עפּל און מיך מכבד געווען:

— עסט אַן עפּל.

— אַ שיינעם דאַנק!

— איר וועט שפּעטער דאַנקען.

— אַדיע, — האָב איך אַ זאָג געטון און זיך געלאָזט אַוועקשפּאַנען. דער חברה־מאַן האָט מיך אָבער אָנגעיאָגט:

— איז נישט! איר ווילט נישט, באַדאַרף מען נישט. און בייסנדיק מיטן גאַנצן מויל, מיט אַלע פעדערשטע ציין אין עפּל אַריין, האָט ער מיך פּלוצלינג אַ פרעג געטון, צי איך בין שוין פאַרהייראַט. איך האָב אים נישט געענטפערט און ער, קייענדיק און שלינגענדיק דעם עפּל, האָט מיר אַריינגעזאָגט בזה הלשון:

— איך האָב אַ ווייבל אין דער פּראָווינץ... נאָר צווישן אונז זאָל עס בלייבן... איר מיינט אפשר אַ מיאוסע? מעגן מיר זיך, איך מיט אייך, ביידע ווינטשן אַזאַ יאָר... אָבער וואָס קומט מיר אַרויס — איך האָב זי דאָך דאָרט, נישט דאָ...

— הערט!...

— נו?

— איר זענט אַ ציניקער!...

ער האָט אַריינגעביסן אין עפּל אַריין, אַריינגעלאַכט אין דעם ביס אַריין און אַריינגעביסן אין דעם „לאַך" אַריין.

ער איז מיר געוואָרן אָפּשטויסנד. ער האָט, קענטיק, באַמערקט, אַז איך קוק אויף אים נישט איבעריק ליבלעך און האָט דאָס אויסגעטייטשט, אַז ס'איז דערפֿאַר, וואָס ער עסט אינמיטן גאַס און, אַ שטורך טועגדיק מיר אין גאָרגל אַריין מיט אַ פינגער, האָט ער געזאָגט:

— אָט דאָס, וואָס דער קראַוואַט איז באַ אייך צעפלויגן, איז נאָך ערגער ווי עסן אַן עפּל אינמיטן גאַס...

און דאָ האָט ער גלייך, אומגעבעטן, זיך אַ נעם געטון צורעכט מאַכן דעם קראַוואַט מיינעם און אַ פּאָר מאָל מיט הענט און פינגער באַרירט די מאָרדע מיינע און דעם האַלז און פון יעדער באַרירונג האָט מיך דורכגענומען אַזאַ געפיל ווי קאַלטע ווערים וואָלטן אויף מיין האַלז אַרומגעפּויזעט און איך האָב מיך געפילט אַזוי אומגליקלעך און הילפלאָז.

— אַ שיינעם דאַנק! — האָב איך אים געזאָגט, ווען ער האָט די אַרבעט אונטער מיין מאָרדע און באַ מיין האַלז פאַרענדיקט. און גע־

דאַנקט האָב איך אים נישט פאַר דער אַרבעט, נאָר פאַר דעם, וואָס ער האָט מיך סוף־כּל סוף באַפרייט פון זיינע הענט.

— פאַרנוצט געזונט — האָט ער געענטפערט. און תּוך כּדי דבור מיך אַ פרעג געטון, צי באַוויליק איך נישט זיך דורכצופאָרן אין די אַלעען אַריין ?... דאָרט גלייבט ער, וועלן מיר טרעפן די בערגמאַן, די, וואָס ער קען און איך קען נאָך נישט. די פּאַננאַ העלענאַ, וואָס מיר ביידע קענען, און אחרון אחרון חביב, מיין „קראַסאַוויצע״. און דאָ האָט ער געפונען פאַר נייטיק צוצוגעבן, אַז אויב איך וועל חרטה קריגן אויף מיין „אויסדערוויילטער״ און וועל וועלן האָבן די פּאַננאַ העלענאַ בּאַ דער זייט, וועט ער זי מיר צולאָזן און אויב איך וועל זיך איינ־שפּאַרן און וועל דווקא וועלן זיין סימפּאַטיע...

— אַדיע !...

— איר גייט טאַקע ?... איר גייט אַהיים ? מילא, וועל איך אייך שוין באַגלייטן און אין איינוועגס וויל איך טאַקע וויסן וווּ איר וווינט.

איך האָב אים געזאָגט, אַז צוליב דעם אַליין לוינט זיך נישט צו גיין... אַז איך קאָן אים זאָגן דעם אַדרעס מיינעם און אים פאַרשפּאָרן אַ גאַנג.

— איר זענט אַ גרויסער נישט־פאַרגינער ! טאָמער וויל אַ מענטש האָבן דאָס פאַרגעניגן אייך צו באַגלייטן, ווילט איר נישט... מילא, זאָגט מיר שוין דעם אַדרעס אייערן.

פון דער נאַטור נישט קאָנענדיק זאָגן קיין ליגנט, האָב איך אים אָנגערופן די ריכטיקע גאַס, ווו איך האָב געוווינט. דערפאַר האָב איך אים געזאָגט אַן אַנדערן נומער... דער חברה־מאַן האָט זיך מיט אַ פינגער אַ פּיק געטון אין שטערן, דאָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז ער וועט שוין געדענקען, און געזאָגט :

— אַדיע איז אַדיע !

ער האָט געדריקט מיין האַנט ווי זיינס אַ פריינטס... אַ נאָענטן פריינטס, אַ חברס אַ האַנט...

איינמאָל, קומענדיק אַרום צען אַ זייגער אינאָוונט אַהיים, איז מיר געקומען אָנטקעגן די ווירטין מיינע און מיר שטיל איינגערוימט, אַז אייבער אַ יונגערמאַן וואַרט דאָרט באַ מיר אין צימער.

איך בין געשווינד אַריין צו מיר אין צימער און צו מיין גרויסער פאַרוווּנדערונג געטראָפן דעם זעלבן פאַרשוין. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער סאָפע, „אַזוי ווי באַ זיין טאַטן אין ווייַנגאָרטן", די הענט הינטערן קאָפּ און פאַרלייגט אַ פוס איבער אַ פוס. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך אויפגעהויבן, זיך אויפגעשטעלט און איז מיר אַקעגנגעקומען מיט אַ האַנט, מיט אַ פּרעטענזיע, אָדער ריכטיקער, מיט אַ גוטמוטיקן פאַרוואָרף: ווי אַזוי בין איך עס אַזוי „צעדרייט" און אים אָנגעגעבן אַן אַנדערן נומער פון אַן אַנדער הויז. גוט, וואָס ער איז נישט קיין פּראָווינציאַל. געווען, אַז איך בין אין דעם הויז נישטאָ, איז ער אַריין פרעגן און מיך זוכן אין צווייטן.

איך האָב אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם זומערדיקן מאַנטל און ער האָט אים אויסגעכאַפּט פון מיינע הענט און אַוועקגעלייגט אויפן בעט. גלייך איך וואָלט צו אים צו גאַסט געקומען. גלייך האָט ער אַראָפּגעכאַפּט דעם קאַפּעלוש פון מיין קאָפּ, נאָר אָנשטאָט אים אויפצוהענגען אָדער ערגעץ אַוועקלייגן, האָט ער אים גאָר זיך אויפן קאָפּ אַרויפגעלייגט און באַ מיר געפרעגט, צי ס'פּאַסט אים! און נישט באַקומענדיק פון מיר קיין ענטפער, האָט ער געכאַפּט זיין קאַפּעלוש און אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ. איך האָב גלייך דעם קאַפּעלוש זיינעם אַראָפּגעכאַפּט פון זיך און אָפּגעוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע און עס האָט זיך דערהערט אַ ווייכער קנאַק. דער חברה־מאַן האָט זיך נישט באַליידיקט. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאַפּעלוש, אויסגעגלייכט דאָס גריבל און, ווישנדיק אים מיטן אַרבל, געזאָגט:

— זעט אויס, אַז איר האָט שטאַרק פיינט אַ האַרטן קאַפּעלוש, און מיר מאַכט נישט אויס, אַמאָל טראָג איך אַ האַרטן, אַמאָל אַ ווייכן. מיר געפעלן אַלע קאַפּעלושן פון דער וועלט: אַנומלט בין איך געווען אין אַ שטוב אויף אַ הוליאַנקע, האָב איך אָנגעטון אַ דאַמען־הוט מיט אַ שטרויספעדער און אַלע האָבן געפּאַטשט בראַוואָ און געזאָגט, אַז ס'פּאַסט מיר זייער שיין...

איך האָב זיך שווייגנדיק אַוועקגעזעצט באַם טיש, געעפנט דאָס

בוך, וואָס איך האָב געהאַלטן אין לייענען און זיך פּאַרטיפט, ריכטי־קער — געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז איך בין פאַרטיפט און געמיינט, אַז דאָס וועט דעם חברה־מאַן באַליידיקן און ער וועט זיך נעמען דעם וועג...

ער האָט זיך מיר אַוועקגעשטעלט ווי אַ שאָטן הינטער דער פּלייצע און גענומען מיך מוסרן:

— איר נעמט זייער שיין אויף געסט!... מען דאַרף נאָך זיין אַ שרייבער דערצו!... פאַר אייך פּאַסט עס נישט... איר דאַרפט זיין אַ ליב־האָבער פון מענטשן...

איך האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו אים, געוואָלט אים אַריינקוקן אין זיין פּרצוף אַריין; אין דעם מאָמענט אָבער, ווען איך האָב אויסגע־דרייט דעם קאָפּ צו אים, האָט ער זיך אָפּגעקערעוועט און איז אַוועק איבערן צימער — אַ שפּאַצירעלע אויף אַהין און צוריק. און מיט אַ ווײַלע שפּעטער איז ער צוגעגאַנגען צו מיר און זיך געשטעלט אַזוי נאָענט, אַז איך האָב דערפילט די וואַרימקייט פון זיין קערפּער. האָט אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין אַקסל און מיט אַן אומעטיק קול גע־זאָגט:

— הערט, איך האָב היינט פון דער היים באַקומען זייער אַ שלעכ־טע בשורה... ס'הייסט, איצט איז שוין נישט אַזוי שלעכט; שלעכט איז געווען נאָך איידער איך האָב געוווּסט, אַז ס'איז שלעכט. מ'האָט זיך אָפּ־געהאַלטן און מיר נישט געגעבן צו וויסן... זי אַליין, מיין ווייב, האָט נישט געלאָזט... איצט, ווען אַלץ איז שוין אַריבער, ווען עס איז שוין נאָך אַלעמען, האָט מען מיר געשריבן וועגן דעם... מיין ווייב האָט מפּיל געווען...

ס'האָט מיך אַ כאַפּ געטון אַזאַ איבלדיקער שווידער צו דעם פּאַר־שוין, אַז ס'האָט מיט מיר אַ טרייסל געטון...

— הערט, וואָס גייט עס מיך אָן און וואָס גייט איר מיך אָן? וואָס דאַרף איך עס וויסן?...

— פאַרוואָס נישט? פאַרוואָס זאָלט איר עס נישט וויסן?... אַ שרייבער איז מחויב צו וויסן דעם צער פון דער גאַנצער וועלט... איך מיין, אַז פאַר אַ שרייבער, וואָס מער ער ווייסט, אַלץ בעסער איז פאַר אים און פאַר דער וועלט... אָט, אַ שטייגער, ווען איר שרייבט אַן אַזאַ

מין זאַך, ווי איינער אַ מאַן פון אַ ווייב איז אין אַ גרויסער שטאָט און דאָס ווייב זיינס איז אין אַ קליין שטעטל, ווי דער מאַן איז זיך געזעסן אין אַ שטוב און פריילעך פאַרבראַכט מיט מיידלעך און פאַר דער צייט דאָרט האָט דאָס ווייב זיינס מפּיל געווען.

— הערט, איר וועט מיך צורו לאָזן, צי ניין ?

דער פאַרשוין האָט אַרויסגענומען אַ פּעקל פּאַפּיראָסן און עס אויס־געשטרעקט צו מיר, איך זאָל אַ פּאַפּיראָס נעמען.

איך האָב מיך אָפּגעזאָגט און געזאָגט צו אים :

— הערט, ס'איז באַלד עלף אַ זייגער. מ'וועט באַלד צומאַכן דאָס טויער, מיינט איר נישט, אַז ס'וואָלט אויך צייט געווען אַהיימצוגיין ?...

— איר ווילט זיך איצט אָוועקזעצן שרייבן ?...

— ניין, איך וויל פּשוט פּטור ווערן פון אייך.

— אויב אַזוי האָב איך נאָך צייט...

— ? ? ? !

— אויב איר, אַ שרייבער, וואָס דאַרף לערנען מענטשלעכקייט, אויב איר דערלויבט זיך צו טרייבן אַ מענטש פון שטוב, פאַרוואָס זאָל איך מיר נישט דערלויבן ?...

— וואָס ?...

— מאַכן דאָ אַ שנעפּסל באַ אייך !...

— באַ מיר אַ שנעפּסל ?...

— איך האָב געבראַכט מיט זיך...

— הערט !...

— איך וואָלט מיט פאַרגעניגן מיט אייך אַריינגעגאַנגען ערגעץ אין אַ רעסטאָראַנטשיקל... נאָר איך האָב דאָך פריער געוווסט, אַז איר וועט מיט מיר נישט גיין, האָב איך דאָ אַהערגעבראַכט דאָס ביסעלע משקה און מיר...

— אָבער...

— הערט ! — האָב איך כּמעט ווי אויסגעשריגן — איר וועט מיך אַמאָל צורו לאָזן, צי ניין ?... צווינגט מיך נישט, איך זאָל קעגן אייך אָנ־נעמען געוואַלט־מיטלען...

— צו וואָס זאָלט איר עס טון, צו וואָס ? — האָט ער זיך גערעדט

גאַנץ גלייכגילטיק — וואָס קומט מיר דערפאַר, וואָס איך וויל מיט אייך טרינקען לחיים?

דאָ האָב איך באַמערקט, ווי מיין קאַפּעליוש זיצט נאָך אַלץ אויף זיין קאָפּ. איך האָב אים געגעבן אַ ריס אַראָפּ פון אים און אַ זעץ געטון אין ד'ער ערד...

— וואָס האָט איר געטון? — האָט ער זיך גאַנץ רויק אַ פרעג געטון — דאָס איז דאָך אייער הוט.

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער אַרויסגענומען פון זיין מאַנטל אַ פלאַטשיק פלעשל מיט אַ ברוינער פליסיקייט און דאָס אָנגענומען מיט די פינגער באַ דער דנאָ, אַ העצקע געטון דערמיט און דערביי געגעבן אַ קנאַק מיט דער צונג:

— אַ גלעזעלע!...

זעענדיק, אַז איך וועל דאָ שוין מיט אים גאָרנישט מאַכן, האָב איך אים אַריינגעבראַכט אַ גלעזעלע. ער האָט עס אָנגעגאָסן און מיר דערלאַנגט.

— הערט, לאָזט מיך געמאַך! — האָב איך געזאָגט צו אים, אָבער שוין מיט אַזאַ טאָן, ווי עס רעדט אַמאָל אַ מיידל צו איר באַ-צווינגער, ווען זי פילט, אַז ס'איז שוין אינגאַנצן נוצלאָז דאָס ווייטערדי-קע ראַנגלען. און ווען איך האָב צוגעלייגט דאָס גלעזל צום מויל, האָט ער צו מיר אַ זאָג געטון: „לחיים", און איך האָב ווי אַן עכאָ אים נאָכ-געזאָגט:

— לחיים!

— און דערביי טאַקע אַ ביסעלע פילאָזאָפירן וועגן אַזאַ וויכטיקן ענין... כ'מיין דאָס אַלץ וועגן דעם, וואָס דאַרט ערגעץ אַ צען צוועלף מייל אינגאַנצן פונדאַנען, פון אונז, פון אייך און פון מיר, פון דער גאַנ-צער גרויסער קאָכיקער שטאָט איז אַ „מענטש" אַרויסגעפאַלן פון דער מוטערס געדערים און דער פאָטער פון דעם „מענטש" האָט גאָרנישט געוווּסט דערפון, האָט זיך פאַר דער צייט פאַרבראַכט אין אַ געזעלשאַפט פון מיידלעך, מיט אַ באַגער אין זיך, צו שאַפן אַן אַנדערן מענטש אויף דעם אָרט פון יענעם, וואָס איז „פאַרלוירן" געגאַנגען... זעט איר דען נאָך נישט איין, אַז דאָס איז אַן אויסערגעוויינלעך מאַטעריאַל פאַר אייער פען...

— זענט איר וועגן דעם ספּעציעל געקומען ?...

— ניין, גראָד נישט... איך בין געקומען צוליב דעם, כּדי מיט אייך צו נעמען אַ ביסל בראָנפן אינאיינעם...

— איר זענט אַן אַלקאָהאָליקער !

— זעט איר, דאָ האָט איר נישט געטראָפן. איך טרינק נאָך אפשר ווינציקער פון אייך, ווייל שרייבער, האָב איך געהערט, האָבן נישט פיינט דעם ביטערן טראָפּן.

און ער האָט זיך פאַרנומען גולגען פונם פלעשל. איך האָב געזען, ווי בײַ יעדן שלונג זיינעם האָט דער גאָרגל זיינער געטון אַ סטאַרטשע אַרויס. אָפּגעטרונקען עטוואָס מער פון אַ העלפט, האָט ער אַרויסגענומען דאָס העלדזל פונם מויל און אַ קוק געכאַפּט אויפן פלעשל, געזאָגט כמעט ווי מיט אַ וויינענדיק קול :

— איך וויל, איר זאָלט טרינקען פאַר תּיקון נשמה פון דעם פאַר־לוירענעם מענטש... איר גלויבט אין גלגולים, האַ ?... ווי מיינט איר, „ער" וועט נאָכאַמאָל געבוירן ווערן, צי נישט ?... אפשר בײַ מיר אַליין טאָקע ?... ס'וועט געבוירן ווערן אַ קינד... איך וועל מיינען, אַז ס'איז דאָס קינד, וואָס ס'איז געבוירן געוואָרן און ס'וועט גאָר זיין יענץ, וואָס ס'איז פאַר־לוירן געוואָרן... נישט מאָדנע... איך און איר וועלן ווייסן דען, אַז ס'קאָן אַזוי נישט זיין ?... און אפשר טאָקע נישט... איז עס דאָך אַ שרעק... אַ מענטש איז לעולם־ועד פאַרלוירן געגאַנגען פון דער וועלט און איך בין דערביי ערגעץ געזעסן אין אַ געזעלשאַפט פון מיידלעך מיטן באַגער, אַן אַנדערן מענטש אויף דער וועלט צו ברענגען... לאָמיר טרינקען פאַר דעם מענטש, וואָס האָט געזאָלט זיין און נישט געווען און וועט נישט זיין... פאַר זיין אייביק, אייביקן נישט זיין לאָמיר טרינקען...

און איך האָב אונטער זיין דיקטאַטור נאָכגעזאָגט וואָרט בײַ וואָרט :

— לאָמיר טרינקען פאַרן מענטש, וואָס האָט געזאָלט זיין און נישט געווען, פאַר דעם מענטש, וואָס איז אויף אייביק פאַרלוירן געגאַנגען— — — — — — — —

און פון דעמאָלט אָן האָט מיין האַרץ נישט אויפגעהערט צו ציטערן... ווען איך בין אַרויס אין גאַס, האָב איך מורא געהאַט, טאָמער וועל איך זיך מיט אים אין גאַס באַגעגענען, און ווען איך בין אין שטוב געווען, בין איך געווען אומרויק, ער זאָל צו מיר אין שטוב נישט קומען; און פאַרשטייט זיך, אַז די שטוב, וווּ איך האָב זיך מיט אים באַקענט, האָב איך אויסגעווייכט, הגם מיך האָט שטאַרק געצויגן צו דער פּאַננאַ העלענאַ, וועלכע האָט געהאַט אַזאַ נאָענטע ענלעכקייט צו יעקאַטערינע דער צווייטער...

אין אַ פאַרנאַכט, ווען איך האָב זיך געלאָזט אַראָפּגיין מיט די הילצערנע טרעפּ פון פינפטן שטאָק, האָב איך געהערט, ווי עמעצער פון אונטן לאָזט זיך גיין אַרויף. יאָ, ס'טרעפט אַלעמאָל אַזעלכע זאַכן אין אַ באַזעצט הויז מיט שכנים, ווען איינער זאָל זיך לאָזן אַראָפּגיין פון אויבן אַראָפּ און איינער זאָל זיך לאָזן אַרויפגיין פון אונטן אַרויף. און פאַרוואָס מיר איז דאָס איינגעפאַלן, אַז דאָס מוז דווקא זיין אָט דער פאַרשוין — ווייס איך נאָך ביזן היינטיקן טאָג נישט.

איך בין שטיין געבליבן. אָנשפּאַרנדיק זיך מיט דער ברוסט אויף דעם פּאָרענטש, האָב איך אַריבערגעבויגן דעם קאָפּ אויף טרעפּ-אַראָפּ און אין דעם זעלבן מאָמענט האָב איך דערזען אַ פּנים מיט אויגן, וואָס האָבן געקוקט צו מיר אַרויף. דאָס פּנים האָט מיך באַגריסט און גלייכצייטיק געזאָגט:

— איר לאָזט זיך אַראָפּגיין? זייער גלייך. פאַרשפּאָרן צו אייך קלעטערן אַרויף.

און ווי ער וואָלט זיך געאיילט צו פאַרענטפערן פאַר זיין קומען צו מיר, האָט ער געזאָגט, אַז ער איז נישט אַליין, אַז מיט אים... ניין, נישט „מיט אים". נאָר ער מיט „איר" איז געקומען... זי האָט עס אים געבעטן...

— וועגן וועמען רעדט איר? — האָב איך געפרעגט.

— וועגן דער פּאַננאַ שטורקאָץ.

— וועלכע פּאַננאַ שטורקאָץ?

— אָט די, וואָס איר האָט געזאָגט, אַז איר זענט שטאַרק באַגייסטערט פון איר...

איך האָב אים אַרייַנגעוואָרפֿן אַ קוק אין די אויגן אַרייַן און דער חברה-מאַן האָט, קענטיק, אָנגענומען דעם קאַמף און אויסגעהאַלטן מייַן בליק. און מיר איז דאָ דערביי אייַנגעפֿאַלן, אַז דער „בחור" האָט געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג קעגן מיר, מיר צו דערגיין די יאָרן.

פֿאַרפֿאַלן! וואָס האָב איך געקאָנט טון? פֿאַראַן אַזעלכע אומשטענדן, ווען אַ מענטש טוט זיך אַליין אָן קיין צו שמידן דעם ווילן זייַנעם, כּדי צו טון עפּעס אַ זאַך, וואָס אים איז דערווידער, אָדער, פֿאַרקערט, זיך אָפּצוהאַלטן פֿון אַזעלכעס, וואָס אים ווילט זיך טון... איך האָב מיך געלאָזט פֿירן פֿון אים צו יענער, וואָס שטייט דאָרט ערגעץ פֿאַרן טויער און וואַרט אויף מיר...

זי איז געשטאַנען זייַטיק אין אַזאַ פּאָזע, וואָס האָט געקאָנט הייסן, אַז זי וואַרט נישט... אַז זי האָט גאָר פֿאַרגעסן, אַז זי וואַרט אויף עמעצן...

און ווי פֿאַרביטערט איך בין געווען אַקעגן מייַן פּגע-רע, האָב איך מיך געמוזט צעשמייכלען, זעענדיק אָט דאָס מיידלשע נפֿש, ווי ס'שטייט זיך אַזוי צערעמאָניעדיק מיטן זעקלדיקן פֿיגורקעלע, און ס'מאַכט זיך נישט הערנדיק און נישט ווײַסנדיק, אַז מיר גייען.

מיך צוגעפֿירט צו איר, האָב איך פֿון גרויס מיטלייד מיט איר, איר די האַנט געגעבן און ער האָט געוואָרפֿן אַ ממזריש בליקל אויף מיר און געזאָגט, אַז ער וויל אונז נישט שטערן און תּוך כּדי דבור זיך געלאָזט אַוועקגיין.

און דאָ איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס. איך, וואָס האָב אים געהאַסט מיט אַלע מייַנע רמ"ח אבֿרים, בין נישט גערן געווען זייַן אַוועקגיין... בלייַבן מיט דעם פֿאַרזעעניש אַליין, האָב איך דערפֿילט, וועט מיר זייַן פֿיל פּייַנלעכער. ווי האָבנדיק זיי ביידע אינאיינעם... האָבנדיק אים בייַ דער זייַט, וואָלט איך געקאָנט געדולדיקער זייַן צו איר. . .

— זייַט אַזוי גוט! — האָב איך אים נאָכגעשריגן.

ער איז צוגעקומען און איך האָב אים געזאָגט, אַז... ס'מאַכט נישט אויס, אַז ער קאָן מיטגיין מיט אונז...

— איר האָט גאָרנישט דאַקעגן, פּאַננאַ שטורקאַץ ?... — בין איך גלייך אַריבער צו איר מיט דער פראַגע.

דער חברה-מאַן האָט געקוקט אויף מיר נצחונדיק און עפּעס ווי געשלאָגן זיך מיט דער דעה, צי זאָל ער אַוועקגיין, צי נישט. צולעצט האָט ער געזאָגט, אַז ער דאַרף דאָ דערביי אַריינגיין אין אַ הויף אַריין צו אַ באַקאַנטן. אויב ער וועט דעם באַקאַנטן טרעפן, וועט ער דאָרט בלייבן, און אויב נישט, וועט ער אונז אָניאָגן...

כדי נישט צו שווייגן, האָב איך זיך צערעדט מיט דעם מיידל, וועגן אָט דער שטוב, ווו איך האָב געהאַט דאָס „גליק" מיט איר זיך צו באַקענען, און איך האָב זי געפרעגט, צי זי איז דאָרט אַן אָפטע אַריינגייערין און זי האָט בא מיר געפרעגט, פאַרוואָס מען זעט מיך דאָרט נישט מער.

— זיי געפעלט נישט דאָס הויז ? — האָט זי געפרעגט.

איך האָב געוואָלט אָט דער אומגליקלעכער טון אַ נחת-רוח און האָב איר געזאָגט, אַז די פּאַננאַ העלענאַ געפעלט מיר זייער נישט (די איינציקע, וואָס מיר איז דאָרט געפעלן געוואָרן), און דאָס מיידל האָט אויף מיר אַ וואָרף געטון אירע פיצלעך שוואַרצע אייגעלעך אַזוי ווי בא אַ קראָ און האָט האַרב אַ פרעג געטון :

— זיי געפעלט נישט די פּאַננאַ העלענאַ ?

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי צוגעגעבן, אַז בא מיר איז עפּעס אַלץ פאַרקערט, אַז וואָס בא אַלעמען איז שיין, איז בא מיר מיאוס... ס'האָט נאָר געפעלט, זי זאָל מוסיף, זיין אַז וואָס בא אַלעמען איז מיאוס, איז בא מיר שיין...

אַזוי שמועסנדיק מיט איר, האָט ווער פּלוצלינג פון הינטן אַרום אַרויפגעלייגט צוויי לאַפּעס אויף מיינע אויגן. גלייכצייטיק איז מיין קאָפּ צוגעדריקט געוואָרן צו אַ האַרטער ברוסט ; איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, ווער דאָס איז און האָב אינגאַנצן אַן אונטערגעצונדענער געזאָגט, ער זאָל מיך פריי לאָזן און גלייך האָב איך זיך געגעבן אַ ריס פון זיינע הענט און — האַק אין מאָרדע אַריין !...

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן דעם אויסדרוק פון זיין פנים און דעם מיידלס פאַרלוירנקייט... מערקווירדיק, איך האָב געהאַט אַזאַ געפיל,

אז מיט דעם פּאַטש, וואָס איך האָב אים דערלאַנגט, האָב איך גלייכצייטיק אויך איר געטראָפן...

— — — — — — — — —

אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג, האָב איך זיך אומגעקוקט. זיי זענען נאָך אַלץ געשטאַנען און דאָס מיידל האָט שטאַרק געוויינט...

פראַנציסקאָ

אברהם משהן האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז קיין גוטער סוף וועט נישט זיין דערפון, אָט פון דעם, וואָס די טאָכטער יאָגט און פלאָגט דעם אַלטן פראַנציסקאָ. און הגם ער האָט קיין פאָרשטעלונג נישט געהאַט אין וואָס אייגנטלעך עס באַשטייט אָט דאָס שלעכט־האַרץ זאָגעניש, האָט ער דאָך פונדעסטוועגן געפונען פאַר נייטיק צו וואָרענען די טאָכטער:

— פאָלג מיך, לאָז אים געמאַך ! ...

און אַמאָל נאָך צוגעגעבן דערצו, אַז אויב זי, די טאָכטער, מיינט, אַז דער אָפּהאַלט וואָס ער, אברהם משה, וויל פון זיין אַכסניה נישט מאַכן קיין האָטעל באַשטייט בלויז אין דעם, וואָס דער אַלטער פראַנציסקאָ דרייט זיך אַרום אין הויז, — אויב זי מיינט עס, האָט זי אַ גרויסן טעות... ער, אברהם משה, וויל אַליין נישט, ער וויל נישט קיין האָטעל... ער קאָן אפילו דאָס וואָרט נישט הערן... און צו וואָס נוצט עס אים ? עשירות ? ער וויל נישט זיין קיין עושר... אָפּגעלעבט אַזוי פיל יאָרן און איז, דאַנקען גאָט, דורכגעקראָכן, וועט ער שוין אַזוי דערציען... ער איז נישט קיין רץ להשעיר... פרנסה האָט ער... און חוץ דעם...

— איז דאָס טאַקע נישט קיין יושר, אַז דו ווילסט וויסן : דער ערל איז שוין בײַ מיר פינפצען, דאָס זעכצענטע יאָר ; וווהין וועט ער גיין אויף דער עלטער ? וווהין ?

דאָס ווייבל, אברהם משהס טאָכטער, איז געקומען מיט אַ פּאַרטיקן ברען : נאָר דער טאַטע זאָל איבערמאַכן פון דער אכסניה אַ האָטעל. עפּעס ווי זי וואָלט זיך צוליב דעם מיטן מאַן צעגאַנגען, מיט וועלכן זי

האָט אָפּגעלעבט צוועלף יאָר, עפּעס ווי צוליב דעם כּדי אַרויסצוציִינגען אויפן פּאָטער, ער זאָל פון דעם איינפּאָר־הויז, וואָס עקזיסטירט שוין דרייסיק יאָר און וווהין עס פאַרפאָרן אַלע יאָרן אָרימע יידן און באַלעבאַטעס מיט זייערע פערד און וועגן פון אַרומיקע גרעסערע און קלענערע שטעט — אַז נאָר ער זאָל עס איבערמאַכן אויפן היינטיקן שטייגער און ס׳זאָלן טאַקע פאַרפאָרן „פיינע“, „לייטישע“ מענטשן, און מ׳זאָל טאַקע קאָנען נעמען אַ גוטע פּרייז באַ זיי פאַר איבערשלאָפן אַ נאַכט.

אמת טאַקע, אַז דער פּלאַן, ווו אברהם משהס אכסניה האָט זיך געפונען, איז געווען זייער גינסטיק דערפאַר, ווייל דאָס הויז האָט זיך געפונען זייער נאָענט פון וואָקזאַל. אברהם משה האָט עס זייער גוט פאַרשטאַנען, אָבער נאָכגעבן איר האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זי געהייסן צוואַרטן.

— וואַרט שוין צו! ...

דאָס האָט געמיינט, ביז וואַנען ער וועט צומאַכן אַן אויג...

ער האָט דווקא געהאַט נאָך דריי זון, נאָר אַזוי ווי זי איז געווען אַן איינאיינציקע טאָכטער און אַזוי ווי זי האָט זיך באַצייטנס אַריינגעכאַפּט אין דעם הויז, האָט מען שוין געקאָנט פאַרשטיין, אַז זי וועט שוין בלייבן די באַלעבאָסטע פון דעם הויז...

אין וואָס פאַרט איז באַשטאַנען דאָס נישט גוטע האַרץ־זאָגעניש, האָט זיך אברהם משה נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכנונג. טאַקע, וואָס האָט געקאָנט זיין ערגער פון ערגער? ... וואָס וואָלט אים, אָדער דער טאָכטער, דער שטילער ערל פראַנציסקאָ געקאָנט טון, ווען מ׳וואָלט אים יאָ משלח געווען... עס האַלט נישט דערביי, פאַרשטייט זיך, עס האַלט נישט דערביי, פּשוט דערפאַר, ווייל אברהם משה האַלט נישט באַ איבערמאַכן די אכסניה זיינע אויף אַ האָטעל. און אַזוי לאַנג ווי די אכסניה איז אַן אַכסניה, איז גוט גענוג אַזאַ באַדינער ווי פראַנציסקאָ... ווי אָבער וואָלט געווען, ווען ער וואָלט יאָ וועלן נאָכגעבן דער טאָכטער?... פונוואַנען נעמט זיך אַזאַ אומרויקייט פאַר דעם געדאַנק בלויז — „טאָמער“...

לאָזט זיך אויס, אַז דאָס האַרץ־זאָגעניש, וואָס האָט פאָרגעזאָגט עפּעס נישט גוטס, האָט עפּעס אַ המשך מיט די ערשטע, סאַמע ערשטע טעג און וואָכן פון פראַנציסקאָס אָנקומען אין דעם הויז אַריין...

אברהם משה האָט זיך באַ דער געלעגנהייט דערמאָנט, ווי וואָכן לאַנג, און אויב נישט חדשים גאַנצע, האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט עפּעס אַ נישט זיכערקייט (וואָס איז געווען איינס און דאָס זעלבע) פאַרן ערל פראַנציסקאָ... ער האָט זיך דערמאָנט, ווי ער האָט קיין חשק נישט געהאַט אים אַריינצונעמען אין הויז אַריין, און ער וואָלט אים אפשר טאַקע נישט געווען גענומען אויך, ווען ער וואָלט זיך נישט געקוואַפּעט צו האָבן אַן אומזיסטן משרת אין הויז. דער ערל פראַנציסקאָ האָט זיך אָנגעבאָטן פאַרן שטיקל ברויט בלויז...

ס'איז מעגלעך, אַז ווען באַ אים וואָלט נישט אַרויסגעשוווּמען אָט די דערינערונג, וואָלט ער נישט געהאַט קיין באַרעכטיקטע אורזאַכע אומרויק צו זיין פון דעם, וואָס די טאָכטער באַהאַנדלט שלעכט דעם גוי... אָבער צוריקגעשמועסט : אויב ס'איז נאָר אַ דאַנק אָט דער דערינערונג, וואָלט ער ערשט טאַקע, אברהם משה מיינט מען, באַדאַרפט זיין פולקאָם רויק, ווייל פאַר די גאַנצע פינפצען יאָר און מערער, וואָס דער גוי איז באַ אים אין הויז, איז נישט געפאַלן אויף אים די מינדסטע פגימה, וואָס זאָל וואַרפן אַ טונקעלן שאָטן אויף אים, אויף פראַנציסקאָן... על פי שכל וואָלט ער דווקא דורך דעם באַדאַרפט זיין פולקאָם רויק און זיכער פאַרן ערל... אַ מענטש, וואָס האָט אָפּגעאַרבעט פינפצען יאָר עבודת פרך אין אַ הויז, — האָט, ווי דער לעגענדאַרישער גולם, געהאַרכזאַם און געדולדיק געטאָן אַלץ, וואָס מ'האָט אים געהייסן, איז דאַכט זיך, אַז דאָס אַליין איז אַן און פאַר זיך שוין אַ גענוגנדער פאַקט, אַז זיין נישט-צוטרוי צום ערל די ערשטע צייט האָט קיין באַגרינדונג נישט געהאַט...

יאָ, על פי שכל וואָלט ער געקאָנט אַבסאָלוט בלייבן רויק און עס וואָלט אים נישט באַדאַרפט באַאומרויקן, וואָס די טאָכטער בראָקט דאָרט אַריין אין דעם ערל. יענער האָט דאָך גאַרנישט געענטפערט אויף דעם. אויף זיין פנים איז אפילו נישט געווען צו דערקענען די מינדסטע אומצופרידנהייט. און דאָך ?... און דאָך האָט ער געפונען פאַר נייטיק איטלעכעס מאָל, נאָכדעם וואָס די טאָכטער האָט אים, פראַנציסקאָן, מכבד געווען מיט אַ פּאַרציע זידלערייען און יידישע קללות, איז אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך מיט אים אָנגעטראָפן אויג אויף אויג, האָט ער געזאָגט צו אים :

— דו מאַך זיך נישט פון איר... הער זיך נישט צו צו איר... א דאגה דיר א גרויסע, זאָל זי רעדן...

און אמאָל האָט ער צו אים אזוי געזאָגט:

— זיי זיכער, פראַנציסקאָ, אַז אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, וועסטו דאָ זיין... און אזוי לאַנג ווי איך וועל לעבן, וועל איך דאָ זיין באַלעבאָס, ראָזומיעש (פאַרשטייסט)?...

דער ערל פראַנציסקאָ האָט פונקט מיטן זעלבן תמעוואַטן פנים ווי ער האָט אויסגעהערט די זידלערייען און קללות פון דער יונגער באַלע־באָסטע, וועלכע ער האָט נאָך געפונען אַ יונג מיידעלע, ווען ער איז אָנגעקומען צהער אין הויז אריין, פונקט מיט אזאַ גלייכגילטיקייט האָט ער אויסגעהערט די גוטע, ווייכע רייד פון באַלעבאָס, און דאָס־אָ האָט נאָך מער אומרויקייט אין אברהם משהס הארץ געשאַפן...

בכלל, אַז מ'איז אָפּ מיט אַ מענטש אזוי פיל יאָרן אונטער איין דאַך, וואָלט מען אים געדאַרפט מער אָדער ווייניקער קענען. פראַנ־ציסקאָ איז געבליבן אַן אומבאַקאַנטער... פונקט אזוי ווי פונם ערשטן טאָג, וואָס ער איז אָנגעקומען און פונקט אזוי פרעמד געבליבן, ווי ווען ער האָט דאָס ערשטע מאָל אַריבערגעטרעטן די שוועל... דאָס איז אפשר גע־ווען איינע פון די אורזאַכן, וואָס האָט אַרויסגערופן אומצוטרוי צו אים... אין אויב מ'טראַכט נישט דערפון, איז גענוג דער מינדסטער אָנשטויס, אַז מ'זאָל דערפון אָנהייבן צו טראַכטן...

אברהם משה האָט זיך אָפּט און עפּטער אָנגעהויבן צו דערמאַנען דעם איינדרוק, וואָס דער גוי האָט אויף אים געמאַכט מיטן גאַנג מיט זיינעם.

שוין די „שיך“ אַליין, וואָס ער האָט אויף די פיס געטראָגן... „שיך“ געפלאָכטענע פון „קרייקעס“ (לאַנגע, שמאָלע פאַסן פון דיקן געוואַנט), האָבן פאַר זיך עדות געזאָגט, אַז קיין פראָסטער גוי איז ער נישט, ווייל אַ פראָסטער גוי גייט אָדער איינגאַנצן באָרוועס אָדער אין לאַפּטשעס. זיינע „שיך“ האָבן דערציילט פון גרויסשטעטיקייט, הגם ס'איז זייער זעלטן גע־ווען אין אַ גרויסער שטאָט צו טרעפן מיט אַזעלכע שיך... אויף די באָר־וועסע פיס איז ער זיי געגאַנגען... איבער די שיך זענען געהאָנגען אַ פּאָר קורצע הויזן, און אַ קוק געבנדיק אויף זיין לענג, האָט מען גלייך גע־קאָנט זען, אַז נישט די הויזן זענען שולדיק אין זייער קורצקייט, נאָר

דער הויכער וווּקס זיינער איז שולדיק... עס האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק, אַז וואָס פאַר אַ פּאָר לאַנגע הויזן ער זאָל נישט אָנטון, וועלן זיי אַרויפגעצויגן ווערן אַרויף פון זיין אומגעווײנלעכער, אומגעלומפּערטער הייך...

מיטן רעקל — אויך די זעלבע געשיכטע: אַ קורץ רעקעלע מיט קורצע אַרבל, און אויך דאָ האָט מען געקאָנט טראַכטן, אַז אויף זיין מאָס מוז יעדעס רעקל קורץ זיין. דערפאַר אָבער האָט ער שוין אָנגעקריגן אַ היטל, וואָס איז אים געלעגן אויף די אויערן און פון אונטער דעם היטל האָט פון אַלע זייטן אַרויסגעשטעקט אַ געדיכטע באַוואַקסנקייט, און אויפן פנים איז קאָפּהאָריקייט מיט בערדיקער האָריקייט פאַרלאָפן. און הגם זי איז געווען געשוירן, איז דאָך די בערדיקע האָריקייט געהען אַזוי ווילד, ווילד אַרויסגעוואַקסן מיט איר געשוירנקייט, און דאָ און דאָרט האָבן זיך דורכגעוואָרפן זילבער־ווייסע האָר, און עס איז שווער געווען צו דערקע־נען צי זענען די גרויע האָר געקומען פון עלטער, צי פון אַ פרי־פאַר־לאָזטער, אומנאָרמאַלער יוגנט...

אָט דעם הילוך זיינעם האָט זיך אָפּט און אָפּטער אָנגעהויבן אברהם משה צו דערמאָנען. איינציייטיק איז אים ווי פונם נעפּל אַרויסגעשווומען עפּעס אַ מאָדנער איינדרוק פון אַ מאָדנער פרעמדקייט, וואָס דער גוי האָט אויף אים געמאַכט.

ווען אים, אברהם־משהן, וואָלט געלונגען דעם איינדרוק אַרויסקריגן פון נעפּל אַרויס, וואָלט זיך באַקומען אַ קלאָרער באַגריף, אַז צו אים איז אַריינגעפאַלן אַ גוי פון אַ פרעמדער גויישער וועלט און וואָס האָט דערצו נאָך אַליין נישט אויסגעזעען ווי אַלע אַנדערע פון דער קריסט־לעכער וועלט... קענטיק, אָפּגעריסן פון „זיי“, פון די זייניקע... ווי אַ פאַרשטויסן גוייש שטיק לעבן, וואָס איז געבליבן גוי בלויז דערפאַר, ווייל ער איז אַזעלכער געבוירן געוואָרן...

און טאַקע נישט אין זיין גויישקייט האָט זיך געפילט די פרעמד־קייט, וואָס אברהם משה האָט פון ערשטן אויגנבליק דערפילט צו אים און בא וואָס ער איז געבליבן, נאָר דווקא אין דעם, וואָס ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק, אַז נישט ער איז אַ גוי, נאָר איז עפּעס נאָך מער דער־מיט, וואָס ער איז אָפּגעריסן פון זיין נאַציע... ווייל וויפיל, נאָך אַלעמען, דאַרף עס נעמען צייט, אַז אַ ייד זאָל זיך דערפילן היימיש מיט אַ מיט־

גליד פון אַ פאָלק, מיט וועלכן דו חוינסט כסדר זייט באַ זייט ?... אין דעם אָבער איז עפּעס געלעגן אַזעלכעס, וואָס האָט נישט דערלאָזט מ'זאָל פילן, אַז ער איז אַ היימישער, אַ שטוביקער מענטש...

און אַזעלכער איז ער פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג. אַ חוץ וואָס ער האָט אָט די קרייקעס־שיך אויסגעביטן אויף אַ פּאָר „וועשטעס", וואָס ער האָט אויסגעשניטן פון עמעצנס אַ פּאָר אַלטע שטיוול. אָבער הויזן טראָגט ער נאָך אַלץ קורצע, אַלץ נישט געקריגן צו זיין מאָס... ווייטער האָט ער זיך גאָרנישט געענדערט, און קוקן קוקט ער נאָך אַלץ נישט מיט דער גאַנצער גרייס פון זיינע גרויסע אויגן, נאָר דורך שמאָלע שפּעלטעלעך, און גלאַנציק זענען זיי, אָט די אויגן־שפּעלטעלעך, אַז פון שטאַרקן גלאַנץ זעען זיי אויס, ווי צוויי סכנותדיק־שאַרפע קלינגעלעך... עס דאַכט זיך, אַז אַ דאַנק דעם, וואָס ער נוצט קיינמאָל נישט די אויגן מיט זייער גאַנצער גרייס — האָבן זיי אָפּגעהיטן די שאַרפקייט זייערע, און ווייטער, דאַכט זיך, אַז אָט דער תמעוואַטער פּאַרשוין האָט באַהאַלטן טיף אין זיך אַ שטיק קלוגשאַפט, וואָס ס'איז נייטיק נישט אים און נישט עמעצן אַנדערש... די שמאָלע, גלאַנציקע שפּעלטלעך האָבן דערמאַנט אָן אַ קאַץ, ווען זי זיצט זיך שטיל, רויק און געלאַסן און האָט דאָך אין דער זעלבער צייט אין זינען צו כאַפּן אַ מויז...

אַנטקעגן איין זאַך בלויז האָט פראַנציסקאַ געפּרוווט זיך ווערן: וואָס די יונגע באַלעבאָסטע שעלט אים אויף יידיש... עס הייסט, נישט דירעקט אַנטקעגן איר האָט ער זיך געוועהרט, נאָר ווען דער באַלעבאָס האָט אים געוואָלט באַרויקן, (הגם ער האָט קיינמאָל קיין אומרויקייט נישט אַרויסגעוויזן) האָט פראַנציסקאַ געזאָגט צום באַלעבאָס, אין זיין פּוילישער שפּראַך:

— פאַרוואָס עפּעס אין יידיש, פאַרוואָס ?

נישט דאָס שילטן אָן און פאַר זיך. וואָס זי האָט אים געשאָלטן, האָט אים געאַרט, נאָר דאָס בלויז, וואָס זי שעלט אים אין יידיש. ס'איז אויסגעקומען, אַז ווען זי וואָלט אים געקללהט אין זיין שפּראַך, וואָלט אים נישט געאַרט.

— זי מיינט, אַז איך פאַרשטיי נישט... איך פאַרשטיי !...

האָט אברהם משה כאָטש געוואָלט פועלן באַ דער טאָכטער, אַז זי זאָל אים אויפהערן שעלטן אין יידיש. און ער האָט איר געזאָגט, אַז

במילא פאַרשטייט ער, אָבער די טאָכטער האָט אפילו אַזאַ קלייניקייט נישט געוואָלט נאָכגעבן. זי האָט זיך אַליין אויך משער געווען, אַז דער גוי, אָפּדינענדיק אַזוי פיל יאָרן אין אַ יידיש הויז, פאַרשטייט יעדעס וואָרט אין יידיש... האָט זי דווקא, ווייל זי האָט געוווּסט, אַז ער פאַרשטייט, אים געשאָלטן און געזידלט אין איר שפּראַך... אַט ווייל ער איז אַ גוי, איז איר, איבער עפּעס אומפאַרשטענדלעכס, אָנגענעמער געווען אים צו שעלטן אין יידיש.

די טאָכטער האָט אייגנטלעך פּערזענלעך צו פראַנציסקאָן גאָרנישט געהאַט. זי האָט פאַרשטאַנען, אַז ער וואָלט געווען דער קלענסטער שטער צו פאַרווירקלעכן איר ווונטש. וואָלט נאָר דער פאָטער איינגעגאַנגען איבערצומאַכן דאָס איינפאָר־הויז אויף אַ האָטעל, וואָלט שוין מיט פראַנציסקאָן געבליבן די קלענסטע דאגה. אין ערגסטן פאַל, וואָלט ער דאָ געבליבן און וואָלט געטוּן די שוואַרצע אַרבעט אין הויז... ווייסנדיק אָבער, אַז עס איז פאַראַן אַ גרעסערער שטער, און דאָס איז דער פאָטער און די עלטערע זיינע, איז אַזוי ווי צום טאַטן און צו זיין עלטער האָט זי זיך נישט געקאָנט טשעפּען, איז זי דערפאַר דערגאַנגען די יאָרן דעם אַלטן פראַנציסקאָ און זיין עלטער...

— האָסט גאָר קיין האַרץ נישט — האָט זי דער פאָטער פון צייט־צו־צייט אַ מוסר געטוּן.

אויב עס איז אַ רחמנות אויף אַ קינד. וואָס האָט קיין טאַטע־מאַמע נישט, איז נאָך אַ גרעסער רחמנות אויף אַ דערוואַקסענעם מענטש, וואָס איז אָפּגעריסן געוואָרן פון זיין פאָלק און איז נישט צוגעקלעפּט געוואָרן צו קיין אַנדער פאָלק... אברהם משה האָט עס מער געפילט ווי פאַרשטאַנען. ער האָט געפילט צו אָט דעם ערל אַ רחמנות, וואָס ער איז אינגאַנצן אָפּגעריסן פון גויים, וואָס ער היט נישט זייערע חגאות און וואָס זונטיק איז בײַ אים פּונקט אַזאַ וואָכעדיקער טאָג ווי שבת און ווי אַלע טעג פון וואָך... ווייל ער איז געווען אַ קריסט און איז דאָך קיין קריסט נישט געווען. איז אין דעם געלעגן עפּעס טראַגישס... ער האָט אפילו קיין צלם נישט געטראָגן אויפן האַלז. און אויף וויפיל אים, אברהם משהן, איז אַלס ייד און פרומער ייד, פרעמד דער צלם, איז אים דאָך דער באַדינער זייניקער נאָך פרעמדער געווען דערמיט, וואָס ער האָט, אַלס קריסט, באַדאַרפט געווען טראָגן אַ צלם און האָט אים נישט געטראָגן. און ער

האָט פיל מאָל קלאָר געטראַכט וועגן דעם, אַז ווען פראַנציסקאָ וואָלט אַ צלם געטראָגן, וואָלט ער מיט אים פיל, פיל זיכערער געווען...

און דאָס מערקווירדיקסטע דערביי איז, וואָס אַט דער טאָפּלט־פרעמדער, פרעמד אַלס גוי און פרעמד דערמיט, וואָס דער גוי איז קיין גוי נישט (און מיט נאָך, נאָך פיל זאַכן פרעמד, וואָס לאָזן זיך נישט דערקלערן), איז אַט דער זעלבער געוואָרן אַ תּושב באַ אים אין הויז... וואָס פאַר אַן ענדערונגען זענען שוין פאָרגעקומען פאַר דער צייט זינט פראַנציסקאָ איז אָנגעקומען צו אים אין הויז אַריין: אויסגעגעבן אַלע קינדער, און דאָס מיינט איינציייטיק, אַז אייגענע קינדער זענען דערווייטערט און פאַרפרעמדט געוואָרן... מיט איין זון האָט ער זיך אפילו צעהרגעט, און יענער איז אים אַ שונא אין בלוט אַריין, און ער, דער ערל, פראַנציסקאָ, וואָס איז געווען און איז געבליבן פרעמד מיט זיין גוישקייט און פרעמד מיט דעם, וואָס ער איז קיין גוי נישט, און פרעמד מיט זיין גאַנצן אויסזען און זיין האַלטן זיך אַלס פרעמדער — ער איז זיך דאָ איינגעזעסן און וועט שוין זיצן ביז דער פגירה... באַ דעם וואָרט „פגירה" כאַפּט זיך אברהם משה, אַז עס איז נישט אָרנטלעך פון זיין זייט... אַז אַ גוי, וואָס איז באַ אים געווען פינפצן יאָר און מערער, פאַרדינט שוין זיכער דעם „טויט", נישט די „פגירה". עס מיינט, אַז אויפן אָרט פון צו טראַכטן, אַז פראַנציסקאָ וועט באַ אים זיין ביז דער „פגירה", פאַרבייטן דאָס וואָרט מיט „טויט" — ביזן טויט אַריין... אַמאָל, ווען אים פאַלט אַזעלכעס איין, וויל ער זיך אַליין פאַרענטפערן, אַז דאָס וואָרט „פגירה" פאַלט אים איין אויף פראַנציסקאָן, נישט דערפאַר, ווייל ער איז אַ גוי, נאָר, פאַרקערט, ווייל ער איז קיין גוי נישט. עס מיינט דערפאַר, ווייל פראַנציסקאָ היט זיין גוישקייט נישט אָפּ. ער איז נישט פון די גרויסע פאַנאַטיקער, אברהם משה, באַ אים איז אַ גוי אויך אַ מענטש... נאָר פאַרקערט, פראַנציסקאָ איז באַ אים קיין מענטש נישט דערפאַר, ווייל ער היט נישט זיין גלויבן, און נאָר דערפאַר באַנוצט ער צו אים דאָס וואָרט „פגירה"...

איז אַמאָל העלפט עס אים פאַר זיך אַליין צו פאַרענטפערן, און זייער אָפט טאַקע נישט, און ער שטראָפט זיין יידישקייט אין זיך... אַז ס'איז נישט מענטשלעך פון זיין יידישקייט אַזאַ באַציִונג צו אַ מענטש, מיט וועלכן ער געפינט זיך פינפצן יאָר, און מערער, אונטער איין

דאָך... ס'איז דאָך נישט פיין: וועט ער דען באַנוצן דאָס וואָרט „פגירה״ אויף אַ ייד, וואָס היט נישט אָפּ קיין יידישקייט?...

און ס'האָט זיך זייער אָפּט געטראָפן, אַז נאָך אַזאַ פּלאָנטער צווישן זיין מענטשלעכקייט און זיין יידישקייט, האָט ער, ווען פראַנציסקאָ איז אים געקומען צו דער האַנט, אים געקלאַפּט אין פּלייצע און געזאָגט:

— פראַנציסקאָ, ניע באָיש, האָב קיין מורא נישט, פראַנציסקאָ. ביז דיין טויט וועסטו זיין באַ מיר אין שטוב... דאָ שמערטי!...

און מיט אַ דגוש אַרויסגערעדט די צוויי ווערטער „דאָ שמערטי״, מיינענדיק דערמיט, אַז דער ריכטיקער טייטש פון די צוויי ווערטער איז „ביזן טויטן אַריין, און נישט ביז דער „פגירה״.

פראַנציסקאָס שטענדיקע מקום־מנוחה איז געווען אויפן בוידעם. דאָס איז נישט געווען קיין געוויינלעכער בוידעם. דאָס איז געווען אַ היי־מישער, אַ שטוביקער בוידעם, היימיש און שטוביק דערמיט, וואָס דאָרטן האָט זיך געפונען אַ פּענבצטער מיט זעקס שויבן, און דער דאָך איז נישט געגאַנגען משופּע פון אויבן ביז אַראָפּ, ווי אַלע דעכער, נאָר ער איז לכתחילה אַזוי אָוועקגעשטעלט געוואָרן, אַז מ'זאָל צו אַלע זייטן, ווען עס וועט נייטיק זיין, גלייך, אָן שוועריקייטן, קאָנען איבערמאַכן פון בוידעם אַ שטיבל (צי צוויי).

און נישט נאָר זומער האָט דאָרטן פראַנציסקאָ פאַרברענגט די פרייע צייט זיינע, נאָר אפילו ווינטער. אמת, דאָרטן איז געווען היפּשלעך קאַלט אין די קאַלטע ווינטער־חדשים, אָבער ווייט, ווייט נישט אַזוי קאַלט ווי עס קאָן זיין אויף די געוויינלעכע ביידעמער... אַ חוץ דעם, וואָס ער איז געווען פאַרמאַכט און פאַרשטעלט פון אַלע זייטן, איז די גאַנצע וואַרעמקייט פון אונטן אַרויף אויבן... ווייל דער בוידעם איז נישט געווען אָפּגעזונדערט פון דעם הויז. אַ חוץ דעם, וואָס דאָרטן זענען געלעגן פיל שטוביקע זאַכן, וואָס האָבן אין שטוב קיין פּלאַץ נישט געהאַט, פלעגט מען זיך גלאַט אַרומדרייען אויף און אָפּ מיט די ספּעציעלע „שטוביקע״ טרעפּ, וואָס האָבן זיך אין קיך געפונען. און אויבן, איבער דער קיך, איז גע־האַנגען אַ גרויסער פּירעקיקער חלל, און די גאַנצע וואַרעמקייט פון קיך

איז אַרויף אויבן אין דעם קלײנעם פינצטערן קאָרידאָרל, װאָס האָט אָפּגעטײלט דעם בוידעם פון בוידעם־שטיבל, װאָס מ׳האָט טאַקע פון אים, פון בוידעם, אָפּגעריסן און פאַר אַ שטיבל געמאַכט...

דאָס אײנציקע, װאָס פראַנציסקאָ האָט באַדאַרפט טון, איז לאָזן אָפן די טיר אין דעם קאָרידאָרל אַרײן, האָט מען שוין דאָרט גישט געקאָנט פאַרפרוירן װערן. אין אַ נויט איז דאָרט געװען גענוג אַלטװאַרג און שמאַטעס, שוין גישט רעדנדיק פון די פּאָר צענדליק שטרוי־זעק, אין װעלכע מען האָט זיך זעלטן־װען גענײטיקט.

אין קאָרידאָרל איז בלויז געװען אויך אַזוי פיל ליכטיק, אַז מ׳זאָל קאָנען זען װי פינצטער דאָרט איז... דאָס ביסל ליכטיקײט האָט דאָס קאָרידאָרל, װאָס איז געװען גישט פיל גרעסער פון אַ װאַנע, באַקומען פון די צװײ קײלעכיקע גלעזער־אויגן, װאָס האָבן געשטעקט פון אויבן אין דער בוידעם־טיר.

װאָס פראַנציסקאָ האָט דאָרט אויפן בוידעם געטון און מיט װאָס ער האָט דאָרט פאַרבראַכט זײנע פרײע מינוטן און שעהן, האָט קײנער פון די הויז־מענטשן גישט געװוסט און זיך נישט אינטערעסירט צו װיסן... װען מען האָט אים גישט געדאַרפט, האָט מען גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז ערגעץ אין הויז געפינט זיך אַזעלכער. און נאָר װען מען האָט זיך אין אים גענײטיקט, האָט מען זיך דערמאַנט אָן אים, און עס איז גענוג געװען פון אונטן אַרויף אַ געשרײ צו טון: „פראַנציסקאָ!" — האָט ער זיך אין אַ װײלע אַרום געלאָזט הערן מיט זײן שװער־באַװעגלעכער פיגור און מיט די האַרטע טריט פון די „װעשטעס", װאָס ער האָט אויסגעשניטן פון אַ פּאָר שטיװל.

און דאָס, װאָס דער ערל האָט זיך גלײך אָנגערופן צום ערשטן מאָל, װאָס מען האָט אים גערופן, האָט אברהם משהן אַ לענגערע צײט געהאַט באַאומרויקט... און דער עיקר, װאָס אפילו אויפן פרימאָרגן, װען ער האָט אים געװעקט פון שלאָף, איז אויך גענוג געװען אײנמאָל אָדער צװײ מאָל אַרויפשרײען: „פראַנציסקאָ!", האָט ער זיך שוין אָנגערופן מיט זײן צעטראַסקעטע, הײזעריק־פאַרשלאָפן קול... פאַר אַזעלכן װאָלט געװען נאַטירלעכער, אַז ער זאָל האָבן אַ האַרטן שלאָף און נאָך אין דער צײט, װאָס ער האָט אַלײן אויסגעזען װי אַ בער שלאָפענער... יאָ, אינ-

גאַנצן, ווי איין שטיק שלאָף האָט ער אויסגעזעען, ווי אַ מענטש, וואָס שלאָפט כּסדר און שלאָפט זיך קיינמאָל נישט אויס...

דער בוידעם איז געווען פראַנציסקאָס וועלט און די שטרוי־זעק — זיין משפּחה און זיין פאָלק... ער, צוזאַמען מיט זיי, און זיי, צוזאַמען מיט אים, האָבן אויסגעזעען גולמדיק, און זיי האָבן אָן עפּעס מענטשישס דערמאַנט ..

צווישן אָט דער זעק־משפּחה האָט פראַנציסקאָ פאַרבראַכט די פריי־ציַיט זיינע... נאָר אין זעלטענע פאַלן, ווען עס האָט אָנגעיאָגט אַ סך מענטשן אויף נאַכטלעגער און ס'האָט אויסגעפעלט פּלאַץ פאַר זיי, פאַר דער „אַניאָגעניש", פלעגט פראַנציסקאָ אראָפּטאַסקען די לאַנגע, שמאָלע, האַרט־אָנגעשטאָפּטע שטרוי־זעק און זיי אויסלייגן אויף טיש און אויף בענק אין דער גרויסער שטוב פאַר די איבעריקע געסט, וואָס עס האָט אָנגעטראָגן אין דעם הויז אַריין.

פראַנציסקאָ האָט באַנאַכט, אפילו דורכן שלאָף, געשפּירט אָט די ליידיקייט און האָט זיך נישט היימלעך געפילט. און קענטיק, אַז אַ דאַנק דעם פלעגט ער זיך פרי פעדערן און אראָפּ אונטן. צוגעכאַפּט ווו ערגעץ ער האָט אָנגעטראָפן אַ ליידיקן „סעניק", וואָס איז שוין געווען פריי פונעם שלאָפער, און אים אַרויפגעטראָגן אויבן, ווי אַן אייגענער טראָגט אויפן אַקסל אַן אייגענעם, אַזוי האָט ער זיך געטראָגן מיטן שטרוי־זאַק, און באַגעגענענדיק אים אין פינצטערן קאָרידאָר, האָט מען געקאָנט מיינען, אַז איין גולם מיט אַ קאָפּ און מיט הענט און מיט פיס טראָגט אַ צווייטן גולם, וואָס מוז געטראָגן ווערן בלויז דערפאַר, ווייל „ער" אַליין האָט נישט קיין הענט און קיין פיס...

אויפן בוידעם־שטיבל איז געשלאָפן די יונגע באַלעבאָסטע, אברהם משהס טאָכטער; די זעלבע, וואָס האָט אַזוי עקשנותדיק געפאָדערט פון פאָטער, ער זאָל די אכסניה איבערמאַכן פאַר אַ האָטעל. די בלינדע טיר פון אָט דעם שטיבל האָט זיך געבלייכט אין דער פינצטערניש מיט דער ווייסער פאַרב, מיט וואָס זי איז געווען אָפּגעפאַרבט. און עס איז גענוג געווען בלויז אַ קוק צו טון אויף דער טיר, האָט מען גלייך געקאָנט דערקענען, אַז אָט דאָס „שטיבל" איז עפּעס אַן אָפּגעזונדערטס, אַן איין־אייגציקס, ווייט און פרעמד פון דעם גאַנצן הויז... ס'איז גענוג געווען בלויז אַ קוק צו טון אויף דעם, און מען האָט זיך גלייך געקאָנט אָנ־

שטויסן, אַז אין דעם חדרל דאָרטן איז פּאַרבאַהאַלטן אַ שטיקל נגידיש ווינקעלע, וואָס איז פרעמד צו דעם גאַנצן הויז און צו די אַלע מענטשן, וואָס וואַרפן זיך דורך טאָג־טעגלעך און וואָס יעדער איינער לאָזט נאָך זיך אַ טעם פון אָרימקייט... יאָ, דאָס חדרל איז טאַקע אַ קינד פון דעם הויז, אָבער עס איז קענטיק געווען, אַז עס וויל עפּעס גאָר אַנדערש אויסזען, ווי דאָס מאַמע־הויז זעט אויס... און דערפאַר האַלט זיך עס אויבנדיק, אין אויבנדיקער אָפּגעזונדערטקייט מיט אַ טיר אַן אויסגעפאַרבטער. און דאָס אַליין, די ווייס־געפאַרבטקייט, האָט דערציילט פון אַנדערשקייט, פון אַ מענטש, וואָס געפינט זיך דאָ אין שטוב און וויל פירן גאָר אַן אַנדער לעבן, וואָס פּאַסט זיך אין דער שטוב אַריין...

אמת איז, אַז דאָס בוידעם־שטיבל עקזיסטירט שוין דאָ לאַנג נאָך איידער זי איז געוואָרן אַ גרושה, נאָך איידער זי האָט חתונה געהאַט און נאָך איידער אפילו זי איז געבוירן געוואָרן... אָבער די ווייס־געפאַרבטע טיר איז ווייס געפאַרבט געוואָרן אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך איר אַנקומען אַהערצו אין הויז אַריין... און נישט נאָר אין דער טיר איז באַשטאַנען די פאַרענדערונג, אויך אינעווייניק האָט זי אַוועקגעשטעלט דאָס צימערל אַזוי ווי עס פּאַסט פאַר איינער אַ יונג ווייבל, אַ גרושה, וואָס האַלט אַ האָטעל.

אַ גאַנצן טאָג איז זי דאָרט נישט געווען. די טעג האָט זי זיך אַרומגעדרייט אַן אויסגעפּוצטע, אַ האָריק־פאַרריסענע, ס׳מיינט מיט אַ פריזור, באַ וועלכער די האָר זענען געקעמט אַרויף, אַזוי פון הינטן, אַזוי פון פאָרנט און אַזוי באַ די זייטן. און אָט די אַרויפיקע האָר פאַרקעמעניש האָט פאַר זיך עדות געזאָגט, אַז דאָס ווייבל ציט עס אַלץ אַרויף... אַז זי איז נישט קיין היגע... ס׳הייסט, נישט קיין מענטש פון אונטן, נאָר אַ מענטש פון אויבן איז זי, און אַז זי האָט מיט די מענטשן, וואָס דרייען זיך דאָ אין „איר" הויז אַרום, גאָרנישט צו טון... זיי זענען איר מיאוס און אָפּשטויסנד. און אויב זי האָט צו די פרעמדע מענטשן, וואָס האָבן דאָך געצאָלט פאַר זייער „איינשטיין" באַ איר אין הויז, נישט געקאָנט אַרויסווייזן אַלץ, וואָס זי האָט צו זיי געפילט, האָט זי שוין דערפאַר גאָרנישט אויסבאַהאַלטן, וואָס זי האָט געפילט צו פראַנציסקאָן. זי האָט אויסגעגאָסן צו אים נישט נאָר דעם איבל, וואָס זי האָט געפילט צו אים, נאָר אויך דאָס, וואָס זי האָט צו די געסט געפילט. זי האָט קיינמאָל

גאָרנישט פון זיין האַנט געגומען און האָט אים קיינמאָל גלייך אין האַנט אַריין נישט געגעבן. זי האָט אַוועקגעלייגט און געהייסן אים נעמען אָדער זי האָט אים געהייסן אַוועקלייגן. געווען מאָמענטן, וואָס פראַנציסקאַ פלעגט בא אַזעלכע געלעגנהייטן בלייבן שטיין און קוקן דורך די שאַרפע גלאַנ-ציקע אויגן-שפּעלטלעך און פלעגט זיך אַזוי אָפּרוקן מיט זיין גאַנצער גרויסגופיקייט און שווערקייט. און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ער אַליין האָט גלייך פאַרגעסן אין דער ווייבלעכער פערזאָן, וואָס ווייזט אים אַזוי אָפן אַרויס דעם גאַנצן איבל, וואָס זי פילט צו אים... אַז ס'איז ערגעץ אין אים, אין זיין גרויסגופיקייט אַריינגעפאַלן אָט די שווערע באַליידיקונגען און זענען ערגעץ דאָרט פאַרלוירן געגאַנגען.

אברהם משה, ווען ער האָט באַמערקט אָט די סאָרט האַנדלונג דער טאָכטערס צו פראַנציסקאַן, האָט ער מיט נישט צופרידנקייט און מיט אַ געוויסער נעפּלדיקער אומרויקייט איר געזאָגט, אַז מ'טוט נישט אַזוי, אַז מ'טאָר אַזוי נישט טון ווי זי טוט, אַז דאָס קאָן באַליידיקן יעדן איינציקן מענטש אין דער וועלט... אַז מ'דאַרף נישט מאַכן אַזאַ וועזן פון זיך... נישט געפערלעך...

אין ערגסטן אופן קענסטו זיך נאָכדעם צעוואַשן די הענט.

און נאָך אַזאַ זאַך, וואָס אברהם משה האָט באַמערקט, האָט ער אַ פּאָר שעה צייט זיך געקאָנט געפינען אונטער אַ שווערן איינדרוק... אפילו ווען ער האָט שוין פאַרגעסן אין דער גאַנצער זאַך, (וואָס איז אייגנטלעך קיין זאַך נישט געווען) האָט דער איינדרוק דאָך אָנגעהאַלטן אַ לענגערע צייט און אברהם משה האָט געפילט ווי עפּעס אַן אומעט און עפּעס אַן אומרויקייט שטיקט אים ערגעץ אינעווייניק... אָבער אַלע-מאָל האָט עס אים דערמאָנט אַן יענער פּאָר לאַנג יעריקער אומרויקייט, וואָס ער האָט געפילט די ערשטע וואָכן און חדשים, וואָס פראַנציסקאַ איז צו אים אָנגעקומען אין הויז... הגם ער האָט נישט איינגעזען, וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס מיט יענער צייט. ער האָט אָבער יאָ געפילט די שייכות דעמאָלט, ווען ער האָט זיך ווינציקער געגריבלט די שייכות אויסצוגעפינען... איז אָבער די „קונץ“ פון אָט דער אומרויקייט באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיך מיט דער אומרויקייט געוואָלט באַ-רויקן... ס'מיינט אַזוי: אָט איז ער דאָך מיט יאָרן צוריק מיט עפּעס

געווען אומרויק פאַרן ערל... נו, איז ער דאָך געווען אומבאַרעכטיקט... איז דעריבער איצט אויך נישטאָ וואָס אומרויק צו זיין...

— פראַנציסקאָ!

אברהם משה איז אין קיך געשטאַנען בא די טרעפּ און אונטערן חלל, וואָס פירט אויפן בוידעם, און גערופן פראַנציסקאָן, נאָר יענער האָט זיך נישט אָנגערופן. איז ער געשטאַנען און געוואַרט א ווײַלע, געקוקט אַרויף מיט אַ פאַרריסענעם קאָפּ צום בוידעם און פינצטערניש און פון דאָרטן, ווי אַלע פרימאָרגן, געוואַרט אויף אַן ענטפער... דער ענטפער איז אָבער נישט געקומען. האָט ער אַ צווייט מאָל גערופן:

— פראַנציסקאָ!

און אַ דריט מאָל זיך אָפּגעהאַלטן צו רופן אויס מורא, טאָמער וועט ער זיך אויך אויפן דריטן מאָל נישט אָנרופן... אין וואָס עס איז באַשטאַנען די מורא, האָט ער אַליין נישט געוווּסט... ס׳איז, דאַכט זיך, גאַנץ נאַטירלעך: אַ מענטש שלאָפט אויף אַ בוידעם און איינער אַ מענטש שטייט אונטן און וועקט אים. איז גאַנץ נאַטירלעך, יענער זאָל נישט דערהערן... פאַרקערט, ס׳איז מער ווי אומנאַטירלעך, אַז אַזעלכער זאָל יאָ דערהערן... האָט זיך דאָך אברהם משה פיל מאָל געחידושט אויף דעם ערלס לייכטן שלאָף. פאַר אַזעלכן וואָלט געווען נאַטירלעך, מ׳זאָל אים וועקן און רייסן און מ׳זאָל אים נישט קאָנען דערוועקן... יאָ, ער האָט נישט געהאַט קיין גרונט אומרויק צו זיין... ווען בא אברהם משהן וואָלט נישט געלעגן ערגעץ אַ פאַרלעגערטע אומרויקייט אין באַצוג צום ערל, וואָלט אים נישט געאַרט, וואָס ער האָט גערופן צוויי מאָל פראַנציסקאָן און יענער האָט זיך נישט אָנגערופן. ער וואָלט גערופן אַ דריט מאָל, אַ פערט מאָל און נאָך צען מאָל אפילו און ער וואָלט נישט איבערגעטראַכט גאָרנישט... נו, און טאָקע דערפאַר אַליין, ווייל דאָס איז אַ המשך פון דער לאַנגיעריקער, פון פאַר זעכצעניעריקער אומרויקייט, איז דערפאַר אַליין קאָן ער שוין רויק זיין, אברהם משה... ווען ער וואָלט געווען זיכער, אַז ער וועט נישט אויפוועקן די טאָכטער, וואָס שלאָפט דאָרטן אויבן בא זיך איבערן שטיבל, וואָלט ער נאָכאַמאָל אַ הע־כערן געשריי געטון „פראַנציסקאָ״ און יענער וואָלט זיך געלאָזט הערן...

אָבער וואָס האָט ער קיין צייט נישט, אברהם משה? ס'איז נאָך אַזוי פרי. נייטיקן, נייטיקט ער זיך נישט אין אים... זאָל ער דאָרטן פּאָפּן, אַז ער פּאָפּט!...

דערווייל האָט ער געכאַפּט אַ קוק צום סאַמאָוואַר, וואָס איז גע-שטאַנען אונטערן קוימען, אַ פּאַרטיקער, אַ פּאַרטושקעוועטער, מיט אַ פּאַפּירל און געהערט, אַז ער קאָכט צו שטאַרק, האָט ער געגעבן אַ קער אויס ביידע קעשענעס פון די הויזן און מיט די קעשענעס אַראָפּגעכאַפּט די הייסע פּאַלירקע און אָוועקגעלייגט אַן אַנדער שטיקל פּאַפּיר און גע-מאַכט אַ קלענער לעכעלע, ווי ס'איז געווען אין יענעם דורכגעסמאַליעטן פּאַפּירל. און אָפּגעטון אָט די אַרבעט און נישט געפונען קיין אַנדערע אַרבעט, איז ער אַריין צו זיך אין פּאַרשאַליעוועטן אַלקערל און אין עטלעכע מינוט אַרום האָט ער זיך באַוויזן אין טלית און תפילין און איז אַזוי אַ טלית-און תפילינדיקער און דאַוונענדיקער צוגעגאַנגען צו דער טיר, וואָס פירט צו דער גאַס, און זי אויפגעשלאָסן און זי געעפנט. האָט ער אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ אין של-ראש אינדרויסן אַרויס און אויטאָ-מאַטיש וואַרפנדיק מיט די ליפּן, האָט ער געדאַוונט, אַליין פאַרגעסנדיק, אַז ער דאַוונט... קאָפּ און קעפּל. מענטשן-קאָפּ און תפילין-קעפּל האָבן זיך געדרייט אויף רעכטס און אויף לינקס און די אויגן, וואָס האָבן פון איין קאָפּ און צוגלייך פון צווייטן אַרויסגעקוקט, האָבן באַטראַכט ליידי-קייט און פוסטקייט... און הגם ער באַמערקט עס אַלע פרימאָרגן, האָט אים איצט דאָך די זעלבע ליידיקייט און פוסטקייט גאַנץ אַנדערש אויס-געזען... ווי ליידיקייט וואָלט געדיכט אָנגעשטאָפּט געווען מיט ליידיקייט...

גאַנצע טעג איז אָט דער מאַרק פּלאַץ פאַרפלייצט און באַלאַגערט פון מענטשן, פערד, בהמות, חזירים, גענז, הינער און קאַטשקעס און אויך אַנדערע סחורות, נישט קיין לעבעדיקע, נאָר וואָס איז געווען באַ-לעבט פון לעבעדיקע צווי-פיסיקע ברואים, וואָס האָבן געהאַנדלט, געקויפט און פאַרקויפט סחורות נישט קיין לעבעדיקע מיטן זעלבן אימפעט ווי די לעבעדיקע סחורות... אברהם משה האָט אין זיין פאַרשטעלונגס-קראַפט דאָס אַלץ געזען און דערפאַר האָט ער געפילט אַ באַזונדערע הנאה, קוקנדיק אויף אָט דער רחבותדיקער ליידיקייט און געווען צופרידן דערפון, וואָס דאָס, וואָס ער זעט אין זיין פאַרשטעלונגס-קראַפט, זעט ער

נישט דאָ אויפן מאַרק-פּלאַץ, און געפילט אַ גרויסע הנאה פון דער שטילקייט...

ס'איז נאָך געווען זייער פרי, מ'האָט נאָך קיין לעבעדיק נפש נישט געזעען. ווען נישט רעכענען די מחנות פייגעלעך, וואָס האָבן דאָ און דאָרט און אומעטום באַלאַגערט מיט זייערע שפּרינגענדיקע קערפּערלעך די הורבעס פערדן-קויט און אַרויסגעפּיקט פון דאָרט זייער פייגלשע חיונה...

ס'איז נאָך געווען זייער פרי, אָבער ליכטיק און זוניק איז שוין געווען פּונקט אַזוי ווי אינמיטן העלן טאָג און אָט די ליכטיקייט האָט צוגעזאָגט, אַז דער טאָג וועט זיין הייסער, די זון וועט מיט געטריישאַפּט באַקן און בראָטן די וועלט...

די געוועלבער זענען נישט געווען געשלאָסן, טירן הילצערנע טירן אייזערנע, זענען געווען אַריינגעמאַכט אין די געמויערטע ווענט אַריין, איבערגעוואָרפן מיט פּרענטעס אייזן און מיט שלעסער פאַרשלאָסן גרויסע, ווי לונג און לעבערס...

— אברהם משה האָט אַזוי שטייענדיק, און קוקנדיק און מורמלענדיק מיט די ליפּצן דאָס דאַווענען, זיך דערמאַנט, אַז ער האָט עפּעס פאַרגעסן, און אַז די זאַך, וואָס ער האָט פאַרגעסן, איז זייער נישט קיין אָנגענעמע זאַך... איז ער צופרידן געווען, וואָס ער האָט זי פאַרגעסן. ער איז אָבער נישט צופרידן געווען פון דעם, וואָס ער געדענקט, און די פאַרגעסענע זאַך איז עפּעס זייער נישט קיין אָנגענעמע... זייער, זייער אַ שווערע און אַ מרהשחורהדיקע...

אברהם משה האָט זיך אַריינגעצויגן אין שטוב אַריין און פאַמעלעכקע פאַרמאַכט די טיר. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די צוגעמאַכטע טירן פון די אַרומיקע חדרים, אין וועלכע עס זענען געשלאָפן פרעמדע אומבאַקאַנטע מענטשן... מענטשן, דאַכט זיך, די זעלבע, וואָס האָבן דאָ סטאַנציע געהאַט נעכטן, פאַראַכטאָגן, צוריק מיט אַ חודש, צוריק מיט אַ יאָר און מיט צוויי-דריי צענדליק יאָר צוריק... און אין די זעלבע מענטשן, וואָס זענען אים אַזוי באַקאַנט מיט זייער אומבאַקאַנטקייט און פרעמדקייט... די זעלבע פרעמדע, די זעלבע אומבאַקאַנטע, וואָס בייטן זיך פון מעת-לעת צו מעת-לעת און מ'דערקענט נישט, אַז זיי בייטן זיך...

ער האָט זיך געוואָלט דערמאָנען אָן איינעם כאָטש פון די, וואָס שלאָפן דאָ אין די צימערן, כאָטש אין איין פנים, האָט ער נישט גע-

קאַנט... פאַרקערט־זשע, אַ פּאָר קלימקעס און אַ פּאָר רענצלעך האָט ער זיך דערמאָנט ווי זיי זעען אויס און דורכדעם איז ער געקומען צום באַשלוס, אַז די טאָכטער איז נישט אינגאַנצן אומגערעכט, וואָס זי וויל נישט האָבן אַזעלכע לייט מיט אַזאַ באַגאַזש בא זיך אין הויז... און אפשר זאָל ער איר טאַקע נאָכגעבן און מאַכן אַ האָטעל פון אן אכסניה?

ווען ער איז אַזוי געשטאַנען און געטראַכט, האָט זיך פון אַ טיר אַרויסבאַוויזן אַ יידל אַ פאַרשלאָפנס, אַ צעקאָשמעטס און דאָס גאַנצע פּנים זיינס האָט אויסגעזעען ווי אַן אתרוג, וואָס ליגט אין קלי־אַטשע, אַזוי געל איז געווען זיין פּנים און אַזוי פאַרבערדעוועט און פאַרפאַהוועט. . .

און אַזוי גלייך ווי אָט דאָס יידל האָט זיך באַוויזן, איז ער אַרויס מיט לשון, ווי ער וואָלט ספּעציעל צוליב דעם פון אַלקער אַרויס, כּדי מיט לשון אַרויפצושרייען:

— וואָס האָט מען בא אייך דאָ אַזוי געשריגן באַנאַכט?

אברהם משהן איז פון די ווערטער פון זיינע איבערגעלאָפן אַ פראָסט איבערן לייב... ער האָט דערפילט, ווי די הויט איז געוואָרן האַרט און שטעכעדיק...

— געשריגן? וואָס מיינט איר געשריגן? ווער האָט געשריגן? ווי האָט מען געשריגן?...

— עפּעס אַזוי ווי פון אויבן — האָט דאָס יידל אַ ווייז געטון אַרויף צום סופיט — עפּעס אַזוי ווי אויפן בוידעם... עפּעס האָב איך אַזוי ווי אַ פאַרשטיקט קול געהערט...

און דאָ האָט זיך אַ קער געטון צו אים און געטון אַ וואַקס אויס אין אים יענע אומרויִקייט, די זעלבע, וואָס ער האָט געפילט באַם ערשטן מאָל, ווען דער ערל פראַנציסקאַ האָט אַריבערגעטרעטן זיין שוועל... זי האָט זיך געגעבן אַ וואָרף אין אים און אים אַרומגעכאַפּט מיט אַ שווידערלעך־שוואַרצן אומעט, פּונקט ווי איינער וואָלט זיך נאָך איינעם נאָכגעדרייט אַ לאַנגע, לאַנגע צייט מיט אַ שוואַרץ טוך און געפּאַקט דעם גינסטיקן מאָמענט, האָט „ער" אים אַ דעק געטון איבערן קאָפּ.

אברהם משה איז מיט האַסטיקע טריט צוגעלאָפן צו די טרעפּ, וואָס פירן אויפן בוידעם אַרויף און האָט איינס נאָך דעם אַנדערן אָנגעהויבן צו שרייען:

— פראַנציסקאָ! פראַנציסקאָ! פראַנציסקאָ!

און נישט געוואַרט קיין רגע אויף אַן ענטפער, האָט ער זיך גלייך געלאָזט שפּאַנען איבער די טרעפּ אינם טלית און תפילין, און אַזוי גלייך ווי ער האָט באַמערקט טיר פון בוידעם און טיר פון בוידעם־שטיבל צע־עפנט איינס אַנטקעגן דאָס אַנדערע, האָט אים עמעצער אין אים אַ זאָג געטון, אַז עפּעס אַ גרויס אומגליק איז געשעען... אים איז אָבער אומבאַ־וווסטזיניק אָדער מיטן באַוווסטזיין פון אונטערבאַוווסטזיין ניחא געווען צו זוכן דאָס אומגליק אויפן בוידעם און נישט אין בוידעם־שטיבל...

איז ער טאַקע אַריין אַהינצו מיט אונטערגעהאַקטע פיס און גלייך דערזען אַ לאַנג אויסגעצויגענעם פראַנציסקאָ הענגען אויף אַ באַנטע און ווי ער, אברהם־משה, וואָלט מיט דער שרעק פון דעם געהאָנגענעם גע־וואָלט פאַרשטעלן אין זיך נאָך אַ גרעסערע שרעק, איז ער געשטאַנען אַ היפּשע ווײַלע און געקוקט אויף דעם פאַרזעעניש, וואָס האָט אַמאָל געהייסן פראַנציסקאָ. און אויף לעצט, ווען ער האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָרטן אַנטקעגן וואַרט אויף אים אַן אָפענע טיר, האָט ער זיך ערשט מיט ווילדע קולות צעשריגן און זיך אַריבערגעוואָרפן אין דער אָפּנקייט פון בוידעם־שטיבל און...

ווען אברהם משה וואָלט נישט געוווסט, אַז דאָס איז די טאָכטער, וואָלט ער זי נישט געווען דערקענט, אַזוי פאַרבלויט איז דאָס גאַנצע פּנים געווען און די אויגן האָבן קײַלעכדיק אַרויסגעשטאַרצט מיט טעמפּ־קייט און מיט טויט...

נ ו ג יי ו ויי ס

מיסטער און מיסיס בלעקסטאָן האָבן צוויי צענדליק יאָר אָפּגעלעבט בשלום ושלוה. נישט געווען דער פאַל, פאַר דער גאַנצער צייט פון זייער פאַרהייראַטן לעבן, אַז איינס דאָס אַנדערע זאָל איינס דאָס אַנדערע האָבן אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן נישט צוטרוי, ווי דאָס טרעפט אַזוי אָפט צווישן מאַן און ווייב און זיי וואָלטן זיך זיכער אַזוי ווייטער אַוועקגעלעבט וויפיל ס'איז זיי נאָך באַשערט געווען צו לעבן רויקע און צופרידענע, ווען נישט עפּעס אַ זייטיקער צופאַל, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט דאָס שטילע געמיטלעכע לעבן זייערס, ווי אַ פייער כאַפּט אַרום אַ הילצערנע געביידע און איינס און צוויי איז פון זייער גליקלעכן פאַמיליען-לעבן געבליבן אַ באַרג אַש...

געקומען איז די שרפה דורך אַ בריוו, וואָס מיסיס בלעקסטאָן האָט באַקומען פון רוסלאַנד פון אירס אַ לאַנדסמאַן, זי זאָל אים באַהילפיק זיין אין זיין נויט, זי זאָל אים אַ ביסהעלפן מיט וויפיל זי קאָן, ווייל די לאַגע זיינע איז אַ קאַטאַסטראָפאַלע...

ווען דער בריוו איז אָנגעקומען, איז מיסטער בלעקסטאָן אין הויז נישט געווען. ער איז פריער מיט אַ פּאָר מינוט אָפּגעפאָרן מיט דער מאַשין, מיטנעמענדיק מיט זיך די טאָכטער, וואָס אַרבעט באַ אים טאַקע אין אָפיס, און דעם זון זיינעם, וועמען ער פירט אַלע פרימאָרגן צו דער האַי-סקול, וווּ דער בחור לערנט.

אַ קוק כאַפּנדיק, ווי דער שטייגער איז, אויף דער צווייטער זייט פון קאָנווערט, און דערזעענדיק דעם נאָמען „פעדיאַ באַרדיאַנסקי", האָט

זי זיך גלייך געכאַפּט וואָס דאָס איז. נאָר דערמאַנענדיק זיך וועגן דער פּעדיאַ איז געווען, האָט זיך איר נישט געגלייבט, אַז דער זעלבער זאָל צו איר שרייבן. און ווייל זי האָט זיך אַזעלכעס נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, איז באַ איר רעכט געווען, אַז דאָס איז אַן אַנדערער... איינער מסתמא פֿון די אַמאָליקע באַקאַנטע, וועמעס נאָמען ס'איז געווען דער זעלבער. זי באַקומט דאָך אַזוי פֿיל בריוו פֿון לאַנדסלייט, וואָס קערן זיך מיט איר אַבסאָלוט גאָרנישט אָן, וואָס בעטן באַ איר „אַ פּאָר דאָלאַר". מיט איינ־קע קומט עס איר אַמאָל אָן גאַנץ שווער ביזוואַנען זי דערמאַנט זיך ווער זיי זענען, די מענטשן, וואָס בעטן באַ איר שטיצע... יעדער בריוו, וואָס קומט איר אָן פֿון דאָרטן, איז אַלץ וועגן דעם זעלבן ענין. דערפֿאַר האָט זיך איר נישט געוואָלט גלייבן, אַז דער פּעדיאַ זאָל עס זיין יענער... און צווייטנס, האָט ער זיך מיט איר נישט נאָר גאָרנישט אָנגעקערט, נאָר ער איז אפֿילו איר באַקאַנטער נישט געווען; ס'הייסט, געקענט האָט זי אים יאָ, נאָר איז מיט אים קיינמאָל באַקאַנט נישט געווען...

נו, דערפֿאַר איז באַ איר רעכט געווען, אַז דאָס שרייבט צו איר איינער אַ באַקאַנטער, וועמען זי האָט שוין לאַנג געקאָנט פֿאַרגעסן, און נאָר דערפֿאַר, ווייל זי געדענקט אָט דעם פּעדיאַן, האָט זי געמיינט, אַז דאָס איז דער, וואָס זי געדענקט, און נישט יענער, וואָס זי האָט פֿאַרגעסן...

דאָס האָט אָבער אַזוי לאַנג גענומען, ביזוואַנען זי האָט דעם בריוו געעפֿנט. כאַפּ־דיק די ערשטע פּאָר שורות, ווו עס ווערט באַשריבן דאָס גוטע לעבן זיינס, וואָס ער האָט אַמאָל געלעבט באַ זיינע עלטערן, פֿאַר איר געדענקען און נאָך דעם, ווי רייך ער איז געווען און זיך געבאָדן אין כל טוב, ביז דער איבערקערעניש, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יענעם לאַנד, און פֿון דעמאָלט אָן קאָן ער נישט קומען צו זיך... ס'הייסט, קאָנען וואָלט ער געקאָנט, נאָר מ'לאָזט אים נישט, ווייל מ'האַלט אויף אים אַן אויג, ווייל ער איז געווען באַוווּסט פֿאַר איינעם פֿון די רייכסטע מענטשן אין שטאָט...

דער זעלבער נוסח: אַלע שרייבן זיי אַזוי, אַז זיי זענען געווען עולה גדולה ביז דער רעוואָלוציע, וואָס איז פֿאָרגעקומען אין יענעם לאַנד. איז אַז מען שרייבט עס צו אַ קרוב, אָדער צו אַ נאָענטן באַקאַנטן, איז דאָס נאָך פֿאַרשטענדלעך, נאָר אַז ער שרייבט עס צו איר, איז דאָס פּשוט

נישט באַגרייפֿלעך... זי איז דאָך מיט יענעם פֿאַרשוין פֿאַרבליבן אומבאַ-קאַנט אַ דאַנק דעם, וואָס ער איז געווען אַ קינד פֿון רייכע עלטערן, און זי אַ פּשוט מיידל, אַ באַלמעלאָכעס אַ טאָכטער. טאָ ווי קאָן ער עס „אַפּע-לירן" צו איר אין נאָמען פֿון זיין אַמאָליקן גוטן לעבן ?... און בכלל וואָס קער זי זיך אָן מיט אים?

אמת, ער פֿאַרענטפֿערט זיך, אַז ער האָט קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט ; אַז נישט האָבנדיק אין דעם דאָלאַר-לאַנד נישט נאָר קיין קרובֿ, נאָר אפֿילו קיין באַקאַנטן, איז ער געצוווּנגען זיך צו ווענדן צו איר. און פֿאַר איינוועגס דערציילט ער, אַז די אומגליקלעכסטע מענטשן אין רוס-לאַנד זענען יענע, וואָס האָבן קיינעם נישט אין אַמעריקע... און די אומ-גליקלעכסטע אין דעם פֿאַל זענען די געוועזענע מיוחסים, די, וואָס האָבן זייער צייט גערעכנט פֿאַר אַ חרפּה צו האָבן קרובֿים אין אַמעריקע, וווּהין עס פֿלעגן אין יענע יאָרן עמיגרירן פֿאַרברעכער און גלאַט טויגעניכטסן, וואָס האָבן זיך באַ זיך אינדערהיים נישט געקאָנט דערשלאָגן צו גאָרנישט...

בלייבנדיק אַליין אין דעם גרויסן רהבֿיתדיקן הויז, וואָס איז באַ-שטאַנען פֿון ניין גרויסע ליכטיקע צימערן, איז זי געווען צופֿרידן מיט דעם בריוו, ווייל ער האָט באַ איר אַרויסגערופֿן זכרונות פֿון יאָרן און יאָרן צוריק... זי האָט זיך דערמאַנט אָן איר יוגנט, אָן איר לעבן, וואָס זי האָט געלעבט באַ טאַטע מאַמע, און האָט זיך דערמאַנט אָן דער באַרדיאַנסקי-פֿאַמיליע, וואָס האָט געוווינט אין צווייטן פֿליגל, אויפֿן צווייטן שטאָק, אַנט-קעגן זיי. זי האָט זיך אפֿילו דערמאַנט דעם טאָג, וואָס די באַרדיאַנסקיס האָבן זיך אַריינגעצויגן צו זיי אין הויף אַריין און פֿאַרנומען איינע פֿון די גרעסטע דירות אין הויף, וואָס איז, ביז די באַרדיאַנסקיס האָבן אָט די דירה פֿאַרנומען, גאָר קיין דירה נישט געווען... פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי געדענקט איז דאָרט געווען אַ פֿאַבריק, ווו מ'האָט געמאַכט פּאַ-פּירענע בלומען ; און חדשים-לאַנג איז אָט די דירה, וואָס איז קיין דירה נישט געווען, דערפֿאַר ווייל זי איז צו גרויס געווען פֿאַר אַ דירה, גע-שטאַנען ליידיק. און ס'האָבן געפּוסטעוועט צוועלף פֿענצטער, הוילע, נאַקעטע פֿענצטער, וואָס האָבן אויף איר, אויף מיסיס בלעקסטאָן, און אויף דער אַמאָליקער רייזל. אין די אָוונטן אַנגעוואָרפֿן אָן אומעט. און ווייטער האָט זי זיך דערמאָנט, ווי ס'האָט זי געפֿרייט, ווען מ'האָט זיך

דאָרטן פֿאַרנומען מאַכן רעמאָנט, און אָן איינדרוק, וואָס עס וועט קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן ווערן, האָט אויף איר געמאַכט, חען די באַרדיאַנסקיס האָבן זיך אַהין אַריינגעצויגן...

ערשטנס, די גרויסע, שווערע שטיקער מעבל, פֿון וועלכע מ׳האָט גלייך געקאָנט דערקענען, אַז דאָס זענען רייכע מענטשן. אויף אָט דער רייכקייט האָבן באַזונדערס עדות געזאָגט די פּיאַנאָ און מער נאָך פֿון דער פּיאַנאָ דער גרויסער שפּיגל, וואָס ווען מ׳האָט אים אַרויסגעהויבן פֿון וואָגן אַרויס, האָט רייזלען געגעבן אַזאַ בלענד... ווי מען וואָלט איר אַ זון אַ גאַנצע אין די אויגן אַריינגעוואָרפֿן... און אָט דער בלענדנדער „כמאַל" אין די אויגן האָט איר מיט איינמאָל געגעבן צו פֿילן דעם גאַנצן גלאַנץ פֿון אַ פֿרעמדער, רייכער וועלט, אין וועלכער עס לעבט אַ געווויסער קלאַס מענטשן...

און אין אָוונט פֿון זעלבן טאָג, וואָס די באַרדיאַנסקיס האָבן פֿאַרנומען די דירה, וואָס איז געווען אַזוי גרויס ווי אַ פֿאַבריק, האָבן זיך שוין געלאָזט הערן די טענער פֿון דער פּיאַנאָ. און אָט די טענער האָבן מיט זייערע קלאַנגען באַשטעטיקט דעם איינדרוק, וואָס זי האָט באַקומען פֿון שפּיגל... ווייטס, פֿרעמדס און איינצייטיק עפּעס אַזוי נאָענטס... די טע-ער האָבן דערוועקט אַ טיפֿע בענקשאַפֿט בײַ איר אין האַרץ צו אָט דעם אומבאַקאַנטן לעבן, וואָס עס לעבט אָט די ווייט-פֿרעמדע פֿאַמיליע, וואָס האָט זיך דאָ באַזעצט אַזוי נאָענט.

זי האָט זיך אויך דערמאָנט, ווי עס איז אַוועק אַ לאַנגע, לאַנגע צײַט ביז וואַנען איר האָט זיך איינגעגעבן אויסצוטיילן איין פּנים פֿון צווייטן פֿון דער באַרדיאַנסקי-פֿאַמיליע, וואָס איז געווען אַ מוידישע... יאָ, אַזאַ איינדרוק האָט עס אויף איר געמאַכט — אַ מוידישע פֿאַמיליע, ווײַל עס האָבן זיך געוואָרפֿן אָן אַ שיעור מיידן אין די אויגן אַריין, איינע ענלעך אויף דער צווייטער. און אַלע מיט צעפּ פֿאַרוואָרפֿן: בײַ איינער פֿון פֿאָרנט, בײַ אַ צווייטער אויף הינטן און בײַ אַ דריטער אַ צאָפּ אַהער און אַ צאָפּ אַהין, און די מאַמע פֿון די צעפּיקע מיידן האָט אויכעט אויסגעזען ווי אַ מויד, ווײַל אויך זי פֿלעגט זיך אָפֿט באַווייזן אויפֿן באַלקאָן מיט צוויי צעפּ אויף דער ברייטער, מיט פֿלייש און שמאַלץ אָנגעטאַסעוועטער פּלייצע, וואָס האָט פֿונדערווייטנס אויסגעזען ווי אַן אָנגעשטאָפּטער זאַק...

די מאַמע פֿון די מיידן האָט טאַקע אויסגעזעען ווי אַ מאַמע זייערע, אָבער דער חילוק פֿון דער מאַמען ביז אַלע אַנדערע מאַמעס איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זי האָט אויסגעזעען ווי אַ מוידישע מאַמע צו די מיידן־טעכטער...

ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום, טשאַטעווענדיק זיי איטלעכעס מאָל ווען זיי האָבן זיך באַוויזן אויפֿן באַלקאָן, האָט זי זיך דערוווּסט, אַז די צאָל זייערע איז פֿינף... אַלע האָבן איר פֿון דער הייך אַראָפּ אויסגעזעען ווי אין איין עלטער... די עלטערע האָבן אויסגעזעען אַזוי יונג ווי די ייִנגערע און די ייִנגערע האָבן אויסגעזעען אַזוי אַלט ווי די עלטערע... אַלע אַזעלכע רייפֿע, צייטיקע און דאָך נישט קיין איבערגעזעסענע... אפֿשר האָט מען בלויז די מאַמע־מויד, ווער ס'האָט נישט געוווּסט, אַז זי איז אַ מאַמע, געקאָנט אָננעמען פֿאַר אַ פּאַרזעסענע מויד...

וואָס אָנבאַלאַנגט איס, אָט דעם, פֿון וועמען ס'איז איר דער בריוו אָנגעקומען, האָט זי נישט געוווּסט, אַז אַזעלכער עקזיסטירט. ערשט אין אַ פּאָר וואָכן אַרום האָט ער זיך גאָר פֿלוצלינג אויפֿן באַלקאָן באַוויזן, און זי האָט געמיינט, אַז דאָס איז אַ פֿרעמדער, וואָס איז געקומען צו איינער פֿון די שוועסטער־מיידן. ווען אָבער ער האָט זיך באַוויזן אויפֿן צווייטן און אויפֿן דריטן טאָג, האָט זי פֿאַרשטאַנען, אַז דער בחור באַלאַנגט אויך צו דער באַרדיאַנסקי־פֿאַמיליע. און זי האָט זיך משער געווען, אַז אויב מ'זעט מער נישט ווי איינעם, איז ער מסתּמא אַן איין־און־איינציקער ברודער בײַ די שוועסטער און אַן איין־און־איינציקער זון בײַ די עלטערן.

ער האָט זי איבערראַשט מיט זיין שיינקייט, אָבער טאַקע נישט מער ווי איבערראַשט, אַליין איז זי געבליבן גלייכגילטיק צו איס, ווייל... ווייל ער איז אַזוי שיין געווען, און ווייל ער איז געווען אַ מיטגליד פֿון אָט דער מיוחסדיקער באַרדיאַנסקי־משפּחה...

ווען מ'זעט און מ'פֿילט אַזאַ אָפּגרונט, בלייבט מען דאָס רוב גלייכגילטיק, ווייל וואָס שענער, אַלץ מער נישט דערגרייכבאַר, אַלץ רויִקער בלייבט מען...

וואָס אָנבאַלאַנגט רייזלען, האָט ער בלויז געהאַט אויף איר יענע אומדירעקטע ווירקונג, וואָס זי האָט אָנגעהויבן קוקן מיט אַ ביטול־קוק אויף די בחורים פֿון איר קלאַס.

אָט די ווירקונג איז אפילו נישט געקומען פון אים אַליין. אין דעם האָט אַ חלק געהאַט די גאַנצע באַרדיאַנסקי-פאַמיליע. העריגדיק טאָג און נאַכט פון דאָרטן פרייִלעכקייט און געלעכטער, האָט זי אימפּולסיווער דערפּירט די שווערע לאַסט פון אָרימען לעבן, וואָס זי, צוזאַמען מיט איריקע און מיט אַלע אַנדערע פון איר גראַד, האָבן געלעבט. פאַר אירע אויגן זענען געשטאַנען צוויי שפּיגלען פון צוויי פאַרשידענע לעבנס: איין לעבן פול מיט האָרעוואַניע און שווערער פּראַצע, צוזאַמענגעפלאָכטן מיט אָרימקייט און נויט, און אַ צווייט לעבן פון אַ צווייטן קלאַס מענטשן, וואָס טון גאָרנישט און באָדן זיך אין כל טוב...

דאָס גוטע און זאָרגלאָזע לעבן, וואָס עס האָט געלעבט אָט די אומבאַקאַנטע פאַמיליע, האָט איר שאַרפער געמאַכט צו פילן די אָרימקייט בײַ זיך אין הויז, און ס'האָט זי מיט אַ נאָגנדער בענקשאַפט אָנגעהויבן צו ציִען צו אומבאַקאַנטע און ווייטע האָריזאָנטן, ווו עס לעבט אַ געוויסער קלאַס מענטשן, וואָס טוט גאָרנישט (אָדער וואָס טוט עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז אַזוי גלייך ווי גאָרנישט געטון). אָט אַ שטייגער ווי אָט דער באַרדיאַנסקי אַליין. זי האָט נישט נאָר דערפילט אַן אומחן צו בחורים (פון איר קלאַס). נאָר אפילו צום אייגענעם טאַטן אירן. ער האָט גאַנצע טעג געהאָרעוועט ווי אַן אייזל און מיט צוויי און אַמאָל מיט דריי מענטשן דערצו (נישט רעכענענדיק דאָס לערן-ייִנגל), און דאָך איז מען אַלע מאָל געווען אויף גרויסע צרות; אַז מ'האָט געדאַרפט מאַכן אַ מלבוש, איז דאָס אָנגעקומען מיט גרינגע ווערים...

און פּונקט ווי פריער פלעגט בײַ איר אַרויסרופן מיטלייד, ווען זי האָט געזעען דעם פאָטער, באַגיסנדיק זיך מיט שווייס בײַ דער אַרבעט, אין די הייסע זומער-טעג, אַזוי האָט עס שפּעטער אַרויסגערופן בײַ איר אַן אָפּשטויסנד און פאַרדראָסיק געפיל צו אים... אָט אַרבעט יענער ייִד גאָרנישט, דער ייִד באַרדיאַנסקי, און גיט אַביסל אַ בעסער לעבן ווייב און קינדער ווי ער גיט... דאָרט זענען דאָ פינף מיידן און זיי לעבן זיך אַ ביסל בעסער ווי איר, דער בת-יחידה. און די מוידישע מאַמע? וואָסי, איז יענע אפשר שענער פון איר מאַמען? און דאָך, וואָס פאַר אַ „דאָליע” האָט יענע און וואָס פאַר אַ „דאָליע” האָט איר מאַמע? יענע האַלט זיך מוידיש, שעמט זיך נישט אין די יאָרן צו באַווייזן זיך אין

הויף מיט פּאַרפלאָכטענע צעפּ. האָט זיך די מאַמע אירע געקאָנט אַזעלכעס דערלויבן ?...

און פרעג, וואָס טוט ער אַזעלכעס ? האָט זי זיך דערמאָנט, פלעגט זי זיך פרעגן אויף דעם ייד באַרדיאַנסקי. איז דאָס דען אַן אַרבעט, אַ שטייגער צונויפפירן צוויי מענטשן, וואָס איינער פון זיי וויל פאַרקויפן אַ הויז און דער צווייטער וויל קויפן, צונויפפירן דעם מיט יענעם און... אַ גרויסע מלאכה !

זי האָט געוווּסט, הגם זי אַליין האָט די מלאכה פון טאַקעריי נישט געקענט, האָט זי דאָך געוווּסט, אַז מאַכן אַ קראַן איז אַ פיל-פיל גרעסערע קונץ, ווי כ׳וויס דאָרטן צונויפירן צוויי מענטשן און העלפן צו פאַרקויפן אַ הויז, וואָס איינער האָט געוואָלט פאַרקויפן צו אַ צווייטן, וואָס האָט געוואָלט קויפן... דאָס באַדאַרף מען דאָך טאַקע קענען, אַ קראַן מאַכן (צי אַנדערע זאַכן, וואָס באַלאַנגען צו דעם פאַך) !

און דאָך, מערקווירדיק ! די אַרבעט, וואָס מען באַדאַרף קענען, וואַלגערן זיך מענטשן אויף יעדן שריט און טריט, וואָס קענען זי, און אַט דאָס-אָ, וואָס צו קענען איז נישטאָ וואָס, איז דאָך אַזוי ווינציק מענטשן, וואָס קענען דאָס... ווייל ווען אַלע וואָלטן דאָס געקענט, וואָלטן דאָך אַלע דאָס געטון...

דערפאַר האָט זיך אַזאַ יונג, ווי דער פעדיאַ באַרדיאַנסקי, געקאָנט דערלויבן גאָרנישט צו טון.. ווייל לערנען איז דאָך נישט געווען וואָס, קאָן ער אַ ליאַדע טאָג אַרויסגיין אין גאַס אַריין און ווערן אַ פאַרדינער. זאָל ער נאָר ווערן אַ חתן און חתונה האָבן, וועט ער גלייך אָנהייבן געלט צו פאַרדינען, און ווייב און קינדער וועט שוין גאָרנישט פעלן.

און געפילט האָט זי צו אים... ניין, צו אים האָט זי גאָרנישט געפילט, נאָר צו זיין צוקונפטיקער פרוי האָט זי געפילט אַ קנאה און אַ שנאה איינצייטיק...

דאָס, וואָס איז ביז אַהער באַשריבן געוואָרן, דאָס איז געווען די באַקאַנטשאַפט אירע מיט דעם פעדיאַן, פון וועמען זי האָט דעם בריוו באַקומען און ס׳איז קיין וווּנדער נישט, וואָס זי האָט נישט געקאָנט גלייבן, אַז דאָס איז דער זעלבער... ווייל פונאַנדערגלידערנדיק אַזאַ „באַקאַנט-

שאַפּט" איז דאָס נאָך ווינציקער, ווי איגנאַנצן אומבאַקאַנט... ווייל וועגן דעם, וואָס מ'האָט קיינמאָל אין די אויגן נישט אָנגעקוקט, טראַכט מען נישט דאָס, וואָס זי האָט אין יענער צייט פון פעדיאַן געטראַכט... און זי האָט געטראַכט פון אים מיט אַזוי פיל פרעמדקייט... זי האָט אַלעמאָל געזעען דעם טיפן אָפּגרונט, וואָס געפינט זיך צווישן אים און איר... זי האָט אַלעמאָל געהאַט פאַר זיך דעם ווייטן מהלך און יענע טאָפּלטע פרעמדקייט, וואָס אַן אָרימאַן פילט צו אַ רייכן, וואָס איז אים פרעמד נישט נאָר אַלס פרעמדער, נאָר אויך אַלס רייכער...

— יאָ, ער פלעגט זי דווקא זייער אָפּט פאַרטשעפּען. אָבער זי איז שוין צו יענער צייט געווען אַזוי באַוווּסטזיניק, אַז נישט נאָר האָט ער איר נישט אימפּאָנירט, נאָר פאַרקערט, זי פלעגט זיך פילן באַליידיקט... ווייל נישט בלויז זי האָט ער פאַרטשעפּעט, נאָר יעדע איינציקע יונגפרוי און מיידל, וואָס איז דורכגעגאַנגען דעם הויף... זי האָט שטענדיק געזעען אין דעם גרינגשעצונג און דערפאַר האָט זי אפילו צומאָל געהאַסט אים און דעם גאַנצן מצב זיינעם, אַ דאַנק וועלכן ער נעמט זיך אָט אַזעלכע פּריווילעגיעס פון „פאַרטשעפּען" אומבאַקאַנטע פרויען און מיידלעך.

און זי האָט זיך צוגעקוקט און שוין גוט געוווּסט, וועלכע ער פאַרטשעפּעט און וועלכע נישט... אָ, ווען איינע האָט זיך באַוויזן רייך אָנגעטון, האָט ער אַראָפּגעקוקט און געשוויגן ווי אַ פיש.

זי האָט זיך דערמאַנט אָן די הוסטעלעך אָן זיינע, ווי ער פלעגט צוהוסטן אַראָפּ צו איר, ווען זי האָט זיך אין הויף באַוויזן, און די גרעסטע חוצפּה זיינע האָט דערגרייכט, ווען ער האָט זי איינמאָל אַ רוף געטון:

— „מאַדמואַזעל!"

ווען ער וואָלט איר געזאָגט אין רוסיש „באַרישניא", וואָלט זי זיך ווייט נישט אַזוי באַליידיקט געפילט...

אַן אַנדערע אויף איר אָרט, פילנדיק אין זיך דעם חוזק און דעם ביטול פון אַ בורזשוי, וואָלט זיך אַוועקגעשטעלט אין די רייען פון פראָלעטאַריאַט און וואָלט געוואָרן אַ קעמפערין קעגן אָט די אַלע פּריווילעגירטע... באַ איר איז דאָס געשעען פּונקט פאַרקערט: זי האָט אָנגעהויבן קוקן מיט פאַראַכטונג אויף איריקע און האָט צו איינעם פון די אַרבעטער, וואָס האָט צו יענער צייט באַ זיי געאַרבעט, דערפילט אַן אַנטיפּאַטיע...

און דער איינער איז געווען דער זעלבער, צו וועלכן זי האָט דווקא יאָ געפילט אַ סימפּאַטיע, נאָר טראַכטנדיק פון דער מעגלעכקייט, אַז אַ דאַנק דער סימפּאַטיע, וואָס זי פילט צו אים, זאָל זי נאָך ווערן זיין פרוי און זאָל לעבן באַ אים אַזאַ לעבן ווי די מאַמע אירע לעבט באַ איר טאַטן, האָט זי דערפאַר אים אָנגעהויבן אויסצומייַדן.

פאַרקערט־זשע, איז זי צוגעלאָזענער געוואָרן צום צווייטן, צו דעם, וואָס זי האָט גאָרנישט געפילט... צו דעם האָט זי געהאַט אַ בעסערע שטימונג, אָט טאַקע דערפאַר, ווייל זי האָט צו אים גאָרנישט געפילט, און דערפאַר, ווייל זי איז זיכער געווען, אַז צווישן אים און איר וועט קיינמאָל גאָרנישט זיין...

און אַ שפּאַס פון „שיקזאַל": אָט דער זעלבער, צו וועלכן זי האָט געפילט די גוטע שטימונגען, אַ דאַנק איר זיכערקייט, אַז זי וועט קיינמאָל זיין ווייב נישט זיין (און אַ דאַנק דעם, וואָס זי וועט זיך באַ אים קיינמאָל נישט מוטשען) אָט דער זעלבער איז דאָס איצט איר מאַן, דער מיסטער בלעקסטאָן. און אָט ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט:

יענער, (דער איצטיקער מיסטער בלעקסטאָן) באַמערקנדיק ווי זי (די איצטיקע מיסעס בלעקסטאָן און די אַמאָליקע רייזל) איז געוואָרן צוגעלאָזט צו אים, און זייענדיק צו איר נאָך פון פריער נישט גלייכגילטיק, האָט ער זיך פאַרליבט אין איר, און... האָט איר געמאַכט „אַ פאָרשלאַג", וואָס איז, פאַרשטייט זיך, אָפּגעשלאָגן געוואָרן. און דערנאָך פאַר גרויס האַרצווייטיק איז ער אַוועק קיין אַמעריקע און ערשט אין אַנדערהאַלבן יאָר אַרום האָט זי פון אים אַ בריוו באַקומען, אַז אויב זי וויל ווערן זיינע, איז נאָך איצט אויך נישט שפּעט, ווייל ער האָט זי נאָך איצט פונקט אַזוי ליב ווי ער האָט זי פריער ליב געהאַט און דערצו איז ער זייער „גוט אָפּ" און פאַרהאָפט מיט דער צייט גאָר־גאָר דערהויבן צו ווערן... ער איז גרייט איר גלייך אַרויסצושיקן אַ שיפס־קאַרטע און די הוצאות, וואָס זענען נייטיק צו דער רייזע.

רייזל האָט לאַנג נישט געטראַכט און געענטפערט, אַז זי נעמט אָן זיין פאָרשלאַג, און... זי האָט זיך ערשט איצט געכאַפּט, אַז דאָס זיין אירס אין אַמעריקע און דאָס גאַנצע גוטע לעבן אירס, וואָס זי לעבט, איז אומדירעקט געקומען דורך אָט דער באַרדיאַנסקי־פאַמיליע, דאָס מיינט, איינציטיק אומדירעקט דורך פעדיאַ באַרדיאַנסקי...

אַ דאַנק דעם איז זי געבליבן אין פאַרלעגנהייט... ווען זי כאַפּט זיך נישט אָן דעם, וואָלט דער בריוו מעגלעך געהאַט דעם זעלבן גורל, וואָס עס האָבן פיל אַנדערע בריוו, וואָס קומען אָן צו איר מיט ביטעס וועגן הילף. און דערפאַר האָט זי באַשלאָסן צו ווייזן דעם בריוו דעם מאַן (הגם זי האָט פריער אויך געדענקט אים דעם בריוו צו ווייזן, צוליב קוריאָזיטעט).

ווען מיסטער בלעקסטאָן האָט דעם בריוו געלייענט, האָט אים מיסיס בלעקסטאָן אַ פרעג געטון, צי געדענקט ער, ווער דער שרייבער פון בריוו איז, און ווען מיסטער בלעקסטאָן האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוווּנדערונג, וואָס זי פרעגט עס בײַ אים, און זי האָט געזאָגט, אַז זי האָט זיך גלייך נישט געכאַפּט, ווער דאָס איז, איז ער גלייך אויפגעשפּרונגען ווי אַן אָנגעבריטער:

— וואָס הייסט, דו האָסט נישט געוווּסט?!

און דער אמת איז טאַקע געווען, אַז איר האָט זיך איצט געדאַכט, אַז זי האָט פון אָנפאַנג זיך נישט געכאַפּט, ווער דער פעדיאַ באַרדיאַנסקי איז, הגם, ווי עס איז אויבן אָנגעוויזן געוואָרן, איז פאָרגעקומען בײַ איר עפּעס אַנדערש, אַז געוווּסט האָט זי, זי האָט בלויז נישט געגלייבט, אַז דאָס זאָל זיין יענער... אַזעלכע נישט דייטלעכע און אומבאַמערקבאַרע פלאַנטערלעך קומען טאָג-טעגלעך פאָר בײַ יעדן איינעם פון אונז און זיי גייען אַריבער נישט באַמערקט. דאָ אָבער האָט עס געבראַכט צו זייער ערנסטע רעזולטאַטן.

און ס'איז מער ווי זיכער, אַז ווען די מיסיס בלעקסטאָן וואָלט זיך אין עפּעס זינדיק געפילט, וואָלט זי זיך געווען באַצייטנס געכאַפּט און וואָלט נישט געווען דערלאָזט ס'זאָל קומען צו דעם. נאָר אַזוי ווי זי האָט זיך געפילט ריין און אומשולדיק, האָט זי נישט אָנגעהויבן צו פאַרדעכטיקן, אַז דער מאַן וועט עפּעס פאַרדעכטיקן דורך דעם, וואָס זי זאָגט, אַז זי האָט פאַרגעסן ווער דער פעדיאַ באַרדיאַנסקי איז... ווען זי וואָלט זיך אין עפּעס שולדיק געפילט, וואָלט זי גענוג קלוג געווען אַזעלכעס צו פאַרשטיין, אַז דווקא אָט דער אָנשטעל, אַז זי האָט פאַרגעסן ווער דער שרייבער פון דעם בריוו איז, קאָן ברענגען פאַרקערטע רעזולטאַטן...

— איך האָב נישט געוווּסט, אַז...
— וואָס האָסטו נישט געוווּסט ?...
— ס'האָט זיך מיר נישט געגלייבט...
— וואָס האָט זיך דיר נישט געגלייבט ?..
— ס'האָט זיך מיר נישט געגלייבט, אַז ער...
— וואָס האָט זיך דיר נישט געגלייבט, אַז ער...
— ס'האָט זיך מיר נישט געגלייבט, אַז ער זאָל צו מיר שרייבן און...

באַ מיסטער בלעקסטאָנען האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז עפּעס דרייט זי מיט דער צונג, אַז זי וויל זיך אַרויסדרייען פון דעם, וואָס זי האָט זיך אַריינגעדרייט און ער איז שוין געוואָרן סאַרקאַסטיש:

— וואָס־זשע, האָסט נאָך ערגעץ אַ באַקאַנטן מיטן נאָמען פעדקאַ ?

מיסעס בלעקסטאָן האָט גאַנץ רויק געענטפערט, אַז דער איז אויך נישט געווען איר באַקאַנטער. און מיסטער בלעקסטאָן, וואָס האָט לעת־עתה איינגעזען, אַז עפּעס וויל זי פאַרלייקענען, נאָר אין זיין קאָפּ האָט זיך נאָך נישט פאַרמירט, וואָס זי וויל פאַרלייקענען פון אים, האָט איר שוין אָנגעהויבן באַצייטנס אַריינצוקריכן אין דער גרגרת אַריין:

— ...אָ, אַזוי, האָסט אים שוין גאָרנישט געקענט אויך ?

מיסעס בלעקסטאָן האָט געכאַפּט דעם טאָן זיינעם און קוקנדיק אויף אים אַ ווײַלע מיט פאַרוווּנדערונג, האָט זי באַ אים געפרעגט:

— וואָסי, וואָס רעדסטו מיט מיר אַזוי ?

— נו, ווי אַזוי זאָל איך אַנדערש מיט דיר רעדן, אַז דו זאָגסט מיר, אַז דו האָסט נישט געקענט פעדיאַ באָרדיאַנסקי ?

— איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז איך האָב אים נישט געקענט. איך האָב דיר נאָר געזאָגט, אַז איך בין מיט אים באַקאַנט נישט געווען...

ער האָט אַ ווײַלע געשוויגן און האָט זיך אַזוי אגיל ואשמחדיק אָפּגעזאָגט די פאָלגנדע ווערטער:

— איך בין אויך מיט אים נישט באַקאַנט געווען...

— אַנטקעגן וואָס זאָגסטו דאָס?

— אַנטקעגן דעם, וואָס דו האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט פאַר־געסן...

— איך האָב דיר נישט געזאָגט, אַז איך האָב פאַרגעסן. איך האָב דיר נאָר געזאָגט, אַז...

— דו האָסט יאָ געזאָגט!... האָסט געזאָגט, אַז דו האָסט זיך גלייך נישט געכאַפּט ווער דאָס איז...

— יאָ, אָבער איך האָב דאָס נישט געמיינט...

— ווילסט שוין כאַפּן צוריק...

ווען דאָס וואָלט געווען „אַבי־ווער", וואָלט ער זיך עס נאָך גע־קאָנט פאָרשטעלן, נאָר נעמען און פאַרגעסן אָט דעם פעדיען מיט די געדיכטע קודלעס האָר און מיט די ברענענדיקע אויגן, וואָס האָבן גע־ברענט די טריט פון יעדער יונג־פרוי און פון יעדן מיידל און בתוכם „זי", וואָס איז איצט זיין פרוי. ניין, דאָס האָט זיך נישט געלאָזט גלייבן... הייסט עס, אַז זי האָט עס געזאָגט צוליב אַ געוויסן צוועק. איז דאָך טאַקע כדאי צו וויסן, וואָס זי באַצוועקט דערמיט...

— אַזוי? — האָט ער פאַרגעזעצט דעם סאַרקאַזם זיינעם — האָסטו פאַרגעסן, גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, ווער פעדיאַ באַרדיאַנסקי איז... איז זאָג־זשע מיר, איך בעט דיך, וויפיל צייט האָט עס באַ דיר גענומען, ביז וואַנען דו האָסט זיך עס דערמאַנט, האַ?

— דריי שעה! — האָט זי אים שוין אויף אַ צו להכעיס געענט־פערט און איינצייטיק אין זיך באַרעכטיקט זיין וווּנדערן זיך, ווייל דער אמת איז דאָך, אַז פאַרגעסן האָט זי אים נישט, זי האָט בלויז שלעכט איינפאָרמירט, דערפאַר האָט זיך באַ אים אַזאַ איינדרוק באַקומען. און געוואָלט אינגאַנצן אָוועק דערפון, האָט זי אַ זאָג געטון צו אים:

— „מאַדמואַזעל", געדענקסטו?

זי האָט אָבער נאָך ערגער געמאַכט. ערשט נאָך דעם האָט ער גאַליק אַ זאָג געטון:

— דאָס געדענקסטו, און ווער פעדיאַ באַרדיאַנסקי איז האָסטו פאַרגעסן!...

מיסיס בלעקסטאָן איז שוין אַרויס פון געדולד:

— נו, האָב איך פאַרגעסן. נו, איז וואָס זשע ווילסטו?

— ניין, דו האָסט נישט פאַרגעסן!
— האָב איך נישט פאַרגעסן!
— דאָס וואָלט מיך נישט געאַרט, נאָר דאָס, וואָס דו האָסט מיר געוואָלט דערציילן, אַז דו האָסט אָן אים פאַרגעסן, דאָס אַרט מיך!

און נישט וויסנדיק נאָך אַליין פאַרוואָס דאָס אַרט אים, האָט ער זיך צוליב דעם בלויז פון דאָס ניי אין בריוו פאַרטיפט, זוכנדיק דאָרט, אַליין נישט וויסנדיק וואָס. אַלנפאַלס עפּעס אַזעלכעס, וואָס זאָל באַרעכטיקן אָט די אַרעניש זיינע, און דאָס מיינט איינצייטיק צו פאַרענטפערן די פראַגע, פאַרוואָס זי האָט געפונען פאַר נייטיק אים צו וועלן איינשמועסן, אַז זי האָט פאַרגעסן וועד דער שרייבער פון דעם בריוו איז.

און אַז מ׳זוכט, געפינט מען...

ער האָט דאָ און דאָרטן, אין פיל ערטער אַרויסבאַקומען אַן איינדרוק, אַז... דאָ און דאָרטן איז פאַראַן עפּעס נישט דערזאָגטס, וואָס וואָלט געוויס אַרויסגעזאָגט געוואָרן, ווען דער שרייבער פון בריוו וואָלט זיכער געווען, אַז דער בריוו וועט נישט אַריינפאַלן אין אַנדערע הענט אַריין, נאָר צו איר... און איינצייטיק ווי ער האָט דעם בריוו געלייענט, איז אין דעריבערונג נאָך דער צווייטער אַרויסגעשפּרונגען פון יענער צייט. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער פלעגט זיך אַלע מאָל וואַרפן צו דער זעג־מאַשין, שניידן האָלץ, ווען איבערן הויף האָבן זיך געטומען טראַגן פּעדיאַס געזאַנג־טענער, באַגלייט מיט דער פּיאַנע... ער האָט עס געטון צוליב דעם, כדי צו פאַרטומלען מיט די קולות פון דער זעג־מאַשין די טענער, וואָס האָבן זיך געטראָגן פון אויבן, בכדי זיי זאָלן נישט אָנקומען צו רייזלס אויערן... און ס׳האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז עס קאָנקורירן איינס מיט דעם אַנדערן, און ווילן איינס דאָס אַנדערע פאַרטויבן: קלינגענדיקע טענער פון אַ לעבעדיקן אָרגאַן מיט די געוואָלטגעשרייען פון דער זעג־מאַשין...

איבערגעלייענט אַ צווייט מאָל דעם בריוו. האָט ער באַ איר גלייך פליצלינג געפרעגט, פאַרוואָס האָט זי אים מיט אַזוי פיל שטירדעס אָפּגעזאָגט, ווען ער האָט איר געמאַכט דעם ערשטן פאַרשלאַג, און פאַרוואָס האָט זי, באַקומענדיק זיין צווייטן פאַרשלאַג פון אַמעריקע, אים גלייך אָנגענומען...

— וואָס האָסטו זיך גאָר פּלוצלינג דערמאָנט? — האָט זי מיט פאַרווּנדערונג געפרעגט...

— אַזוי... ס'איז מיר אינטערעסאַנט!

אויף דעם וואָלט זי גלייך קאָנען געבן אַן ענטפער. זי האָט עס אָבער נישט געקאָנט: ווען זי וואָלט עס אים דערציילט, וואָלט עס געמיינט פּונקט דאָס זעלבע, ווי זי וואָלט אים געזאָגט, אַז זי האָט זיך פאַרקויפט צוליב דעם גוטן לעבן, צו וועלכן זי האָט געשטרעבט... זי האָט אָבער נישט געקאָנט פּאַרויסזעען, אַז מיט איר פאַרשווייגן די פראַגע זיינע, וועט זי אַרויסרופן בּאַ אים אַ פאַרדאַכט, וואָס וועט נאָך זיין ערגער דערפון...

מיסטער בּלעקסטאָן האָט אין זיין פראַגע אַליין דעם ענטפער געפונען. און דאָס פאַרשווייגן אירס די פראַגע זיינע האָט דאָס געפונענע פאַרהאַלטן און באַשטעטיקט... יאָ, ס'איז דאָך אַזוי קלאָר!... פאַרוואָס האָט ער עס ביז איצט נישט פאַרשטאַנען?... ס'איז זיכער, אַז אין פאַרלויף פון די אַנדערטהאַלבן יאָר, איז זי בּכשל געוואָרן מיט אָט דעם פעדיאַן... נו, האָט ער זיך, אָט דער שוטה, אונטערגעכאַפּט מיט זיין בריוו צו איר פון אַמעריקע... האָט זי זין אַנגעכאַפּט מיט הענט און פיס... ס'פאַרשטייט זיך, אַ נאַר וואָלט זי געווען, ווען זי וואָלט זיך אָפּגעזאָגט...

ער האָט זיך דערפילט פּונקט אַזוי ווי עס דערפילט זיך איינער אַ געזונטער מענטש, וואָס האָט געזונט אָפּגעלעבט אַ דריי-פערטל יאָר פון אַ מענטשנס לעבן און ער דערוויסט זיך גאָר פּלוצלינג דורך אַ צופאַל, אַז ער האָט אַ געפערלעכן פעלער, וואָס איז נישט אויסצוהיילן... פּונקט ווי איינעם אַזעלכן פאַרדריסט, וואָס ער האָט נישט געוווּסט פון דעם פעלער, מיינענדיק, אַז ער וואָלט אים געקאָנט באַזייטיקן, ווען ער וואָלט געוווּסט פון אים פריער. אַזאַ אומעט האָט דעם מיסטער בּלעקסטאָן אַרומגענומען, ווען ער האָט זיך פּלוצלינג, אין צוואַנציק יאָר אַרום, געכאַפּט אַן אַ צרה, וואָס ער האָט די גאַנצע צוואַנציק יאָר געהאַט און האָט נישט געוווּסט. אַז ער האָט זי און ס'האָט אים באַנג געטון פאַרוואָס ער האָט עס ביז אַהער נישט געוווּסט, הגם ס'איז פאַר אים אַליין ווייט נישט קלאָר געווען, וואָס וואָלט ער געווען געטון, ווען ער וואָלט

זיך דערוווּסט פריער מיט יאָרן אָדער גלייך אין אָנפאַנג די ערשטע צייט פון זייער חתונה...

עס איז אַריינגעקומען די טאָכטער זייערע. זי איז אַריינגעקומען מיט אַ באַגלייטער, אַן אַמעריקאַנער בחור'ל, וואָס פילט זיך גוט מיט דעם, וואָס ער איז אַן אַמעריקאַנער און פילט זיך גוט, ווי דאָס רוב אַמעריקאַנער יונגע מענער, אַנטקעגן עלטערע מענטשן... דער אַמעריקאַנער יונגער פאַרשוין איז שוין פיל מאָל אין הויז בײַ זיי געווען, און דאָך קומט ער אַלע מאָל אַריין מיט אַזאַן אַריינגאַנג ווי... ווי עס קומט אַריין דער „געז-מען" באַטראַכטן דעם „געז-מיטער" — מיט היימישקייט און פרעמדקייט אײַנצײַטיק...

די טאָכטער איז אַריין אין אַ צווייטן חדר און דער „באָי" איז געבליבן שטיין אין עסצימער וואַרטן אויף איר. מיסעס בלעקסטאָן האָט אים געבעטן זיצן. ער האָט מאַנירלעך געדאַנקט און אין דער מאַנירלעכקייט איז געווען צו דערקענען, אַז אָט דאָס „באַיעלע" האָט מיט זײַ' מיט די „אַלטע לייט", גאָרנישט צו טון. אַז ער איז נישט געקומען צוליב זיצן דאָ, נאָר צוליב אַוועקגיין...

מיסטער בלעקסטאָן האָט באַמערקט די האַלטונג פון אָט דעם חברהמאַן צו זיי, צו די עלטערן פון דעם מיידל, און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז בײַ אים איז דאָס געווען פונקט פאַרקערט. אַז ער האָט זיך דווקא מיט די עלטערן, וואָס ער האָט אַמאָל ליב געהאַט, געפילט פיל, פיל היימישער, ווי מיט איר... און אָט די פרעמדקייט, אָט דעם בחורל'ס, האָט אים דערמאָנט יענע פרעמדקייט, וואָס ער האָט געפילט אַמאָל צו דעם פעדיאַן... און ס'האָט אים פאַרדראָסן און באַליידיקט די האַלטונג פון אָט דעם פאַרשווינדל, און ער האָט פלוצלינג מיט פאַרדראָס אַ זאָג געטון צו דעם יונגנמאַנטשיק...

— סיט דאון ! ...

דאָס בחור'ל האָט זיך פאַרלוירן, און ס'איז קענטיק געווען אָן אים, אַז נאָך אַזאַ איינלאַדונג אויף זיצן, איז ער גרייט צו אַנטלויפן... מיסעס בלעקסטאָן האָט אויפן מאַן אַ צעמישטן קוק געוואָרפן און ווי זי וואָלט געוואָלט פאַרגלעטן דעם מאַנס נישט העפלעכקייט, האָט זי געזאָגט צום בחור'ל :

— סיט-דאון, פּליעז !

די טאָכטער האָט זיך באַוויזן אַ פאַרפּוצטע, איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט איר עפּעס איינגערוימט אַ סוד אין אויער אַריין, און דאָס האָט באַוויזן ווי ווייט היימיש זי פילט זיך שוין מיט אָט דעם „באַי", אַז זי קאָן זיך שוין דערלויבן אין זיין קעגנוואַרט צו סודן זיך. ס'הייסט, זי האָט געטון דאָס, וואָס מ'טוט נישט אויס העפלעכקייט אין דער קעגנוואַרט פון אייגעם, וואָס איז אינגאַנצן פרעמד.... מיסטער בלעקסטאָן, כאַפּנדיק זיך, אַז ער איז געווען נישט העפלעך מיטן בחורל, האָט איר אויפמערקזאַם געמאַכט אויף איר נישט-טאַקטישקייט, און די טאָכטער האָט זיך אויף אים צעבייזערט:

— פאַ, וואָס איז דער מער מיט דיר ?!

און אין דער טאָכטערס שטרענגן בליק האָט ער געכאַפּט דעם זעלבן אויסדרוק, וואָס איז ערגעץ טיף אין זיין וועזן פאַרבליבן פון איר מוטער, פון דער אַמאָליקער רייזל, ווען ער האָט איר געמאַכט דעם פאָרשלאַג, און זי האָט אים אָפּגעזאָגט... און ס'איז מערקווירדיק, וואָס פונקט אַזוי ווי ווען ער פלעגט זיך אָן דעם דערמאָנען, האָט עס באַ אים אַרויסגערופן נאָך מער סימפּאַטיע צו דעם ווייב, האָט עס אים איצט, פאַרקערט, אויפגערעגט. און ער האָט פּלוצלינג געגעבן אַ געשריי אויף דער טאָכטער:

— שאַראַפּ !

דאָס מיידל איז אַוועק ווי אָן אָפּגעבריטע. מיט איר צוזאַמען איז אַוועק דאָס פרעמדע בחורל, און גלייך ווי דאָס פּאָרל איז פאַרשוווּנדן געוואָרן, האָט מיסעס בלעקסטאָן אַ פרעג געטון באַם מאַן:

— וואָס, ביסט פון זינען אַראָפּ ?!

מיסטער בלעקסטאָן האָט זיך געטון אַ הייב אויף פון פּלאַץ מיט אַזאַ אויפהייבעכץ, ווי אַ שטורם וואָלט אים פון אָרט אָפּגעריסן, און שטורעמדיק זיך דורכגעטראָגן איין מאָל און אַ צווייט מאָל איבער דעם גאַנצן פאַרנעם פון גרויסן עסצימער, איז ער געבליבן שטיין אַקעגן איר און אין אַ ווילדע אַרום אויסגעשריגן :

— איך וויל, דו זאָלסט מיר אַלצדינג דערציילן, דו הערסט! אַלצדינג וויל איך וויסן...

מיסעס בלעקסטאָן איז געבליבן זיצן אַ פאַרשטיינערטע און אַרויסגעמורמלט עטלעכע ווערטער און געפילט, אַז נישט דאָס, וואָס זי מורמלט,

ווײל זי זאָגן; אַז אַנדערע ווערטער וואָלטן באַדאַרפט קומען נאָך אַזאַ פּלוצלינגן און אומדערוואַרטעטן אָנפאַל פון איר מאַן...

— וואָס זאָגן?... וואָסי? איך פאַרשטײ דיך נישט!

מיסטער בלעקסטאָן איז נאָך אויפגערעגטער געוואָרן:

— דו האַלטסט מיך, זעט אויס, נישט פאַר קײן קלײנעם אידיאָט, האַ? דו מײנסט, אַז דו האָסט מיך די גאַנצע צוואָנציק יאָר גענאַרט, וועט זיך עס דיר איצטער אויך אײנגעבן, האַ?! אַ, נײן, אַזאַ גרויס פערד בין איך נישט!

— וואָסי, ביסטו פון זינען אַראָפּ? וואָס גענאַרט? ווער גענאַרט? וואָס רעדסטו וואָס? עפּעס אַזוי ווי דו וואָלסט פון היץ גערעדט — האָט שטאַמלענדיק אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיסעס בלעקסטאָן.

מיסטער בלעקסטאָן האָט אין איר שוואַכער פאַרטײדיקונג אײנגעזען, אַז זי פאַרשטײט שוין זײער גוט, אַז ער רעדט נישט פון היץ. ער האָט בלויז נישט פאַרשטאַנען, אַז דעריעניקער, וואָס מ'וואַרפט איר גאָר פּלוצלינג פאָר וועלכע עס איז באַשולדיקונג אין אַ פאַרברעכן, אין וועלכן ער פילט זיך אינגאַנצן אומשולדיק, איז אַזוי מוטלאָז ווי דעריעניקער, וואָס איז געכאַפּט געוואָרן בײַ דער האַנט, ווען ער איז דאָס פאַרברעכן באַגאַנגען...

אמת איז, אַז זי האָט שוין פאַרשטאַנען, אַז דער מאַן אירער פאַרדעכטיקט זי אין אַ שרעקלעכן פאַרברעכן, אָבער פילנדיק זיך אינגאַנצן ריין און אומשולדיק, האָט זי נישט געוווסט ווי אַזוי צו פאַרענטפערן זיך... ווײל פאַרענטפערן זיך קאָן זיך אַלע מאָל דעריעניקער, וואָס פילט זיך מער אָדער ווינציקער שולדיק אין דעם פאַרברעכן. וואָס מ'וואַרפט אים פאָר... ווי אומדערוואַרטעט דער „פאָרוווּרף” קומט אים, איז ער דאָך מער אָדער ווינציקער געווען צוגעגרײט דערצו. אַנדערש איז דאָס מיט דעמיעניקן, וואָס פילט זיך אין גאָרנישט שולדיק...

אָנקוקנדיק זי אַ ווײלע אַ גלײַענדיקער, אַן אויפגערעגטער, ווי עס קען זײן אָנגעגליט און אויפגערעגט אַ מאַן, ווען ער כאַפּט זיך גאָר פּלוצלינג, אַז דאָס ווײב, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר אַ צנועה, האָט אים אַלע יאָרן גענאַרט, אָנקוקנדיק זי מיט אַזאַ אָנקוקעניש אַ היפּשע צײט, איז ער צוגעטרעטן נאָענט צו איר און איר אַרײַנגעשריגן אין פּנים אַרײַן:

— אויסוווּרף!

מיסעס בלעקסטאָן האָט גלייך אָנגעהויבן ספּאַזמירן, און מיסטער בלעקסטאָן איז געשטאַנען אַ פאַרגליווערטער, אַ פאַרשטיינערטער, און די ספּאַזמעס פון דעם מענטש, וואָס איז אין פאַרלויף פון צוואַנציק יאָר געווען זיין נאָענטסטער מענטש, ווען ער האָט געשענקט אויפמערקזאמקייט אויף יעדן קנייטש און קרים, וואָס זי האָט זיך געטון, ווען זי האָט זיך נישט מיט אַלעמען געפילט, אָט דער זעלבער איז איצט געשטאַנען און געקוקט אויף איר, ווי עס קוקט אַ וואַלד-גזלן אויף זיין קרבן, וואָס וואַרפט זיך אין קאָנוווּלסיעס פון דעם טויט-קלאַפּ, וואָס ער האָט דעם קרבן געגעבן...

און דאָס-אָ האָט נאָך מער אויפגערעגט דער אומשולדיקער פרוי. און נישט האָבנדיק פאַר זיך קיין מעגלעכקייט אויף וועלכן עס איז אופן זיך אָפּצורעכענען מיט אים סיי פאַר זיין אומזיסט באַליידיקן זי און סיי פאַר זיין גלייכגילטיקייט צו אירע קולות, וואָס האָבן זיך געריסן פון די טיפעניש פון איר הארץ, איז זי גאָר פלוצלינג אַריינגעשפּרונגען אין אים און טייוולאָניש אים אַריינגעשריגן אין פּנים אריין:

— יאָ, יאָ, יאָ!... אַלצדינג, וואָס דו טראַכסט, איז אמת, יעס!!! און טו מיר עפּעס!

און האָט פון דאָס ניי און מיט מער אימפּעט אָנגעהויבן ספּאַזמירן.

. . . .

דער סוף? ס'האָלט איצט דערביי, אַז מיסטער און מיסעס בלעקסטאָן זאָלן זיך צעגיין...

וואָס האָט פּאַסירט מיטן אַלטן ?

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דעם אַלטן איז זייער נישט אָנגענעם געווען גאַנץ פּרי אַראָפּצוקריכן פונם אויוון און אַריינגיין אין דער קאַלטער קאַמער געבן די גענז עסן, איז ער דאָך צופרידן געווען, וואָס ער קאָן די קינדער מיט עפּעס נוצלעך זיין. ער האָט עס כמעט אַליין אויף זיך אַרויפגעוואָרפן אָט דעם עול, נישט וועלנדיק זיין קיין אומזיסטער פרעסער. די אַרבעט אַן־און־פאַר־זיך איז נישט געווען קיין שווערע, נאָר אָט דאָס אויפשטיין מיטן טאָג צוגלייך און דאָס אַראָפּקריכן פונם וואַרעמען אויוון און אַרויסטראָגן אין דער קאַלטער קאַמער דאָס עסן פאַר די גענז (וואָס ער אַליין האָט אַלע אויפדערנאַכט פאַרן שלאָפן גיין צוגעגרייט פאַר זיי אין אַ מולטערל און עס געלאָזט שטיין אין קיך, עס זאָל נישט פאַרפרוירן ווערן דאָרט אין קאַמער) — אָט דאָס איז אים זייער נישט אָנגענעם געווען, אָבער, מערקווירדיק, וואָס נאָכדעם, ווי די אַרבעט איז פון אים אָפּגעטון געוואָרן, האָט ער געהאַט עפּעס אַן ענלעך געפיל, ווי אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, ווען ער האָט עפּעס פאַר די קינדער געטון... ער איז געווען אונטערן איינדרוק, אַז די פאָטערלעכע זאָרג פאַר די קינדער האָט זיך אַריינגעקייטלט אין דער עלטער אַריין... נישט מער, וואָס אויף דער עלטער האָבן דאָס אָרט פון די קינדער פאַרנומען די פעדערדיקע, באַפליגלטע באַשעפענישן, צו וועלכע ער איז אויך כמעט ווי אַ פאָטער געווען... ווייל דורך אים, דורך זיין אַרבעט און פּראַצע, זענען אָט די גענז, וואָס זענען ווינטער געזעסן אין שטייג, געקומען אויף דער וועלט. ער האָט עס זומער געזעצט גענז אויף אייער און ער

האָט די קינדער-גענזעלעך דערזויגן און זיי אויסגעהאָדעוועט, פאַר גרויסע גענז געמאַכט... אַרומפירנדיק זיך מיט די יונגע גענזעלעך אויף די לאָנקעס, האָט ער געהאַט דאָס געפיל, ווי ער וואָלט אויף דער על־טער מגולגל געוואָרן אין אַ נייער פּאַטערלעכער ראָלע צו דערציִען קינדער, וואָס באַלאַנגען נישט צום מענטשלעכן מין. און טאַקע נאָר מיט דעם דערקלערט זיך עס, וואָס, אַז ס'איז געקומען די צייט, ווען מ'האָט די גענז באַדאַרפט קוילענען, איז דער אַלטער געזעסן אַ פאַרצאַגטער אויפן אויוון און געטראַכט וועגן דעם גרויזאַמען יום־הדין, וואָס עס דער־וואַרט די אומגליקלעכע באַשעפענישן, וועלכע ער האָט אויסגעפירט און אויסגעהאָדעוועט, און טאַקע צוליב דעם, אַז מ'זאָל דערנאָך עסן זייער פלייש און שמאַלץ...

יאָ, ער האָט געוווּסט, אַז ער טוט עס נישט צוליב עפּעס אַנדערש. אָבער דאָך, אַרומפירנדיק זיך מיט זיי זומער, און אַכטונג געבנדיק אויף זיי ווינטער, האָט ער אָפּגעשטופּט אָט דעם געדאַנק פון זיך. ער האָט נישט געוואָלט טראַכטן, וואָס עס דערוואַרט אין דער נאָענטער צוקונפט אָט די, צו וועלכע ער האָט געפילט אַזאַ נאָענט, כמעט פּאַטערלעך געפיל...

וויפיל מאָל אין טאָג דער אַלטער איז אַריינגעקומען אין קעמערל, האָבן אים די גענז אויפגענומען מיט אויסגעשרייען און געפילדער, און איינע נאָך דער אַנדערער האָבן זיי פון שטייג אַרויס אַרויסגעוואָרפן קעפלעך און רויטע פּיסקעס, מיט די חנוודיקע אָטעם־שפּעלטעלעך, וואָס דעם אַלטן האָט זיך באַזונדערס געוואָרפן אין די אויגן אַריין. ער איז געווען זייער צופרידן פון אָט די באַגייסטערטע ברוך־הבאס, וואָס זיי גיבן אים... אָט אַזוי נעמען דאָך אויף קליינע קינדער אַ פאָטער, ווען ער קומט אַריין אין שטוב און ברענגט פאַר זיי עפּעס...

ס'האָט זעלטן־ווען געטראָפן, ער זאָל מיט די גענז, נאָכדעם, ווי ער האָט זיין אָוועקגעשטעלט עסן אָדער טרינקען, ער זאָל זיך מיט זיי נישט דורכשמועסן און ער זאָל איינער און אַ צווייטער גאַנז נישט אַ גלעט טון איבערן קעפּל. און האָט וועלכע פון זיי באַוויזן אַ צווייטע, נישט צולאָזנדיק זי צום מילטער, האָט ער זי אויסגעמוסרט:

— אָ, דו שעלמאַ, דו! פאַרוואָס לאָזטו זי נישט צו צום מילטער? און אַמאָל, ווען איינע אַזעלכע האָט זיך אָנגעהויבן ווערגן, אַריינ־

שלינגענדיק אַ צו גרויסע פּאַרציע שפּייז, האָט דער אַלטער געזאָגט צו איר:

— אָט דאָס האָט דיך גאָט געשטראָפט דערפאַר, וואָס דו לאָזט יענע נישט צו.

ער האָט ליב געהאַט אַלע גענז, נאָר דאָך איז אים אַלע מאָל געווען נענטער די „פּלאָכע“, די שוואַכערע, וואָס זענען אַלעמאָל געבליבן ערגעץ פאַרשטעקט פון הינטן און מיט אומבאַהאָלפנקייט און קנאה געקוקט אויף די דרייסטערע און שטאַרקערע, וואָס זענען אַלעמאָל געשטאַנען אין פראָנט, דאָרט, ווו דאָס עסן און טרינקען איז געשטאַנען.

אַלעמאָל האָבן זיך געפונען אַ פּאָר אַזעלכע און דער אַלטער האָט געהאַלטן וואַך דאָס אויג אויף זיי און שוין געזעען מיט אַלע מעגלעכקייטן זיי צוצושטופּן צום פראָנט.

אַרום און אַרום האָט ער געהאַט פאַרגעניגן פון דער עובדא פון זיינער. שוין נישט רעדנדיק וועגן דעם, וואָס ער האָט זיך נישט געפילט אַזוי עלנט און איינזאַם. אַ דאַנק אָט די לעבעדיקע באַשעפעניש, האָט ער אויך געפילט אַ געוויסע צופרידנקייט אין דעם, וואָס ער קאָן מיט עפּעס נוצלעך זיין אין שטוב...

שטאַרק נישט צופרידן איז ער אָבער געווען, ווען ער האָט באַדאַרפט אויפשטיין פאַרטאָג און אַראָפּקריכן פונם אויוון אַראָפּ און אַראָפּגיין אין דער קאַלטער קאַמער. אמת, אַז אַ גאַנצע וואָך איז אויפן אויוון אויך נישט געווען איבעריקנס וואַרעם. אָבער דאָך איז דאָרט אין פאַרגלייך מיט דער קאַמער געווען אַ גן-עדן, און דער אַלטער האָט, נעבעך, זייער געקרעכצט, ווען ער האָט אָנגעהויבן מאַכן זיינע הכנות אַראָפּצוקריכן פון אויוון אַראָפּ... ער האָט פּאַמעלעכיקע גענומען אַרום זיך אַרומטאַפּן דאָס אָנטועץ, און פּאַמעלעכיקע עס אָנגעטאַפּט. האָט ער נאָך פּאַמעלעכער גענומען אַריפּשלעפּן אויף זיך איין שמאַטע נאָך דער אַנדערער, אין ערשט, ווען ער איז שוין געווען אָנגעטון, האָט ער אַראָפּגעלאָזט די פיס און זיי געלאָזט אַ לאַנגע צייט הענגען אינדערלופטן און דערביי נישט אויפגעהערט קרעכצן. און געדאַכט האָט זיך, אַז די קרעכצן פאַלן פון שוואַרצן קוימען, פון זיין טיפער שוואַרצקייט, וואָס געפינט זיך אי-

בערן דאַך און אינדרויסן, איבער וועלכן עס וואָיען קאַלטע, בייזע ווינטן...

אין איינעם אַ ווינטער האָט זיך געמאַכט, אַז איינע אַ גאַנז פון די, וואָס זענען אין שטייג געזעסן, איז „חולה״ געוואָרן. דער אַלטער האָט עפּעס איינמאָל און אַ צווייט מאָל באַמערקט, ווי אָט די איינע האַלט זיך עפּעס אַזוי וואַקלדיק און אומעטיק, זיצט זיך אין אַ ווינקל שטייג און קוקט מיט אַ מאָדנער גלייכגילטיקייט אויף דעם גאַנצן געגזענעם טומל, וואָס זיי מאַכן אָן, ווען מען דערלאַנגט זיי דאָס עסן, און אַליין רירט זי זיך נישט פון אָרט און בלויז, ווען עס ווערט אַ שטאַרק געדראַנג, ווען איין גאַנז בריהט זיך אַרויסצושטופּן פאַר אַ צווייטער צום פּראָנט פון שטייג, הייבט זי זיך אויף, אָדער ווערט אויפגעהויבן פון אַנדערע, וואָס שטופּן זיך אין אומאָרדנונג אַהין און אַהער, אָבער אויך נאָכדעם בלייבט זי שטיין אַן אָפּגעזונדערטע און קוקט אַזוי גלייכגילטיק מיטן קעפּל און מיט אַן אייגל, ווי זי וואָלט מיט ביטול באַטראַכט אָט די געגזענע בהלה פאַר דער אכילה.

דער אַלטער האָט לכתחילה געמיינט, אַז דאָס איז איינע אַ „פלאַכע״ גאַנז, וואָס האָט קיין מוט נישט זיך איינצורייסן מיט די איבעריקע איבער דער אכילה. שפּעטער, ווען ער האָט זיך בעסער איינגעקוקט אין איר און דערזעען דעם בלאַסן שנאָבל אירן און די בלאַסע פיסלעך, האָט ער זיך איבערצייגט, אַז די גאַנז איז „חולה״, און ער האָט גענומען באַזונ־דערס אַכטונג געבן אויף איר.

ער פלעגט, פון צייט־צו־צייט, ספּעציעל פאַר אירעטוועגן אַריינ־ברענגען אַ ביסל צעקוועטשטע קאַרטאָפל מיט מעל — אַ מאכל, וואָס גענז האָבן זייער ליב, און אַמאָל האָט ער פאַר אירעטוועגן געבראַכט שיריים, וואָס איז פאַרבליבן פונם הויזגעזונט. אָבער זייער זעלטן האָט זיך אים איינגעגעבן זיך צו דערשלאָגן צו דער חולה גאַנז, ווייל ווי ער האָט זיך נישט אַ דריי געטון, זענען די געזונטע און בראַווע געשטאַנען גלייך אַקעגן אים, און מיט אַ גראַגעריי געוואָרפן צו אים פון שטייג אַרויס קעפּלעך און רויטע שנאָבלען. איז לא די, וואָס ער האָט צו יענער נישט געקאָנט צושטעלן אָט די געשמאַקע מזונות, איז נאָך יענער, נעבעך,

אויסגעקומען צו ליידן פון דעם געדראַנג און פון דעם איבערוואַרפן זיך פון די געגנט פון איין אָרט אויפן אַנדערן. עס האָט אים ממש געריסן דאָס האַרץ, צוזעענדיק, ווי אַ שטעלט זי זיך אויף, און אַ קריגט זי ווידער אַ שטויס פון דעם גענוזענעם געדראַנג, און זי זיצט שוין ווידער און קוקט זיך אַזוי אומבאַהאָלפן מיט די קאַלעמוטנע אייגעלעך און דרייט אַזוי מיטן פאַרגעלטן שנאָבל, און עס איז קענטיק געווען, אַז זי פאַר-לאַנגט גאָרנישט פון לעבן און פון געגנט, נאָר אַז מען זאָל זי לאָזן רויק זיצן אָדער שטיין.

געזעען, אַז זיין בעסטער ווונטש עפּעס צו טון „פאַרן חולה" איז אָן דערפאָלג, האָט ער, באין-ברירה, די גאַנצע געמוזט אַרויסשלעפּן פון שטייג אַרויס (דאָס איז אים אויך נישט גאָר גרינג אָנגעקומען), און נאָכ-דעם ווי ער האָט זי פון דאָרט אַרויסבאַקומען, האָט ער זי שוין נכבד געוואָלט מיט דעם גוטן שפּייז, וואָס ער האָט געבראַכט פאַר איר, און זי אָנגעהאָרעוועט און איר געגעבן צו פאַרטרינקען, און דערנאָך האָט ער זי צוריק אין שטייג אַריינגעלאָזט.

ווען ער וואָלט געהאַט באַלעבאָס, וואָלט ער אָט די חולה-גאַנצע אַריינגענומען אין קיך אַריין און וואָלט זי געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז זי וואָלט געזונט געוואָרן... אמת, ער ווייסט טאַקע, אַז דאָס לעבן אירס איז שוין קורץ; אַז אויב אפילו אים וואָלט זיך איינגעגעבן מיט זיין צוזען זי אָפּצוראַטעווען פון טויט, זענען די טעג פון איר גענוזענעם לעבן געציילטע. נו, איז ער שוין דערצו געווינט... דאָס איז דאָך, אייגנטלעך, דער נאַטירלעכער טויט פון אַלע הויזיקע עופות... מענטשן האָבן זייער מלאך-המוות, און דער „מלאך" פון טויט פאַר געגנט און הינער איז דער מענטש... און פונקט אַזוי ווי בײַ איינעם רופט-אַרויס מיטלייד, ווען איינער שטאַרבט מיט אַן אומנאַטירלעכן טויט, אַזוי האָט דער אַלטער רחמנות געהאַט אויף דער גאַנצע און געציטערט איבער איר, זי זאָל נישט אַוועק פון דער וועלט מיט אַן אומנאַטירלעכן טויט (וואָס דאָס וואָלט דווקא געווען דער נאַטירלעכער). סיי-ווי-סיי האָט ער דערצו גאָרנישט געקאָנט העלפן... „כי לכך נוצרת", מ'זאָל זיי קוילענען און עסן זייער פלייש... דערפאַר מאַכט דער שוחט אַ ברכה, און דאַ-אַ טאָמער פגרט זי אַוועק, איז עס דאָך גלאַט גאָרנישט... אי קיינער וועט פון איר קיין הנאה נישט האָבן, אי זי וועט אַוועקגיין פון דער וועלט אָן אַ ברכה...

אַראָפּקריכן פונם אויוון איז דעם אַלטן, ווי עס איז שוין דערמאָנט געוואָרן, נישט אַזוי לייכט געווען, און דאָך איז עס אים פיל לייכטער אָנגעקומען, ווען ער האָט זיך געלאָזט פון זיין אייבערשטן אָרט אַראָפּקריכן אויסשליסלעך, בכדי צו כאַפּן אַ קוק אויף דער חולה־גאַנז. און ער האָט באַ יעדן „וויזיט“, וואָס ער האָט איר געמאַכט, געהאַט אמתע שברי־לב, טרעפנדיק זי פאַררוקט אין אַ ווינקעלע, אַ פאַרחושכטע, מיט נאַכלעסיק אַראָפּגעלאָזטע פליגל און דער פּיסק אירער איז געווען אַזוי פאַרגעלט ווי, להבדיל, באַ אַ מענטש, וואָס האַלט באַ שטאַרבן.

אין איינער אַ נאַכט, וואָס באַלאַנגט טאַקע צו דער זעלבער צייט, וועגן וועלכער עס איז אויבן דערציילט געוואָרן, האָט זיך דער אַלטער שמואל נתן אויפגעכאַפּט פון שלאָף מיט אַן אומרויִק געמיט און מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ. און אויפגעכאַפּט האָט ער זיך, ווי אים האָט זיך געדאַכט, פון אַ פאַטש פון אַ פליגל... אמת, אַז פון קאַמער, וווּ עס זענען די גענז געזעסן און צווישן זיי די קראַנקע גאַנז, האָט ער דעם פאַטש פון פליגל נישט געקאָנט הערן. ער האָט עס געוווּסט און טאַקע זיך געוואונדערט... גלייכצייטיק אָבער, וויסנדיק, אַז דאָרט געפינט זיך אַ חולה־גאַנז, האָט זיך אים שוין יאָ געלאָזט גלייבן, אַז אויב די גאַנז האַלט האַרט פאַרן טויט, איז אַזאַ פליגל־פאַטש אַ גסיסהדיקער. האָט זיך אים פאַרגעשטעלט, קאָן מען שוין יאָ דערהערן... פאַרוואָס דווקא אַזעלכן יאָ, דאָס איז געווען נישט פאַרשטענדלעך... אַזוי צי אַזוי, איז ער זיכער געווען, אַז מיט דער גאַנז קומט דאָרט עפּעס פאָר, אָדער עס איז שוין פאָרגעקומען, און זי ליגט שוין דאָרט מיט אויסגעשטרעקטע פיסלעך...

איז, „מילא, אַ שיינע, ריינע כפרה“. עס ווילט זיך אים אַזוי טראַכטן און ס'לאָזט זיך נישט... אַ שווערער, פיינלעכער אומעט פרעסט דאָס גאַנצע אַלטע געמיט זיינס, און זיין גאַנץ וועזן איז דורך און דורכגעזאַפּט מיט שרעק... אָט דער פאַטש פונם פליגל איז ערגעץ פאַרגלייווערט געבליבן און אים שרעקט עפּעס פיל, פיל מער, ווי אַזעלכעס וואָלט באַדאַרפט שרעקן... ווייל אויב ער האָט אַזעלכעס טאַקע געהערט און

אויב עס האָט טאַקע דאָרט עפּעס פּאַסירט מיט דער חולה־גאַנז, איז — מה רעש? וואָס איז אַזוי גרויס דער פּחד?...

איז טאַקע דער גאַנצער פּחד באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט עס פון דער ווייטער קאַמער און פון דער פעסט ווינטערדיק צוגעמאַכטער טיר נישט געקאָנט דערהערן... און אפשר האָט זיך עס אים אויסגעדאַכט... און אויב אויסגעדאַכט, האָט עס שוין אפשר גאָרנישט צו טון מיט דער חולה־גאַנז, נאָר מיט אים אַליין... אפשר איז די גאַנצע אומרויקייט, וואָס ער פילט די גאַנצע צייט פאַר דער קראַנקער גאַנז, נאָר אַן אומרויקייט פאַר זיך?... אפשר ווייל ער האָט אין איר דערזעען אַן אָפּשיין פון זיך, איז ער אפשר דערפאַר דורכגעדרונגען מיט אַזוי פיל צער צו איר... און אפשר איז די גאַנצע זאָרג פאַרן טויט פון דער גאַנז נאָר זיין אייגענע זאָרג פאַר זיין אייגן לעבן, וואָס האַלט שוין אָט־אָ־דאָ באַם סוף... און אויב דאָס איז אַזוי, איז דאָך גאַנץ מעגלעך, אַז דער פּאַטש פונם פליגל, וואָס אים האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס האָט זיך דערטראָגן פון קאַמער צו אים, אפשר האָט זיך דאָ פאַרביי אים דורכגעטראָגן דער מלאך־המות, און ער האָט דערהערט דעם פּאַך פון זיינע פליגל?...

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן צו פיבערן, און וועלנדיק זיך באַרויקן, האָט ער זיך געוואָלט איינשמועסן, אַז דעם פּאַטש פון דעם פליגל האָט ער נאָר געהערט פון קאַמער, און אַז די גאַנצע מורא זיינע איז טאַקע בלויז פאַר דער גאַנז... יאָ... דאָרט האָט געוויס מיט איר עפּעס גע־טראָפן... ער פילט עס. און דערפאַר...

און אויף וויפיל ער האָט עס נישט געוואָלט, איז ער דאָך גערן געווען, אַז ס׳זאָל טאַקע אַזוי זיין, שוין צוליב דעם אַליין טאַקע, כדי ער זאָל פאַר זיך קאָנען רויק זיין... ער האָט אָבער געפילט, אַז ער וועט זיך נישט קאָנען באַרויקן אַזוי לאַנג, ביז וואַנען ער וועט נישט אַריינ־גיין אַהינצו אין קאַמער אַריין און אַ קוק טון, ווי עס האַלט דאָרט מיט איר...

נישט אַזוי לייכט האָט ער זיך געקאָנט באַשליסן אַראָפּצוקריכן אין האַלבנאַכטיקן חושך פון דעם וואַרעמען אויוון אין דער קאַמער אַריין, וווּ ס׳איז געווען פונקט אַזוי קאַלט, ווי אינדרויסן. נישט גיין אָבער איז נאָך ערגער געווען...

ער האָט זיך אויפגעזעצט און איז געזעסן אַ פּאָר מינוט פאַרזונקען אין שוואַרצע געדאַנקען. דערנאָך האָט ער זיך פאַמעלעכיקע צראָפּגעלאָזט פונעם אויוון אויפן טאַפּטשאַן און פונעם טאַפּטשאַן אויף דער ערד. דערנאָך האָט ער אָנגעטאַפּט די שוועבעלעך אויפן קוימען און אָנגעצונדן אַ שפּענדל און דערמיט צו דער קאַמער אַוועק.

ווי נאָר ער איז אַהינצו אַריין, האָבן זיך די גענז צעגרעגערט מיט אומרויִקייט פאַר דער באַנאַכטיקער וויזיט. דער אַלטער איז גלייך צו מיטן ברענענדיקן שפּענדל צו דער שטייג, זיך אַראָפּגעזעצט און פאַרקוקט אײַנעווייניק. די גענז האָבן אומרויִק געצויגן די העלזער איינע איבער דער אַנדערער, דריקנדיק זיך איינע צו דער צווייטער און בייטנדיק זיך מיט די ערטער, ביז ענדלעך איז דעם אַלטן געלונגען זיך צו דערשלאָגן צו דער חולה-גאַנז. און ער איז געוואָרן נישט ווייניק איבערראַשט, ווען ער האָט זי דערזעען אין דעם זעלבן צושטאַנד, ווי ער האָט זי איבערגעלאָזט נעכטן (נעכטן, צי היינט, ווייל ער האָט נישט געוווּסט, ווו, אַן ערך, עס האַלט מיט דער נאַכט). ווי אַלע מאָל, ווען ער האָט זיך געוואָלט נעמען צו איר, אַזוי האָט זי זיך איצט אויפגעשטעלט און זיך אַוועקגעזעצט, אויפגעשטעלט און זיך אַוועקגעזעצט. אָט וויפיל מאָל זי האָט געכאַפּט אַ שטויס פון די צווישן זיך שטויסנדיקע גענז, אַזוי פיל מאָל האָט זי זיך אַראָפּגעזעצט און זיך אויפגעהויבן.

ווען אַלע גענז זענען געבליבן שטיין אין איין הורבע, האָט דער אַלטער ערשט געקאָנט רעכט מבקר-חולה-זיין די קראַנקע גאַנז... אמת, זי האָט אים איצט אויסגעזעען ערגער פון אַלע מאָל, אָבער בײַ דער פגירה האָט עס אַלץ נישט געהאַלטן. ביידע האָבן זיך איבערגעוואָרפן מיט פאַרשטענדלעכע בליקן. ווי צוויי באַקאַנטע, וואָס קענען קען מען זיך, אָבער רעדן איז נישטאָ וועגן וואָס. די גאַנז האָט אַהין און צוריק געדרייט דאָס קעפּל און אים באַטראַכט מיט איין אייגל און מיט אַ צווייטן. קענטיק, אַז קוקן אויף דעם, וואָס קוקט אויף איר, מיט איין אויג, איז ווינציק געווען, און זי האָט געוואָלט קוקן מיט ביידע אויגן...

נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די גאַנז האָט נישט אויסגעזעען ערגער ווי דאָס לעצטע מאָל, וואָס ער האָט זי געזעען, האָט זיך אים דאָך געדאַכט, אַז די שעהן אירע זענען געציילטע, און שוין צוליב דעם

אַליין איז אים איינגעפֿאַלן זי אַרויסצוּנעמען פֿון שטייג אַרויס און זי אַריינטראָגן אין קיך אַריין. אים האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, אַז דאָרט, אין קיך, וועט איר גרינגער אָנקומען דער טויט. און נישטלאַנג געטראַכט, האָט ער געפּענט פֿון אויבן דאָס טירל און די גאַנז בײַ אַ פֿליגל אַרויסגעשלעפּט.

פֿונעם פּאָך פֿון פֿליגל האָט זיך דאָס פֿייער אויסגעלאָשן, און דער אַלטער איז מיט דער גאַנז אין דער האַנט געבליבן אין דער שטאָקפֿינצטערער קאַמער, ווו עס האָבן זיך געבלייכט די ווייסע שניי-פּאַסקעס, וואָס זענען געלעגן פֿאַרשטעקט צווישן די שפּאַרונעס פֿון די ווענט... דער אַלטער האָט זיך גלייך פֿאַרלוירן, ווי דאָס פֿייער האָט זיך אויסגעלאָשן... אַ שווידערלעכער פּחד איז אים באַפֿאַלן, און די פּאַסקעס שניי, וואָס האָבן פֿון אַלע זייטן זיך געבלייכט, האָבן אָנגעהויבן שווינדלען אין זיינע אויגן, געשניטן מיט ווייסקייט די פֿינצטערניש און עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעדער פּאַסקעלע, וואָס גיט אַ שוועב אין דער לופֿטן, איז עפּעס אַ ווונק און אַ ווייז פֿון אַ ווייסער טויטער וועלט, וואָס ליגט אין דער געדיכטער שוואַרצער פֿינצטערניש באַהאַלטן...

דער אַלטער האָט זיך מיט אייַלנדיקן אימפּעט, האַלטנדיק די גאַנז בײַ אַ פֿליגל, געלאָזט טאַפּן אַ וואַנט, ווו ער איז געווען זיכער, אַז דאָרט באַדאַרף זיין די טיר. און אַ טאַפּ געטון איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און די טיר נישט אָנגעטאַפּט, איז ער נאָך מער געוואָרן צעמישט און צעטומלט, און דאָ ציט די גאַנז די האַנט זיינע מיט איר גאַנצער שווערקייט, און פּאַטשט אים מיטן פֿרייען פֿליגל איבער די פּיס... פּאַטשט, און עס הערט זיך בלויז אָט דאָס פּאַטשעריי, און די גאַנז אַליין וואַרפֿט זיך בלויז צוליב דעם, כּדי אים צו פּאַטשן מיטן פֿליגל איבער די פּיס.

וואָס לענגער ער טאַפּט די וואַנט, זוכט די טיר און געפֿינט זי נישט, אַלץ זיכערער ווערט ער, אַז ער וועט שוין די טיר נישט אָנטאַפּן... יאָ, ערגעץ באַדאַרף דאָ זיין אַ טיר, און זי איז נישטאָ... אָדער זי איז יאָ דאָ, נאָר נישט פֿאַר אים... זי איז געווען פֿריער אויף אַריינצופֿירן אים אַהערצו. איצט-אָ, אויף אַרויסצוגיין, איז זי שוין נישטאָ, די טיר, פֿאַרשוווּנדן געוואָרן...

און די גאַנז ווערט אַלץ שווערער און פּאַטשט אַזוי שטום און שטילשווייגנדיק אים איבער די פּיס... און מאָמענטנווייז שפּרינגט דורך

באַ אים אַ געדאַנק, אַז... אַז ס'איז גאָר קיין גאַנז נישט, וואָס ער האַלט... געווען, איצט שוין נישט... ס איז אַ פליגל, בלויז פליגל... פליגל אָן אַ גאַנז מיט עפּעס אַ שווערקייט, וואָס ציט די האַנט אַראָפּ, און דאָס איז — טויט... טויט מיט פליגל, וועמענס פּאַטשעריי ער האָט נאָך אין שלאָף דערהערט דאָרט, אויפן אויוון ליגנדיק...

דער אַלטער האָט אַרויסגעלאָזט די גאַנז פון דער האַנט און זיך מיט נייעם אימפּעט גענומען כאַפּן די וואַנט, ווי ער איז געווען זיכער, אַז דאָ באַדאַרף זיך ערגעץ געפינען די טיר. און אָט די אימפּעטיקע טאַפּעניש און זוכעניש איז באַגלייט געוואָרן פון אַ פליגל-פּאַטשעריי... און די ווייסע פּאַסקעס שוועבן אַלץ אָפּטער און אָפּטער... מיט בליציקער שנעלקייט באַווייזן זיי זיך דאָ און דאָרט, ווערן פאַרשווונדן און ווייזן זיך ווידער, ווי דער גאַנצער פינצטערער פּאַרנעם פון קאַמער וואָלט גע-ווען אָנגעפילט מיט נישט-גוטע, מיט בייזע גייסטער און לצים, וואָס האָבן אים דאָ אַהערצו אין דער פינצטערער קאַמער אַריינגע-נאַרט. . .

דער אַלטער איז פון מינוט-צו-מינוט אַלץ מער צעטומלט גע-וואָרן... ער איז געלאָפן אַהין און אַהער, מאָמענטנווייז פאַרגעסן נאָך וואָס און צו וואָס ער לויפט און צומאָל אפילו פאַרגעסן ווו ער געפינט זיך. אים האָט זיך געדאַכט, אַז ער לויפט עפּעס אין אומענדלעכער ווייט-קייט, ווערט געיאָגט און געטריבן פון אָט די טייוואָלים, וואָס האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט. און אַזוי אַרומלויפנדיק, האָט ער זיך אָנגעשלאָגן אָן עפּעס אַ ווייכער זאַך און איז געפאַלן און דערפילט, אַז דאָס איז די זעלבע „זאַך", וואָס ער האָט פריער פון דער האַנט אַרויסגעלאָזט. . . און ווי פריער, האָט עס געפּאַטשט מיט די פליגל און אַליין האָט עס געשוויגן, ווי עס וואָלט בלויז באַשטאַנען פון פּאַטשעריי און פון פליגל...

— — — — — — — — —

ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, נאָר ער איז געווען פּאַראַליזירט פון שרעק... און ערגעץ, אין זיין נאָך נישט אינגאַנצן פּאַראַליזירטן מוח, זענען, ווי קאַלטע זשאַבעס, געשפּרונגען געדאַנקען, אַז ער איז טויט און דער טויט איז דאָס עפּעס אַזעלכעס, וואָס פּאַטשט מיט אַ פליגל-פּאַטשע-

ריי. ס'איז עפּעס ווי זייגס איינס, און דאָך אזוי שווידערלעך פרעמד... ס'איז עפּעס אַזעלכעס, וואָס לעבט מיט נישט קיין לעבעדיק לעבן... עס לעבט מיט טויט... — — — — — — — — —

— — — — — — — — — —

ווען די שנור איז גאַנץ פרי אַריינגעקומען אין קאַמער, האָט זי דעם אַלטן געטראָפן ליגן אָן אַ סימן פון לעבן, און לעבן אים איז געלעגן, פונקט אזוי ווי ער, אָן אַ סימן פון לעבן — אַ גאַנז.

Free Public Library, Newark, N. J.

אזא מין געשיכטע

ווען מאָטל איז נאָך מאָטל נישט געווען, ווען מאָטל איז נאָך געווען אַ מאָטעלע, אַ פּיצל ייִנגעלע, אַ קינד, — האָט ער שוין געהערט דעם פֿאָטער רעדן פֿון דעם שיינעם און לייטישן ייִד רב מאיר קאָהען, און פֿון דער פֿירמע קאָהען, וואָס באַלאַנגט צו רב מאיר קאָהען. און רעדנדיק פֿון דעם ייִד און פֿון דער פֿירמע, האָט ער, דער פֿאָטער זיינער, אַלע מאָל אַרויסגעזאָגט זיין ווונטש אים, מאָטעלען, „אַריינקוועטשן" אַהינצו אין דער פֿירמע אַריין. דער פֿאָטער האָט אָפּט פֿאַרבּיסן מיט די ווערטער:

— און פֿון דאָרטן ווער ס'וויל נאָר אַרויס אַ מענטש, קאָן פֿון דאָרטן אַרויס אַ מענטש.

דאָס קינד, און שפּעטער דאָס ייִנגל מאָטעלע, האָט אומגעדולדיק אַרויסגעקוקט אויף דער גליקלעכער שעה, ווען דער טאַטע וועט אים „אַריינקוועטשן" אין דעם אויסערגעוויינלעכן פּלאַץ. ער האָט אָפּט געטרייבערט דעם פֿאָטער, ער זאָל אים שוין אַוועקפֿירן אַהינצו, אין דעם אָרט אַריין, פֿונוואַנען מ'קאָן אַרויס אַ מענטש. נאָר דער פֿאָטער האָט אים אַלע מאָל געענטפֿערט, אַז ער איז נאָך קליין, אַז ער וועט אויסוואַקסן, אַז ער וועט אַלט ווערן דרייצען־פֿערצען יאָר, וועט ער אים מיט גאָטס הילף און מיט רב מאיר קאָהענס גוטן רצון אַריינגעבן אַהינצו.

ווען דער פֿאָטער האָט אים דאָס ערשטע מאָל „מיטן רעכטן פֿוס" אַריינגעפֿירט אין דעם געשעפֿט אַריין צו רב מאיר קאָהען, איז דער קליי־

גער פשוט פאַרשאָלאָפּיעט געוואָרן פון דעם גרויסן פאַרנעם, וואָס אָט דער גרויסער לאַגער סחורה האָט פאַרנומען. מיט צוויי רייען פענצטער, איין ריי איבער דער אַנדערער און דאָס ליכט פוןביידע רייען פענצטער איז עפּעס דאָרטן פאַרשלונגען געוואָרן צווישן דער צווייגאָרנדיקער הויכקייט, צווישן די גרויסע הויכע ווענט, וואָס זענען פון אויבן ביז אַראָפּ געווען געקעסטלט מיט פּאָליצעס, און יעדעס קעסטעלע איז געווען אָנגעשטאָפּט מיט גרויסע, שווערע, געדיכטע און פעסט-געוויקלטע שטיקער סחורה פון פאַרשידענע קאָלירן, געדאַכט האָט זיך, אַז דאָס אַלץ האָט איינגעשלונגען אין זיך די ליכטיקייט פון טאָג, און ס'האָט געמאַכט דעם איינדרוק, ווי דער טאָג וואָלט דאָ אין טונקעלער חלשות געלעגן...

הינטער דער אויסערגעוויינלעכער הויכקייט האָט זיך בײַ מאָטלען באַקומען אַן איינדרוק, אַז דער טאַטע זײַנער איז פיל קלענער געוואָרן און ער אַליין, האָט זיך אים געדאַכט, איז געוואָרן אַ העלפט, אַ פּיצל, אַ גאָרנישט. און דער איינדרוק צוזאַמען מיט דעם אַרומיקן, מיטן גרויסן רייכטום פון סחורות, וואָס האָט געשווינדלט אין די אויגן מיט די פאַרשידענע קאָלירן, האָט אים געמאַכט אַזוי נישטיק זיך צו פילן, אַז ס'האָט זיך אים נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער וועט דאָ קאָנען אַמאָל אַ „מענטש” ווערן... און מאָדנע, וואָס איינצייטיק מיט זיין נישטיקייט האָט ער עפּעס אַ מין גרויסקייט געפילט טאַקע מיט... מיט זיין נישטיקייט... ער האָט זיך גרויס געפילט דערמיט, וואָס ער גייט אָנקומען אין אַזאַ גרויס געשעפט אַריין, ווי ער פילט זיך אַזוי נישטיק... און מיט אָט דער נישטיקער גרויסקייט, אָדער פאַרקערט — מיט אָט דער גרויסער נישטיקייט, האָט ער זיך עס אַזוי גרויס געפילט אַנטקעגן פאָטער. ער האָט געקוקט אויף אים „פון אויבן אַראָפּ”, אין געדאַנק פאַרמאָסטן דעם טאַטנס קרעמל מיט די פּאָר שטיקלעך שניט, וואָס ס'ליגן דאָרטן, וואָס קאָן זיך דאָ פאַרבאַהאַלטן אין איין פּיצל ווינקעלע...

דער באַלעבאָס איז נישט געווען, און ער, מאָטעלע, האָט מיט אַזוי פיל אומגעדולד אַרויסגעקוקט אויף אָט דעם ייד, געוואָלט זעען דעם מענטש, צו וועמען אַזאַ גרויס עשירות געהערט, און וואָס לעבנגער ער האָט געוואַרט, אַלץ חשובער איז בײַ אים יענער געוואָרן... חשובער מיט דעם אַליין טאַקע, וואָס יענער איז נישטאָ און די מחיה גייט אָן

אים פּונקט אַזוי גוט ווי ער וואָלט דאָ יאָ געווען... עפּעס איז אַלץ צוגעגאַנגען אַזוי שטיל און סאָליד, ווי דער גייסט פון דעם לייטישן ייד און פון דער לייטישער פירמע (וואָס איז איינס און דאָס זעלבע) וואָלט אַרומגעשוועבט אין דער לופט, און אפילו צווישן די אָנגעשטעלטע האָט זיך אָט די שטילקייט, סאָלידקייט און לייטישקייט בעשפּירט. ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעדער פון זיי האָט זיך אָנגעזאַפּט מיט דער אַטמאָספער פון דער לייטישער פירמע „קאָהען" און פון דעם לייטישן און פיינעם ייד רב מאיר קאָהען.

צווישן די „מענטשן" זענען געווען צוויי, וואָס האָבן אַליין אויסגעזעען ווי באַלעבאַטים. איינער פון די צוויי, אַ בייכלדיקער. האָט „אַרומגעטאָפּטשעט" הין און צוריק, און וויפיל מאָטעלע האָט זיך נישט אָנגעשטרענגט צו זעען, וואָס אָט דער בייכלדיקער מענטש טוט אויף מיטן אַרומשלייכן הין און צוריק, האָט זיך אים נישט איינגעגעבן צו באַמערקן, צוליב וואָס ער דרייט זיך אַרום, עפּעס ווי צוליב אַ קל־וחומר, ווי דער באַלעבאָס וואָלט אים דאָ געהאַלטן, כדי צו באַווייזן פאַר זייטיקע מענטשן: „מה דאַך ער, מיין מענטש, זעט אויס, ווי אַ גאַנצער באַלעבאָס מיט זיין אויסזעען, הייבט שטעלט זיך שוין פאַר ווי איך, באַלעבאָס אַליין, זע אויס"... דער מענטש, וואָס האָט אויסגעזעען ווי אַ באַלעבאָס (און איז דאַך קיין באַלעבאָס נישט געווען), האָט דאָס בייכל אַרומגעטראָגן מיט אַזאַ לייכטקייט. ווי ס'וואָלט גאָר קיין וואָג נישט געהאַט, ווי ס'וואָלט בלויז פון אָנגעבלאָזנקייט באַשטאַנען... אָט, ווייל פאַר אַזאַ. הייסט עס, גרויס געשעפט פּאַסט ס'זאָל זיך אַרומדרייען אַ מענטש מיט אַ בייכל, און ווייל אין אַזאַ גרויס געשעפט פּאַסירט זייער אָפט, אַז דער אמתער באַלעבאָס מיטן אמתן בויך גייט אַוועק טאַקע צוליבן זעלבן געשעפט, איז דערפאַר מוז זיך איינער אַזעלכער אַרומדרייען, וואָס זאָל מיט זיין בייכיקער אָנגעבלאָזנקייט נישט לאָזן פאַרגעסן, אַז אפילו ווען דער אמתער באַלעבאָס איז נישטאָ, איז פאַראַן אַ מענטש, וואָס איז כמעט ווי אַ באַלעבאָס...

דער צווייטער „מענטש", וועמען ס'האָט אויך געפּאַסט צו זיין אַ באַלעבאָס און נישט קיין „מענטש", איז געזעסן אויף איין אָרט מיט בוכהאַלטערישער אָפּגעזונדערטקייט און האָט געקלאַפּט מיט די פינגער אויף די „ביינדלעך" אויף הין און צוריק, און די צווייטע האַנט איז געווען

פאַרנומען מיט אַ פען, וואָס האָט עפּעס דאָרטן אַריינגעשריבן אין אַ גרויסן דיקן בוך אַריין.

דער קליינער מאָטעלע האָט דעם באַלעבאָס מקנא געווען, וואָס ער האָט בײַ זיך אַזעלכע צוויי וויכטיקע „מענטשן", אַזעלכע, וואָס זעען אַליין אויס, ווי באַלעבאַטים, און ער האָט געטראַכט, אַז ווען עס איז, וועט ער אויך אַמאָל בײַ זיך האָבן אַזעלכע „מענטשן".

— וואָס זאָגסטו נישט, האַ? — האָט אים דער פאָטער איבערגעריסן זיינע רעיונות און דערביי אים אַ שטאַרקע געטון אין זייטל אַריין.

מאָטעלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס דער טאַטע מיינט מיט די פּאָר ווערטער, און ער האָט שוין געפילט עפּעס אַזעלכעס, ווי ער וואָלט געהאַט אַ שטיקל חלק אין דעם ריזיקן פאַרמעגן...

מאָטעלע האָט שטיל אַ פרעג געטון בײַם פאָטער, ווען דער באַלעבאָס קומט, און דער פאָטער, ווי ער וואָלט זיך געשעמט צו זאָגן פאַרן יינגל, אַז ער ווייסט עס נישט, האָט אַ מורמל געטון:

— מסתמא באַלד... ער ווייסט, אַז איך האָב באַדאַרפט קומען מיט דיר דיך ברענגען אַהערצו.

*

פאַר דער צייט פון זייער שטיין און וואַרטן אויפן אמתן באַלעבאָס האָט זיך דורך דער פאַרמאַכטער טיר, וואָס האָט זיך אַזוי גרינג און לייכט געעפנט, ווי גרינג און לייכט ס'עפענען זיך אַלע טירן פון גרויסע געשעפטן (און אויך פון די גרויסע האָטעלן און גרויסע רעסטאָראַנען), — זיך אַ יאָג אַריין געטון אין געשעפט אַ מיידעלע, כמעט אַ קינד (אָדער פאַרקערט — אַ קינד כמעט אַ מיידעלע) פון אַ יאָר צוועלף-דרייצען, און נאָכן אַריינגאַנג האָט מען גלייך געקאָנט דערקענען, אַז דאָס מיידעלע איז דאָ אַ היימישע און נאָך מער ווי אַ היימישע, אַז עפּעס האָט זי דאָ אַ גרויס חלק אין דעם געשעפט. ניין, נאָך מער: זי האָט באַוויזן מיט איר האַסטיקן און דרייסטן אַריינגאַנג, אַז קיינער, קיינער האָט דאָ קיין חלק נישט, נאָר זי, אַז דאָס גאַנצע גרויסע געשעפט איז אירס, אַז ס'געהערט צו איר... יאָ, מ'האָט נישט באַדאַרפט האָבן קיין באַזונדער שאַרף אויג דאָס צו באַמערקן. דאָ אָבער האָט מען עס נאָך אָן עפּעס דערקענט — אין דעם, וואָס זי האָט

א ביסל אונטערגעהינקען אויף א פיסל. און וועגן דעם, אַז רב מאיר קאָהען האָט אַ מוזינקע, וואָס הינקט אונטער אויף אַ פיסל, האָט געוווּסט יעדער איינער, אפילו מאַטעלע האָט וועגן דעם געהערט, און דערפאַר האָט זיך אַזאַ פריילעך-בייגיריק פייערל אָנגעצונדן אין זיינע אויגן פון דערזעען זי און פון דעם, וואָס ער האָט געוווּסט, הגם קיינער האָט אים נישט געזאָגט, אַז דאָס איז זי, זי טאַקע און נישט קיין אַנדערע, ווייל ווי יינגל ;ון יינגליש ער איז נישט געווען און ווי יינגליש ס'איז נאָך געווען זיין שכל, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז א פרעמדע און דערצו נאָך אַזעלכע, וואָס הינקט נאָך אונטער אויף אַ פיסל, וואָלט אויף קיין פאַל מיט אַזאַ גאַנג נישט אַריינגעגאַנגען אין אַזאַ גרויס פרעמד געשעפט אַריין... און בלויז א דאַנק אָט דעם, וואָס ער האָט געוווּסט „נישט וויסנ-דיק" אָט דאָס-אָ, וואָס אים האָט זיך גערדאַכט, אַז אַן אַנדערער אויף זיין אָרט וואָלט עס נישט געזוכט, האָט ער דערפאַר מיטן עלנבויגן א שטאָרכע געטון דעם פאָטער אין שיך אַריין און שטיל א מורמל געטון:

— טאַטע!...

ווי איינער רעדט: זע, דאָס איז זי, און זע ווי קלוג דיין זינדל, וואָס ער שמויסט זיך אָן, אַז דאָס איז זי...

און דער פאָטער פון זיין זייט, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט אויס-שטעלן פאַרן זון, האָט זיך אָגגעבויגן צום יינגל און אַריינגעזאָגט נישט אין אויער, נאָר הינטערן אויער, כמעט אין יענעם אָרט, ווו עס באַדאַרף גאָכן דין נאָך ליגן דער תפילין-קשר:

— דאָס איז זי... דאָס מוזינקעלע זיינס... רב מאיר קאָהענס...

די קליינע איז ערגעץ דאָרטן פאַרשווּנדן געוואָרן אויף אַ פאָר מינוט, און גאָר פלוצלינג איז זי אויסגעוואַקסן הינטערן בוכהאַלטערס פלייצע און האָט אים געטון אַ לייג אַוועק ביידע הענטלעך מיט אַלע פינגערלעך אויף די אויגן. דער בוכהאַלטער האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס און זיך א כאַפּ געטון צו איר, און איינס און צוויי זי געטון אַ זעץ אַוועק באַ זיך אויף דער שויס און זי איינגעקוועטשט אין זיך אַריין. ער האָט זיך פאַרנומען איר רייבן דאָס פנימל מיט דער געראַזירטער שטע-כעדיקער באָרד זיינער. די קליינע האָט געקוויטשעט און געקעמפּט, און אַרויסבאַקומען פון זיין געפּענגעניש א הענטל אירס, האָט זי עס אים גע-

געבן אַ שטעק אַריין אין האַלז אַריין, און רגע כּמימרא האָט זיך דער קאַלנער געגעבן אַ צעגעם און איינס צוויי האָט זי דעם קאַלנער זיינעם אין האַנט געהאַלטן.

מאַטל האָט צוגעקוקט אָט דעם שפּיל מיט קנאה. ער האָט עמעצן פון זיי ביידע מקנא געווען און נישט געוווּסט וועמען. צי די קליינע, וואָס פילט זיך אַזוי פריי און גוט און קאָן זיך דערלויבן „צו קריכן אין פּנים אַריין" אַן עלטערן מענטש, צי ער האָט מקנא געווען, וואָס ער, אָט דער בוכהאַלטער, שפּילט זיך מיט אָט דעם לעבעדיקן, רירעוודיקן און שפּילעוודיקן מיידעלע... ער האָט זיי בעסער ביידע מקנא געווען, אי אים, אי זי...

זיך אָנגעשפּילט דאָרטן מיטן בוכהאַלטער וויפיל איר האָט זיך גע־וואָלט, האָט זי זיך מיט איר גאַנצן קינדעריש־מיידלישן אימפּעט אָפּגע־וואָרפן פון אים און ווי גלייך זי וואָלט אָט דעם אימפּעט אירן נישט געהאַט וווהין אַהינצוטון אין גלייך ווי זי וואָלט פאַר עמעצן און פאַר זיך אַליין געוואָלט באַווייזן, אַז דער שפּיל מיטן בוכהאַלטער איז נישט מער ווי אַ קאַפּריז פון אַ צעלאָזט גביריש טעכטערל, — איז זי גאַר פּלוצלינג האַסטיק צוגעלאָפן צו אים, צו מאַטעלען, און פאַרקוקט אים אין פּנים פול מיט נייגיריקייט און מיט יענעם חן, ווי בלויז אַ יונג קעצל קאָן קוקן אויף אַ זאַך, וואָס האָט צוגעצויגן זיין יונג־קעצלדיקע אויפ־מערקזאַמקייט, און האָט אימפּעטיק באַ אים אַ פרעג געטון:

— ווי אַזוי הייסטו?

עפּעס מיט אַזאַ מאָדנע ערנסטקייט האָט זי דאָס געפרעגט. און דער טאָן פון פרעגן און די גאַנצע אינטאָנאַציע איז שוין געווען ווי פון איינע, וואָס וואָלט געווען פיל עלטער פון איר. און דער אויסדרוק פון פּנים איז געווען אַ היפּש־מיידלישער... עפּעס אַזוי ווי גאָר אַן אַנדערע, אַזוי ווי גאָרנישט אָט דאָס פאַרשייטע קינד, וואָס האָט נאָר־וואָס אַזוי קינדעריש געשטיפט מיטן בוכהאַלטער און זיך געלאָזט רייבן מיט זיין געראַזירטער שטעכעדיקער מאָרדע דאָס פּנים אירס און די בעקלעך... אַן אַנדערע, גאָר אַן אַנדערע, עפּעס אַ פיל, פיל עלטערע פון יענער.

ענדלעך איז אַריינגעקומען רב מאיר קאָהען, דער באַלעבאָס, דער אייגנטימער פון דער פירמע „קאָהען". מאַטל, אַזוי גלייך ווי יענער האָט זיך באַוויזן, האָט גלייך דערקענט, אַז דאָס איז „ער". און גלייך ווי יע־

נער איז אריין, האָט מאָטל אין יענעמס אריינקומען דערזעען אַזוי פיל וויכטיקייט, וויפיל ער האָט געזעען אין יענעמס דאָ נישט זיין... דער ייד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ, וואָס פאַרמאָגט אַזאַ גרויס געשעפט און וואָס באַ אים אַרבעטן, אַ חוץ יונגע מענטשן, צוויי מענטשן אַזעלכע, וואָס זעען אליין אויס ווי באַלעבאַטים, — האָט מיט זיין בייכיקייט און בערדיקייט און מיט דער גאַנצער הויכער פיגור זיינער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַ מורה־הוראה, ווי אַזעלכער וואָס קומט אָקאַרשט פון אַ האַרבער דין־תּורה, וועלכע אים איז געלונגען צו פּסקענען אַזוי, אַז ביידע צדדים זענען געבליבן צופרידן... עפּעס אַזאַ שיינע יידישע און גאָטספאַרכטיקע צופרידנקייט איז געלעגן אויסגעגאָסן אויף דעם הדרת־פּנים פון דעם ייד...

מאָטל האָט עפּעס אַ מאָדנע געפיל גלייך דערשפּירט צו אָט דעם ייד, עפּעס אַ געפיל פון ליבע און מורא איינצייטיק.

אַזוי ווי יענער איז אריין, איז דער טאַטע זיינער געבליבן שטיין אַן אויסגעשטראַצלטער... ער אַליין, מאָטל, איז געשטאַנען פאַשטעקט צווישן צוויי גרויסע קאַסטנס און אַרויסגעקוקט פון זיין פאַרשטעקעניש און געוואַרט מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אויף דעם מאָמענט, ווען ער וועט זיך דאַרפן שטעלן פּנים־אל־פּנים מיט אָט דעם־אַ גרויסן, שיינעם ייד...

מאָטלס פאָטער האָט זיך שוין געלאָזט גיין צו אים, צו רב מאיר קאָהען, נאָר דאָ, פאַר דער צייט פון זיין לאָזן זיך גיין צו אים, איז פאַרביי אים פאַרבייגעלאָפן אָט דאָס פאַרשייטע מיידעלע. זי איז מיט אַ הינקענדיק לויפעלע צו צום פאָטער און האָט אים מיט ביידע הענטלעך געגעבן אַ גאַרטל אַרום, און איז אויף אַ ווילע געבליבן הענגען מיט ביידע פיסלעך אין דער לופט. מאָטלס הערצל האָט זיך געשמאָלצן צו־קוקנדיק דאָס... ער האָט קיינמאָל אַזעלכעס נישט געזעען, אַזאַ ליבע צווישן אַ פאָטער מיט אַ קינד. און ער האָט זיי ביידע דערפאַר אויפן אָרט ליב באַקומען.

אויף לעצט האָט דער שיינער, בייכיקער און בערדיקער ייד באַ־גליקט דעם טאַטן זיינעם מיט אַ בליק. דאָס איז געווען אַזאַ בליק, וואָס האָט געזאָגט: „איך האָב דיך שוין געזעען פריער, נאָר איך האָב דיך נישט אין זינען געהאַט, איצט זע איך דיך און האָב דיך שוין יאָ אין זינען". און ער האָט זיך אַזוי גלייך געלאָזט גיין צו מאָטלס פאָטער, און

דער פּאַטער איז אַנטקעגן, און ביידע, אַזוי גלייך ווי זיי זענען זיך צונויפגעקומען, האָבן זיי גלייך זיך פאַרנומען צו רעדן וועגן אים, וועגן מאַטעלען. מ'האָט זיך פאַרנומען צו רעדן ווי וועגן אַ זאַך, וואָס וועגן איר איז שוין פון פריער אַלץ אָפּגערעדט, נאָר איצט מוז מען דאָס אי־בערחזרן, ווייל די „זאַך אַליין", — אין דעם פאַל האָט עס געמיינט מאַטעלען, — איז דאָ דערביי. דאָס געשפּרעך האָט זיך פאַרענדיקט מיט דעם, וואָס רב מאיר קאָהען האָט אים מיט דער גאַנצער לענג פון צוויי פינגער אַ קניפּ געטון אין בעקל און פאַרענדיקט מיט אים דעם שמועס, וואָס ער האָט געפירט מיטן פּאַטער:

— נו, ס'וועט זיך אָן דיר, אַז דו וועסט וועלן, וועסטו זיין אַ מענטש...

פון ערשטן טאָג אָן, וואָס מאַטעלע איז אַנגענומען געוואָרן אין דעם גרויסן געשעפט, איז ער געוואָרן אַ גאַנצער חשוב בא טאַטע־מאַמע, גלייך ווי ער, דער קליינער, וואָלט געווען אַ קינד פון אַ נאָענטן, חשובן רייכן קרוב, וואָס האָט אים צו זיי אויף קעסט געבראַכט. די מוטער האָט אים אפילו די פאַרציע פלייש בא די מאָלצייטן פאַרגרעסערט און האָט אים קיינמאָל נישט געגעבן עסן אויפן הוילן טיש, ווי זי פלעגט אים אַמאָל, איידער ער איז אַריינגעטרעטן אין דער פירמע אַריין, געבן, נאָר זי האָט געשפּרייט פאַר זיינעטוועגן אַ טישטוך, פונקט אַזוי ווי פאַרן פּאַטער...

און ווען דער פּאַטער איז אַריינגעקומען אַ מידער פון טאָג, מיד און צעבראָכן פון שטיין און זיצן דאָרטן בא זיך אין קרעמל און אויס־קוקן די אויגן אויף אַ קונה, און האָט געטראָפן דאָס פאַרשווינדל זיצן און עסן בא אַ געדעקטן טיש, האָט ער אַלעמאָל אָפּגעזיפצט, געטראַכט און געזאָגט, אַז ער, דער קליינער בנאָק זיינער, וועט שוין זיין מער מענטש פאַר אים.

און אַלע מאָל בא אַזעלכע געלעגנהייטן, ווען ס'איז אַזעלכעס גערעדט געוואָרן, האָט דער פּאַטער אַרויסגעוויזן זייער פיל בקיאות אין דעם פאַך, וואָס פאַר אַ ווערט ס'האָט פאַר אַזאַ „מענטש" פאַר זיין צו־קונפט, ווען ער דינט אָפּ צען יאָר (מער איז נאָך בעסער) אין אַזאַ

גרויסער פירמע... א מענטש, האָט ער געזאָגט, וואָס אַרבעט אָפּ צען יאָר (מער איז: אָך בעסער) אין אַ גרויסער באַוווּסטער פירמע, ווערט ער שוין דערמיט אַליין אַ פירמע פאַר זיך... מיט אַזאַ „מענטש" איז יעדער איינער גערן צו האַנדלען און צו פירן געשעפטן, ווייל צו אַזעלכן האָט מען זייער פיל צוטרוי. און אפילו ווען ס׳טרעפט באַ אַזעלכן אַ שלעכט שטיקל צייט, האָט ער אַלעמאָל אַ געזונטע פלייצע היגטער זיך. ער האָט זיך אָן וועמען אָנצושפּאַרן. די פירמע זיינע, ווו ער האָט אָפּגעאַרבעט געטריי אַזוי פיל יאָרן, לאָזט אים נישט פאַלן און זי קומט אים צו הילף אין אַ קריטישער צייט.

און אַזוי רעדנדיק און שמועסנדיק האָט מען זיך אָפּט צערעדט און צעשמועסט וועגן דעם ייד רב מאיר קאַהען. מ׳האָט גערעדט וועגן די שיינע און גרויסע נדבות, וואָס ער גיט, וועגן דער פיל צדקה, וואָס ער צעטיילט.

— איך וואָלט כאָטש געוואָלט פאַרמאָגן אַ הונדערט חלק, וואָס ער האָט שוין צעטיילט אין זיין לעבן אויף צדקה — האָט דער פאָטער זיך געווונטשן, און די מוטער האָט זיך גלייך אַריינגעמישט און קאַליע געמאַכט דאָס עסק:

— אַ טויזנט חלק וואָלט אויך גוט געווען.

דערנאָך האָט מען זיך פאַרגונמען צו רעדן וועגן זיינע קינדער, אַז וואָס־וואָס — צו קינדער האָט רב מאיר קאַהען שוין גאָר קיין הצלחה נישט. מ׳האָט אָנגעהויבן רעדן פון עלטסטן זון און פאַרענדיקט מיטן טעכטערל, מיט דער מיזינקע... מ׳האָט גערעדט און באַרעדט דעם עלטסטן זון, וואָס האָט נאָך פאַרן פאָטערס לעבן אָפּגעכאַפּט דאָס חלק ירושה זיינס אין וואָס ער, אָט דער זון, פירט שוין נישט אַזוי ראַיעל די געשעפטן, ווי דער פאָטער זיינער. מ׳האָט אויך גערעדט און באַרעדט דעם צווייטן זון, וואָס געפינט זיך אַלע זיינע יאָרן אין אויסלאַנד, וואָס לערנט אַלע יאָרן אויף דאָקטאָר און איז נאָך אַלץ קיין דאָקטאָר נישט, וואָס הולטאַיעוועט דאָרטן און לאָזט זיך ווילגיין פאַר די געלטער, וואָס ער שלעפּט און צאַפּט באַם פאָטער; אָט דער זעלבער האָט שוין צוויי מאָל חתונה געהאַט: איינמאָל מיט אַ קריסטין און נאָכאַמאָל מיט אַ יידיש קינד, און איז זיך מיט ביידע ווייבער צעגאַנגען. דערנאָך עפּעס ווידער זיך צונויפגעגאַנגען מיט דער און מיט יענער. אויף לעצט איז מען צו־

געקומען צו דער מוזינקע. זי, אַט דאָס מיידעלע, האָט שוין געהאַט אַ אַנדערן חסרון: זי האָט אונטערגעהינקט אויף אַ פוס... פון פיצלווייז אָן הינקט זי, מען פירט זי אַלע זומער אין די בעדער און ס'איז אַ מעשה אָן אַ סוף.

— איך וואָלט געוואָלט פאַרמאָגן כאָטש אין צען יאָר אַרום, וואָס אַט דאָס מיידעלע האָט שוין דעם טאַטן אירן אָפּגעקאָסט, — האָט דער פאָטער זיך געווונטשן.

און דאָ האָט זיך די מוטער זיינע, מאָטלס, אַריינגעמישט אין גע־שעפט אַריין און ווידער קאַליע געמאַכט:

— אין צען יאָר אַרום? מעגסט זיך עס ווינטשן אין צוואַנציק יאָר אַרום. — און זי האָט צוגעגעבן:

— יאָ, ס'וועט איר שוין העלפן!...

דאָס האָט זיך שוין מאָטעלע פאַראינטערעסירט:

— פאַרוואָס, מאַמע, פאַרוואָס וועט עס איר נישט העלפן?

מאָטעלע אַליין האָט נישט געזעען, אַז דאָס הינקען אירס זאָל זיין אַ חסרון... פאַרקערט, ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז דאָס פּאַסט איר גאָר, אַז עס פּאַסט פאַר אַ גבירישע מיידעלע אַ ביסעלע אונטערצו־הינקען. ער האָט גאָר אין דעם געזעען עפּעס אַ חנדל, וואָס האָט זיך אַזוי אַריינגעפּאַסט און אַריינגעחברט מיט איר גאַנצער באַוועגלעכקייט און רירעוודיקייט... דערפאַר איז אים אַזאַ חידוש, וואָס טאַטע־מאַמע רעדן וועגן איר און וועגן דעם אונטערהינקען אירן, ווי עפּעס וועגן אַ געוואַלטיקן חסרון...

— און פונדעסטוועגן האָב נישט קיין גרויסע צרות, — האָט דער פאָטער אַמאָל אַ זאָג געטון צו דער מוטער. — רב מאיר קאָהען וועט טון אַ פיינעם שידוך מיט איר, אפילו ווען זי וועט בלייבן בײַ איר חסרון.

אַט די ווערטער האָבן מאָטלען שטאַרק, שטאַרק הנאה געטון... ס'האָט אים הנאה געטון, וואָס אַזאַ סימפּאַטיש, רירעוודיק און לעבעדיק מיידעלע וועט דאָך קריגן דעם פּאַסיקן שידוך, ווי עס פּאַסט פאַר איר און פאַרן טאַטן אירן, פאַר דעם שיינעם און חשובן ייד רב מאיר קאָהען.

ער האָט דאָס מיידעלע נישט אָפּט געזעען. ער פלעגט זי נאָר זעען, ווען זי האָט זיך אַרייַנגעכאַפּט אין געשעפט אַרייַן, און אין געשעפט פלעגט זי זיך נישט אַזוי אָפּט אַרייַנכאַפּן, ווייל זי האָט דאָרטן נישט געהאַט וואָס צו טון, און אפילו ווען זי איז געווען דאָרטן, איז זי אויך אַרייַן און אַרויס, עפּעס ווי צו באַווייזן, אַז אָט לעבט עס, אַז ס׳איז דאָ, אַז ס׳לעבט אויף דער וועלט אַזאַ מיידליש פאַרשווינדל. און אַלעמאָל, ווען זי איז געקומען, האָט זי אַלע מאָל געהאַט דעם איינעם און דעם זעלבן אינטערעס אָפּצוטון עפּעס דעם בוכהאַלטער, אים, נאָר אים, און ווייטער קיינעם נישט. איז אָדער זי האָט פון הינטן אַרום אים, דעם בוכהאַלטער, אַרויפגעלייגט די הענטלעך אויף די אויגן, אָדער זי האָט אַ הוק געטון אין אויער אַרייַן, און ער פלעגט זיך איטלעכעס מאָל מיט איר אָפּרעכענען אויף זיין אופן. ער האָט אָנגעריבן אירע בעקלעך מיט דער שטעכעניש פון זיין ראַזירטער מאָרדע. און אָפּגעטון די אַרבעט צו איר און באַקומענדיק איר עונש (אָדער שכר), איז זי אַוועק, אָפּגעצויגן, גיך גייענדיק, גיך הינקענדיק אויף איר פיסל, וואָס האָט אויסגעזעען פונקט אַזויווי דאָס צווייטע פיסל, דאָס געזונטע, וואָס האָט נישט געהינקט. און פונדעסטוועגן האָט זי פאָרט גאַנץ פיין צוגעהינקט אויף דעם פיסל, וואָס מ׳האָט פון אויבן-אויף גאָרנישט אָנגעזעען אויף דעם. און דערפאַר איז דאָס אים, מאָטעלען, אָט דאָס הינקען אירס, אַזוי שטאַרק געפעלן געווען... יאָ, דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס ער האָט זיך פאַר רעכט גענומען, אַז אָט דאָס-אָ אירס קאָן אים געפעלן זיין... יאָ, די קליינע האָט געהאַט פיל, פיל גרעסערע מעלות, ווי אָט די „מעלה" פון איר חסרון. די קליינע איז באמת געווען אַן אַנטיקעלע. ס׳איז געווען אַ ברען, איז דאָס געווען, אַ שטיק פייער, אַ שטיק לעבן, אַ שטיק אומרו, אַ שטיק יוגנט, און אַ מיילעכל, אַ נעזעלע, מיט אייגעלעך האָט עס געהאַט מיט טויזנט חנען פון קינדערישער מיידלישקייט און פון מיידלישער קינדישקייט. און צו אָט די אַלע מעלות, איז דאָס יינגלישע בחורל אָדער דאָס בחורישע יינגל, אינגאַנצן גלייכגילטיק געבליבן, פונקט ווי אַ סאָלדאַט איז גלייכגילטיק צו דער שיינקייט פון זיין קייסערין... אים איז אין איר נאָר אָט דער חסרון אירער שטאַרק און וואָס ווייטער אַלץ שטאַרקער געפעלן געוואָרן. און אַ דאַנק דעם איז באַ אים, אומבאַמערקט, געוואַקסן און אויסגעוואַקסן אַזאַ ווונטש, אַז זי זאָל תמיד און

קיינמאָל נישט אויפהערן צו הינקען. און ער האָט זיך פאַר זיך אַליין פאַרענטפערט, אַז ער ווינטשט עס איר דערפאַר, ווייל דער חסרון פּאַסט איר. אַז דאָס גאַנצע הינקען אירס זעט אויס אַזוי, ווי זי וואָלט זיך געמאַכט הינקען, ווי זי וואָלט אַזאַ חנדל פון פאַרשייטקייט געמאַכט. יאָ, ער האָט באמת אַזאַ איינדרוק וועגן אָט דעם הינקען אירן געהאַט, אַז עס איז קיין חסרון נישט, און אַז ס'איז עפּעס שיין און פּאַסיק פאַר איר, — פאַר אַזאַ גביריש קינד צו האָבן אַזאַ חסרון ווי זי האָט און ס'זאָל דאָך מאַכן דעם איינדרוק, אַז ס'איז נישט קיין חסרון, נאָר ס'איז אַ חנדל...

קלאָר און בולט, אַז ער, הייסט עס, האָט אַזאַ ווּנטש, איז אים געוואָרן ווען דאָס מיידל איז פאַרן אַוועקפאָרן אירן אין די בעדער אַריינגעלאָפן זיך געזעגענען. דאָס איז געווען דעם ערשטן זומער פון זיין אָנקומען אַהינצו, און די ערשטע פּאָר חדשים, וואָס ער איז דאָרטן אַהין, אין דעם געשעפט, אַריינגעטרעטן. אַזוי ווי דאָס איז אַריינגעלאָפן און האָט דאָרט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען, און איינער, דער ערשטער פון די „מענטשן", מיט וועמען זי האָט זיך געזעגנט, האָט איר געווונטשן געזונט צו ווערן און קומען געזונט, איז דאָ אַזוי גלייך באַ אים אָט דער ווּנטש געבוירן געוואָרן... פון שינאהשאַפט? ניין, גלאַט אָט, ווייל ער האָט געמיינט, אַז עס פּאַסט איר און ווייל מ'וועט מיט איר מיטן חסרון טון אַ פיינעם שידוך, און דערפאַר אַליין האָט ער געהאַט אָט דעם ווּנטש, אַז זי זאָל בלייבן באַ דעם פעלער... אַז אים געפעלט עס און דאָס מיידל אַליין זעט ער אויך נישט, אַז דאָס זאָל זי אַרן, אַי, וואָס די עלטערן? מסתמא אַרט עס זיי אויך נישט, און זיי מאַכן נאָר אַן אָנשטעל, אַז ס'אַרט זיי... ער האָט שוין צו יענער צייט געהאַט זיין מיינונג וועגן גבירים, אַז זיי ווילט זיך ווייזן פאַר מענטשן, אַז זיי זענען נישט אינגאַנצן גליקלעך, ווי מענטשן מיינען (אפשר מורא פאַר אַ גוט-אויג), און דעריבער זענען אַזעלכע גערן אָנצוכאַפּן זיך אָן וואָס נישט איז און מאַכן פון אַ גאָרנישט אַ גאַנצן פּזמון...

די קליינע האָט, ווי אַ גרויסע, יעדן פון די „מענטשן" דאָס הענטל (די האַנט) געגעבן, און דאָס האָט זי געמאַכט אויסזעען אין זיינע אויגן עלטער פון אירע יאָרן, וואָס זי איז אַלט געווען... (פון די עלטערן האָט ער געוווּסט, ווי אַלט זי איז) און בעת מעשה האָט ער געטראַכט וועגן זיך, ווי ווייט ער איז נאָך פון אַזאַ טועכץ, ווי שטעקן די האַנט

זיינע, ווי די קליינע טוט עס. און בכלל ווי גרויסע דערוואַקסענע מענטשן טוען דאָס באַם צוזאַמענטרעפן זיך אָדער ווען מ'פאָרט אַוועק. ער האָט מיט אינטערעס אַריינגעטראַכט זיך אין דעם, און איז זיכער געווען, אַז אפילו ווען ער וואָלט צום טאָג געהאַלטן באַם אַוועקפאָרן קיין אַמע־ריקע, וואָלט ער אויך נישט געקאָנט שטעקן די האַנט זיינע „מענטשן״ אַלטע, אָדער פיל עלטערע פון זיך...

דאָ, איינציי־יק, איז ער פאַראינטערעסירט געוואָרן מיט אַ נייער זאַך: צי וועט זי אים אויך געבן די האַנט, צי נישט? און ער האָט נישט געוווסט, צי וויל ער דאָס, צי ער וויל דאָס נישט. ער האָט פאָרויס גע־פילט, אַז ער וועט זייער פאַרשעמט ווערן, ווען זי וועט אים די האַנט געבן. און ווידער וועט ער מוזן בלייבן אַ פאַרשעמטער, ווען זי וועט אים אויסמיידן און אים די האַנט נישט געבן. דערפאַר האָט ער נישט געוווסט, וואָס פאַר אים איז גלייכער, נישט געוווסט, וואָס ער וויל און נישט געוווסט וואָס צו וועלן... ס'איז געווען איןביידע פאַלן נישט גוט...

זי האָט צו אים אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, גלייך ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען דאָס געמיט זיינס, האָט זי אויסגעקליבן אַ מיטל־וועג און האָט צו אים אַ זאָג געטון:

— זיי געזונט!

און ער האָט האַמעטנע, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, געענטפערט:

— פאָרט געזונט!

צופרידן און דאַנקבאַר, וואָס עס האָט זיך אַזוי אויסגעלאָזט, נישט אַהער, נישט אַהין. ס'האָט געקאָנט זיין פיל ערגער, ווען זי זאָגט אים נישט קיין „זיי געזונט״... גאָרנישט... וואָסי, אַ גרויסער פאַרנעם דאָרטן! ס'איז זייער פיין פון איר, זייער לייטיש, און ער האָט זיך צעטראַכט: ווען ער, אַ שטייגער, וואָלט געווען נישט ער... ווען ער, אַ שטייגער, וואָלט געווען אַ קינד פון רייכע עלטערן, אַזוי ווי זי איז, און ווען ער אַלס קינד פון רייכע עלטערן וואָלט דערוואַרט מיט דער צייט צו ווערן... צו ווערן דאָס, וואָס אַ קינד פון רייכע עלטערן ווערט, וואָלט ער עס געווען איינער און דער ערשטער פון יענע, וואָס וואָלט נישט געקוקט אויפן חסרון אירן און וואָלט...

געקומען פאַרנאַכט אַהיים, האָט ער אינדערהיים דערציילט, אַז זיין באַלעבאָס מיידל איז אַוועקגעפאָרן אין די בעדער אַריין, און די מוטער

האָט אַ זאָג געטון מיט אומעט און מיט יענעם אינטערעס, וואָס אָרימע ווייזן תמיד אַרויס צו די רייכע:

— איך האָב מורא, אַז ס'וועט שוין פון איר קיין לייט נישט זיין...

— און דער פאָטער האָט פון זיין זייט באַמערקט:

— באַ די גבירים איז דיר גאָר קיין קליינקייט נישט... אַן אומגליק אַ גרויס, הינקט זי אַ ביסל אונטער אויף אַ פוס. זע נאָר, ווי מ'לייגט עס איין אַ וועלט!

דאָ האָט זיך אַריינגעמישט די מוטער:

— וואָס פאַרשפּייסטו נישט, ס'וועט זיין אַ שטער צו אַ שידוך.

— חכמה! — האָט דער פאָטער זיך צעשריגן אויף דער מוטער — זי גיט מיר צו פאַרשטיין פאַרוואָס... איך פאַרשטיי עס אַן דיר אויך און דאָס טענה איך טאַקע: מה רעש? איז וואָס? וועט מען זיך אַ ביסעלע אַראָפּלאָזן... ווי שטייט עס געשריבן, אַז...

און הגם מאָטל איז זיך געווען אַ מאַטעלע, נאָך ווייט-ווייט קיין „מענטש" נישט, איז פונדעסטוועגן האָבן די צוויי עלטערע מענטשן, טאַטע-מאַמע, זיך אויסגעטענהט פאַר מאָטעלען, ווי ער וואָלט שוין אַ גאַנצער מענטש געווען... און מאָדנע, וואָס אָט די טענות פון טאַטע-מאַמע און דאָס, וואָס אין סאַמע צענטער איז געשטאַנען דעם באַלעבאָס-מיידעלע און דערעיקרשט דעם פאָטערס טענות, אַז רב מאיר קאָהען מעג זיך אַ ביסעלע אַראָפּלאָזן — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט דעם מינדיעריקן יינגל אַלעמאָל אויפגעפרישט און צומאָל אפילו טיף אויפגעמונטערט דאָס וועזן זיינס. ער האָט נעפּלדיק געפילט, אַז דאָס ווערט גערעדט צוליב אים און אַז דער פאָטער האָט עפּעס אַ באַגער, אַז רב מאיר קאָהען זאָל זיך „אַ ביסעלע אַראָפּלאָזן".

— וואָסי? זי איז דען חלילה אַ קאַליקע? — האָט דער פאָטער ווייטער געטענהט — ווען ער וואָלט אָט דאָס געלט, וואָס ס'קאָסט אים אַלע זומער פאָרן אין די בעדער אַריין, געקליבן אויף נדן, וואָלט ער כ'ווייס!... ס'קאָסט דאָך אים קורחס אוצרות!...

— האָסט אים שוין פאַרזאָרגט?... — האָט די מוטער געזאָגט — ס'וועט אים נאָך בלייבן געזונג צו טון אַ לייטישן שידוך מיט איר, דו באַדאַרפסט זיך נישט זאָרגן פאַר אים.

— איך זאָרג זיך שוין גאָרנישט, — האָט דער פּאָטער ווי זיך פאַרענטפערט — איך זאָג עס מיר גלאַט אַזוי...

ער האָט עפּעס נאָך געוואָלט זאָגן און נישט געזאָגט, און אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעגאַנגען צו אים, צו מאָטעלען, און אָנגענומען אים מיט ביידע הענט פאַר ביידע אויערן און אַ דריי געטון הין און צוריק קאָפּ און פּנים, און אַ זאָג געטון צום קליינעם כּהאי לישנא, מיט אַזאַ לשון:

— דו זיי נאַר אַ מענטש!...

און תּוך־כּדי־דיבור גלייך אַריבער צו דער מוטער מיט אַ געשפּרעך וועגן אים. ער האָט איר דערציילט מיט גרויס צופרידנקייט, ווי רב מאיר קאָהען איז צופרידן פון אים, פון מאָטעלען, אַז ער, מאָטעלע, געפעלט אים זייער, דעם ייד רב מאיר קאָהען; אַז ער, רב מאיר קאָהען, האָט אים געזאָגט, אַז פון אים, פון מאָטעלען, וועט אַרויסוואַקסן אַ גרויסער לייט.

— ...הלוואי! — האָט די מוטער געזאָגט.

דעם פּאָטערס ווערטער „דו זיי נאַר אַ מענטש", וואָס ער האָט אַזוי אָפט באַנוצט דווקא דעמאָלט, ווען ס'איז גערעדט געוואָרן פון זיין פּרינציפּאַלס טעכטערל און דערעיקרשט, וואָס נאָך די פּאָר געציילטע ווערטער איז אַלעמאָל געקומען אַן איבעררייס, באַגלייט מיט אַ פיל באַדייטנדיק שווייגן און איינדרוקספולער שטילקייט — דאָס אַלץ צוזאַמען האָט באַם ייִנגל, וואָס האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו מענטשלען, אָנגעהויבן צו כאַפּן אַזאַ איינדרוק, אַז די „מענטשישקייט" זיינע האָט נאָך פיל ווייטערע צילן ווי די, וואָס ער האָט געהאַט פאַר זיך, ווען ער איז אַריינגעטרעטן אין דעם גרויסן געשעפט...

און הגם דאָס „ווייטע" איז נאָך געווען אַזוי ווייט, אַז ער האָט טאַקע אַ דאַנק אָט דער ווייטקייט נישט געקאָנט זען, אין וואָס אָט די ווייטערע צילן באַשטייען, האָט ער אָבער איין זאַך יאָ באַנומען, אַז ער באַדאַרף זיין מיט לייב און לעבן איבערגעגעבן דעם געשעפט... און דער קליינער חברהמאַן האָט טאַקע אַזוי געטון: ער האָט זיך מיט דער גאַנצער ענערגיע פון דער קליינער צאָל אָפּגעלעבטע יאָרן זיינע אַריינגעוואָרפן אין דעם געשעפט אַריין און אין פאַרלויף פון צוויי יאָר איז דאָס בחורל געוואָרן רב מאיר קאָהענס רעכטע האַנט... ווו און ווען ס'איז

נייטיק געווען עפּעס אַ וויכטיקע זאַך אויסצופירן אָדער עפּעס אַ פּאַר־אַנטוואָרטלעך שליחות, איז דאָס פּאַרטרויט געוואָרן נישט קיין אַנדערן ווי מאַטעלען — מאַטלען און מאַטעלע. מאַטל האָט מיט ז׳ער גרעסטער מסירת־נפש ריכטיק און פּינקטלעך אויסגעפירט, וואָס אויף אים איז אַרויפגעלייגט געוואָרן.

און געטון האָט ער אַלץ, וואָס ער האָט געטון נישט נאָר מיט דער געטריישאַפט, ווי עס טוט אַ פרעמדער מענטש, נאָר מיט... מיט דער געטריישאַפט פון אַן אייגענעם אָדער פון אַזעלכן, וואָס דענקט מיט דער צייט אַן אייגענער צו ווערן... יאָ, ער האָט אַליין אָפט דערשפּירט די שאַרפע ליניע, ווו עס ענדיקט זיך די געטריישאַפט פון אייגעם, וואָס רעכנט צו פאַרבלייבן אין אַ געשעפט אַ געוויסע צאָל יאָרן, כדי דער־מיט, מיט דער געטריישאַפט, דערגרייכן דאָס, וואָס אַזעלכער טראַכט, אַז ער קאָן בלויז אויף אַזאַ אופן דערגרייכן און פון זיין געטריישאַפט צו דעם געשעפט און צום אייגנטימער פון געשעפט, וואָס האָט זיך אַרי־בערגעגאָסן איבער אַט די גרענעצן...

איין זאַך האָט ער בלויז בולט געשפּירט: אַז דער באַגער זיינער דאָס מיידל זאָל בלייבן באַ איר חסרון, האַלט אין איין וואַקסן און אַז דורך דעם וועט רב מאיר קאָהען זיך מוזן אַ ביסעלע „אַראָפּלאָזן“ און דורך דעם, וואָס רב מאיר קאָהען וועט זיך מוזן אַ ביסעלע אַראָפּלאָזן, קאָן מיט דער צייט פּאַסירן עפּעס אַזעלכעס, וואָס... וועגן וואָס ס׳איז נאָך געווען פרי צו טראַכטן, ווייל ער איז נאָך וויַיט־וויַיט געווען פון צו זיין דער יעניקער, צו וועלכן רב מאיר קאָהענס אַראָפּלאָזן זיך זאָל קאָנען דערגרייכן...

אַלנפאַלס איז אים שוין קלאָר געווען, פאַרוואָס ער האָט אַזאַ ווונטש, דאָס מיידל זאָל באַ איר חסרון פאַרבלייבן, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער איז אַזוי איבערגעגעבן געווען דעם פּרינציפּאַל זיינעם... צוביסלעך האָט ער עס אָנגעהויבן צו אַנאַליזירן און פאַרענטפערן אַט דעם בייזן ווילן זיינעם... ער האָט אַזוי געטראַכט: אויב ס׳וועט ווייטער אַזוי גיין ווי ס׳גייט, דייטלעכער: אויב זי וועט ווייטער אַזוי גיין און הינקען, איז דאָך אויסער ספקות, אַז רב מאיר קאָהען וועט זיך מוזן אַ ביסלע אַראָפּלאָזן, און אויב אַזוי וועט ער, מאַטעלע, מאַטל זיך פלייסן

וואָס מער זיך „אויפצוהייבן” און אַזוי־אַרומער קאָן יענעמס אַראָפּלאָזן זיך און זיין דערהויבנקייט איינס דאָס אַנדערע דערגרייכן...

און ס׳איז באַ אים געווען אַן אמתע פרייד, ווען דאָס מיידל איז סוף זומער, נאָכדעם, ווי זי איז אָפּגעווען וואָכן און חדשים אין פאַרשידענע קורערטער, ערגעץ ווייט אַ ן נאָענט, אַריבער די גרענעצן פון לאַנד, צוריקגעקומען די זעלבע... פאַרקערט, וואָס מער ס׳איז אַוועק אַ זומער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז זי הייבט נאָך אָן שטאַרקער צו הינקען. און נישט נאָר אים, ווייל ער האָט אַזאַ ווונטש געהאַט, האָט זיך עס געדאַכט, נאָר אפילו זייטיקע מענטשן, וואָס זענען אין דעם נישט געווען פאַראינטערעסירט, האָט זיך אויך אַזוי געדאַכט. אָבער אין אמתן איז דאָס נישט אַזוי געווען. דער אמת איז, אַז זי האָט נישט שוואַכער און נישט שטאַרקער אָנגעהויבן צו הינקען פון דער צייט, וואָס ער, מאָטל, האָט זי דאָס ערשטע מאָל דערזעען, זי און דאָס הינקען אירס... געדאַכט האָט זיך עס אַזוי דערפאַר, ווייל, ווען זי איז געווען אַ יונג קינד, האָט זיך דאָס הינקען אירס צונויפגעגאָסן אין איין ריטם מיט איר קינדערישער באַוועגלעכקייט און רירעוודיקייט, שפּעטער אָבער, וואָס מערער זי איז רויקער און סאָלידער געוואָרן, אַלץ בולטער האָט זיך אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אָט דאָס הינקען אירס...

סיי־ווי, ווי ס׳זאָל דאָרטן נישט האָבן געווען, איז זי מיט איר וואַקסן אַריינגעוואַקסן אין די מיידלישע יאָרן אַריין מיט דעם הינקען, וואָס זי האָט געהינקט פון די פריסטע קינדערישע יאָרן, און צי האָט זי, ווי ס׳האָט זיך אַלעמען געדאַכט, שטאַרקער אָנגעהויבן צו הינקען, צי נישט, איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז, וואָס דער איינדרוק איז דאָך פאַרט געווען אַזעלכער... און ווייל ער, מאָטל, האָט נאָר אַ דאַנק איר חסרון געקאָנט האָבן אַן אויסקוק אויף איר, איז דערפאַר גאָר קיין ווונדער נישט׳ וואָס ער האָט זיך וואָס ווייטער אַלץ מער אין איר חסרון פאַרליבט... די גאַנצע שיינקייט, דער גאַנצער רייץ, וואָס איז אין דעם מיידל געלעגן, איז נישט באַמערקט, אויף אַן אומפאַרשטענדלעכן אופן, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם חסרון... אַלע אירע מעלות האָט ער דורכן חסרון געזעען... אָן דעם חסרון וואָלט דאָס מיידל געווען פאַר אים אַ „טויטע זאַך”, אָט פונקט ווי פאַר אַ סאָלדאַט די קייסערין זיינע... ווען זי וואָלט דעם חסרון נישט געהאַט, וואָלט ער געווען צו איר אַבסאָלוט גלייכגיל־

טיק, און נאָר אַ דאַנק דעם פעלער אירן האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן צו טראַכטן וועגן איר און צו האָפן, אַז די טראַכטעניש זאָל ווען עס איז פאַרווירקלעכט ווערן...

איין זאַך בלויז האָט אים נישט געלאָזט רוען: וואָס טאַטע־מאַמע (און מסתמא דאָס מיידל אַליין אויך) האָבן נאָך נישט אויפגעגעבן די האָפנונג זייערע און מיינען נאָך אַלץ, אַז זי וועט געזונט ווערן... און אָט דאָס גלייבן זייערס איז אים געשטאַנען ווי אַ ביין אין האַלז... ס'איז דאָך קלאָר, אַז אַזוי לאַנג ווי מ'וועט אין דעם גלייבן, וועט מען זיך דאָך נישט „אַראָפּלאָזן", טאָ ווען קאָן עס קומען די צייט, ווען זיי וועלן אויפגעבן אָט די האָפנונג זייערע?

איז ער טאַקע צומאָל געוואָרן פעסימיסטיש און מיט פאַרדראָס אַזוי אַריינגעטראַכט אין דעם ענין אַריין:

פון פּיצלווייז אָן הינקט זי (ווי ער ווייסט עס פון טאַטע־מאַמע), און אַזוי לאַנג ווי זי האָט אָנגעהויבן צו הינקען, פירט מען זי אין די בעדער אַריין. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס מען פירט זי נאָך אַלץ אין די בעדער, ווערט זי דאָך אַלץ נישט געהאָלפן, און אַזוי לאַנג ווי זי וועט נישט געהאָלפן ווערן, וועט מען דאָך מיט איר קיין שידוך נישט טון, ווייל טון מיט איר אַ שידוך אָט אַזוי ווי זי איז, מיטן חסרון מיט אירן, וועט מען זיך דאָך מוזן מיט איר „אַ ביסעלע אַראָפּלאָזן", און דאָס וועלן טאַטע־מאַמע נישט טון אַזוי לאַנג ווי מען וועט זי פירן אין די בעדער אַריין, און אַזוי לאַנג, ווי מען וועט האָפן, אַז די בעדער וועלן איר העלפן... אויב אַזוי איז עס דאָך אַ מעשה אָן אַ סוף.

און אַז מען טראַכט זיך אַריין אין אַ מעשה, וואָס איז אָן אַ סוף, ווערט מען פּריצייטיק אומגעדולדיק, ווייל מען, אַז דער סוף זאָל קומען נאָך פיל פריער, נאָך פריער איידער אַזאַ סוף וואָלט געקאָנט קומען, אפילו די מעשה וואָלט געווען מיט אַ סוף... קלאָר איז עס אָט אַזוי! ווען אפילו עס וואָלט געהאָלטן דערביי, ווען, למשל, טאַטע־מאַמע וואָלטן זיך שוין מייאש געווען און אויפגעגעבן אַלע האָפנונגען, אַז זייער קינד וועט געזונט ווערן, איז האָבן זיי דאָך נאָך אַלץ צייט געהאַט מיט איר, ס'הייסט, צו טון מיט איר אַ שידוך, ווייל זי איז נאָך אינגאַנצן זיבעצן יאָר אַלט געווען, און ער ווידער, מאָטל, האָט נאָך אויך ווייט, זייער ווייט נישט געהאַלטן דערביי. ער איז ערשט אַלט געווען נייַנצן יאָר, און אום צו

ווערן אַ „מענטש״, און אַזאַ מענטש, צו וועלכן רב מאיר קאָהען זאָל זיך קאָנען אַראָפּלאָזן, איז ער נאָך זייער ווייט געווען.

זעט אויס, אַז אויך זיי, דאָס מיידל און דעם מיידלס עלטערן, האָבן שוין אויך דאָס געדולד פאַרלוירן און האָבן שוין אויך איינגעזעען, אַז עס איז אַ מעשה אָן אַ סוף, דאָס באַווייזט, וואָס זיי האָבן גאָר פּלוצ-לינג באַשלאָסן איר אָן אָפּעראַציע צו מאַכן. יאָ, די אָפּעראַציע איז טאַקע נישט געווען קיין געפערלעכע, אָבער דאָס אַליין, וואָס זיי זענען אויף דעם איינגעגאַנגען, דאָס אַליין פאַר זיך איז שוין געווען אַ זאַך פון גרויס וויכטיקייט, זיי האָבן מיט דעם געשטעלט די לעצטע האָפנונג זייערע אין קאָן... אויב נישט דאָס, איז אויס האָפנונג... אָט מיט וואָס זיי האָבן ריזיקירט...

דאָס איז שוין געווען נאָכן זומער און נאָכן סעזאָן, ווען די מאַמע מיט דער טאָכטער האָבן שוין געדאַרפט אַהיים קומען, און גאָר פּלוצלינג איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַם, דאָס זיי פאָרן נישט, אַז זיי בלייבן, אַז אי די מאַמע אי די טאָכטער האָבן באַשלאָסן, דאָס די טאָכטער זאָל זיך לאָזן מאַכן אַ קליינע אָפּעראַציע אין קני, און אויסגעפונען האָט עס, אַז זי באַדאַרף האָבן אָן אָפּעראַציע, איינער אַ באַוווסטער פּראָ-פעסאָר-כירורג, וואָס האָט גאַראַנטירט, אַז ערגער וועט עס זיכער נישט ווערן, און אויס דער גאַראַנטיע, אַז ערגער וועט נישט ווערן, איז באַ-שלאָסן געוואָרן פון דער מאַמען און פון דער טאָכטער זי צו לאָזן און זיך צו לאָזן אָפּערירן.

די רעזולטאַטן פון דער אָפּעראַציע זענען נישט באַוווסט געווען נישט דאָ און נישט דאָרטן, אַזוי לאַנג ביז די אָפּערירטע האָט נישט געקאָנט אַראָפּשטעלן דעם אָפּערירטן פוס, אַזוי לאַנג, הייסט עס, ביזוואַ-נען די ווונד האָט זיך נישט פאַרהיילט. און דאָס האָט גענומען צייט אַ פּאָר וואָכן, און אין פאַרלויף פון די פּאָר וואָכן האָבן צוויי מענטשן אַרויסגעקוקט יעדן טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט אויף אַ ידיעה פון דאָרטן. איינער פון די צוויי איז געווען דער טאַטע פון דעם אָפּערירטן מיידל, רב מאיר קאָהען, און דער צווייטער פון די צוויי איז געווען דער „מענטש״ מאָטל... דער ערשטער האָט אַרויסגעקוקט אויף דער גוטער

בשורה, אַז זיין קינד איז געהאָלפן געוואָרן, און דער צווייטער, דער איבערגעגעבנסטער און געטרייסטער מענטש צו רב מאיר קאָהען און צו דער פירמע קאָהען, האָט אַרויסגעקוקט פונקט אויפן פאַרקערטן רעזולטאַט.

ענדלעך איז די גוטע בשורה אָנגעקומען, און רב מאיר קאָהען האָט די גוטע בשורה בקול רם איבערגעלייענט פאַר אַלע זיינע מענטשן. און עס האָבן זיך ווירקלעך אַלע געפרייט. נאָר איין מענש, דער בעסטער און דער געטרייסטער, דער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און נישט געוווסט אַליין מיט זיך אײַנגאַנצן, וואָס צו טון און ווי זיך צו האַלטן, אַז עס זאָל נישט באַמערקט ווערן זיין נישט צופרידנקייט מיט דער גוטער בשורה... און חוץ דער נישט צופרידנקייט האָט עפּעס אַ געפיל פון בושה אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע לעבעדיקע וועזן זיינס... וואָסי?... אויף וואָס האָט ער אַרויסגעקוקט?... וואָס פאַר אַ נאַרישע און זינלאָזע האָפנונגען האָט ער געהאַט!... עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט אים ווער גאַנצע פינף יאָר, נאָך מער, פינף מיט אַ האַלב יאָר, עפּעס אַזוי ווי עס וואָלט אים ווער די גאַנצע צייט באַ דער נאָז געפירט...

און נישט פאַרשטענדלעך פאַרוואָס, האָט ער זיך אַזוי מיט אַט דער בשורה אַהיים געיאָגט. און באַזונדערס האָט ער קיין געדולד נישט געהאַט און וואָס גיכער געוואָלט אָנזאָגן דעם טאַטן די בשורה. פאַרן טאַטן האָט ער געוואָלט באַווייזן זיין צופרידנקייט, ווי צופרידן ער איז, וואָס דאָס מיידל, רב מאיר קאָהענס טאָכטער, איז גענעזן געוואָרן. און מורא האָבנדיק, אַז ער וועט נאָך דעם טאַטן אין שטוב נישט טרעפן, איז ער פאַרלאָפן אין געוועלב אַריין צו אים און אים דאָרט אָנגעזאָגט די בשורה. דער פאָטער איז מיט אַ מינע און מיט אַן אויסדרוק אַזעלכן, ווי ער וואָלט נישט געהערט, אַז עפּעס האָט מען אים דאָ געזאָגט, זיך געשטאַנען פונקט אַזוי ווי ער איז געשטאַנען פריער, איידער דער זון האָט אים אָט די בשורה געבראַכט און מעסטנדיק זיך דאָרטן פאַר זיך צו וויסן וויפיל איילן ער האָט דאָרט אין אַ שטיקל סחורה, איז ער ווייטער אַזוי געשטאַנען און געמאָסטן מיטן אַרשין דאָס שטיק סחורה. מאָטל האָט געקוקט אויף אים און נישט געקאָנט דערגיין, צי האָט דער פאָטער געהערט, צי האָט ער נישט געהערט, וואָס ער האָט אים דאָ געזאָגט... אַזוי צי אַזוי, נאָך אַמאָל איבערחזרן דאָס זעלבע האָט ער שוין נישט געקאָנט, און האָט

איינגעזועען אַ גרויסן אומזין אין דעם, וואָס ער איז דאָס גאָר געלאָפן אָנזאָגן דעם טאַטן...

אָפּגעשטאַנען אַ פּאָר מינוט, האָט ער זיך געלאָזט אַוועקגיין, און דאָ האָט אים דער פאָטער אָפּגעהאַלטן:

— קום נאָר אַהער! קום נאָר אַהער! וווהין לויפסטו? מזל-טוב דיר!

— — — — — — — — — —

און ווען דאָס מיידל איז געקומען פון איר אויסלאַנד און פון איר אָפּעראַציע און ער האָט זי דערזעען גיין אַ גלייכע, גלייך ווי אַלע מענטשן, איז זי פאַר אים געוואָרן גאָר אַ נייע, אינגאַנצן אַ פרעמדע... דערזעענדיק זי, האָט ער גלייך באַקומען דעם איינדרוק, אַז פון איר איז צוגענומען געוואָרן עפּעס אַ שטיק היימישקייט, אַ שטיק נאָענטקייט, וואָס איז אים היימיש און נאָענט געווען... ער האָט געהאַט דעם איינדרוק, אַז באַ איר איז אָפּגענומען געוואָרן מיט דער אָפּעראַציע אַ שטיק חן... און דאָס האָט אים אַזוי באַנג געטון און אַזוי וויי געטון!... און ער האָט שוין גערעכטפאַרטיקט זיין פאַרדראָס, וואָס זי איז „גלייך" געוואָרן... ער האָט אים גערעכטפאַרטיקט מיט דעם, וואָס ער איז זיכער געווען, אַז פריער מיטן חסרון מיט אירן איז זי געווען פיל אָנציענדיקער, אַז דער חסרון האָט איר צוגעגעבן אַ געוויסן חן. און איצט?...

— — — — — — — — — —

און פאַרבליבן איז באַ אים אויף אַ לאַנגע, לאַנגע צייט אַן אומעטיקע בענקשאַפט נאָכן פעלער נאָך אירן... ער האָט געבענקט נאָך אים, נאָך אָט דעם פעלער, נאָך אירן, ווי איינער בענקט נאָך זיין געליבטער, וואָס איז פלוצלינג פאַר דער צייט געשטאָרבן און אָפּגעריסן געוואָרן פון אים... ער האָט נאָכן מיידלס חסרון געבענקט, און צו דעם מיידל איז ער געווען און געבליבן קאַלט און גלייכגילטיק...

די ירושה

די מאַמע מיינע ע"ה איז געלעגן געוואָרן נישט מער ווי איין מאָל אין יאָר און דער טאַטע מיינער ע"ה איז געלעגן געוואָרן צוויי און אַמאָל דריי מאָל אין יאָר מיט... ציין. מיט איין חילוק נאָר, וואָס אַז ווען די מאַמע איז געגאַנגען צו קינד, האָבן די קרעכצן און געשרייען געדויערט אַ פאָר שעה און באַם טאַטן האָבן זיך די „חבלי לידה" געצויגן וואָכן לאַנג, ביז דער צאָן זיינער האָט זיך אויף דער ליכטיקער וועלט באַוויזן...

איך געדענק, ווי אַלע מאָל, ווען ער איז געקומען פון פעלדשער מיטן אויסגעריסענעם צאָן, האָט ער אונז (זיינע קינדער) דעם אויסגעריסענעם צאָן באַוויזן, פונקט אַזוי ווי די מאַמע האָט אונז באַוויזן דאָס קינד אירס, וואָס זי האָט נאָר־וואָס געהאַט. יעדעס קינד האָט פאַר זיך דעם צאָן באַטראַכט. און איך, דער עלטסטער, האָב אים גענומען צווישן צוויי פינגער און עפעס מאָדנע געפילט, האַלטנדיק און באַטראַכטנדיק אַט דאָס ביינערדיקע נפש, וואָס האָט געהאַט אַרום זיך שטיקלעך פאַרבלוטיקט פלייש. און האָב זיך געפרייט מיט אים אַ סך מער, ווי מיט דער מאַמעס אַ קינד, ווייל אַזוי לאַנג ווי דער טאַטע האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם צאָן אין מויל, איז אין שטוב באַ אונז אַ פשוט גיהנום געווען. מיר קינדער האָבן נישט געטאָרט קיין פרייע מינע באַווייזן, ווער רעדט שוין פון אַ שטיף טון... הגם נישט אַלע מאָל האָט די פרייד מיינע לאַנג אָנגעהאַלטן, ווייל ס'האָט פיל מאָל געטראָפן, אַז גלייך נאָכן אַרויסגעריסענעם צאָן, זאָל אים אָנהייבן ווי טון אַ צווייטער און ערשט שפע-

טער מיט יאָרן, ווען איך בין צו מיין שכל געקומען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז ס׳האָט אים, דעם טאַטן מיינעם, נעבעך, געמוזט וויי טון דאָס גאַנצע מויל ציין, נאָר אַזוי ווי איינער האָט אַלע מאָל מער וויי געטון, ווי די אַלע איבעריקע, האָט ער געפילט די ווייטיק נאָר פון איינעם. ס׳הייסט, פון דעם, וואָס האָט וויי געטון מער פון אַלע, און אַרויסגעגעריסן דעם, איז באַלד געווען אַ נייער קאַנדידאַט...

צונויפפלייגנדיק צוזאַמען די טעג און די וואָכן, וואָס מיין טאַטע פלעגט אַרומגיין מיט פאַרבונדענע באַקן, קאָן איך אויף זיכער זאָגן, אַז אַ האַלב יאָר פון יאָר איז ער אַרומגעגאַנגען אַ פאַרבונדענער מיט אַ פאַטשיילע, וואָס איז אויבן אויפן מיטן קאָפּ האַרט און שטייף געווען פאַרקניפּט און פאַרבונדן מיט צוויי קניפּן, האַרטע, ווי שטיינדלעך. און די צוויי האַרטע קניפּן האָבן עס אַרויסגעסטאַרטשעט פון היטל אַרויס, ווי אַן איי וואָלט אים אויפן קאָפּ אונטערן היטל געלעגן. פון דער באָרד פון זיינער איז אַ תּל געוואָרן, אינגאַנצן פאַרבויגן אַרונטער, און ווי אַ שוואַרץ ברעטל האָט זי זיך שטייף צוגעשפּאַרט צום האַלז. ס׳איז געווען אַ גרויס רחמנות צו קוקן סיי אויף דער באָרד און סיי אויפן האַלז. עס האָט זיך באַקומען אַזאַ איינדרוק, אַז די באָרד איז קיין באָרד נישט און אַז דער האַלז איז קיין האַלז נישט.

ווי געווינלעך, אָדער ווי באַ אַ געוויסער טייל מענטשן, וואָס ליידן פון ציין-שמערצן, האָט זיך אויך באַם טאַטן אָנגעהויבן די ווייטיק פון אָנהייב אין אַ לייכטערער פאָרם און ער פלעגט זיך באַנוצן מיט לייכטע מיטלען, ווי אַ שטייגער, אָנבלאָזן אַ באַק מיט רויך פון אַ שטאַרקן ציגאַר, אָדער נעמען אַ ביסל ניינציקער און האַלטן דעם קאָפּ אָן אַ זייט, און דער ניינציקער שרף האָט געברענט די גאַנצע זייט ציין מיט די יאַסלעס, מיט דער באַק און אַ האַלבע זייט צונג און געהאַלטן דעם ספּירט אַזוי לאַנג, ביז ער איז דאָרט אין מויל וואַסערדיק געוואָרן און שוין גאָר מיט אַ נידעריקן גראַדוס אַלקאָהאָל אים אויסגעשפּיגן. אַמאָל האָט מען אויך געפּרוווט צעשטויסן אַ קנאָבל מיט פעפער און נאָך און נאָך פאַרשידענע היימישע מיטלען. מ׳האָט אַלץ געטון און אַלץ געלייגט, וואָס יעדע יידענע איז געקומען און געזאָגט, אַז מ׳זאָל צולייגן, און אַזוי איז דאָס דער טאַטע מיינער נעבעך אַרומגעגאַנגען חדשים און ס׳האָט כסדר געשמעקט פון אים מיט ספּירט און מיט קנאָבל. דערנאָך האָבן זיך

אָנגעהויבן טעג און וואָכן פון אמתע ווייטיקן און מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן צו באַנוצן מיט מער ראַדיקאַלע מיטלען. איינס פון די ראַדיקאַלע מיטלען איז געווען „פּאַרוווקעס". געטון געוואָרן איז עס אויף אַזאַ מין אופן: די מאַמע האָט אָנגעגאָסן אַ טאַץ מיט זודיק וואַסער און האָט דעם טאַטן איבערן קאָפּ אַריבערגעוואָרפן אַ דיקן שאַל. נאָכהער האָט די מאַמע אַרייגעוואָרפן אין דעם הייסן וואַסער איינעם אָדער צוויי אָנגעגליטע שטיינער און דאָס וואַסער האָט, ווי אַ גהינום-קעסל, אָנגעהויבן צו קאָכן און צו ברויזן, און איבער אָט דעם גהינום איז דאָס מיין טאַטעס נעבעך געשטאַנען אַריבערגעבויגן, און געהאַלטן אָפן דאָס מויל אַקעגן דער פּאַרע, וואָס האָט פון דער שיסל געזעצט. דורך דעם האָט עס באַדאַרפט קומען די רפואה, און ווען ער האָט זיך אויסגעשיילט פון דער שאַל אַרויס, איז דאָס פּנים זיינס געווען איינגאַנצן נאַס און רויט און די אויגן זענען געווען מיט בלוט פאַרגאָסן. אַרומגעווישט זיך דאָס פּנים, איז ער ווי אַ הורג געפאַלן אויף דער קאַנאַפּע, זיך אויסגעצויגן און אַנטשלאָפן געוואָרן אַזוי ווי נאָך אַ באָד.

יאָ, דאָס איז שוין געווען דאָס לעצטע אויסגעפּרובירטע מיטל און נאָכדעם, האָב איך געוווסט, וועט ער שוין מוזן אָנקומען צום פעלדשער, וועלכער האָט פון היילן ציין נישט געוווסט, נאָר פון רייסן...

יעדן פריש-אויסגעריסענעם צאָן האָט דער טאַטע מיינער באַהאַלטן, ווי דאָס פלעגן צו יענער צייט טון אַלע פרומע יידן, אַז איבער הונדערט און צוואָנציק יאָר, ווען ער וועט שטאַרבן, זאָל מען זיי אים מיטגעבן אין קבר אַריין, און פון יאָר צו יאָר איז די ציין-פאַמיליע געוואַקסן אין צאָל. אין אַ חדר מיוחדל, אין אַ קליין פירעקעכדיק קעסטעלע פון אַ שקאַטולקעלע, וואָס האָט געהאַט אין זיך פיל קעסטעלעך מיט דעקעלעך. איך האָב מיר דאָרטן געהאַט מיינע אוצרות: קנעפּלעך, טשוועקלעך, שטיקלעך פּאַרצעליי, פון וועלכע מ'האָט געקאָנט שלאָגן פייער אין דער פּנצטער, שטיקלעך זשיוויצע, אַלטע, פאַרזשאַווערטע פּענעס, אַ שטיקל גומע פון אַ שוך (אַמאָל האָט מען געטראָגן שיך מיט גומע), וואָס איך האָב פון צייט-צו-צייט אַרויסגעצויגן פון דעם „ציעלקעס", און נאָך און נאָך אַזעלכע גוטע זאַכן. יעדעס מאָל. ווען איך בין געגאַנגען געוויר ווערן צו מיינע אוצרות, האָב איך געמוזט אַ קוק טון צום טאַטנס ציין... עפּעס האָט מיך געצויגן אַ קוק צו טון צו זיי. איך האָב געשפּירט, אַז

איך קער זיך עפּעס אָן מיט דער ביינערדיקער פֿאַמיליע... יאָ, יאָ, קרובים, מאָדנע קרובים, דעם טאַטנס צײַן...

אַט די צײַן האָט מען עס באַדאַרפֿט מיטגעבן דעם טאַטן מײַנעם ע״ה אין קבר אַרײַן, און מ'האָט אים זיי נישט מיטגעגעבן. ס'איז נישט געווען, ווער ס'זאָל עס אין זינען האָבן. פֿון דעם גאַנצן צענדליק קינ־דער, וואָס ער האָט אויף דער וועלט געבראַכט, איז קיין איינציק קינד נישט געווען בײַ זײַן פּטירה (די מאַמע איז פֿריער פֿאַר אים געשטאָרבן.) איז נישט געווען, וואָס פֿרעמדע האָבן אין זינען געהאַט אים מקבר צו זײַן, זאָלן זיי נאָך אין זינען האָבן די צײַן זײַנע אים מיטצוגעבן? נו, זענען זיי געבליבן, די צײַן, אויף דער וועלט און זיי האָבן זיך דערוואַרט, ביז דער עלטסטער זון זײַערער אָדער (איך ווייס נישט, וואָס קער זיך אָן אַ זון פֿון אַ טאַטן מיטן טאַטנס צײַן). ביז איך, דער עלטסטער זון, אין פֿינפֿצען יאָר אַרום נאָכן טאַטנס פּטירה, אַראָפּגעפֿאַלן אין שטעטל אַרײַן און באַזוכט די שטוב, וווּ דער טאַטע האָט אויסגעהויכט דעם לעצטן אָטעם זײַנעם, האָט מיר דער ייִד פֿון שטוב באַלד אָנגעזאָגט די בשורה, אַז אויפֿן בוידעם בײַ אים געפֿינט זיך נאָך אונזערס אַ שקאַטולקעלע און אַז אויב איך וויל, קאָן איך עס מיר נעמען.

איך האָב מיך שטאַרק דערפֿרייט צו זעען עפּעס אַ געדעכעניש פֿון דער היים. און דער ייִד פֿון דער שטוב איז גלײַך פֿון שטוב אַרויס און אין אַ פּאָר מינוט האָב איך דערהערט שווערע טריט אויפֿן בוידעם און מיט אימגעדולד זיך דערוואַרט אויף אים.

יאָ, איך האָב עס גלײַך דערקענט, אָט דאָס שקאַטולקעלע, נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ס'איז געווען באַדעקט דיק מיט שטויב און פֿון אויבן איז געלעגן אָפּגעפּרעסט אַ האַנט מיט פֿינף פֿינגער, קענטיק, אַז דער אַלטער האָט דאָרטן אַרויפֿגעלייגט די האַנט זײַנע אויף דעם. איך האָב מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ געעפֿנט אָט דאָס שקאַטולקעלע און נאָכדעם איינס נאָך דאָס אַנדערע אָנגעהויבן צו עפֿענען איין דעקעלע נאָכן אַנ־דערן. און אָט עפֿן איך אַ קעסטעלע און דערזע...

ס'האָט מיך אַ מאָדנער אומעט דורכגענומען, אַן אומעט מיט אַ מאָדנער פֿרייד צוזאַמענגעמישט. האַרטע פֿאַרשווינדלעך, וואָס זענען פֿאַר־בליבן אין זייער האַרטקייט און נישט געענדערט זיך, פּונקט ווי דער, בײַ וועמען זיי זענען אין מויל געזעסן, וואָלט נאָך געלעבט און וואָלטן

געוואַרט אויף מיטצונעמען זיי אין קבר אַריין, און ווידער האָב איך דורכגעלעבט דאָס זעלבע געפיל, וואָס יינגלווייז — אַז איך זע עפּעס קרובים פאַר זיך... אייגענע, נאָענטע... מיין טאַטנס ציין...

— וואָס טוט מען מיט זיי? — האָב איך אַ פרעג געטון באַם ייד.

— גאָרנישט — האָט דער ייד געענטפערט. — נעם מיט דאָס שקאַטולקעלע און זאָלן זיי ליגן, ווי זיי זענען ביז אַהער געלעגן...

שוין אַ מעשה פון צען יאָר אין דעם, זינט איך האָב אָט די ירושה באַקומען. איך בין שוין פיל שטעט און מדינות אויסגעפאָרן פאַר דער צייט און דאָס שקאַטולקעלע מיט די ציין פיר איך אַלץ מיט מיט זיך... איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך טו עס, ס'איז עפּעס אַ געפיל-זאַך. איך ווייס פריער, אַז ווען איך וואָלט פאַרפירט אַ דעבאָטע צווישן מיינע לע-זער, וואָלטן זיי מיר אַלע, אַ חוץ אַ גאַנץ קליינעם פּראָצענט, געהייסן זיי אַרויסוואַרפן, דעם טאַטנס ציין. יאָ, איך ווייס עס, נאָר איך קאָן דאָס נישט. אָט די ירושה איז דער איינציקער אָנדענק, וואָס מיר איז פון מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער געבליבן...

אין דער פרעמד

מיינס אַ לאַנדסמאַן האָט זיך ערשט נישט לאַנג אומגעקערט פון זיינס אַ רייזע, וואָס ער האָט געמאַכט אין אונזער אַלטער היים, וואָס געפינט זיך איצט אונטער דער ממשלה פון דער נייער מדינה — פּוילן; ער האָט מיר זייער פיל אינטערעסאַנטע זאַכן דערציילט, וואָס ער האָט געהערט און אַליין געזעען אין די שטעט און שטעטלעך, ווו ער איז געווען און ווו ער איז פאַרבייגעפאָרן. איינע פון די זאַכן, וואָס ער האָט מיר דערציילט, איז כדאי ס'זאָל „באַשריבן" ווערן, אַ זאַך, וואָס מיט אים אַליין האָט געטראָפן, נישט מער, וואָס איך וויל עס דערציילן מיט מיין שפּראַך און מיט מיין שטייגער. אָבער די עצם זאַך וועט דערפון נישט ליידן. איך נעם עס און דערצייל עס אַזוי ווי עס „שטייט און גייט". איך וועל גאָרנישט צוגעבן און גאָרנישט אַראָפּנעמען. די פּאַסירונג ניי־טיקט זיך נישט אין דעם. ווען איך וואָלט אַזעלכעס אויסגעטראַכט, וואָלט איך עס אַנדערש נישט אויסגעטראַכט, ווי גאָר אַזוי ווי דאָס איז. אַזוי ווי עס האָט מיט אים געטראָפן...

* *
*

דער צוג דערנענטערט זיך צו אונזער שטעטעלע... איך ווייס, אַז דאָס שטעטעלע איז אין צייט פון דער לעצטער מלחמה אָבגעמעקט געוואָרן פון דער ערד... ס'איז קיין זכר דערפון נישט געבליבן, און דאָך

פאַר איך אַהינצו. ס'ציט דיך אַמאָל אָנצוקוקן אַ שטוב, ווו ס'האָט זיך „געפילט" דיינס אַ נאָענטער מענטש ; עס ציט דיך צו זעען, ווי די שטוב זעט אויס נאָך אים... דאָס זעלבע געפיל האָט מיך געצויגן אָנצוקוקן דעם פּלאַץ, ווו אונזער שטעטעלע האָט זיך געפונען...

פאַר מיין אָפּפאָרן פונדאַנען האָב איך אפילו געהערט, אַז דאָרט האָבן זיך שוין אויסגעבויט אַ פּאָר צענדליק הייזער. אָבער נישט די נייע הייזער האָבן מיך געצויגן אַהינצו. זיי זענען דאָך מיר אַזוי פרעמד ווי אַלע אַנדערע הייזער פון אַנדערע שטעטלעך, און די מענטשן, וואָס האָבן אָט די הייזער אויסגעבויט, זענען מיר זיכער אויך אַזוי פרעמד און פּונקט אַזוי ניי פאַר מיר, ווי די הייזער זייערע... דאָס אַלטע דור איז דאָך אויסגעשטאָרבן ביז איינעם. זענען דאָך דאָס אַלץ „יונגע" פון יונגן דור, און פּלומרשט הייבט-וועלטיקע, אָט די נייע באַזיצער פון די נייע הייזער... איך זאָג אייך דעריבער, אַז נישט צוליב זיי און נישט צוליב זייערע הייזער, נאָר בלויז דאָס פאַרוויסטעטע אָרט בין איך געפאָרן אָנצוקוקן.

ענדלעך איז דער צוג צוגעקומען און זיך אָפּגעשטעלט בא דער סטאַציע, וואָס רופט זיך מיטן זעלבן נאָמען ווי דאָס שטעטל הייסט. איך דערקען דאָס וואָקזאַלעכל. הגם שוין פינף און צוואַנציק יאָר ווי איך האָב מיך דאָ דאָס לעצטע מאָל אויפגעזעצט צו מיין אָפּפאָרן קיין אמעריקע... און דאָס ערשטע, וואָס האָט זיך מיר געוואָרפן אין די אויגן, איז די פּוסטקייט און דער אומעט אַרום דער וואָקזאַליקער סביבה. און דאָ האָב איך זיך דערמאַנט, ווי אַמאָל איז דאָ לעבעדיק געווען, ווי דאָ האָט עס גשימערירט מיט היימישע יידן און מיט יידן פון אַרומיקע שטעט און שטעטלעך, ווי די היימישע יידן זענען געקומען אויפן וואָקזאַל צו די פרעמדע און ווי די פרעמדע זענען געקומען צו די היימישע און אַלע צוזאַמען האָבן זיך געפילט היימיש, פּונקט ווי בא זיך אינדערהיים. אגב האָב איך מיך דאָ אַזוי גלייך דערמאַנט אַן אַ זאַך, וואָס איך האָב שוין לאַנג פאַרגעסן אַן דעם... דאָס איז געווען טאַקע דאָס לעצטע מאָל פאַר מיין אָפּפאָרן קיין אַמעריקע... עס געדענקט זיך ווי פּלוצלינג, איך ווייס נישט פונוואַנען, האָט זיך אַ שיינער גרויער ייד געוויזן און געזאָגט, אַז איך האָב עס אים פּונקט אויסגעפעלט צו אַ מנין. ער האָט יאָרצייט, האָט ער געזאָגט, און ער מוז זאָגן קדיש, און אַריינגעשלעפּט מיך מיט

אַלע איבעריקע יידן אין וואַקזאַלעכל אריין, און מ'האָט דאָרטן „אָפּגע־קלאַפּט“ אַ מנחה מיט אַ מעריב, און נאָכן דאַוונען איז צו מיר צוגע־גאַנגען איינער אַ ייד פון מיין שטעטל און מיר איינגערוימט אין אויער אריין:

— דו מיינסט, אַז יענער ייד האָט יאָרצייט?... ער האָט קיין יאָר־צייט נישט און דער ייד איז קיין ייד נישט: דער ייד איז אליהו הנביא... ער האָט זיך דערוווּסט, אַז דו פאָרסט אַוועק קיין אַמעריקע, אַז דו וועסט שוין דאָרט קיין קדושהס מיט קיין ברכוס נישט הערן... נו, האָט ער דיך געוואָלט מזכה זיין נאָך איינמאָל מיט אַ קדושה און מיט אַ ברכו...

און ער האָט מיר אָנגעזאָגט:

— נעם עס דיר אַריין אין קאָפּ אַריין!

און איך האָב זיך בּאַ דער געלעגנהייט דערמאָנט, אַז נאָך אַלעמען, נאָך אַלע נגישות, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין געוועזענעם רוסלאַנד, האָבן זיי זיך דאָך דאָרט געפילט ווי בּאַ זיך אינדערהיים... בּאַ דער איצטיקער צייט, אונטער דער „דעמאָקראַטישער“ הערשאַפט פון פּוילן, וואָלט זיך אַ ייד נישט דערלויבט אַזעלכעס צו טון... אָבער דאָס האָט נישט צו טון מיטן ענין...

און דערמאָנענדיק זיך אָן יענער צייט, האָב איך דאָ נאָך שטאַר־קער דעם אומעט דערפילט: ס'זאָל עס זיין אַ ייד אויף אַ רפואה, און קיין גוי אויך גאָרנישט, קיינער נישט! נאָר דער באַאַמטער מיטן פּאָר־וויקלטן פענדל איז געשטאַנען מיט אַזאַ שטיין, ווי ער וואָלט נישט געוווּסט, וואָס פאַר זיין אַמט איז וויכטיקער — צי שטיין דאָ, צי אַריינגיין אינעווייניק אין וואָקזאַל, ווייל ער האָט, קענטיק, דאָ נישט געהאַט וואָס צו טון, וואָרים די גאַנצע „אַרבעט“ זיינע איז באַשטאַנען אין דער אַרבעט פון גאָרנישט טון דאָ אינדרויסן און פון גאָרנישט טון דאָרטן אינעווייניק...

ער איז געשטאַנען און געקוקט מיט אַזאַ קוקן, ווי אים וואָלט אַ שאָד געווען אָט דער צוג, וואָס איז נאָר־וואָס אָנגעקומען און נאָר־וואָס אַוועק. ער האָט געכאַפּט אַ פּאָר מאָל אַ קוק אויף מיר מיט אַזאַ קוקן, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: לוינט זיך אָפּצושטעלן אַ צוג צוליב איי־נעם אַ פּאַרשוין, וואָס פאַלט אַמאָל אין אַ יובל דאָ אַראָפּ, אָדער וואָס

איינער אַזעלכער צי אַן אַנדערער (דער עיקרשט איינער) שטייגט אַמאָל דאָ אויף !...

און איך פיל זיך עפּעס ווי זינדיק אַנטקעגן אָט דעם פּריץ מיט מיין איין-און-איינציקייט. איך וואָלט מיך פאַר אים און פאַר זיך געפילט פיל בעסער, ווען דאָ וואָלט נאָך ווער מיט מיר אַראָפּגעשטייגט...

פון דאָרטן, פון אינעווייניק, פון אָפענעם גרויסן וואָקזאַל-פענצ-טער, האָט זיך געלאָזט הערן דאָס מאָנאָטאָנע טאַ-טאַ-טיקעווען פון טעלע-גראַפישן אַפּאַראַט, און טאַקע דאָ באַ דעם גרויסן צעעפנטן פענצטער איז געזעסן אַ יונגער בלאָנדער שייגעץ אין אַ פאַרמאַכטער טוזשורקע ביזן האַלז, און אָט דער „פאַרמאַכטער" שגץ איז דאָס געזעסן באַם אַפּאַראַטל און געקוקט, ווי ס'ציט זיך אַזוי אָן אַ סוף אַ שמאָל ווייס סטענגעלע מיט פאַרשידענע פאַר מיר נישט פאַרשטענדלעכע צייכנס...

דאָס מאַשינדל האָט געאַרבעט אַליין, אָן זיין הילף, ער האָט זיך נאָר צוגעהערט ווי ס'קלאַפּט און זיך איינגעקוקט ווי דאָס לאָזט פון זיך און וויקלט אויס פון זיך אַ לאַנג אומענדלעך שמאָל קישקעלע...

איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז דאָס איז דער זעלבער שגץ, וואָס איך האָב דאָ געזען זיצן צוריק מיט פינף-און-צוואָנציק יאָר... דעמאָלט, האָב איך מיך דערמאָנט, האָב איך אים מקנא געווען. איצט אָבער האָב איך ממש געשווידערט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז די גאַנצע שטילקייט, רויקייט און דער גאַנצער אומעט פון דער אַרומיקער מענטשנלאָזער סביבה, ווערט אָט דאָ אויסגעקלאַפּט אין דעם מאָנאָטאָנעם טאַ-טאַ-טיקי-ווען פון דעם מאַשינדל...

דער באַאַמטער האָט זיך, קענטיק, ענדלעך באַטראַכט, אַז ס'איז גלייכער בעסער אינעווייניק גאָר נישט צו טון איידער ווי אינדרויסן, און ער האָט זיך געלאָזט אַריינגיין מיט אַ פּאַמעלעכן שטיוולדיקן גאַנג. איך וואָלט צוגעגאַנגען אים עפּעס פרעגן, איז די צונג אין גלות. געוווּסט, אַז צו אַזאַ פּריץ, אפילו אויב ער פאַרשטייט רוסיש, מוז מען רעדן נאָר פּויליש, און אויב איך וועל רעדן צו אים רוסיש, וועט ער מיר במילא נישט ענטפערן, און פּויליש האָב איך קיינמאָל נישט געקענט סיידן נאָר רעדן צו אים ענגליש.

יאָ, איך בין אין שטעטל, אָבער פּאַקטיש בין איך אָבער נאָר באַם וואָקזאַל, וואָס רופט זיך מיטן זעלבן נאָמען, ווי דאָס שטעטל רופט זיך.

איך בין נאָך זייער ווייט פון שטעטל, ווייט פון דאָרט, אַ מהלך פון פינפצען וויאָרסט, און מיט אַ וואַלד, וואָס פאַרנעמט אָט דעם גאַנצן פינפצען־וויאָרסטיקן שטח, אַ וואַלד, וואָס הייבט זיך דאָ אָן און ציט זיך אַוועק ביזן סאַמע שטעטל... אַמאָל, ווען דער באַלעגאָלע האָט געוואָלט באַ מיר מער מיט צוויי גראָשן, האָב איך אים אויסגעשטעלט אַ פייג און בין מיר געגאַנגען צופוס און האָב נאָך געהאַט גרויס פאַרגעניגן פון גיין. היינט אָבער, ווער קאָן עס? איינמאָל זענען מיר, אַ דאַנק אונזערע קאַרס און מאַשינען, אָפּגעוווינט צו מאַכן אַ טריט צופוס, און, צווייטנס, ווער קאָן זיך עס לאָזן באַ היינטיקע צייטן איינער אַליין אין וואַלד צו גיין. אַמאָל איז מען געפאָרן אַהין און צוריק און מ׳איז געגאַנגען אויף און אָפּ. היינט, אַז דאָס שטעטל איז אונטערגעגאַנגען, איז דאָך, פאַרשטייט זיך, נישטאָ קיין פאָרערס און נישט קיין גייערס. טאָ ווי שטעלט מען זיך איין?...

איך האָב זיך דערמאַנט, אַז פון יענער זייט וואָקזאַל איז געווען דער צופאָר פון שטעטל, און פון יענער זייט זענען דאָס געשטאַנען די פורן, וואָס פלעגן פאָרן אין שטעטל אַריין.

איך האָב גלייך פאַרלאָזט דעם פּראָנט פון וואָקזאַל, און אַזוי ווי איך בין נאָר אַריבער אויף יענער זייט, האָב איך דאָרטן דערזעען אַ פויעריש פורל שטיין. ס׳איז געשטאַנען באַ אַ פינפציק פוס ווייט פון וואָקזאַל, דאָרטן באַם וואַלד און באַם שליאַך, וווּ דער וואַלד הייבט זיך אָן און וווּ דער שליאַך אין וואַלד אַריין הייבט זיך אָן.

געזעען פערד און וואָגן, דעם פורמאַן אָבער האָב איך נישט געזעען און האָב מיך דערווייל געלאָזט גיין צום פערד און וואָגן. געגאַנגען און געקוקט די גאַנצע צייט אויפן פערדל, ווי דאָס שטייט זיך אַזוי מיטן קאָפּ און מיטן האַלז איבערן וואָגן און שלעפּט זיך אַזוי פון וואָגן אַרויס אַ מויל מיט גרינע לאַנגע גראָזן און עסט זיך מיט ישוב הדעת... ס׳עסט, ס׳קייט און ס׳שלעפּט אייגציקווייז די גראָזן אין מויל אַריין, די גראָזן, וואָס שטעקן אַרויס פון אַלע זייטן פון זיין „קייער" און פון זיין „עסער". די גראָזן ווערן אַלץ קירצער און ווינציקער און דערביי קוקט ער זיך אַזוי אויף גאָטס וועלטל מיט אַ קוק אַ גלייכגילטיקן, ווי ער וואָלט זיך געטראַכט: גאָטס וועלט איז נאָך אַלץ אַ וועלט, כאָטש מענטשן מיינען, אַז ס׳האָט זיך געענדערט...

און אָט קוקט ער, דאַכט זיך, אויף מיר... ס'איז זיכער, אַז ער זעט מיך, נאָר איז אַזוי גלייכגילטיק צו מיר, ער זעט מיך... ווייל איך בין דאָך עפּעס אַן אַנזעענדיקע „זאַך". אַזעלכעס, וואָס ס'איז דאָ וואָס צו זעען, אָבער וואָס גיי איך אים אָן, אַז ער האָט גראָז אין וואָגן?...

איך האָב אַזוי פיל היימישקייט אין דעם אַלעמען געזעען, אי אין דעם פערד. און אי־ אין זיין שטיין איבערן וואָגן, און שלעפּן פון וואָגן דאָס גראָז און עסן און קייען... ס'האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק, אַז דאָס פערד — אי ס'איז אַ פערד, אי ס'איז באַלעבאָס איבערן וואָגן... אַ פערדישער באַלעבאָס... ס'איז פערד איבער זיך און באַלעבאָס איבער זיך .. וואָגן באַלאַנגט צו פערד און פערד באַלאַנגט צו וואָגן...

צוגעקומען צום וואָגן, האָב איך אינעווייניק דערזעען ווי עס ליגט דאָרט אַ מענטש מיטן פּנים אַראָפּ... דער מענטש, וואָס איז דאָרט געלעגן, האָט נישט אויסגעזעען ווי קיין מענטש, נאָר ווי מ'וואָלט גענומען קליידער פון אַ מענטש און מ'וואָלט אַזוי אויסגעלייגט און אויסגעפּאָרמט, אַז ס'זאָל אויסזעען ווי אַ מענטש. אַזוי האָט אָט דער מענטש אין וואָגן אויסגעזעען... איין שטיק שמאַטע, פון קאָפּ ביז די פיס. ס'האָט זיך אָנגעהויבן מיט אַ היטל און מיט האָר און ס'האָט זיך פאַרענדיקט מיט שטיקלעך פיס, פינ־גערדיקע, ביינערדיקע און שמוציקע. און דאָס אַלץ איז פון אויבן ביז אַראָפּ געשלאָפן. פונם היטל אָן האָט זיך אָט די שלאָפנדיקע זאַך, וואָס האָט אויסגעזעען ווי אַ מענטש, אָנגעהויבן און ס'האָט זיך פאַרענדיקט באַ פיאַטעס און פינגער פון ברוד און שמוץ.

— העי, זעמליאַק! (לאַנדסמאַן).

דערזעען דאָס פּנים, איז מיר אומעטיק געוואָרן אויפן האַרץ... עפּעס ווי עמעצער וואָלט פון מיסט אָט דאָס פּנים אויסגעפּאָרמט. אַזוי פיל קויטיקייט און אַזוי פיל שמוץ איז אויף דעם פּנים געלעגן... אַ פּנים פון הויט און קנייטשן באַוואָרפן מיט האָר... יאָ, באַוואָרפן און נישט באַ־וואַקסן, נאָר אַז מ'באַוואַרפט אַ פּנים מיט האָר קאָן עס אַזוי אויסזעען... האָר זענען געשטאַנען, האָר זענען געלעגן, האָר ליגנדיקע באַזונדער און שטייענדיקע באַזונדער און שטייענדיקע און ליגנדיקע אין איינעם, צוזאַ־מען, אין איין קנויל... אין אייניקע ערטער זענען אָט די האָר געווען געדיכטער, אין אַנדערע שיטערער, אויף אַזוי פיל שיטער, אַז מ'האָט אַרויסגעזעען דעם גרונט, אין וועלכן די האָר שטעקן. אָט דאָס ווילד־

בערדיק געוויקס האָט, קענטיק, ווען געוואָקסן פון אַ שער און דערמיט אפשר האָט עס אויסגעזעען נאָך העסלעכער... אַ געשוירענע באָרד, וואָס מ׳דאַרף שערן און מ׳שערט נישט, איז אַלעמאָל העסלעכער ווי אַ באָרד, וואָס האָט קיינמאָל פון קיין שער נישט געוווּסט...

און דאָ איז מיר איינגעפאַלן, אַז מיט אַזאַ מענטש, אויב ער האָט אפילו אויף זיין גאַנץ לעבן קיינעם קיין בייז נישט געטון, איז עפּעס נישט אַזוי פריילעך אויפן האַרץ צו לאָזן זיך אין אַ וויטן און דערצו נאָך וואַלדיקן וועג אַריין... אַזאַ מענטשל קאָן זיך אויסלעבן זיינע ביסל ברודיקע יאָרן און קיינעם קיין שלעכטס נישט טון, אָבער בײַ אַ געלעגנהייט וואָלט זיך אַזאַ נפש נישט אָפּגעזאָגט פון אַ ברודיק שטיקל אַרבעט...

ס׳קאָן זיין, אַז אין אַמאָליקע צייטן וואָלט מיר אַזעלכעס נישט איינגעפאַלן... איבער ווען מ׳לייענט זיך אָן אין די צייטונגען מיט אַזוי פיל שוידערלעכע נייעסן, ווי דאָ און דאָרטן האָט איינער אַ צווייטן פאַר עטלעכע דאָלאַר דערהרגעט און האָט בײַ אים די עטלעכע דאָלאַר צוגענומען און די אַלע זענען דאָך זיכער נישט קיין פּראָפעסיאָנעלע רויבער און מערדער, טאָ פאַרוואָס קאָן עס אָט דער פאַרשוין נישט טון בײַ אַ גוטער געלעגנהייט?

איך האָב מיך נישט געקאָנט באַשליסן צי זאָל איך פאָרן מיט אים צי נישט, אין דער צייט, ווען איך האָב קיין נוֹיט נישט געהאַט אַהין צו פאָרן. דאָ אָבער איז מיר פּונקט אַנטקעגן געשטאַנען דאָס פערדל מיט זיינע גרויסע אַרנטלעכע פערדישע אויגן און האָט אַזוי געמיטלעך געשלעפּט דאָס גראָז פון וואָגן און האָט אַזוי געשמאַק געריבן מיטן צוגעמאַכטן מויל און די גרויסע סאַמעט-גלאַטע און ווייכע בייטלדיקע ליפּן האָבן זיך געוואָרפן און געציטערט, אַריינשלעפנדיק אין מויל אַריין דאָס גראָז, וואָס האָט געשטעקט אַרום מויל, און בײַ די ווינקלען פון די גרויסע ליפּן איז געווען נאָס מיט גרינעם זאַפט פון דעם גרינעם מאכל, וואָס ס׳האָט געגעסן דער „עס ער“... ער האָט אַזוי בהדרגהדיק געכראָמשקעט דאָס זומערדיקע מאַלצייט, אַז ס׳איז געווען אַ מחיה צו זעען און צו הערן און ס׳האָט זיך געוואָלט ווערן אַ שותף צו אים און אויך טועם טעם זיין אַ ביסעלע „גרינס“. און דערביי האָט זיך דאָס פערד אַזוי געמיטלעך אַרומגעשמיסן מיטן עק אויף רעכטס און אויף לינקס און פון צייט צו

צייט צוגעטופּעט מיט אַ פוס, און פון צייט צו צייט האָט די גאַנצע פעל איבער דער גאַנצער פערדישער גרויס אַ ציטער געטון און וויפיל פּאַראַ-זיטן ס׳זענען דאָרטן אויף דער פערדישער פעל געשטאַנען, האָבן זיך אַלע מיטאַמאָל געגעבן אַ הייב אויף און... מאָמענטאַל צוריק זיך אַראָפּגעלאָזט.

קוקנדיק אויף אָט דער גאַנצער פערדישער רויקייט און געמיטלעכ-קייט און בכלל זעענדיק אַרום זיך די גאַנצע שיינקייט פון דער נאַטור, וואָס האָט זיך גאָרנישט פאַרענדערט פאַר דער צייט, און אַלץ האָט אויף מיר געקוקט מיט אַזוי פיל באַקאַנטשאַפט און היימישקייט. האָט זיך מיר נישט געלאָזט גלייבן, אַז אין אַזאַ צייט און אין אַזאַ היימישער אַטמאָ-ספערע זאָל איין מענטש קאָנען אָנפאַלן אויפן צווייטן.

— פאָרסט אין שטאָט אַריין ?

יאָ, ער קאָן פאָרן אויב איך וויל, איז געווען דער ענטפער זיינער.

איך האָב אים געפרעגט אויף דער פרייז און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ דינגעניש. ער האָט דווקא נישט אויסגעבעטן אַזוי פיל, אַז מ׳זאָל זיך דאַרפן דינגען מיט אים, נאָר איך האָב מיך אומישנע געדונגען, און דאָס אַליין, וואָס ער האָט זיך געוומען דינגען, האָט מיך איבערצייגט, אַז דער ערל האָט נישט קיין שלעכטע געדאַנקען... אַנדערש וואָלט ער דאָך פאַרשפּאָרט די גאַנצע אַרבעט.. וואָלט „עס" דאָך שפּעטער געווען איב-גאַנצן זיינס... האָב איך אים געזאָגט :

— גוט, פאָר ! מיר וועלן שוין זעען, ווי אַזוי דו וועסט פאָרן !

דער ערל איז פון וואָגן אַראָפּגעשפּרונגען און אָנגענומען דאָס פערדל בײַ דער טשופּרינע, און ביידע, דער גוי פאָרויס און דאָס פערד נאָך אים, האָבן גענומען גיין... דער ערל איז געגאַנגען און דאָס פערד איז נאָכגעגאַנגען דעם ערל טריט בײַ טריט, פוס בײַ פוס, פערד און מענטש מיט זעקס פיס. די צווי מענטשישע פיס האָבן צוגעפירט דאָס פערד אין פראָנט צו די האָלאָבליעס. די מענטשלעכע הענט האָבן אָנגע-נומען דעם פערדישן קאָפּ און גענומען שטופּן דאָס פערד זאָל גיין אויף צוריק און זאָל אַריין צווישן די האָלאָבליעס. דאָס פערדל, ווי אַלע פערד, טוט עס נישט גערן ; עס לאָזט זיך נישט אַזוי לייכט שטופּן אויף צוריק,

אָבער עס גיט זיך דאָך פּאָרט אונטער דעם מענטשלעכן קאַפּריז און אַזוי מאַכנדיק עטלעכע שפּאַן אַהינטער, שטייען שוין אַלע פיר פערדישע פיס צווישן די האָלאָבליעס. און איך זע דאָס אַלץ צו און טראַכט, אַז אייגנטלעך איז עס גאָר אַן איינרעדעניש בײַ מענטשן, אַז ס'האָט זיך עפּעס געענדערט. ס'האָט זיך גאָרנישט געענדערט... אויב דאָס פערד איז געבליבן דאָס זעלבע פערד פּונקט ווי ס'איז געווען צוריק מיט פינף און צוואַנציק יאָר, טאָ פונוואַנען איז דאָס געקומען כלומרשט אַזאַ גרויסע פאַרענדערונג בײַ מענטשן ?...

אַרײַנגעלייגט דעם פערד דאָס ציימל אין מויל אַרײַן, האָט דער גוי גענומען מאַכן פלאַך פאַר מיר אויבנאָן, ס'הייסט, פלאַך איז געווען געגנוג, מ'האָט נאָר באַדאַרפט מאַכן באַקוועם צו זיצן אַזוי, אַז די פיס זאָלן אויסקומען אונטן און דער זיץ-פלאַך אויבן. בײַ די גויישע פערדלעך איז אַזעלכעס נישטאָ. מוז אַזעלכעס קונציק געמאַכט ווערן, ווען מ'טרעפט אָן אַזאַ „געהויבענעם" פאַרשוין ווי איך. ער האָט צונויפגענומען און צונויפגעשאַרט אַלע שמאַטעס און דאָס גאַנצע ביסל גראָז, וואָס האָט זיך געפונען אין וואָגן און אַזוי אַרום געמאַכט מיר אַ הויכן פלאַך צום זיצן. און אָט דער העכערער פלאַך האָט זיך גלייך אַראָפּגעזעצט און גע-וואָרן נידעריקער אויף אַ העלפט אַזוי גלייך ווי איך האָב זיך אויף אים אַוועקגעזעצט...

דער ערל, אַזוי שנעל ווי ער איז אַרײַן אין וואָגן, איז ער שוין געזעסן. ס'איז כמעט ווי אײַנצייטיק בײַ אים געוואָרן דאָס אַרײַנקריכן אין וואָגן אַרײַן און דאָס זעצן זיך. נאָכדעם האָט ער אַ סמאַק געטון צום פערד און דאָס פערדל איז אַוועק אַ גאַנג.

— סלאַווא באָהו (אַ דאַנק גאָט) — האָב איך געזאָגט, כדי דעם פויער אין גאָט צו דערמאָנען — מיר פאָרן ...

איך קוק אויף דער גויאישער פּלייצע, אויף זײַן האַלז-און-נאַקן קוק איך, אויף זײַן פּאַטילניצע און אויף דעם גאַנצן גוף זײַנעם. וואָס איז אינגאַנצן ווי פאַרטון אינם פערדישן אַהור, וואָס באַוועגט זיך און טרייסלט זיך... און איך זע איין אין דעם, אַז ס'איז אַלץ, דאַכט זיך, אַזוי ווי ס'באַדאַרף זײַן, אַז אַ מענטש, וואָס פאָרט ערגעץ, זאָל בשלום פאַרפאָרן אַהין וווהין ער פאָרט... געהאַט אַ נעפּלדיקע פאַרשטעלונג, אַז ווען ס'וואָלט געהאַלטן בײַ עפּעס אַנדערש, וואָלט עפּעס באַדאַרפט זײַן אַנ-

דערש... איך האָב קיין פאַרשטעלונג נישט געהאַט, וואָס פאַר אַנדערש וואָלט געקאָנט זיין ווען ס׳וואָלט יאָ געדראָט א געפאַר פאַר מיין לעבן... יאָ, אַלץ איז אַזוי, ווי מיר דאַכט זיך, אַז ס׳באַדאַרף זיין... דאָס פערדל לויפט, דער אחור טרייסלט זיך און דער פויער ?...

יאָ, גוט. אָבער פאַרוואָס זיצט ער אַזוי שטיל, פאַרוואָס ?... איך געדענק דאָך, אַז דאָס פויערישע פאָלק האָט ליב צו פּלאַפּלען און באַזונדערס נאָך, ווען ס׳טרעפט אָן אַ פרעמדן מענטש... טאָ פאַרוואָס שווייגט ער, פאַרוואָס ? איך האָב דאָך עפּעס גערעדט צו אים ! איך האָב דאָך עפּעס געזאָגט „סלאַווא באָהו״, און אַז ס׳האָלט שוין יאָ דערביי, אַז איך האָב שוין יאָ גאָטס נאָמען דערמאָנט, דאַרף מען טאַקע באַ אים אַ טאָפּ טון דעם דופק, ווי האַלט עס מיט זיין אמונה אין גאָט... איך האָב דאָך אַ גוטע געלעגנהייט אָנצוהייבן אַ שמועס וועגן דעם... איך געדענק דאָך, אַז מ׳האָט געזאָגט באַ יידן, אַז מיט אַ גוי, וואָס האָט זיך נישט איבערגעצלמט פאַרן אָפּפאָרן אין אַ וועג אַריין, איז מיט אַזעלכן טאָר מען זיך אין וועג נישט לאָזן... איך האָב נישט געזען, אַז דער זאָל זיך האָבן געצלמט...

— איז מען נאָך באַ אייך אַזוי גאָטספאַרכטיק ווי מ׳איז אַמאָל געווען?

— טשאָהאָ ? — האָט דער ערל אַ מורמל געטון, ווי ער וואָלט געמיינט צו זאָגן : צוואָס דאָס איז גאָר פּלוצלינג צורייד געקומען ?...

און באמת האָב איך טאַקע אַליין נישט געוווסט צוואָס איך האָב דאָס געזאָגט... קוקנדיק אויף דעם העלן, זוניקן ליכט, וואָס איז געווען צעגאָסן אויף דעם ברייטן שליאַך, האָט זיך מיר אַליין נישט געגלייבט, אַז איך גלייב, אַז דאָ קאָן אין אַזאַ צייט מיט מיר עפּעס בייזס געשעען... געגלייבט און ס׳האָט זיך נישט געגלייבט, אַז איך גלייב. קוקנדיק אויף דער ברייטקייט פון וועג און אויף דער ליכטיקייט, וואָס איז אויף דער ברייטקייט צעגאָסן... און איך האָב מיר געטראַכט : אויב ס׳איז דאָ אַ גאָט און אויב גאָט איז פרום, איז די גאַנצע געטלעכע פרומקייט דאָ אויף דעם וועג צווישן וואַלד און וואַלד צעגאָסן... די ליכטיקייט האָט דאָ גאָר אַ באַזונדערן רייץ צווישן דער גרינקייט פון די גרינע ביימער און אַנדערע סאָרטן ביימער, וואָס האָבן זיך אַריינגעריסן און אַריינגעוואַקסן צווישן די סאָסנע־ביימער... אין דעם ריח, וואָס דער סאָסנע־בוים לאָזט פון זיך הערן שפּירט זיך אָט די געטלעכע פרומקייט

און ס׳גלייבט זיך עפּעס נישט, אַז דאָס, וואָס גלייבט זיך, זאָל עפּעס האָבן אַ ממשות... אָבער נישט קוקנדיק אויף דעם, האָט זיך מיר דאָך פאָרט געוואָלט אָנצוהאַלטן מיט אים דעם שמועס, וואָס איך האָב אָנגעהויבן און דערצו, אַז איך האָב נאָך געהאַט אַזעלכע געלעגנהייטן...

— איך האָב געהערט זאָגן, אַז דער קלויסטער איז גאַנץ געבליבן.

— דע טאַם! (ווייס איך וואָס) — גיט דער ערל אַ לאָז אַרויס פון זיך פון יענער זייט, דאָרטן, ווו ער האָט דאָס מויל און צוגעגעבן, אַז דער קלויסטער איז טאַקע געבליבן, נאָר ס׳איז אַן אָך און ווי צום בלייבן. ער שטייט אין גאַנצן אין שפּאַלטן, אַ חורבה איז דאָס, נישט קיין קלויסטער. ס׳איז אַ געפּאַר דאָרטן צו מאַליען זיך. דאָרטן זענען אין אויבערשטן קופּאָל אַזעלכע טיפע שפּאַלטן, אַז מ׳זעט דעם הימל אַרויס. . .

— נו, קאָן מען אים דאָך צורעכט מאַכן?

— דע טאַם! — האָט דער גוי געזאָגט — צורעכט מאַכן דעם קלויסטער דאַרף קאָסטן טויזנט מאָל מער ווי אַ נייעם בויען, און צווייטנס וואָלטן די פּאָליאַקן במילא דאָס נישט דערלאָזט. זיי זאָגן, אַז דאָס איז זייערס אַ קאָשטשאָל אַמאָל געווען...

— נו, איז ווו־זשע מאַליעט איר זיך?

דער פויער האָט מיר געענטפערט, אַז זיי האָבן שוין אויסגעבויט אַ קלויסטערל, אַ הילצערן קלויסטערל זיך אויסגעבויט, דאָרטן אויף דער אַלטער שטאָט, אויפן באַרג.

— און מ׳מאַליעט זיך אַלע זונטיק?

— אַבאַזשני? (ס׳הייסט פּאַרוואָס עפּעס נישט?)

איך בין געווען זייער צופרידן, וואָס די גויים און דער גוי מיט וועמען איך האָב גערעדט מאַליען זיך פאָר שוין אַ קלויסטער און וואָס די גויים און דער גוי מאַליען זיך... אַ גוי, אַז ער גלייבט אין גאָט, איז מער זיכערער, ווי איינער פון זייעריקע, וואָס גלייבט נישט...

— הייסט עס, אַזוי ווי אין אַמאָליקע צייטן... איר האָט אַ פּאָפּ און איר זענט זיך מתוודה אין אייער הייליקער פּאַסכע אויף די זינד?...

מיר פאָרן אַריין אַלץ טיפער און טיפער אין וואַלד אַריין. דער

וואָגן העצקעט זיך און טרייסלט זיך און עס איז באמת נישט אַזוי גרינג צו רעדן, ווען ס'טרייסלט. צייטנווייז רייסט זיך פון דיר אַרויס אויפן אָרט פון אַ וואָרט אַ שלוקערץ (ס'איז נישט קיין שלוקערץ, ס'איז אַ קלאַנג אַזוי ווי אַ שלוקערץ). דער גאַנצער שליאַך איז דורכגעפלאָכטן מיט וואָרצלען פון ביימער און ס'מאַכט אויף דיר דעם איינדרוק, אַז די ערד איז דורכגעאָדערט מיט האַרטע אָדערן פון שטענדיקער און אייביקער וואַלדיקייט, וואָס האָט זיך דאָ אויף אייביק פאַרוואַלדיקט מיט ביימער אויף דער ערד און מיט וואָרצלען אין דער ערד... אין אייניקע ערטער זענען די וואָרצלען אַזוי געדיכט געווען און דער וואָגן איז אַזוי געשפרונגען אַרויף און אַראָפּ, פונקט ווי דו וואָלסט אויף אַ גרעבליע געפאָרן...

ווי שוין דערמאָנט, איז דער וועג היפשלעך ברייט. נאָר אַז דו קוקסט פאָרויס, דאַכט זיך דיר, אַז ס'ציט זיך אַוועק אין דער ווייט אַריין אַלץ שמעלער און שמעלער, און נאָר דאָרטן, דאַכט זיך דיר, גייען זיך די ביימער אַזוי צונויף, אַז פערד און וואָגן וועלן זיך דאָרט נישט קאָנען דורכשטופּן, און אויבן, איבער די ביימער, ציט זיך אַוועק אַ שמאָלער פּאַס הימל, אויך ווי אונטן, וואָס ווייטער פון דיר, אַלץ שמעלער און שמעלער... יאָ, דאָס אַלץ וואָלט זייער גוט געווען און ס'איז טאַקע גוט אויך... נאָר פאַרוואָס עפּעס, אַז איך קוק אַהינצו אין דער שמאָלקייט אַריין, ווערט מיר עפּעס שמאָל און ענג אין האַרץ?...

איך נעם זיך ווידער צום ערל און הייב זיך אָן בײַ אים אויסצופרעגן אויף איינעם און אויף אַ צווייטן... איך וויל אָבער דערמיט באַווייזן, אַז איך בין אַ היימישער מענטש... איך פרעג און ער האָט איין ענטפער:

— פּאָמער! (געשטאָרבן).

אָדער:

— דאַוונאָ פּאָמער. (לאַנג געשטאָרבן).

און הגם דו ווייסט עס אויף פריער, אַז דער און דער איז געשטאָרבן, פונדעסטוועגן ווערט דיר זייער קאַלאַמוטנע אויפן האַרץ, הערנדיק איינס נאָך דאָס אַנדערע „פּאָמער" און „פּאָמער". ער האָט מיר אַזוי פיל „אָנגעפּאָמערעוועט", אַז איך האָב מיך אָנגעהויבן צו וווּנדערן, וואָס איך לעב נאָך. און דאָ ווערט מיר נישט פריילעך אויפן האַרץ דערפון, וואָס דער

ערל פרעגט מיך נישט ווער איך בין... ס'איז דאָך נישט מער ווי נאַטיר־לעך און מענטשלעך אין אַזאַ פאַל, ווען אַ מענטש הערט ווי איינער אַן אומבאַקאַנטער איז אַזוי באַקאַנט מיטן שטעטל, טאַ ווי אַזוי גיט מען עס אים נישט אַ פרעג ווער ער איז.

קוקנדיק אין דער ווייטער שמאָלקייט אַריין, כאַפּ איך שוין אָפּטער אַ קוק אַרום זיך בײַ די זייטן. פון יעדן קוק, וואָס איך וואַרף אַריין אינעווייניק, ווערט עפּעס נישט היימלעך פון דער וואַלדיקער געדיכטע־ניש און וואַלדיקער טונקלקייט... קוקסט אַהינצו און דו קאָנסט זיך נישט אָריענטירן, צי איז דאָרט דער וואַלד אָנגעשטאָפּט מיטביימער, צי פאַר־קערט, די ביימער זענען אָנגעשטאָפּט מיט וואַלד... פון פאָרנט זעט דער וואַלד אויס ביימערדיק, און אינעווייניק, וואָס טיפער אינעווייניק אַריין, זענען דיר די ביימער אַלץ וואַלדיקער אויס... די טונקלקייט ציט דיך און שרעקט דיך איינצייטיק... דו ביסט צופרידן, וואָס דו זעסט עס, וואָס ס'איז דאָרטן און נישט דאָ... ביסט צופרידן וואָס דאָ, ווו דו פאָרסט, איז דער וועג אַ ברייטער, אַ ליכטיקער, מיט פאַסן פון דורכגעקייקלטע רעדער און דו געפינסט עפּעס אַ באַרויקונג אין דעם, וואָס דער גוי פאָרט דאָ און נישט דאָרטן, ווו מ'קאָן אייגנטלעך נישט פאָרן...

— און איך. ווער בין איך, ווייסטו? — האָב איך פּלוצלינג אַ פרעג געטון בײַ מיין ערל.

ער האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ און מיטן היטל: ניין, ער ווייסט נישט.

— און דו ביסט גאָרנישט נייגעריק צו וויסן ווער איך בין?

— דאַפּיראַ טאַ כטאַ אי זנאַיע — (היינטיקע צייטן ווער ווייסט זיי דאָרטן) — האָט דער פויער געזאָגט און אין דעם זאָגן איז געלעגן אַזוי פיל פרעמדקייט צו דער גאַנצער גרויסער וועלט און צו „זיי", צו די מענטשן פון דער וועלט, און צו מיר, וואָס איך בין איינער פון „זיי". און פאַרשטאַנען האָב איך אין דעם זאָגן, אַז נישט ער קען מיך און נישט ער וויל מיך קענען... יאָ, דאָס אַלץ וואָלט מיך נישט געקימערט... איך האָב אָבער געוואָלט אים אַ קוק טון אין פּנים אַריין, אין די אויגן אַריין, און האָב געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט...

— נו, גיב אַ קוק אויף מיר, אפשר וועסטו מיך דערקענען?

דער פויער דרייט זיך נישט געערן אום צו מיר מיט אַ זייט און

מיטן פּראָפיל פון פּנים... איך הייס אים דאָס גאַנצע פּנים אויסדרייען צו מיר... ער מאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער טוט עס און בלייבט דאָך זיצן אין דער זעלביקער פּאָזע ווי פריער... איך זע איין אייגל זיינס און איך וויל זען ביידע... אָבער דאָס איינע אייגל קוקט אויך נישט אהינצו, ווו מ׳באַדאַרף קוקן, ווען מ׳וויל אַ מענטש דערקענען... ס׳קוקט אויף מיינע אַקסלען און העכער פון מיין פּנים בלאָנדזשעט אַט דאָס קוקערל אַרום, נאָר אין פּנים אַריין קוקט עס מיר נישט. מיט אַזאַ מין קוקן קאָן מען אפילו אַן אייגענעם ברודער נישט דערקענען, ווען מ׳זעט אים נישט אַזוי פיל יאָרן... הגם איך ווייס, אַז ווען ער וואָלט אפילו מיט צען אויגן געקוקט אויף מיר, וואָלט ער מיך אויך נישט דערקענט. ער קאָן מיך נישט דערקענען דערפאַר, וואָס ער האָט מיך קיינמאָל נישט געקענט און איך אים אויך נישט.

— די קוקסט נישט גוט — זאָג איך צו אים — איך זע, אַז די זעסט מיך נישט. די קוק מיר אין די אויגן אַריין...

— אַבאַ שמשאַ? (וואָס איז דען?) אפשר באַ דיר אַמאָל עפּעס געגנבעט? — און האָט זיך געגעבן אַ דריי אויס צוריק.

— אָ, ניין, חלילה... פּאַרקערט, איך קען דיך און געדענק דיך זייער פאַר אַן ערלעכן מענטש. איך וויל נאָר, אַז די זאָלסט קוקן אויף מיר און מיך דערקענען. ווייטער גאָרנישט.

און כדי צו באַווייזן אים, אַז איך האָב נאָר דאָס געמיינט און נישט עפּעס אַנדערש, האָב איך אים אָנגערופן דעם נאָמען פון פאָטער און צו־געגעבן:

— די מוזסט אים געדענקען. ער האָט געשריבן „פּראָשעניעס״...

צי האָט ער געהערט, דער ערל, צי האָט ער זיך נישט געמאַכט הערנדיק, צי האָט ער געקענט דעם פאָטער מיינעם, צי נישט, דאָס האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן צו דערשלאָגן פון אים. דער ערל האָט נישט געענטפערט.

און אָפּגעפאָרן אַ היפּש שטיקל וועג און אַ היפּש שטיקל צייט מיט שווייגעניש, האָב איך פון ווייטן באַמערקט, ווי פוןברייטן שליאַך צווייגלט זיך אָפּ און ס׳פאַרדרייט זיך אַן אַ זייט אַ שמאָל וועגעלע... צוגעקומען צו דעם וועגעלע, האָט דער פויער גאַנץ לייכט אַ צי געטון די לייצעס אין דער זייט אַריין און דאָס פערדל האָט גלייך גענומען זיך פאַרקי־

רעווען אויף דעם שמאָלן וועגעלע, וואָס פירט דאָרט אַריין און וואָס ציט זיך אַהין אַוועק אין וואַלדיקן ענגשאַפט און אין וואַלדיקער טונקלקייט..

דאָ איז מיר געוואָרן קאָלעמוטנע אויפן האַרץ... אמת טאַקע, ס'איז אַ וועגעלע, וואָס אַ חוץ אים פאָרט נאָך ווער דאָ... ווען דאָ וואָלט קיינער נישט געפאָרן, וואָלט דאָך דאָ אינגאַנצן קיין וועגעלע נישט געווען..· און אויב עס פאָרן אַנדערע, טאָ פאַרוואָס זאָל ער דאָ נישט פאָרן ?...

איך געדענק, ווי די באַלעגאָלעס פלעגן אויף אַמאָל זיך אָפּקערעווען פון גלייכן וועג און פאָרן מיט אַ זייטיק וועגעלע... אויפן ברייטן שליאַך האָט מען אַמאָל געקאָנט אָנטרעפן אויף אַ זומפּ און אַמאָל האָט גאָר געקאָנט ליגן אויסגעצויגן אַ בוים איבערגעקערט, וואָס זאָל פאַרשטעלן דעם וועג. אַמאָל האָט מען זיך גלאַט אויסגערעכנט, אַז מיטן זייטיקן וועגעלע וועט מען זיך איינשפּאָרן אַ שטיק וועג... איך האָב דאָס אַלץ געוווּסט און דאָך איז מיר זייער שווער געוואָרן אויפן האַרץ, ווען ער האָט זיך אויף דעם וועגעלע פאַרקירעוועט...

איך וויל אים פרעגן צוליב וואָס ער האָט עס געטון, נאָר איך האַלט מיך אָפּ... אפשר טראַכט ער וועגן גאָרנישט און איך אַליין וועל מיט מיין פרעגן אים אַרויספירן אויף שלעכטע געדאַנקען...

— דאָ איז טאַקע פיל בעסער צו פאָרן... — זאָג איך צו אים — אָך, עס איז אַ פאַרגעניגן דאָ צו פאָרן...

מיר פאָרן מיט דעם נייעם וועגעלע און איך האָב אַזאַ איינדרוק, אַז דער וועג און דאָס פאָרן האָט זיך ערשט מיט דעם נייעם וועג אָנגעהויבן... ערשט דאָ, דאַכט זיך מיר, קריכן מיר אַריין און פאַרטיפן זיך אין דער אמתער וואַלדיקער טיפקייט. מיר פאָרן בלויז אַריין טיפער אין וואַלד אַריין, אָבער צום שטעטל, וווהין איך פאָר, ווער איך נישט נענטער...

אַ האַז איז דעם וועג אַריבערגעלאָפן (אָדער אַריבערגעשפרונגען). מיט קורצקייט פון פאָדערשטע פיס און מיט לאַנגקייט פון הינטערשטע איז ער האַסטיק פון איין וואַלדיקער געדיכטעניש אין דער צווייטער געדיכטעניש אַריבער און דאָרטן, אין דער צווייטער געדיכטעניש, האָב איך נאָך אַ ווײַלע די שפּיציקע אויערן זיינע געזעען ווי זיי שוועבן צווישן וואַלדיקע געוויקסן, פאַרשווינדן דאָ אויף אַ רגע און באַווייזן זיך אין אַ רגע אַרום אויף אַ צווייט אָרט...

— קיין וועלף זענען דאָ נישטאָ? — גיב איך אַ פרעג באַ מיין ערל.

— קאַליס בולי (אַמאָל געווען) — ענטפערט ער.

— און היינט זענען זיי שוין נישט?

— דע ני דע (ווי־נישט־ווו, זעלטן) — אַמאָל, אַז ס'איז אַ שטאַרקער ווינטער, קאָן מען זיך אָנטרעפן מיט אַ פּאָר פון זייעריקע...

— נו, און וואָס טוט מען, אַז מען טרעפט אָן?...

— אַ דובינאַ נאַשטשאָ? (אַ דובינע, אַ פלאָקן צו וואָס האָט גאָט באַשאַפן?)

— הייסט עס, אַז דו פאָרסט דאָ ווינטער, פירסטו אַלעמאָל מיט זיך אַ דובינע?...

— דע טאַם (ווייס איך) — האָט דער ערל געזאָגט מיט אַזאַ טאָן, ווי ער וואָלט געוואָלט פּטור ווערן פון דעם שמועס - קאָלי איך בולי, דאָפּיראַ נימאַ איך (אַמאָל זענען זיי געווען, היינט זענען זיי נישטאָ).

— פונדעסטוועגן, מיין איך, אַז דאָס שאַדט נישט מיט זיך צו פירן... אַ דובינע, מיין איך... אפילו זומער אויך... כ'ווייס ווי ס'מאַכט זיך... באַ היינטיקע צייטן קאָנסטו אָנטרעפן אויף אַ צווייפיסיקן וואָלף...

דער גוי האָט געשוויגן און איך בין אַרויס מיט אַ גאַנצן מאמר:

— און איך, זעסטו, האָב אַ רעוואָלווער... טאָמער, ווי ס'מאַכט זיך, איז פיף־פאַף און פאַרטיק... דאָס איז בעסער פאַר אַ דובינע... מיט אַזאַ חפצל האָב איך שוין אפילו פאַר קיין טיגער און פאַר קיין לייב אויך קיין מורא נישט. טרעפסט נאָר מיט דער קויל אין ריכטיקן אָרט אַריין, פאַרשטייסט. מיט אַ דובינע דאַרף איך אים צולאָזן נאָענט צו זיך... מיט אַ רעוואָלאָער אָבער, אַזוי גיך ווי איך זע נאָר פונדערווייטנס, ווי ער לאָזט זיך צו מיר, איז קנאַק און פאַרטיק...

נישט נאָר וואָס איך האָב באַ זיך קיין רעוואָלווער נישט געהאָט, נאָר איך האָב נאָך אַזאַ חפץ זינט איך לעב אין מיינע הענט נישט געהאַלטן... און מערקווירדיק! איך האָב דאָך געזאָגט די ליגנט כדי זיך צו פילן שטאַרקער און זיכערער, איז פאַרקערט: ערשט נאָכדעם, נאָך דער ליגנט, האָב איך די אמתע אומרויקייט דערשפירט. פריער, איידער איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב עס, האָב איך נישט געשפירט אַזאַ נויטוועג־

דיקייט אין דעם, און ערשט נאָכן זאָגן, האָב איך עס דערשפּירט, נאָר דערפאַר ווייל איך האָב געזאָגט. דערפאַר אַליין האָב איך געמיינט, מוז איך עס שוין האָבן.

און דאָ האָב איך גענומען אַנטוויקלען פאַרן ערל אַזאַ מין טעאָריע.

— ס׳האָט נאָך זינט די וועלט שטייט קיין מאָל נישט געטראָפן, אַז איין מענטש זאָל הרגענען אַ צווייטן און מ׳זאָל אים נישט פּאַקן... מ׳כאַפּט אים אין אַ וואָך אַרום, אין צוויי וואָכן אַרום, אין אַ חודש, אין אַ יאָר אַרום; מ׳כאַפּט אים, און ער באַקומט די געהעריקע שטראָף... היינט, פאַרשטייט זיך , באַ היינטיקע צייטן, גייט נישט אַוועק אַזוי פיל צייט. היינט מאַכט מען דאָס איינס און צוויי... ס׳זענען פאַראַן אַזעלכע הינט, שפּיר-הינט, „בלוט-הינט״, רופט מען זיי, איז דאָס אַזעלכע הינט, וואָס האָבן אַזאַ שטאַרקן חוש-הריח, וואָס אייגער אַ הונט אַזעלכער דאַרף נאָר אַ שמעק טון דעם טויטן קערפּער און ער פירט אַוועק אויפן „שליאַד״, ווו דער מערדער איז אַוועק... מעג דער וועג זיין ווי ווייט, מעג דער וועג זיין ווי פאַרדרייט, איז לויפט ער און שמעקט אָן דעם וועג, אויף וועלכן דער מערדער איז אַנטלאָפן נאָך זיין מערדערישער אַרבעט. די פּאָליציי גייט אים נאָך און ער פירט זיי ביז צו דער שטוב, ווו דער מערדער געפינט זיך. און נאָך מער, אין דער שטוב זאָלן זיך אפילו געפינען הונדערט מענטשן, וועט ער דעם איינעם צווישן די הונ-דערט אָפּזוכן. ער כאַפּט אים אָן באַ אַ פּאָלע, אָדער באַ אַ פוס, ווי אייגער רעדט: נאַ, אָט האָט איר אים!...

און וואָס איך האָב מער גערעדט און וואָס איך האָב אים מער אַזעלכע און ענלעכע זאכן דערציילט זיך צו באַרויקן, בין איך, פאַרקערט, אַלץ אומרויקער און אומרויקער געוואָרן. און איך טשאַטעווע דעם ערל; איך לאָז פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ און לויער נאָך יעדע באַוועגונג זיינע... און איך בין זיכער, אַז באַ אים דאָרטן אין זיין מוח אַרבעט זיך שוין אויס דער פּלאַן ווי צו מאַכן דעם אָנפאַל אויף מיר, אַז עס זאָל אים געלונגען און איך זאָל נישט קאָנען אַרויסווייזן קיין ווידערשטאַנד...

און פאַרטיפט אין די געדאַנקען, האָט דער ערל גאָר פּלוצלינג אָפּ-געשטעלט דאָס פערד און גענומען רעדן צום פערד און אין אַ ווײלע אַרום האָט אָנגעהויבן צו ליאַפּען ווי פון אַ צאַפּן... פאַר דער צייט איז

דער ערל אראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און אויפן מענטשלעכן שטייגער זיך אוועקגעשטעלט פאַרשטעלט פון מיר און געטון דאָס, וואָס דאָס פערד האָט געטון און די בײדע טועכצן פונם פערד און פונם מענטש האָבן מיך אינגאַנצן באַרויקט... געענדיקט די זאַך, וואָס ער האָט געטון, האָט דער פויער גענומען לאַכן און זוכן דאָרטן אויף דעם אָרט פון זיין זיצן ווי ער איז נאָר וואָס געזעסן, האָט אויפגעהויבן איין שמאַטע, אַ צווייטע און האָט אַרויסגעשלעפּט אַ האַק פון דאָרטן, און איך, אַזוי גלייך, ווי איך האָב אָט דאָס חפץ דערזעען, בין איך שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון וואָגן און גענומען הייבן פיס...

איך האָב געהערט דעם גויס קול, עפּעס האָט ער געשריגן, נאָר איך האָב נישט געהערט וואָס, ווייל... ווייל איך האָב, דאַכט זיך, אויך געשריגן... איך געדענק נישט... דאַכט זיך, אַז יאָ... און אויב יאָ, ווייס איך שוין נישט אויף זיכער, צי דער גוי האָט גאָר אינגאַנצן געשריגן... אפשר איז דאָס גאָר געווען מיין אייגן קול און איך האָב געמיינט, אַז ס׳איז דעם ערלס, און אפשר האָבן מיר בײדע געשריגן און איך האָב אַליין נישט דערקענט וועלכעס ס׳איז מיין קול און וועלכעס ס׳איז זיינס... אָבער זיכער איז איין זאַך: עמעצער פון אונז בײדע, איך אָדער ער, האָט זיכער געשריגן...

ערשט ווען איך בין צוגעלאָפן און צוגעקומען צום ברייטן שליאַך, האָב איך מיך אומגעקוקט...

— נו ?...

— איך האָב נישט געזעען דעם גוי און נישט די האַק.

— טאָ פונוואַנען ווייסטו, אַז ער האָט דיך געוואָלט הרגענען ?

— וואָס הייסט, ער האָט דאָך אַרויסגעשלעפּט די האַק...

— נו, איז וואָס ?

— וואָס הייסט, נו איז וואָס, צוליב וואָס האָט ער אַרויסגעשלעפּט די האַק ?

— נו, איז וואָס ? ער האָט אוודאי געוואָלט עפּעס אויסהאַקן אין וואַלד פאַר זיך... אַ גוי, אַז ער פאָרט אין וואַלד אַריין, וועט ער אַלע מאָל מיטנעמען מיט זיך אַ האַק און וועט אַלעמאָל עפּעס אויסהאַקן און ברענגען אַהיים... אַ זשערדע, אַ טיטשקע, אָדער עפּעס אַנדערש.

מיין לאַנדסמאַן האָט אָנגעשטעלט אויף מיר אַ פּאָר אויגן :

— טאַקע, מיינסט אַזוי ?

— זיכער ! אָבער וואָס האָט ער געשריגן צו דיר ? ווען ער זאָל דיך האָבן געוואָלט הרגענען, איז וואָס וואָלט ער געשריגן צו דיר... ער האָט מסתמא געשריגן, וואָס דו לויפסט.

מיין לאַנדסמאַן האָט געשמייכלט :

— אפשר טאַקע ?

— נו, וואָס איז געווען דער סוף, ביסטו שוין אין שטעטל נישט געפאָרן ?

— אוודאי נישט. איך האָב מיך אין אַ שעה אַנדערהאַלבן דערשלעפּט צום וואָקזאַל און צו מיין גרויסער פרייד האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אין אַ האַלבער שעה אַרום גייט דאָ אַ צוג דירעקט קיין וואַרשע, און מיט אַ פּאָר מינוט פריער, איידער דער צוג איז אָנגעקומען, האָט זיך דאָס פענצטערל פון דער בילעטן-קאַסע געעפנט. איך בין גלייך צוגעגאַנגען און אַריינגעשריגן אין דעם לעכל אַריין :

— בילעט דאָ וואַרשאַווי !...

נאָך אים

די לאַגע איז געווען האָפנונגסלאָז: פאַראורטיילט אויף לאַנג קראַנק צו זיין און אויף ווייניק צו לעבן... דאָס ווײַט דער הילה אַליין געפילט און ס'האָבן עס געוווּסט ברודער און שוועגערין, ערשט אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה.

דאָס יונגע ווייבל האָט נאָך פאַר דער חתונה צוגעזאָגט דעם קראַנקן צוקונפטיקן שוואָגער, אַז זי וועט אים נאָך דער חתונה איבערנעמען צו זיך אין שטוב און ווייל זי איז פאַרליבט געווען אינם מאַן, האָט זי אַזוי אַכטונג געגעבן אויפן מאַנס ברודער. זי האָט אים אָפּגעגעבן דאָס בעסטע צימער. (אויף קראַנק צו ליגן און אויף צו שטאַרבן.) דאָרט איז אַזוי ריין געווען, ווי אין די איבעריקע צימערן, ' געשפּאַלירט און געפאַרבט נאָכן געשמאַק פון יונגן פּאָר־פאָלק. אַ פרישע דירה פאַר אַ ניי פּאָר־פאָלק. פאַר נייע שכנים, וואָס ציען זיך דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן צוזאַמען אין איין דירה.

זי איז אַלע פרימאָרגן פון איין ברודער אַוועק און צום צווייטן אַריינגעגאַנגען: זי איז געקומען צו אים אַ נאַכטיקע. אַן אויסגעוואַרעמטע מיט גלאַנץ און גליק, מיט ריין־געוואַשענע הוילע פיס און שטעקשיך. אין מאָרגן־ראָק און פאַרלייגטע פאָלצס, וואָס זי האָט צוגעהאַלטן מיט הענט און צעוואָרפענע האָר. ס'האָט געשמעקט פון איר מיט יוגנט און מיט חתונה, מיט מיידלשקייט און ווייבלעכקייט. זי האָט דעם קראַנקן אַלע מאָל געטראָפן ליגן מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט פון זיין אַליין־ליגן אין בעט. און איינזאַם אין צימער, פאַרוואָגלט, אין אַ

לאַנגדויערנדער אומהיילבאַרער קרענק. ער איז געלעגן מיט אָפענע רײנע אויגן, ווי אַלע די מיט פאַרלענגערטע קראַנקײטן, וואָס זענען שוין צוגעװוינט צום בעט און כאַפּן אַ שלאָף באַטאָג, אַ שלאָף באַנאַכט — אָן באַשטימטע שעהן. אָן אַ צייט... אָפּגעטײלט פון געװײנלעכן לעבן. מיט קרענק, אָפּגעטײלט פון געזונטע, פון זײער געזונט. אויף לאַנג קראַנק צו ליגן און אויף קורצע יאָרן...

אָנגעהאַלטן מיט בײדע הענט דעם מאָרגן־ראָק, ווי זי וואָלט מורא געהאַט עפּעס צו פאַרלירן דאָ פון איר װײבלעכן אוצר, האָט זי זיך אָנגעבויגן איבערן בעט און איבערן קראַנקן און מיט אַ שמײכל פון איר גליק און מיט אַ שמײכל פון פרײנטשאַפט געפרעגט בײַ אים, וואָס ער מאַכט. דער חולה האָט געטראַכט פון ברודערס גליק און אומגליקלעך געשמײכלט.

שפּעטער מיט אַ צען־פינפצען מינוט נאָך איר איז אַרײנגעקומען דער ברודער אין אונטערשטע װעש און אין שטעק־שיך. מאַן און װײב, בײדע געזונטע און פרישע, האָבן נישט װילנדיק אויסגעגעבן פון זיך די נאַכט, און פאַרבלענדט פון זײער אײגן גליק, האָבן זײ צומאָל נישט געזען, צומאָל זיך נישט זעענדיק געמאַכט זײן אומגליק און אים געװאָלט אײנרעדן, אַז ער זעט אויס גוט... און געזעען האָט דער חולה, אַז זײ װילן בלויז אַזוי אַרום פאַר אים זײער גליק באַהאַלטן.

— נאַראָנים! — האָט ער אָפּט געזאָגט — װאָס װילט איר מיר אײנרעדן?...

דאָס װײבל האָט זיך אויף טאָג און אויף נאַכט צעטײלט אויף צװײען, פאַר צװײען, פאַר אַ געזונטן און פאַר אַ קראַנקן... דער ערשטער איז אַװעק אויף גאַנצע טעג רויק און צופרידן, װאָס דאָס װײב בלײבט נישט אַלײן, װאָס זי בלײבט מיט אַזעלכן, װאָס ער קאָן זײן רויק... מיטן קראַנקן איז עפּעס װי אונטערגעשטראַכן געװאָרן זײן גליק... ער איז שוין צוגעװוינט געװאָרן צום ברודערס קרענק. ער האָט אויף אים געקוקט װי אויף אַ צײטװײליקן גאַסט, װאָס װעט זיך פון אים איבערקלויבן אין אַן אַנדערער װעלט אַרײן, און ער װעט זיך בלײבן װײטער צו לעבן, אַ נײַע װעלט צו בויען...

מיטאָג־צײַט, װען די זון האָט אַרײנגעשײנט אין די פענצטער, האָט זיך דער קראַנקער אַראָפּגעשלעפּט פון בעט, שטײענדיק אויף די פיס,

האָט אים די שטוב אינגאַנצן אַנדערש אויסגעזען, און ער האָט קיינמאָל נישט געקאָנט כאַפּן אין וואָס דער „אַנדערש" באַשטייט, און אין דעם נישט באַגרייפנדן געפיל געשפּירט דעם אונטערשיד פון אַ געזונטן ביז אַ קראַנקן... ווי אַ שיכּור איז ער איבערגעגאַנגען איינמאָל און אַ צווייט מאָל איבער דער שטוב, האָט זיך פון צייט-צו-צייט אָנגעשפּאַרט באַ אַ פענצטער, באַטראַכט „לעבן" און „געזונט", וואָס האָט געשטראָמט אינ-דרויסן, און איינמאָל אַזוי אַ זאָג געטון צו זיין שוועגערין:

— איר קאָנט שוין מיר רעדן אַ שידוך!...

דאָס ווייבל האָט באַקומען אַ געלעגנהייט פאַלש צו זיין, האָט מיט געלעכטער דאָס גאַנצע יונגע, געזונטע לעבן אים באַוויזן, און אים אָנגעגעבן אַ שידוך מיט אַ שיין מיידל, פון די שענסטע, וואָס זי קען.

ער איז געוואָרן ערנסט און האָט געכאַפּט אַ פליג. אַריינגענומען די פליגלען צווישן צוויי פינגער, האָט ער אַ לענגערע צייט באַטראַכט די האָר-פּיסלעך, וואָס האָבן זיך בייגנדיק געוואָרפן, און אַ קוק געוואָרפן אויף דער שוועגערין, האָט ער געזאָגט:

— איז עס נישט קיין פאַרדראָס, וואָס אָט דאָס נפש האָט מער צו לעבן ווי אָט די גרויסע שווערע משא פון פלייש און ביינער?...

* *

*

אין איינעם אַ פרימאָרגן איז די שוועגערין אַריינגעקומען צו אים מיט אַן אַנדערער שטימונג, מיט אַ נייעם, איגאַנצן אומבאַקאַנטן שמייכל. ווי אַ קינד, וואָס נעמט ערנסט צונויף דאָס שפּילצייג נאָכן שפּילן, ווי עס וואָלט זיך שוין מער אין דעם נישט געגייטיקט, אַזאַ מין ערנסט האָט זיך אין דעם יונגן ווייבל געשפּירט. זי האָט מיט ווייניקער אויפגעלייגט-קייט, אָבער מיט מער איבערגעגעבנקייט אויסגעפרעגט באַם קראַנקן דאָס, וואָס זי האָט אַלע פרימאָרגן געפרעגט, און נאָכדעם איז דער ברודער אַריינגעקומען אויך מיט אַ נייעם אויסדרוק אויפן פּנים. דער קראַנקער האָט דערקענט, אַז צווישן דעם פּאָרפאָלק איז עפּעס אַ נייעס געשעען... נייעס, וואָס איז אַלט ווי דאָס לעבן, און דאָך באַ יעדער פּאָרפאָלק ניי...

ווי אַן אומגעריכטע אַנטפּלעקונג וועגן צוזאַק פונם זיך צוזאַמענקומען...
דער חולה האָט זיך פון זיי פרעמד דערשפּירט, פרעמד און איינזאַם מיט
זיין קרענק, מיט זיין אומפאַרמיידלעכן טויט.

— ער האָט געזאָגט צו זיי:

— איך פיל מיך היינט בעסער...

פאַר זייער באַהאַלטן זיך פון אים מיט זייערס אַ זאַך פון זייער
אינטימען לעבן, האָט ער זיי דערפאַר מיט אַ ליגנט באַצאָלט, און ער
האָט דאַסמאָל געשמייכלט צו זיי מער, ווי זיי צו אים.

פון יענעם פרימאָרגן אָן האָט ער אויף אַ מינוט נישט פאַרגעסן
אָן דעם... ס׳האָט אים ווייטיקדיק אויפן פאַרפאַלק פאַרדראָסן... צי דער-
קען זיי, אַז זיין לעבן איז שוין אַזוי קורץ און עס וועט אויף אייביק
פאַר אים אַ סוד בלייבן?... און צי דענקט זי, אַ שטייגער, אַז ווייל ער
איז אַ קראַנקער, מוז ער שוין זיין אַזאַ אידיאָט און נישט פאַרשטיין
דאָס, וואָס אַלע מענטשן פאַרשטייען, וואָס מיט אַ יונג ווייבל קאָן פּאַ-
סירן אַ פּאָר חדשים נאָך דער חתונה?... און דערשפּירט, אַז זיי געהערן
שוין צו דער אייביקייט, האָט ער זיין שטערבלעכקייט דערפילט...

און ער האָט זיך פאַרטראַכט וועגן די אָפּגעלעבטע בהורישע יאָרן,
וועגן זיין ליגן באַ אייגענע, וואָס האָבן דאָך אַ פרעמד לעבן, ווייט אָפּ-
געזונדערט פון אים... ער האָט געגאַרט צו האָבן עפּעס אַן אומדי-
רעקט חלק אין קינד... ער האָט געוואָלט אויף אַ ריינעם, ערלעכן
אופן אַ שותּף זיין אין נייעם לעבן, און אַזוי אַרום אומשטערבלעך
ווערן...

דער כּוח פון „פאַרקויקן זיך“ איז שטאַרק אָנגענומען באַם פאָלק.
ער געדענקט נאָך פון די יונגלשע יאָרן, ווי ווייבער, גייענדיק פון טבילה,
האָבן זיך געדרייט באַ די פענצטער פון זיין חדר און אַריינגעקוקט אינע-
ווייניק, אין חדר אַריין, אויף זיין רבין, וועלכער איז געווען אַ פרומער,
שיינער ייד. און די מעשה פון חומש געדענקט ער אויך, ווי יעקב אבינו
האָט אויסגעשניצט שטעקעלעך באַ די מילטערס, וווּ די שאָף זענען געשטאַ-
נען און געגעסן. און די שאָף האָבן זיך אויף די שטעקעלעך פאַרקוקט און
געהאַט אַזעלכע שעפעלעך אין אַזעלכע לאַטקעלעך, ווי עס זענען געווען
די שטעקעלעך געשניצט... יאָ, דאָס איז אַן אַלט-אָנגענומענע זאַך. אפילו

געלערנטע לייקענען עס נישט אָפּ, האָבן אָנערקענט די מאַגנעטישע קראַפט פון „פאַרקוקן זיך".

און פון דעמאָלט אָן האָט ער אַזוי געטון. אַלע מאָל, ווען די שוועגערין האָט זיך צו אים געוויזן, האָט ער זי געבעטן זיצן און קוקן אויף אים. ער האָט איר געזאָגט, אַז ער פילט זיך בעסער, ווען זי זיצט און קוקט אויף אים. און ער האָט זיך געהאַלטן מונטערער, זי זאָל עס סאַקע מיינען. ער האָט אָבער נישט געוואָלט, זי זאָל זיך לאַנגווייליקן לעבן אים, האָט ער איר פיל אינטערעסאַנטע זאַכן פון זיין לעבן דער־ציילט. אַלץ, וואָס ער האָט דערציילט, איז געווען אינטערעסאַנט, ווייל ער האָט געקאָנט שיין דערציילן.

— ווען אַלע מענטשן וואָלטן געקאָנט שרייבן און דערציילן — האָט ער איינמאָל געזאָגט — וואָלט אַלעמענס לעבן פאַר אַלעמען אינ־טערעסאַנט געווען.

ער האָט אָנגעהויבן פון זיין פריסטער יוגנט, פון יענער צייט, וואָס אין אים האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען זיינע געשלעכטלעכע ליידנ־שאַפטן. ער האָט זיך לאַנג אָפּגעשטעלט אויף דעם עפּיזאָד, ווי ער האָט איינמאָל געטראָפן אַ צוועלף־יעריק מיידעלע קושן די תּפילין זיינע, וואָס ער האָט דעמאָלט געהאַט ערשט אָנגעהויבן צו לייגן; ווי אַזוי דאָס קליינע מיידעלע האָט זיך פאַרשעמט און איז רויט געוואָרן, און ווי אַזוי די תּפילין זענען פון דעמאָלט אָן בא אים נאָך טייערער געוואָרן.

די שוועגערין האָט אים די גאַנצע פרייע צייט אירע געשענקט, און ער האָט איר טאָג־טעגלעך נייע געשיכטעס דערציילט, פול מיט פאַרבן און רייכע עפּיזאָדן, דערביי אים געקוקט גלייך אין די אויגן אריין. דאָס ווייבל האָט געשפּירט די מאַגנעטישע קראַפט פון זיין קוקן. זי האָט גע־שפּירט, ווי דער קראַנקער פלעכט זיך איין אין איר, עסט זיך איין אין איר געדעכעניש און עס האָט זי צייטנווייז אַן אומרויקער אומעט דורכגענומען.

*   *
*

לעצטנס האָט מיט אים געטראָפן דאָס, וואָס עס טרעפט אַלעמאָל מיט אַזעלכע קראַנקע: חדשים-לאַנג געלעגן, און פּלוצלינג אין דער קרענק קראַנק געוואָרן, נישט צו ליגן, נאָר צו שטאַרבן. מען האָט גערופן אַ דאָקטאָר, וואָס איז שוין באַקאַנט געווען מיט אים און מיט זיין קרענק. דער דאָקטאָר האָט אים שוין דאָס מאָל נישט צוגעזאָגט, אַז ער וועט געזונט ווערן. ער האָט אים נאָר פאַרזיכערט, אַז ער וועט נישט שטאַרבן. אָבער פאַר די געזונטע האָט ער דעם סוד אַנטפּלעקט:

— זיינע טעג זענען געציילטע.

און פאַרן טויט האָט ער אויסגעגעבן דאָס, וואָס זיי האָבן געוואָלט פון אים באַהאַלטן... ער האָט געבעטן די שוואַנגערע שוועגערין, זי זאָל אַ נאָמען געבן נאָך אים... און איז געשטאָרבן, נישט פאַרענדיקנדיק זיין לעבנס-געשיכטע. אויב ער האָט אַלץ וועגן זיך אמת דערציילט, האָט דער שוועגערין באַנג געטון, וואָס זי האָט נישט געהערט דעם אמת, וועגן דעם שטיק לעבן און ענדע פון לעבן, וואָס ער האָט באַ איר אין שטוב פאַרבראַכט, און זי האָט געטראַכט, אַז דאָס וויכטיקסטע האָט ער מיט זיך אין קבר אריין מיטגענומען...

ער איז אויסגעגאַנגען רויק און שטיל און איז מיט דער זעלבער רויקייט פאַרגליווערט געבליבן, ווי ער וואָלט זיכער געווען, אַז ער איז נישט געשטאָרבן... דאָס פּנים האָט זיך כמעט ווי נישט געענדערט. דאָס ווייב האָט אַ זאָג געטון צום מאַן:

— ...דיין ברודער...

ווען ער איז געשטאָרבן, איז זי נאָך אין די קליינע חדשים גע-ווען, און דער מאַן האָט זי איינמאָל און אַ צווייט מאָל אָפּגעשלעפּט פון בר-מינן:

— גיי דיר!

דעם פאַרשטאָרבענעמס ברודער, אויף וויפיל ער איז געווען גע-רירט פון ברודערס טויט, האָט דאָן אין די פיינלעכע מינוטן אין זינען געהאַט דאָס יונגע ווייבל זיינס און דווקא די שוועגערין, די פרעמדע

האָט געפֿילט, אַז ס'איז אַ באַליידיקונג פֿאַרן טויטן, וואָס דער ברודער דעם טויטנס האָט זי מער אין זינען און קימערט זיך וועגן איר געזונט און וועגן קינד, וואָס זי טראָגט אין אירע געדערים, מער ווי וועגן ברודער. עס האָט איר ממש דערעסן די געטריישאַפֿט זיינע און אין אַזעלכע פֿיינלעכע מינוטן איז דער באַגער זיינער צו האַמעווען די טרערן אירע... און מערקווירדיק: זי האָט געשפּירט עפּעס אַ מאָדנע צוגעבונדנקייט צום פֿאַרשטאָרבענעם... האָט זיך צו אים געפֿילט נענטער ווי צום לעבעדיקן ברודער... און דאָס איז געווען דערפֿאַר, וואָס זי האָט בײַ זיך „אונטערן האַרץ" געטראָגן אַ נאָמען נאָכן טויטן...

ער האָט געלאָזט אַ טיפֿן טרויער נאָך זיך, אַ טרויער, וואָס נאָר עמפּפֿינדלעכע מענטשן קאָנען פֿילן ווען עס שטאַרבט אַ בחור. וואָס פֿעלט קיינעם נישט נאָכן טויט. ווייל דאָס ווייבל האָט געשוואַנגערט, איז זי עמפּפֿינדלעך געווען, און האָט באַקלאָגט דעם טויטן, וואָס קיינער איז נישטאָ, ווער ס'זאָל אים באַוויינען, וואָס ס'איז נישט געבליבן נאָך אים אַזאַ נאָענטער, וואָס זאָל זיך שטאַרק קימערן פֿון זיין טויט...

* *

*

דאָס, וואָס איז געבליבן נאָכן פֿאַרשטאָרבענעם, האָט מען צעשענקט און פֿאַרקויפֿט, נאָר דאָס בעטגעוואַנט האָט מען אַרויסגעטראָגן אויפֿן בוידעם, שטענדיק צו לופֿטערן און קיינמאָל נישט צו נוצן. געבליבן אַ הויל צימער, אָן מענטשן און אָן זאַכן. עס זענען נאָר געבליבן די תּפֿילין נישט גערירט. כאָטש דאָס פֿאָר־פֿאָלק איז נישט רעליגיעז געווען. די תּפֿילין זענען נאָך זיין טויט געוואָרן מער „זיינע", ווי פֿאַרן לעבן. ווייל זיי האָבן דערציילט פֿון בחורשאַפֿט, פֿון איינזאַמקייט, פֿון נישט לאָזן נאָך זיך קיין ווייב און קינדער... ס'איז נישט איינמאָל פֿאָרגעקומען אַ געשפּרעך צווישן מאַן און ווייב:

— וואָס טוט מען מיט „זיינע" תּפֿילין, וואָס? געבן זיי אַן אַנדער אָרט, וואָלט עס נאָר באַוויזן, אַז זיי זענען איבעריק דאָרט, ווו זיי הענגען, און אויף אַן אַנדער אָרט נישט. . . זיי זענען אָבער נאָך געווען איבעריק דעמאָלט, ווען דער אייגנטימער האָט געלעבט, (ווייל „יע-

נער״ האָט נישט געדאַוונט) און אויך „יענער״ האָט זיך געהאַלטן מיט זיי...

„און אפשר דערפאַר, ווייל דאָס צוועלף־יעריקע מיידל האָט זיי געקושט״ — האָט דאָס ווייבל אַ טראַכט געטון.

— זאָלן זיי הענגען ! — האָט דאָס ווייבל באַשלאָסן זייער גורל.

און די תפילין זענען געבליבן הענגען העלזלדיק און קעפּלדיק אויף אַ שנירעלע, אויף אַ טשוועקל, אַלס זכר פון אַ יונג לעבן און הייליקייט...

דאָס יונגע ווייבל האָט אַ פּוסטקייט דערשפּירט נאָכן טויט פון שוואָגער... די אַטמאָספערע פון קראַנקן און פון זיין אומגליק האָט זיך שטאַרקער געלאָזט פילן דאָס אייגענע גליק, עס האָט געשאַפן אַרום זיך עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט מער געגעבן צו פילן דעם טעמפּאָ פון לעבן... און געשפּירט דאָס נייע לעבן אין אירע געדערים, האָט זיך געשליפן אַ באַגריף, אַז דאָס לעבן, וואָס וואַקסט בא אים, איז אַ לעבן נאָכן טויטן... פאַר יענעמס וועגן און מיט אַ נאָמען נאָך יענעם, אויף ווייטער לעבן צו בלייבן...

* *

*

ווי דאָס קינד האָט זיך אויף דער וועלט באַוויזן, האָט זיך עס גלייך אַלעמען געוואָרפן אין די אויגן אריין מיט דער ענלעכקייט צום פאַרשטאָרבענעם. אַלע האָבן עס געזעען און אַלע האָבן געשוויגן... דער פאָטער פון קינד האָט פאַרשטאַנען, וואָס אַזאַ שווייגן באַטייט, און געפילט אַ טיפע באַליידיקונג, כאָטש ער איז געווען זיכער אין זיין פרוי. ער האָט זי נישט געאייפערט צום פאַרשטאָרבענעם, אָבער צום קינד איז ער יאָ אייפערזיכטיק געווען... אַ שותפותדיק קינד, אויף וועלכן אופן ?...

און פאַרשטערט האָט עס בא איבּ דעם יום־טוב פון ערשטן נייגעבוירענעם קינד... ער האָט זיך געשפּירט, ווי אויף אַ פרעמדער שמחה... און די פרוי זיינע, ווי אַלע פרויען, וואָס קימערן זיך קיינמאָל נישט וועגן אַזעלכע זאַכן — ס'איז זייער קינד, קיין חילוק נישט אין

װעמען ער איז געראָטן... זי איז געװען גליקלעך און געשמייכלט צום מאַן:

— נו, װאָסי, ס׳איז דאָך דײַן ברודער...

ער האָט מיט אײפערזוכט געקוקט אויפן קינד מיט אַ שטילן, װײ־טיקדיקן פאַרדראָס, װאָס ער האָט נישט װעמען צו באַשולדיקן אין דעם, און טיף באַהאַלטן אין זיך אַ געפיל פון נקמה קעגן זײַן ברודער, װאָס דאָס קינד איז אַ מיידעלע און נישט קיין ייִנגעלע.

פ י ר

די אַלטע איז געזעסן באַם ווייס־געדעקטן טיש מיט פאַרלייגטע הענט אויף דער ברוסט און פון צייט־צו־צייט מיט אומגעדולד און פאַרביטערטקייט אַ קוק געוואָרפן צום הענג־לאָמפּ, צום פייער און פון צייט־צו־צייט זיך אויפגעהויבן און אַריינגעדרייט, ווען איר האָט זיך געדאַכט, אַז דער לאָמפּ ברענט צו ליכטיק, און דערהערנדיק דורך די ווינטערדיק טויבפאַרמאַכטע פענצטער טויבע טריט, און מיינענדיק, אַז דאָס איז ער, דער שכן „מאָסיו ראַבינאָוויטש“, וועמען זי דערוואַרט מיט אַזאַ אומגעדולד, האָט זי דעם לאָמפּ צוריק אַרויסגעדרייט... און וואָס מער אַמאָל זי האָט זיך אָפּגענאַרט, אַלץ פעסטערער האָט זי דערנאָכדעם דעם לאָמפּ אַראָפּגעדרייט .. עפּעס ווי זי וואָלט עס אים, אָט דעם, וואָס איז נישטאָ און דעם, וואָס האָט שוין לאַנג־לאַנג באַדאַרפט זיין, צולהכעיס געטון פאַר זיין לאָזן זי וואַרטן אַזוי לאַנג... זי האָט זיך גערעכט, אַז ער זאָל לכּבוד דעם יום־טוב קומען נאָך פריער מיט אַ שעה און צום סוף איז שוין אַריבער אַ פערטל שעה פון דער צייט, וואָס ער קומט אַלעמאָל, און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ.

באַם טיש, בײַ דער קאַמאָד און איבער דער גאַנצער שטוב האָט זיך באַוועגט מיט אַ קינדעריש לעבן און יוגנט איר טעכטערל, שרהלע. דאָס איז זי דער יום־טוב אין שטוב און פאַר איר ווערט עס דער יום־טוב געפּייערט. איר ווערט צען יאָר. זי דריקט אויס איר אומגעדולד אין אַרומשפּרינגען פון איין אָרט אויפן אַנדערן. מיטן קוקן אין שפּיגל און פון צייט־צו־צייט פאַלט עס צו מיטן שטערנדל צו אַ קאַלטער שויב

און קוקט אַרויס אין הויף, צי ער גייט שוין דאָרטן אַמאָל. דער מאַסיו ראַבינאָוויטש. ער איז דאָך אירער, אײנגאַנצן אירער, אָט דער מאַסיו ראַבינאָוויטש. זי האָט אים אָנגעזאָגט, וואָס ער זאָל איר ברענגען צו איר געבורטס־טאָג. ווײל זי שוין זעען, האָט זי קיין געדולד נישט, צי וועט ער ברענגען דאָס, וואָס זי האָט אים אָנגעזאָגט, צי נישט.

פאַר דער צייט פון וואַרטעניש, האָט זי עטלעכע מאָל זיך צע־שאָקלט אַנטקעגן דער מוטער, געפּאַטשט איין הענטל אָן צווייטן און געזאָגט:

— טאָמער ברענגט ער מיר נישט קיין בראַנזלעטל, מאַמע, וועסטו זעען, מאַמע, איך וועל קיינמאָל נישט זיצן שוין בײַ אים אויף די הענט און וועל קיינמאָל, קיינמאָל נישט גיין מיט אים צו אים אין בעט אַרײַן שלאָפן.

זייטיק, באַזונדער, ווי אַ פרעמדער מענטש אין שטוב, איז בײַם פענצטער געשטאַנען, האַלב־שטוביק און האַלב־אינדרויסנדיק אָן אָן אָרט דאָ און אָן אָן אָרט דאָרטן, בלומע, אַ צווייטע טאָכטער דער אַלטערס — אַ טאָכטער אַ גרושה, וואָס וווינט מיט דער אַלטער דערפאַר, וואָס זי האָט נישט מיט וועמען אַנדערש צו וווינען. זי איז צען יאָר געווען פאַר זיך בײַ אַלעבאָסטע, און אויפן עלפטן יאָר איז זי אָפּגעגט געוואָרן פונם מאַן דערפאַר, וואָס זי האָט קיין קינדער נישט געהאַט. און באין ברירה, האָט זי זיך צוזאַמענגעצויגן און זיך אײַנאײַנעם בײַזעצט מיט דער מוטער און מיט דעם שוועסטערל, וואָס איז נאָך דעמאָלט, ווען בלומע האָט חתונה געהאַט, אויף דער וועלט נישט געווען.

בלומע האָט קריטיש געקוקט אויף דעם גאַנצן יום־טוב. זי האָט געוווסט, אַז דאָס מיינט נאָר אויסצומאַנען בײַם אַלטן נאַרישן בחור עפּעס אַ גוטע מתנה פאַר דער קלײנער און פאַר דער אַלטער אַ פּרעס און אַ נאַש צו טון. און הערנדיק ווי די קלײנע רעדט מיט אַזאַ ערנסט, אַז זי וועט נישט גיין שלאָפן מיט אים, טאָמער ברענגט ער איר נישט דאָס, וואָס זי פאַרלאַנגט פון אים, האָט זי זיך צעשמייכלט און אַליין זיך געעילט עפּעס אַזוי מאָדנע... יאָ, ס'איז קינדישקייט, און דאָך פאַר איר, פאַר דער גרויסער, עפּעס אַ ביסל פריקרע. אַ מאַן איז דאָ אין שטוב, וואָס צאָלט (אמת, מיט נאַרישקייט) פאַר דער צערטלעכקייט פון דעם צען־יעריקן מיידעלע, דערפאַר וואָס זי זיצט בײַ אים אויף דער שויס און

דערפאַר, וואָס זי שלאָפט מיט אים... ס'איז גאָרנישט, און דאָך שאַפט עס עפּעס אַ נישט באַקוועמלעך פילן זיך... וואָס עס זאָל נישט זיין, אָבער די קליינע שפּילט דאָך פאָרט דאָ די ערשטע פידל אין שטוב.

— מאָסיו ראַבינאָוויטש וועט שוין היינט נישט קומען, — האָט זיך דער עלטערער שוועסטער פאַרגלוסט זיך אַ רייץ צו טון מיט דעם קליינעם שוועסטערל, און איינצייטיק אויך געמיינט צו טרעפן דער אַלטער, באַ וועלכער עס איז שוין פּשוט געגאַנגען די סמאהע פון מויל פון וואַרטעניש און פון אַרויסקוקעניש אויף די גוטע זאַכן, וואָס יענער האָט באַדאַרפט ברענגען.

— האָסט שוין מער גאָרנישט וואָס צו טון, הא, נאָר זיך רייצן מיטן קינד ? — האָט די אַלטע מיט גרויס פאַרדראָס געזאָגט.

— דריי אַרויס דעם לאָמפּ, אָט גייט ער ! — האָט די טאָכטער געזאָגט סאַרקאַסטיש און זיך דערמאָנט, ווי די אַלטע אַליין רעדט זי אַלע מאָל אָן, דער קליינער, זי זאָל פאָדערן באַ מאָסיו ראַבינאָ יטשן שכר דערפאַר, וואָס זי גייט צו אים שלאָפן.

— כ'ווייס נישט, ווער עס שטייט די גאַנצע צייט באַם פענצטער און קוקט אויף אים אַרויס, — האָט די אַלטע אויפן אָרט זיך אָפּגערעכנט מיט דער טאָכטער.

בלומע האָט זיך געפונען שטאַרק באַליידיקט :

— איך ? איך קוק אויף אים אַרויס ? ווי אַזוי קאָנסטו מיר דאָס זאָגן ? איך האָב שוין איינמאָל עפּעס פאַרזוכט פון דעם, וואָס ער ברענגט אייך ? טפוי !

— נו, און היינט וועסטו אויכעט נישט פאַרזוכן ? — האָט די קליינע שטאָלץ געפרעגט און זיך אַ ווערפּעלע געטון קאָקעטיש און ביין.

בלומע האָט געפילט, אַז עס שטיקט זי עפּעס צווישן ביידע, צווישן אָט דעם פאָרל. מאַמענטנווייז האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי איז עפּעס אַן אַלט, גאָר אַלט גרויס קינד, עלטער פון דער אַלטער און קינדערישער פון דעם צען-יעריקן שוועסטערל... עפּעס האָבן זיי זיך, זי מיט דער קליינער, געביטן מיט די ראָלן און ס'האָט זיך פאַרבייגעטראַכט, ווי דאָס שרהלע, ווען זי, בלומע, איז אַוועק חתונה האָבן, איז

נאָך אויף דער וועלט נישט געווען, און איצט... עפּעס אַזוי מאָדנע... זי האָט געזאָגט צו דער אַלטער:

— וויפיל נעכט וועט זי דאָס פאַר היינט באַדאַרפן שלאָפן מיט אים, הא?...

פאַר דער אַלטער איז דאָס נישט געווען קלאָר:

— וואָס?

אָבער פאַר בלומען איז דאָס, פון איר געזאָגטע, פונקט אַזוי אומקלאָר געווען ווי פאַר דער מוטער און זי האָט זיך ווידער דערפילט אין דער זעלבער לאַגע, אַז זי איז אַלט און קינדעריש און נאַריש...

— דאָס איז דאָך דיין זאַך פון אַלע יאָרן, אַז ווען עפּעס אַ יום-טוב, דאַרפסטו אים פאַרשטערן.

בלומע האָט אַ קוק געטון אויף דעם זשוק, וואָס די אַלטע האָט אָנגעטשעפּעט אויף דער ברוסט, און דאָס אַליין האָט זי שוין איבער-צייגט, אַז בא דער מאַמען איז יום-טוב... פון יאָרן און יאָרן, אַזוי לאַנג ווי זי לעבט, געדענקט זי אָט די זשוק-שפּילקע מיט די זילבערנע פיס-לעך, וואָס האָט זיך אַלע מאָל באַוויזן אויף דער מוטערס ברוסט, ווען עס איז געווען יום-טוב. זי האָט אים, אָט דעם זשוק, עטלעכע יאָר נישט געזען, נאָכן פאָטערס טויט. איצט האָט ער זיך ווידער באַוויזן.

— אוי, זע נאַר, כ'האָב גאַר נישט געזען: האָסט זיך אָנגעטון דעם זשוק, האָסטו זיך אָנגעטון?

— נו, איז וואָס? — האָט די אַלטע געפרעגט, און געזאָגט צו דער קליינער:

— שרהלע, גיב איר אַ פייג!

די קליינע האָט געפאָלגט, און גלייך אָפּגעשטעקט דער גרויסער שוועסטער אַ דאַר-פינגערדיק בלאַס פייגעלע. זי האָט עס זייער גערן געטון, די קליינע, ווייל זי האָט געשפּירט און באַמערקט, אַז די שוועסטער פאַרהאַלט זיך נישט פריינטלעך צו איר און צו איר יום-טוב. און אַ דאַנק דעם, האָט זי געהאַט אַ שלעכט האַרץ אויף דער שוועסטער און האָט זי אויסגעמיטן, זיך פאַרהאַלטן צו איר מיט אַ געוויסער האַרטקייט און פאַרביסנקייט און מיט יענער זעלבסטווירדע און עגאָיזם, וואָס קינ-דער זענען אַזוי פעיק צו באַווייזן, ווען ווער פון זיי ווערט די הויפּט-

פיגור אין שטוב, און צוליב וועמען פון זיי עס ווערט אַ יום־טוב געמאַכט.

בלומע האָט אָנגעכאַפּט אָט דאָס פּייגן־הענטל, עס איינגעקוועטשט אין איין האַנט און מיט דער צווייטער אַריינגעוואָרפן פיינע עטלעכע פּעטשלעך אין אונטערהעלק. די קליינע האָט געשפּרונגען און געטאַנצט און זיך געבריקעט ווי אַ יונג ציגל, און אויפגעצעט זיך צעוויינט.

— דו ביסט גאָר משוגע היינטיקן אָוונט, דו הערסט? גיי אין משוגעים־הויז, גיי! האָסטו געזען אַזעלכעס! האָט זיך צוגעטשעפּעט צום קינד, ווי אַ סליאַטאַ — און צוגערופן דער קליינער צו זיך, גוטמוטיק אָנגעשריגן זיך אויף איר: — גיי נישט צו איר, קריך נישט צו איר, שטיי נישט אין אירע ד׳ אמות. זעסט דאָך שוין, אַז ס׳איז איר היינט אַריין אַ מאַרקאַל אין קאָפּ אַריין.

די קליינע איז אָנטשוויגן געוואָרן און געקוקט אויף דער שוועסטער מיט בייזע, פאַרוויינטע, גלאַנציקע אויגן, האָט געוואָרטשעט פּאַר זיך און זיך געבלאָזן און צום סוף פייערלעך געזאָגט:

— מיר וועלן איר גאָרנישט געבן, וואָס מאַסיו ראַבינאָוויטש וועט ברענגען. איאַ, מאַמע, גאָרנישט? — און זיך פאַרנומען רייצן מיט דער שוועסטער:

— אָט ס׳טו זעען, אַז ער וועט מיר ברענגען אַ בראַנזלעטל, ס׳טו זעען!

— ער וועט שוין גאָר היינט נישט קומען! — האָט בלומע פון איר זייט זיך געוואָלט רייצן מיט דער קליינער... — ער האָט מיר אַליין געזאָגט, אַז טאָמער וועט זיין אַ שלעכטע פּאָגאָדע וועט ער נישט קומען און וועט נעכטיקן באַ זיין ברודער, — און איז צוגעלאָפן און געטון אַ דריי אַריין דעם לאָמפּ.

— אַן עבירה קעראָסין, ער וועט שוין במילא נישט קומען!...

שרהלע האָט געטון אַ טאַנץ אַרויף אויף אַ בענקל און געטון אַזאַ דריי אַרויס דאָס פּלעמל, אַז עס האָבן זיך געגעבן אַ צי אַרויס אַריבערן גלעזל פייערדיקע ריטער, פון וואָס דאָס גלעזל איז גלייך אין עטלעכע ערטער פאַררויכערט געוואָרן. די אַלטע האָט זיך אַ וואָרף געטון און אַריינגעדרייט דאָס פייער, אַראָפּגעכאַפּט און בייז אַראָפּגעשטעלט די קליינע אויף דער ערד אַראָפּ:

— גיי מיר אויכעט צו אַלדי גוטע יאָר! אָנגעמאַכט אַ התונה! ווער האָט דיך געבעטן, ווער? און אַלץ זי (אויף בלומען), אַלץ איבער איר!

און נאָך אַלעמען האָט בלומע אַליין נישט געוווסט וואָס זי וויל. זי האָט זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין חשבון, וואָס זי האָט צו דער מוטער און צום קליינעם שוועסטערל. איין זאַך איז איר קלאָר געווען, אַז זי איז באַליידיקט פון דער נאַטור און פונם מאַן, וואָס האָט זי אָפּגעגט. און אַ דאַנק אָט דעם יום־טוב, וואָס דאָס פּאָרל האָט געמאַכט, האָט זי שאַרפער, בולטער די ווייטיק פון דער באַליידיקונג פאַרשפּירט. זי האָט נישט געקוקט אויף דער אַלטער ווי אויף איר מוטער, נאָר ווי אויף אַ פרוי — אַ פרוי, וואָס האָט אַ קינד (אַז זי אַליין איז אויך איר׳ס אַ קינד, האָט זי אין די מינוטן פאַרגעסן). און מיט דעם פילט זיך בלומע עפּעס גאָר אַנדערש ווי אַ טאָכטער אַקעגן אַ מאַמע קאָן זיך פילן... זי, בלומע, וואָלט דאָך שוין אויך געקאָנט האָבן (ווען זי וואָלט געקאָנט) אַזאַ טעכטערל ווי די מאַמע. און אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט עס נישט, פילט זי, אַז די מוטער פאַרהאַלט זיך צו איר נישט ווי אַ מוטער דאַרף זיך פאַרהאַלטן צו אַ טאָכטער. ס׳איז עפּעס נישט אַזוי... און דאָס פאַרדריסט זי. עפּעס אַזוי ווי יענע וואָלט זיך געהאַלטן גרעסער פון איר און זיך געפילט בעסער... דאָס האָט זי פיל מאָל איבערצייגט ווי די אַלטע האַלט זיך חוצפּהדיק אַקעגן שכן און אָן חרפּה און בושה געניסט זי פאַר אים אין די אויגן פון אַלעם דעם, וואָס ער ברענגט פאַר דער קליינער. אָבער ווען זי, בלומע, וואָלט אַ קינד געהאַט, וואָלט שוין די מאַמע אירע נישט געהאַט אַזאַ צוטריט צו ראַבינאָוויטשן... דעמאָלט וואָלט זי געהאַט דעם צוטריט... כאָטש זי דאַרף אים נישט, זי האַסט אים, אָט דעם נאַרישן, אַלטן, פעטן בחור... און טאַקע, וואָס איז דאָס מיט אים? צי איז ער אַזאַ נאַר, וואָס ער לאָזט זיך דרייען פון דעם פּאָרל אַ מוח, צי גלאַט אַ מענטש אָן אַ כאַראַקטער?... דער שוואַרץ יאָר ווייסט אים!... אָט דאָס איז אינגאַנצן וואָס זי פאַרדריסט אויף אים... לאָזט זיך דרייען אַ מוח פון אַן אַלטער יידענע און פון אַ קינד... פּאַסיקער און גלייכער וואָלט דאָך געווען פאַר אים זיך צו לאָזן פון איר דרייען אַ מוח... כאָטש זי וויל עס נישט, זי איז דאָך נישט אַזאַ זלידנע ווי די מאַמע און דאָס שוועסטערל... טאָ וואָס באַדאַרף זי אים, אויף וואָס? זי באַדאַרף אים

טאַקע נישט, נאָר איר וואָלט אָנגענעמער געווען, ווען ער זאָל אַרויסקוקן פאַרדרייט צו זיין פון איר איידער פון זיי... פון דער קליינער, וואָס איז אַ קליינע, אַ קינד, און פון דער אַלטער, וואָס איז אַן אַלטע... ווען זי, בלומע, וואָלט אַ קינד געהאַט, וואָלט דאָך שוין די אַלטע אַ באָבע געווען...

בלומע האָט מיט פאַרגעניגן געקוקט אויף דעם פאַררויכערטן גלעזל. זי האָט אין דעם געזען עפּעס אַ שטערונג, עפּעס אַ פלעק אויפן יום-טוב.

— נעם שוין, גיי שוין טרינקען טיי, — האָט בלומע געזאָגט צו דער אַלטער. — נעם טרינק, וועסט זיך שוין הייבט אויף קיין ביסקוויט נישט דערוואַרטן...

די אַלטע האָט אַ בייזן קוק געוואָרפן אויפן סאַמאָוואַר, וואָס זי האָט שוין צוויי מאָל פאַר דער צייט דערגאָסן און צוויי מאָל אונטערגעוואָרפן קוילן, און איצט האָט מען געדאַרפט אַ דריט מאָל דאָס טון. ער איז שוין געשטאַנען אין אָפּגעקילטער שטילקייט, דער סאַמאָוואַר. פון צייט-צו-צייט אַראָפּגעלאָזט אַ פונק און ערגעץ-ווו פון אויבן געצויגן אַן איינטאָניק זמרל, ווי ער וואָלט זיך באַקלאָגט אויף ווינציק פייער, און וואָס ער קאָן נעבעך נישט אָנהאַלטן זיין היציקע און קאָכעדיקע נשמה. און אויפן יום-טובדיקן טיש האָט זיך געשפּירט אַן אומעט פון ליידיקייט, פון בלויזער ריינקייט, פון די גלאַנציקע גלעזער, וואָס זענען געשטאַנען גרייט אויפן טיש און געוואַרט מיט לעפעלעך אינעווייניק, אָנגעפילט צו ווערן. און דאָס ווייסע טישטוך, ערשט פון וועש אַרויס, איז געלעגן אין אייגענער ווייסטקייט פאַרזונקען און זיך געבעטן, מען זאָל עפּעס אָנוואַרפן און אָנשטעלן אויף דעם. די אַלטע האָט מיט אַ פאַרביטערט האַרץ און מיט אַ טריפענעם האַלז געקוקט אויף דעם גאַנצן טיש און האָט שוין אַליין או · אָנגעהויבן צו גלייבן, אַז ראַבינאָוויטש וועט נישט קומען. זי איז צוגע-גאַנגען צום פענצטער, אַליין אַ קוק צו טון, וואָס ס'הערט זיך אינדרויסן, צי איז טאַקע דאָס וועטער אַזוי שלעכט, אַז דאָס זאָל אָפּהאַלטן ראַבינאָוויטשן צו קומען... ניין, זי האָט עס נישט געזען, ס'איז נאָר געפאַלן אַ געדיכטער שניי.

זי איז צוגעגאַנגען צו שרה'לען און איר אַ גלעט געטון:

— האָב קיין מורא נישט, ער וועט קומען. אויף צו להכעיס איר וועט ער קומען!

די קליינע האָט זיך אונטערגעגנבעט און דערלאַנגט דער שוועסטער הינטן אַ זעץ און אָפּגעצויגן פון ווייטן און זיך אָוועקגעשטעלט קוקן אויף איר מיט נצחון און מיט גרייטקייט אָנצונעמען אַ קאַמף מיט דער שוועסטער.

בלומען האָט דער קלאַפּ נישט ווי געטון, ס׳האָט זי נאָר פאַר־דראָסן, וואָס די קליינע האָט פאַר איר קיין אָפּשיי נישט... אַ שטייגער, ווען מ׳האָט אַ מאַן, אָדער ווען זי האָט אפילו אַ קינד און נישט קיין מאַן, וואָלט די קליינע נישט געהאַט קיין העזה איר אַ זעץ צו טון... יאָ, דאָס איז זיכער... אַזוי איז דאָס און אַנדערש קאָן עס נישט זיין... ווייל אייגנט־לעך, וואָס איז זי?... זי איז אַלט אַכט, דאָס ניין און צוואָנציקסטע יאָר, און איז אַ מענטש נישט־אַהער און נישט־אַהין, נישט יונג און נישט אַלט... אַן אלמנה איז שוין פיל בעסער צו בלייבן, פיל אָנגענעמער, ווי אַ גרושה... אַלס אלמנה וואָלט זי געווען אַ יונגע אלמנה, און וואָס יינגער אַלץ בעסער, אַלץ מער האָפנונגען האָט געקאָנט זיין צו קריגן אַ צווייטן מאַן, אָבער אַ גרושה? פאַרקערט, וואָס יינגער איז עפּעס נאָך ערגער, די חרפּה גרעסער... און די איינזאַמקייט? די איינזאַמקייט פון אַ גרושה איז עפּעס פיל שווערער און פיל איינזאַמער ווי די איינזאַמקייט פון אַן אלמנה, אַט ווייל „ער״, יענער לעבט. אַ שווידערלעכע, אַ שרעקלעכע איינזאַמקייט פון האָבן ערגעץ אַ געגטן מאַן און אַליין וווינען מיט אַ מוטער און מיט אַ שוועסטערל...

זי האָט זיך מיט אַ וויינענדיק הארץ אָפּגעדרייט מיטן פּנים צום פענצטער און אָנגעשפּאַרט דעם שטערן אָן דער קאַלטער שויב, געקוקט ווי עס שנייען זיך גאַנצע וועגט מיט שניי אַנטקעגן דער שיין פון די אַרומיקע פענצטער אין הויף, און געזעען ווידער ווי אויף די רינעס און געזימסן וואַקסן שווערע פלאַסטן און אויף דער ערד וואַקסט אַ ווייסער אומעט...

דער וועק־זייגער, וואָס איז געשטאַנען אויף דער קאָמאָד, דער זעלבער וועק־זייגער, וואָס זי האָט באַקומען דרשה־געשאַנק צו דער חתונה, האָט אָנגעהויבן צו קלינגען, האָט זיך עפּעס פּלוצלינג אַזוי ווי אויפגעכאַפּט פון זיין זייגער־שלאָף און אָנגעהויבן וועקעריש צו קלינגען;

רעשיק און מיט אימפעט, איז פאר בלומען דאָס אַזוי אומגעריכט געקומען. און מאָדנע, איר איז נישט איינגעפאַלן, אַז ס'האָט וואָר געקאָנט אָנשטעלן דעם זייגער ער זאָל קלינגען, נאָר ס'האָט זיך געגלייבט, אַז דאָס איז געקומען פון זיך, אַז דער דרשה־געשאַנק־זייגער האָט זיך אָפּגעקליבן פּונקט אַזאַ מאָמענט, כדי צו דערמאָנען זי אָן דער חתונה און אָן דעם חתנס קרוב. וואָס האָט דעם זייגער געשענקט. און נאָך פיל זאַכן וויכטיקע און נישט וויכטיקע... וואָס קער זי זיך איצט אָן מיט אָט דעם מענטש, מיט „זיין קרוב”. וואָס האָט די מתנה געגעבן? און דאָך איז איר געבליבן אַ זייגער פון אים. וואָס האַלט אין איין קלאַפּן די רגעס און אַלע שעה די שעהן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קלינגעניש אינמיטן דרינען? — האָט זי אַ פרעג געטון מיט אַ פאַרדראָסיקן טאָן בײַ דער מוטער.

— וואָס־זשע, דאָס אַרט דיך שוין אויכעט? — האָט די אַלטע פון איר זייט אויך געפרעגט מיט פאַרדראָס און אין אַ ווײַלע אַרום מיט אַ מילדערן טאָן געענטפערט, אַז דאָס האָט זי אָנגעשטעלט דעם זייגער ער זאָל קלינגען צו דער צענטער שעה, ווייל פונקט אין דער שעה איז שרהלע, צו מזל און צו לאַנגע יאָר, געבוירן געוואָרן, און פאַרענדיקט די דערקלערונג, האָט זי אַרומגעכאַפּט די קליינע און זי צוגעדריקט צו דער ברוסט און פאַרגליווערט געוואָרן הינטער דער שטילקייט פון דער גאַנצער שטוב און הינטער דער „מוזיק” פונם וועק־זייגער. בלומע האָט מיט קנאה זיך צוגעקוקט צו דעם בילד און אַליין אינגאַנצן זיך געפילט פרעמד און אָפּגעריסן פון דעם פּאָרל. זי האָט געוואָלט אָפּהאַלטן דאָס קלינגען, נאָר אין דעם מאָמענט איז צוגעשפרונגען די קליינע, האָט אַ כאַפּ געטון דעם זייגער און זיך אוועקגעשטעלט מיט אים בײַ אַ זייט טיש, געקוקט מיט צופרידנקייט אויף דעם שפרינגענדיקן העמערל, וואָס איז בליץ־שנעל געשפרונגען און געקלונגען.

— עפּעס ביסטו גאָר היינטיקן אָוונט פון די געדאַנקען גערירט, — האָט די אַלטע געזאָגט צו דער גרויסער טאָכטער. — וואָס אַרט עס דיך, אַז דער זייגער זאָל קלינגען, אַז דאָס קינד האָט פון דעם פאַר־געניגן?

בלומע האָט נישט געקאָנט ליידן, וואָס דער זייגער אירער איז אַ שפּילעכל בײַ דעם קליינעם, צען־יעריקן שוועסטערל. זי האָט געהאַט

אזא געפיל, אז דאָס שוועסטערל האָלט אירס אַ שטיק עלף-יעריק לעבן אין די הענט. אירס אַ שטיק לעבן, וואָס איז עלטער פון שרהלען מיט אַ יאָר...

זי איז צוגעשפרונגען און אַרויסגעריסן פון אירע הענט דעם זייגער, און גלייך איז ער בײַ איר פאַרשטומט געוואָרן. שרהלע האָט זיך קאַפּריזנע צעוואָרפן און צעשפרונגען מיט יענעם קאַפּריז, וואָס אַ קינד, ווען מ׳מאַכט צוליב דעם אַ יום-טוב, קאָן באַווייזן, ווען מ׳שטעלט עס מיט עפּעס נישט צופרידן:

— מאַמע!

* *

*

אַ פּערטל אויף עלף איז געקומען דער אַזוי אומגעדולדיק דער-וואַרטעטער. ער איז אַריינגעקומען אַ ווייסער און זיך געטון אַ טרייסל אָפּ, איז ער גלייך שוואַרץ געוואָרן און צעוואָרפן און צעשפּריצט אַרום זיך שניי מיט נאַסקייט. יאָ, אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער געקאָנט כאַפּן אַ פּסק פון דער אַלטער. זי וואָלט אים צוריק אַרויסגעשטויסן פון יענער זייט טיר און וואָלט אים געהייסן דאָרטן, פון יענער זייט, זיך אָפּטרייס-לען. איצט האָט זי אים דאָס מוחל געווען און ס׳איז גלייך אַוועק דער פּאַרדראָס פון לאַנגער וואַרטעניש, דערזעענדיק אים אַן אָנגעלאָדענעם מיט פּעקלעך, וואָס זי מיט דער קלײנער האָבן זיך גלייך גענומען אים פון זיי אויסצולאָדן. די אַלטע האָט נאָר פון אַזאַ ווענן אַ פרעג געטון:

— וואָס אַזוי שפּעט?

די פּעקלעך זענען געהאַנגען אויף די קנעפּ פון זיין שווערן ווינטער-מאַנטל. און דאָס פּאָרל האָט אַראָפּגעריסן פון אים די פּעקלעך מיטן זעלבן ברען, ווי קליינע חברה רייסן אַמאָל עפּל פון בוים...

— מאָסיו ראַבינאָוויטש, איר האָט מיר געבראַכט אַ בראָנזלעטל?

די מוטער האָט זיך אָנגעבייזערט אויף איר. זי זאָל צייט האָבן ביז מאָסיו ראַבינאָוויטש וועט זיך אויסטון, און אַליין האָט זי קיין צייט נישט געהאַט און זיך גלייך פאַרנומען צו צעפּליקן און צו צערייסן די פּעקלעך, וואָס זי מיט דער קלײנער האָבן אָנגעוואָרפן אויפן טיש און

גלייך אויפן אָרט געכאַפּט אַ שמעק און אַ לעק. בלומע האָט עס צוגעקוקט און ס'האָט איר געפּלאַמט דאָס פּנים. זי האָט זיך אַריינגעשניטן צווישן ביידע און געזאָגט:

— ער האָט עס דאָך פאַר אייך געבראַכט, ער וועט עס נישט טראָגן פאַרקויפן. וואָס איז דאָס פאַר אַ כאַפּעניש וואָס? ס'איז דאָך אַ הרפּה און אַ בושה.

דאָ האָט זיך מאָסיו ראַבינאָוויטש געוויזן פון זיין צימער היימיש, שטובּיק און בייכיק, און געטון אַ צי אַרונטער דעם קאַמזויל, וואָס האָט אַראָפּגעשטאַרצט פון בויך אַראָפּ מיט צוויי שפּיצן, און האָט מיט דעם באַוויזן, אַז ער איז גרייט צוצוטרעטן צום יום־טוב און צום טיש און זיך אַ וויש געטון מיטן טיכעלע די גרויסע נאַסע וואָנסעס און איז צוגעגאַנגען צו דער קליינער, זי אויפגעהויבן אונטער די פּאַכוועס און זי געהאַלטן אַ היפּשע צייט אויף אויסגעצויגענע הענט העכער פון זיך, האָט ער אַרויסגערעדט צו איר:

— אַ, שעלמאַ דו! זעט ווי זי האָט זיך אויסגעפּוצט.

און אַ־אַפּגעלאָזט די „שעלמאַ" און זי אַוועקגעשטעלט אויף אַ בענקל, האָט ער זיך געהייסן אַ קוש טון. די קליינע האָט אַ טאַפּ געטון מיט אַ פינגערל די וואָנסעס און זיך פאַרקרימט:

— אַי, באַ אייך זענען נאַס די וואָנסעס!

און נישט געטראַכט, האָט זי מיט איר יום־טובדיק פאַרטעכל געווישט אים די וואָנסעס אַרויף און אַראָפּ, און דער גרויסער בעל־גוף איז געשטאַנען אַ צעשמאָלצענער, אַן אומבאַוועגלעכער און אַריינגעקוואָלן אין איר. ענדלעך האָבן זיך ביידע צעקושט און ער האָט איר גראַטולירט מיט איר געבורטסטאָג און גענומען און פאַרלייגט אירס אַ האַנט אַהינטער, האָט ער דאָרטן הינטן איר עפּעס אָנגעטון, און זי, דערזעענדיק אין אַ ווײַלע אַרום איר הענטל באַצירט מיט אַ בראַנזלעטל פון זילבערנע „צענערלעך" (צען גראָשנדיקע), האָט זי אַ שפּרונג געטון פון גרויס פרייד און אַרומגעכאַפּט זיין האַלז און נאַקן, האָט זי זיך אים אָנגעהאָנגען און ער האָט זי איינמאָל און אַ צווייט מאָל דורכגעטראָגן איבער דער שטוב.

באַוויזן דער מוטער די מתנה, האָט די אַלטע אָנגעקוואָלן און גערופן ראַבינאָוויטשן צום טיש מיט אַזאַ טאָן, ווי דאָס עסן, צו וועלכן זי

רופט אים. וואָלט אירס געווען און זי וואָלט מיט דעם כּיבוד אים געוואָלט אָפּדאַנקען. זי האָט אָט אַזוי געזאָגט צו אים:

נו, מאָסיו ראַבינאָוויטש, גייט שוין צום טיש. איר מוזט שוין אוודאי זיין הונגעריק.

ער האָט זיך אומגעקוקט אויף בלומען און געפרעגט אויף איר שטיין, וואָס זי שטייט אַזוי.

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט געוואָלט, אַז בלומע זאָל אויך געניסן פון דעם, וואָס ער האָט אָנגעבראַכט, און ער האָט שוין צוליב דעם געמוזט פאַרפירן מיט איר אַ שמועס:

— פאַרוואָס מאַכט איר נישט קיין אימענינעס, האַ? איז איינמאָל וואָלט איך אייך געבראַכט אַ שיינעם פּרעזענט און צווייטנס וואָלט איך אייך צוגעווינשעוועט...

— מיר פעלט עס נישט! — האָט בלומע מיט רוגז אָפּגע־ענטפערט.

— מאָסיו ראַבינאָוויטש, נו זעצט זיך שוין צום טיש, נו! — האָט די אַלטע אין איין אָטעם גערופן, צעלייגנדיק דאָרטן אויף טעלער און טעלערלעך די אַלע גוטע פלייטיקע און געזאַלצענע און גערייכערטע הערינג און פישלעך, וואָס ער האָט געבראַכט.

— אָבער אַז מ'זאָל אייך ווינטשן אַ שטייגער אַ... ווילט איר אויך נישט? — האָט ראַבינאָוויטש פאָרגעזעצט דעם שמועס זיינעם מיט בלומען.

— ניין, איך וויל נישט!...

— אָבער ווען איר וואָלט געוווסט, אַז ס'וועט מקוים ווערן?...

די אַלטע האָט אַ ווונק געטון צו דער קליינער זי זאָל רופן מאָסיו ראַבינאָוויטשן צום טיש, און די איז צוגעשפּרונגען צו אים, אים גענומען שלעפן פאַר אַ האַנט:

— מאָסיו ראַבינאָוויטש, קומט שוין צום טיש עסן! — און אַזוי מאָדנע, מיט אַזאַ שעלמישן און נצחונדיקן קוק געקוקט אויף בלומען און קלוג סאַרקאַסטיש צוגעשמייכלט.

— קומט, מאַדאַם פינגערהוט! — האָט ראַבינאָוויטש פאַרבעטן בלומען.

זי האָט געדאַנקט, געזאָגט, אַז זי וויל נישט, אַז זי איז נישט הונ־

געריק, אַז זי האָט ערשט נישט לאַנג געגעסן און די אַלטע האָט באַשטעטיקט די רייד אירע, און דאָס האָט בלומען אַרויסגעבראַכט פֿון געדולד:

— ס'איז דאָך אַ ליגנט, מאַמע. איך האָב דאָך נישט געגעסן. האָסט מורא, ס'וועט פֿאַר דיר נישט סטייען?...

די אַלטע האָט זיך געווענדט צו ראַבינאָוויטשן:

— זעט איר, מאַסיו ראַבינאָוויטש, איך האָב אייך געזאָגט, אַז מיט איר טאָר מען זיך נישט טשעפּען... אַט אַזוי אַלעמאָל פֿון פּיצלווייז, ווען ס'איז נאָך געווען אַ קליין באַנעמעני'של...

— מאַמע, דאָס איז דאָך אויך אַ ליגנט. איך בין נישט געווען אַזוי אַלעמאָל.

— אַלעמאָל, יאָ! — האָט שרהלע באַשטעטיקט דער מוטערס רייד.

דער אַלטער פֿופֿציק-יעריקער בחור האָט געפֿילט אַ מאָדנעם אַפּשיי פֿאַר בלומען און האָט זיך אַלעמאָל אָקעגן איר נישט גוט געפֿילט מיט זיין פֿופֿציק-יעריקער בחורשאַפֿט. ער האָט באַמערקט נישט אַ נמאָל, אַז זי איגנאָרירט אים און פֿאַרזוכט קיינמאָל נישט, וואָס ער ברענגט אין שטוב אַריין פֿאַר דער קליינער... פֿאַר דער קליינער?... ער ברענגט און בענוג... ס'איז די יאָרן, וואָס אַ מענטש מוז זיין צוגעבונדן צו אַ הויז, צו אַ שטוב, מוז זיין אַרומגערינגלט מיט אַ וואַרעמער פֿאַמיליען-סביבה, וואָס האָט זיך דאָס אַזוי צוגעפּאַסט פֿאַר אים עפּעס ווי ער וואָלט דאָ געהאַט אַ... שוויגער, אַ קינד. מיט דער „שוויגער" און מיטן „קינד" גייט עס נישט שלעכט, אָבער... דאָס „ווייב" האַלט זיך אַזוי, אַז ער קאָן זי אפֿילו אויף אַזוי פֿיל פֿאַר קיין ווייב נישט מאַכן, ווי ער האָט פֿאַר זיך פֿון דער אַלטער אַ שוויגער געמאַכט און פֿון שרהלען אַ קינד.

— זי וועט היינט נישט זיין דאָס, וואָס זי איז אַלעמאָל, — האָט מאַסיו ראַבינאָוויטש געזאָגט און דערביי אַרויסגעכאַפּט פֿון דער הויזן-קעשענע אַ פּלעשעלע מיט אַ רויטער פֿליסיקייט און דאָס אַ טרייסל געטון. — אַט דאָס, אַז זי וועט נאָר אַ שמעק טון...

און זי אָנגעכאַפּט בײַ אַ האַנט, האָט ער זי אַ שלעפּ געטון צום טיש און זי באַזעצט, האָט ער גלייך געכאַפּט און אָנגעגאָסן אַ גלעזעלע און דאָס איר אַריינגעקוועטשט אין האַנט אַריין און גלייך פֿאַר זיך אָנגעגאָסן און אָנגעקלאַפּט אין איר גלעזל און באַפֿוילן אויסצוטרינקען. זי

איז גערן געווען אים צו פאָלגן, נאָר האָט זיך געשעמט... די אויגן אירע האָבן זיך פול מיט קינדערישער בושה אָנגעגאָסן און זי האָט דערפילט אַ ווארעמקייט אין פנים. זי האָט זיך געפילט אַזוי נאַריש און קינדעריש, ווי זי וואָלט די ייִנגסטע און קלענסטע אין שטוב געווען...

— טרינקט איר פריער! — האָט זי געזאָגט, נישט ווילנדיק דאָס זאָגן, אָבער זאָגן עפּעס האָט זי געמוזט...

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט ברייט פונאַנדערגעעפנט דאָס מויל, אָפּגעטיילט מויל פון וואָנסעס און אַריינגעשטעקט דאָס גלעזעלע אין מויל אַריין, און אַ ווײַלע האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט איינגעשלונגען דאָס ביסל משקה מיטן גלעזעלע. בלומע האָט אויף אים געקוקט, און ס'איז שוין געווען אַזאַ לאַגע, אַז נישט טרינקען האָט זי נישט געקאָנט, ווייל נישט טרינקען וואָלט געווען נאָך ערגער ווי יאָ טרינקען... זי האָט אויך מיט איינמאָל איבערגעקערט דאָס גלעזעלע און האָט זיך פאַרכלינעט און פאַרהוסט. מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט איר גלייך אונטערגערוקט אונטער דער נאָז צו פאַרבייסן:

— פאַרבייסט גיכער!

נאָכדעם האָט מאָסיו ראַבינאָוויטש שוין אָנגעגאָסן פיר גלעזלעך און בלומע האָט אויטאָמאַטיש גלייך מיט אַלעמען צום צווייטן מאָל דאָס גלעזעלע אין האַנט גענומען און אַלע פיר האָבן זיך צעקלאַפּט מיט די גלעזלעך (דאָס אַלץ האָט מאָסיו ראַבינאָוויטש געקאָמאַנדעוועט) און געטרונקען לחיים, און אויסגעטרונקען דאָס צווייטע גלעזל, איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז בלומע האָט זיך געביטן, אַז זי איז אַריינגעפאַלן אין אַן אַנדערער שטימונג. אין די אויגן האָט אויפגעשיינט אַ פריילעכער לעבעדיקער גלאַנץ און די באַקן האָבן זיך צעפלאַמט.

די אַלטע האָט פיין אַריינגעריבן. זי האָט געאַרבעט אויף ביידע באַקן און די אייגעלעך אירע זענען אַרומגעלאָפן איבער די טעלער מיט זשעדנעקייט פון אַן אויסגעהונגערטער חיה.. זי האָט געוואָרפן מיט די אייגעלעך און נישט געוווּסט, וואָס פריער צו כאַפּן פאַר זיך, און געכאַפּט, וואָס גיכער אַריינגעפּרעסן, נישט אַזוי פון הונגער, ווי צוליב דעם ס'זאָל ווערמען נישט אַנקומען מער ווי איר...

בלומע האָט דאָס אַלץ געזען און באַמערקט, אָבער אַ דאַנק די צוויי ביסלעך געשמאַקן זאַפּטיקן שטאַרקן ליקער, האָט זיך גלייך עפּעס

געענדערט דאָרטן אין איר אינערלעכן מוח־אַפּאַראַט און ס'האָט זיך עפּעס אַזוי דאָרטן פאַרדרייט, אַז איר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט זי זעט עס אָט דאָס, וואָס זי זעט, נאָר אַז זי געדענקט עס... אַ זאַך אַ פאַרגאַנגענע... זי איז געזעסן בײַ אַ פרעמדן טיש, מיט אַ פרעמדן מאַן, אַ פרעמדער מאַמע און אַ פרעמד קינד... ס'הייסט, ס'איז טאַקע געווען איר מאַן, איר קינד, איר מאַמע, נאָר... פרעמד! מאָדנע פרעמד!...

— מאָסיו ראַבינאָוויטש!...

— יאָ, מײַן טײַערס. אפשר נאָך אַ קאַפּיטשקע?

זי האָט דאָס נישט געמיינט. זי האָט גאָרנישט געמיינט, גלאַט אַזוי זיך אַ זאָג געטון „מאָסיו ראַבינאָוויטש", געפילט אַן איבערלעכע באַדערפעניש אַ וואָרט צו לאָזן פאַלן, און נישט האָבנדיק וואָס ווייטער צו זאָגן, האָט זי צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, „יאָ", אַז זי וויל נאָך אַ קאַפּיטשקע.

מאָסיו ראַבינאָוויטש איז געווען אויפן זיבעטן הימל. אָט מיט דער גאַנצער באַשיידנקייט זײַנער איז ער דאָך גערן געווען, אַז ס'זאָל זיך איר פאַרדרייען דאָס קעפּל, און דאָס אַליין פאַר זיך איז שוין עפּעס אַ געווינס פאַר אים... ער האָט קיין שלעכטס נישט געטראַכט, אָבער דאָך וואָלט ער גאַנץ צופרידן געווען, ווען פון איר זײַט וואָלט זיך עפּעס געוויזן... ער האָט נישט געטראַכט אין וואָס פאַר אַ פאָרמע און נישט קאָנטראָלירט די פאַרלאַנגען זײַנע ביזוואַנען וואָלט ער געוואָלט זאָל עס דערגרייכן... שוין אין דעם רוף, וואָס זי האָט אים געגעבן, אין דעם אַליין האָט ער שוין געשפּירט עפּעס אַ צוזאָג, עפּעס אַ דערנענטערונג צו זיך...

— גיט איר נישט! — האָט די אַלטע געוואָרנט, — זי וועט שכּור ווערן. זי איז אַזוי אויך געניג צעדרייט.

בלומע האָט מיט איינמאָל איבערגעקערט דאָס גלעזעלע בראָנפן און האָט זיך אַזוי מאָדנע קינדעריש אַ קרים געטון צו ראַבינאָוויטשן און אים איז דאָס אַזוי געפעלן געווען, אַז ער האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער און אַ פּאַטש געטון מיט די הענט:

— בראַוואָ! בראַוואָ! בראַוואָ!

די קליינע האָט זיך אַזוי מאָדנע ערנסט, מיט דער ערנסטקייט פון אַ גרויסער, פאַרקוקט אויף דער שוועסטער און געזעען, אַז מאָסיו ראַבי־

נאָוויטש גיט איר, דער שוועסטער, אַפּ צופּיל אויפמערקזאַמקייט, האָט זי זיך אים אַרויפגעכאַפּט אויף דער שויס און געקוקט אויף בלומען פאַר־ריסן און נצחונדיק. און דאָ איז געשעען עפּעס אומדערוואַרטס: בלומע האָט זי פּלוצלינג געגעבן אַ שלעפּ אַראָפּ פון מאָסיו ראַבינאָוויטשס שויס און האָט זיך אַליין באַזעצט אויף איר אָרט. די קליינע איז געשטאַנען אַ לענגערע צייט און שטאַרק באַוווּנדערט די גרויסע שוועסטער, וואָס האָט איר פּלאַץ פאַרנומען, און פּונקט אַזוי ווי זי האָט אים געהאַלטן אַרומ־גענומען מיט אַ האַנט אַרונטער, פאַרלייגט אַרום זיין האַלז און נאַקן, אַזוי האָט די שוועסטער אים געהאַלטן. זי האָט אויך אַ קוק געוואָרפן אויף דער מוטער: וואָס וועט די מוטער זאָגן אויף דעם? און ענדלעך אויסגעשריגן:

— מאַמע!!!

— אַ, ס'פאַרדריסט דיך, דו קליינע שעלמאַ דו, ס'פאַרדריסט דיך!... — האָט מאָסיו ראַבינאָוויטש זיך גערייצט מיט דער קליינער, און איינצייטיק איז געווען צו דערקענען, אַז ער ווייסט נישט, ווי זיך צו באַנעמען צו דער נייער זיצערין, וואָס האָט זיך באַזעצט אויפן שויס אויף זיינעם... ער האָט זיך געפילט זייער אומבאַהאָלפן און האָט ווי ווייט מעגלעך אויסגעמיטן איר אַ קוק צו טון אין פּנים אַריין... ער האָט נישט געוווּסט (ס'הייסט געפילט האָט ער) צי זאָל ער זיך באַנעמען צו איר, ווי צו דער קליינער צי?... און אַזוי נישט געטראַכט, האָט ער זי אַ העצקע געטון אויפן פוס און איר אַריינגעקרייעט אין אויער אַריין:

— קוקורעקו!!

זי האָט אויסגעשאָכן מיט אַ געלעכטער, די קליינע. אָבער דאָך האָט זיך געפילט פאַרדראָס אין דעם געלעכטער אפילו. זי האָט זיך אָן אָנגעבלאָזענע אָפּגערוקט צו דער מוטער און אַרויפגעלייגטביידע הענט־לעך אויף דער מוטערס אַקסל, האָט זי איר אַזוי אַרום רוען נישט גע־לאָזט, זי געטאַרקעט, עפּעס געמורמלט אָן וווּרטער. די אַלטע אָבער איז געווען גאַנץ גלייכגילטיק צו דער גאַנצער געשיכטע... ס'האָט זי אַבסאָלוט נישט אינטערעסירט ווער ס'זיצט אויף מאָסיו ראַבינאָוויטשעס שויס... זי האָט זיך פאַר זיך זייער גוט געפילט און זי האָט שטיל אַריינ־געזוונגען דער קליינער אין פּנים אַריין:

„זענען מיר געגאַנגען זעמעלעך קלויבן, זעמעלעך קלויבן, האָבן מיר באַגעגנט אַ מויד. מויד, דו מויד, מויד וואָס דו גיסט ? מויד ביט איר צאָפּ, מוידס צאָפּ, הינדיקס קראָפּ, הונס איי, האָנס קריי, זעמעלעך צוויי, זעמעלעך צוויי".

— בראַוואָ, בראַוואָ ! — האָט געפּאַטשט און געשריגן מאָסיו ראַבינאָוויטש, און אַ העצקע געטון בלומען אויפן פּוס, האָט ער אונטערגעכאַפּט דער אַלטערס לידל :

„זענען מיר געגאַנגען זעמעלעך קלויבן, האָבן מיר באַגעגנט..."

— מ-מ-מ ! — האָט שרהלע געשטורכעט די אַלטע און געמרוקעט און די אַלטע האָט איר גוטמוטיק, פון אייגענעם גוט זיך פילן, גע-ענטפערט :

— ש-ר-ר-ר.

— איך וויל שלאָפן ! — האָט די קליינע אַ שפּרונג געטון און דערביי אַ גיפטיקן קוק געוואָרפן אויף דער שוועסטער.

די אַלטע האָט זי געשיקט צו מאָסיו ראַבינאָוויטשן און האָט גע-זאָגט, אַז עס איז שוין דאָרטן געבעט דאָס בעט און שרהלע האָט זיך אַ וואָרף געטון :

— איך וועל היינט נישט שלאָפן מיט מאָסיו ראַבינאָוויטשן !

איבער עפּעס, און אפשר דערפאַר, וואָס באַ אים אויף דער שויס איז בלומע געזעסן, צוליב דעם אפשר האָט זיך מאָסיו ראַבינאָוויטש נישט הערנדיק געמאַכט וועגן דעם גזר, וואָס שרהלע האָט אַרויסגעגעבן אויף אים... אַ געפּיל, אַז ער קאָן נישט רעאַגירן אויף דעם אין דער צייט, ווען באַ אים אויף די הענט זיצט... סיי-ווי, צי זי זיצט באַ אים אַלס קינד אָדער אַלס פרוי, האָט ער עס געמוזט דורכלאָזן און זיך נישט מאַכן הערנדיק. בלומע האָט אים אָבער אויף דעם אויפמערקזאַם געמאַכט :

— נו, ס'אַרט אייך גאָרנישט, הא ?

און האָט אים אַריינגעשניטן אַ טיפן בליק אין פּנים אַריין : אַ, ס'איז זיין גליק, וואָס ער דערלויבט זיך גאָרנישט... וואָלט ער זיך נאָר עפּעס-וואָס דערלויבט, וואָלט זי אים אַריינגעכליאַפּעט אין באַק אַריין, אַז ער וואָלט זי שוין געהאַט צו געדענקען... אָבער ער האָט זיך גאָר נישט דערלויבט, און דאָס האָט זי ווידער געקרענקט און באַליידיקט.

— גיט מיר נאָך אַ ביסעלע בראָנפן! — האָט זי באַפוילן ראַבי־נאָוויטשן.

— גיט איר נישט! — האָט די אַלטע געזאָגט.

— וואָס? האָסט מורא, ס'וועט פאַר דיר נישט בלייבן? — האָט בלומע געענטפערט, און פלוצלינג זיך צעלאַכט און געזאָגט צו ראַבינאָ־וויטשן: — איר ווייסט, אַז אין אַ חודש אַרום איז באַ שרהלען נאָכ־אַמאָל אימעניניעס?

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט זיך צעלאַכט:

— וואָס־זשע, זי איז צוויי מאָל געבוירן געוואָרן?

— נו, ס'איז אייער מזל, וואָס די מאַמע איז נישט קיין הון. ווײַ־טער וואָלט איר געמוזט פראַווען צוויי מאָל אימענינעס אין יאָר: איין מאָל, ווען זי האָט דאָס איי געלעגט, און דאָס צווייטע מאָל, ווען שרהלע האָט זיך אויסגעפּיקט פונם איי.

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט זיך צעזונגען:

— זענען מיר געגאַנגען זעמעלעך קלייבן, זעמעלעך קלייבן, האָבן מיר באַגעגנט אַ הון, הונס איי, האָנס קריי...

— אייער קריי! — האָט בלומע אַ זאָג געטון.

— נו, און וואָס וועט איר מיר געבן? — האָט ראַבינאָוויטש באַ בלומען געפרעגט.

— זי קאָן אייך געבן אַ קריי... — האָט די אַלטע איר אַריינגע־שטאָכן...

בלומע האָט פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אויף ראַבינאָוויטשעס אַקסל און האָט זיך צעכליפּעט...

אַ ווײַנענדיקע, אַן אויפגערעגטע, איז בלומע אַריינגעלאָפן צו מאָסיו ראַבינאָוויטשן אין צימער און האָט זיך דאָרטן אַנידערגע־וואָרפן אויף דער סאָפע מיטן פּנים אַראָפּ. שרהלע האָט לאַנג נישט געטראַכט, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך, אויסגעטון דעם יום־טוב און איז אַריינ־געשפרונגען אין ראַבינאָוויטשעס בעט אַריין... און... האָט זיך צעלייגט ווי אַ באַלעבאָסטע, ווי אַ ווײַבעלע, מיט אַ גוט בצחונדיקן געפיל, וואָס זי ליגט אין בעט, און די שוועסטער — אויף דער סאָפקע... כאָטש זי

האָט געוווּסט, אַז די שוועסטער קאָן נישט ליגן מיט מאָסיו ראַבינאָוויטשן, ווייל זי איז אַ גרויסע, און פונדעסטוועגן האָט זי נישט געוואָלט איינשטעלן, ווייל... הייגטיקן אָוונט פירט זיך די שוועסטער אַנדערש אויף... פריער זיך געבלאָזן, דערנאָך זיך באַזעצט באַ מאָסיו ראַבינאָוויטשן אויפן שויס, און נאָכדעם האָט זי זיך צעוויינט... איז איבער דעם אַליין האָט שוין די קליינע מורא געהאַט איר צו פאַרטרויען און האָט זיך באַצייטנס אַריינגעכאַפּט צו ראַבינאָוויטשן אין בעט אַריין.

געלעגן איינס אַנטקעגן דעם אַנדערן, די קליינע אין בעט, די גרויסע — אויף דער סאָפע, און דער אַלטער, בייכיקער בחור האָט זיך אַרומגעדרייט צווישן ביידע, און איבער דער גרויסער נישט געקאָנט גיין אין בעט אַריין צו דער קליינער, און זי, די קליינע, האָט אים נישט געלאָזט אָטעמען:

— מאָסיו ראַבינאָוויטש, קומט שוין שלאָפן!

— באַלד, באַלד, — האָט ער געזאָגט צו איר, און אַליין נישט געוווּסט, ווען דער באַלד קאָן אַרויסקומען, ווייל דאָס האָט זיך אינגאַנצן געווענדט אָן בלומען. און זאָגן איר, זי זאָל גיין דאָרטן, צו זיך אין בעט אַריין שלאָפן, האָט ער איבער עפּעס נישט געקאָנט... ער האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טראַכטן וועגן איר... צי האָט זי מיט עפּעס אַ מיין אַריינגעכאַפּט זיך צו אים אין צימער, צי זי האָט גאָר נישט געטראַכט... אויב מיט עפּעס אַ מיין, איז אוודאי פעלט אים דאָ שרהלע, ווי אַ פינפט ראָד צום וואָגן. און אויב אַזוי גלאַט זיך איבער אַ פשוטן קאַפּריז, איז זי אים דאָך, די גרויסע, איבעריק... און טאָמער ווערט זי גאָר אַנטשלאָפן? ... וועט אַנטשלאָפן ווערן, און ער וועט פאַרבלייבן און נישט וויסן וואָס און ווען..

ער האָט זי רוען נישט געלאָזט, אַמאָל געפרעגט באַ איר איין זאַך, אַמאָל אַ צווייטע:

— געבן אייך אַ ביסל וואַסער, בלומע?

— אייך דרייט זיך דער קאָפּ, בלומע?

און די קליינע האָט אים געשלעפט און געריסן באַ די פּאָלעס:

— אַי, קומט שוין שלאָפן!

זי איז געלעגן רחבותדיק צעשפּרייט, די קליינע. דאָס אייבערשטע האַלבע גופל האָט אַרויסגעשטעקט פון דער קאָלדרע, מיט די [illegible]עטע

הענטלעך און מיט די צעפלעך אויפן קעפל, וואָס זענען געווען אַרומגעפלאָכטן אין אַ קרענצל. זי האָט אפילו די רויטע סאַמעטקע נישט אַראָפּגענומען פון שטערנדל, נאָר אַזוי, מיט דעם יום־טובדיקן קעפל, זיך אַריינגעוואָרפן אין בעט אַריין און זיך געפילט אַזוי יחוסדיק, האַנאַריסטע און געקוקט אויף דער שוועסטער פון אויבן אַראָפּ, ווי עס קוקט אַמאָל אַ חייבעלע, וואָס ווייסט, אַז זי האָט גרויס וועדט, און עס אַרט זי נישט, ווען זיינס אַ געליבטע פון פריערדיקע יאָרן קומט צו אים... פאַרקערט, זי פילט גאָר עפּעס הנאה דערפון...

— וואָס ליגט איר זיך נישט שלאָפן, מאַסיו ראַבינאָוויטש? — האָט זיך פון צייט־צו־צייט געלאָזט הערן דער אַלטערס קול. — וואָס קוקט איר דאָרטן אויף איר?...

גאָר אַ קלייניקייט: נישט קוקן אויף איר... גיי לייג זיך מיט דער קליינער, ווען די גרויסע ליגט אַנטקעגן... ס׳איז אים אַזוי פריקרע געווען, אַזוי מאָדנע פריקרע. און זאָגן דער קליינער, אַז זי זאָל פאַרלאָזן דאָס בעט, דאָס האָט דאָך אוודאי און אוודאי נישט געטויגט... ער האָט זיך איין מאָל און אַ צווייט מאָל אָוועקגעשטעלט אויף דער שוועל פוןביידע צימערן און הילפלאָז געקוקט אויף דער אַלטער און די אַלטע האָט געהאַלטן אין איין גרעגערן:

- איר שעמט זיך פאַר איר? מ׳לעשט אויס דעם לאָמפּ און אויס, פּטור אַן עסק..

וואָס האָט די אַלטע געקאָנט באַגרייפן, וואָס אים דריקט דאָרטן? דאַכט זיך, וואָס איז דאָס אַזעלכעס אויסלעשן דעם לאָמפּ? נאָר ער וואָלט מיט אַ גרינגער האַרץ געקאָנט אַרויסגיין מיט אַ לאַפּעטע אינדרויסן און שאַרן דעם שניי, איידער אויסלעשן דעם לאָמפּ... אַ קלייניקייט נו, אַרויסלעשן דעם לאָמפּ, זי לאָזן ליגן אין דער פינצטער, אַנגעטון, נישט חייסדיק, צי זי שלאָפט יאָ, צי זי שלאָפט נישט, און אַליין הינטער איר גאָז אַראָפּוואַרפן די הויזן און זיך באַלייגן מיט דער קליינער...

— זי וועט זיך איבערליגן, ס׳וועט איר מסתמא באַלד איבערגיין.

און אַז ס׳איז אַריבערגעגאַנגען דער „באַלד“, און נאָך עטלעכע „באַלדן“, וואָס יעדער איינציקער פון זיי האָט געדויערט צען און פינפצען מינוט, האָט די אַלטע גערעדט צו אים און אַזוי געזאָגט:

אַמער ווייסט איר וואָס? לאָזט זי דאָרטן איבער און גייט לייגט

זיך דאָ באַ איר אין בעט... ווייל וואָס וועט איר טון, אַז זי וועט אַזוי אָפּליגן אַ גאַנצע נאַכט?

דער פּלאַן איז געווען נישט קיין שלעכטער, און דאָך זיך גוט מאַכן מיט דעם נישט שלעכטן פּלאַן האָט ער נישט געקאָנט... אָט ווי ער איז נישט געווען קיין איבערגעשפּיצטער, האָט ער בחוש פאַרשטאַנען, אַז ער קאָן אַזעלכעס נישט טון, אַז ס'וועט עפּעס זיין אַ באַליידיקונג פאַר איר, ווען ער וועט זי פּלוצלינג אָט אַזוי אָ ווי ער שטייט און גייט אין אַזוי ווי זי ליגט אויסגעצויגן, אַז ער וועט נעמען און זי פאַרלאָזן... אפשר פילט זי זיך עפּעס נישט גוט... אפשר בייטיקט זי זיך אין אַ גוט וואָרט.

— נו, און וואָס וועט זיין מיט דער קליינער? — האָט ער אַ פרעג געטון.

— די קליינע וועט איר אַריבערנעמען אַהערצו.

ניין, ס'איז געוואָרן ערגער, ס'האָט אַלץ ערגער נישט געטויגט... הייסט עס, זי לאָזן אַליין באַ זיך אין צימער... פאַרנעמען מיט זיך די קליינע...

— קומט שוין שלאָפן! — האָט די קליינע שוין גערופן מיט אַ וויינענדיק קול.

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט אַרומגעשטעקט די קליינע מיט דער קאָלדרע. ער האָט עס געטון ווי אַ טאַטע און מיטן זעלבן מאַניער ווי אַ מאַן דעקט צו זיין ליב, צאַרט ווייבעלע... אין זיין אַלט-בחורישן וועזן האָט זיךווירקלעך געצאַפּלט אַ צווייענדיק געפיל, ווייל אַ דאַנק אָט דעם צושטאַנד, אין וועלכן ער איז אַריינגעפאַלן, האָט זיך דערוועקט אין אים אַ בענקשאַפט צו ביידע, אי צו אַ ווייבל, אי צו אַ קינד... די לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, איז שוין גאָרנישט געווען ענלעך נישט אויף קיין בחורישער און נישט אויף קיין שכנשער... ער איז געבליבן אַן אַן אָרט, ווו דעם קאָפּ אָנצושפּאַרן, ווי אַן אייגענער מענטש, ווען ער פאַרקאַכט עפּעס אין שטוב צווישן אייגענע... ווער עס האָט דאָס גליק (אָדער דאָס אומגליק) צו האָבן אַ ווייב מיט אַ שוויגער און מיט אַ קינד... יאָ, עפּעס ענלעכס האָט זיך געפלאָנטערט אין זיין מוח. ער איז דאָך אויך נישט אינגאַנצן ניכטער געווען... ער האָט זיך אָבער אויף אַ ווײַלע

נישט געקאָנט קאָנצענטרירן, ווער ס'קאָן דאָ זײַן די שוויגער און ווער דאָס ווײַב.. פֿון אַלע דרײַ איז גאָר געלעגן די קלײנע בײַ אים אין בעט... די גרויסע האָט זיך דאָ באַלייגט אַקעגן, און יענע דאָרטן, די אַלטע, האָט אים גערופֿן ער זאָל זיך לייגן בײַ בלומען אין בעט, וואָס געפֿינט זיך קעגן דער אַלטער... ווער ווייסט, אפשר... אפשר מיינט זי אויך עפּעס...

אײַנגעדעקט די קלײנע, האָט ער זיך גלײַך אויסגעדרייט און זיך אַוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער גרויסער:

— בלומע, איר שלאָפֿט?... אפשר וואָלט איר אַריבערגעגאַנגען צו מיר אין בעט, און איך וואָלט זיך דאָ געלייגט אויף דער סאָפע?...

ער האָט זיך איבערגעבויגן און איר געקוקט אין פּנים אַרײַן און געזען, אַז זי האַלט פֿאַרמאַכט די אויגן, האָט ער נישט געוווּסט, צי זי שלאָפֿט, צי נישט, צי זי הערט, צי נישט.

— איך וועל אויסלעשן דעם לאָמפּ, בלומע, און איר וועט זיך אויסטון און זיך לייגן בײַ מיר אין בעט, און איך וועל זיך לייגן דאָ אויף דער סאָפקע.

בלומע האָט זיך געגעבן אַ דרײַ אויס, געבליבן ליגן מיטן פּנים אַרויף, פֿאַרשטעלט די אויגן און דאָס פּנים מיט די הענט, אָפּגעשפּיצט אַן עלנבויגן אין איין זייט, אַן עלנבויגן אין אַ צווייטער זייט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זי געענטפֿערט און געזאָגט:

— איר קאָנט זיך לייגן... איך וועל נישט קוקן צו אײַך... איר קאָנט זיך אויסטון... איך וועל דאָ ליגן אַ ביסל... איך קאָן איצט נישט גיין אין בעט אַרײַן... דאָ איז בעסער... אפשר שפּעטער בײַנאַכט וועל איך אַריבערגיין צו זיך אין בעט.

— אפשר אַ שטיקל זויערע אוגערקע?

— אָבער וואָס אַרט אײַך פֿאַר מיר?... לאָזט מיך אַזוי... וואָס אַרט אײַך, אַז איך בין אַ ביסל שיכּור?... איך וויל זײַן אַ ביסל שיכּור... איך שטער אײַך דען?... אַז איך זאָג אײַך, אַז איך וועל צו אײַך נישט קוקן... לעשט אויס דעם לאָמפּ, וועל איך דאָך במילא גאָרנישט קאָנען זען. . .

זי איז געלעגן אויסגעצויגן ווי אַ סטרונע, דאַר און שמעליק אַרי־בערגעוואָרפן אַ פוס איבער אַ פוס... הינטער די פאַרמאַכטע און מיט די הענט פאַרשטעלטע אויגן האָט זי דאָך געשפּירט ווי ס׳שטייט געדיכט און שאָטנדיק לעבן איר מאָסיו ראַבינאָוויטש, מיט היימישקייט און מיט נאָענט־קייט פון אַן אייגענעם, פון... אַ טאַטן, אָדער... פון אַ מאַן... ס׳איז אָנגענעם געווען, און איינצייטיק פאַרדראָסן, וואָס ער איז איר נישט דאָס און נישט יענץ... ער איז דאָך זייער אַ ווילער און זייער אַ צוגע־לאָזטער, אָט דער מאָסיו ראַבינאָוויטש... נאָר וואָס דען? פאַרוואָס פילט זיך עפּעס אַזאַ זיכערע און פעסטע אוממעגלעכקייט?... ווייל זי וויל דאָס נישט?... צי וויל זי מיינט, אַז ער וועט נישט וועלן?...

— גייט, לייגט זיך, מאָסיו ראַבינאָוויטש!...

מאָסיו ראַבינאָוויטש האָט געפילט אין איר טאָן צאַרטקייט און ווייכקייט. זינט ער איז דאָרט אַ שכן, האָט ער נאָך נישט געהערט זי זאָל רעדן צו אים מיט אַזאַ טאָן...

די קליינע, וואָס איז די גאַנצע צייט געלעגן און געקוקט אויף אים ווי אַ ווייבעלע נאָך דער חתונה און געפּאָדערט פון אים ער זאָל זיך גיין מיט איר לייגן שלאָפן, האָט אָנגעהויבן צו שליסן די אייגעלעך און ס׳האָט זיך פלוצלינג דערשפּירט ווי ס׳האָט זיך אַריינגעכאַפּט די נאַכט־שפּעטקייט מיט איר שטילקייט און רויקייט.

מאָסיו ראַבינאָוויטש איז געשטאַנען צווישן בעט און סאָפע, צווישן דער קליינער און דער גרויסער, און געפילט, אַז ער שטייט קוים איין אויף די פיס. געקוקט אויף בלומען, און איז שטאַרק גערן געהאַט צו וויסן צי זי שלאָפט. ווען ער וואָלט געוווסט, אַז זי שלאָפט, דאַן איז אַלץ גע־לייזט, טוט ער זיך אויס און לייגט זיך שלאָפן... ווי זשע אָבער איז, אַז זי שלאָפט נישט?

זי האָט פלוצלינג אַראָפּגענומען די הענט פון איר פּנים און אויף אים אַ פאַרטראַכטן, לאַנג־דויערנדן קוק געוואָרפן און איינצייטיק האָבן זיך די ליפּן אירע שמייכלענדיק פאַרקרימט.

— וואָס שטייט איר, וואָס?

— וווּ זאָל איך זיך זעצן? — האָט ער געפרעגט...

זיין הילפלאָזיקייט און באַשיידנקייט האָט זי טרויעריק גערירט...

זי האָט אויף אים גרויס רחמנות געקריגן און אין דעם מאָמענט דער־פילט, אַז ער איז איר אַ נאָענטער מענטש, זי האָט אים אָנגעוויזן ער זאָל זיך זעצן לעבן איר.

ווען ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר, האָבן זיך די אויגן א־רע פאַרצויגן מיט אַ פאַרחלומטער מאַטקייט און מיט עפּעס אַ טיף־געבראָכענער צניעות, וואָס האָט אויפגעוואַכט אין איר אַזוי גלייך ווי ער האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן איר... אַ מאָדנער אינטערעס פון אָרנסט־לעכקייט איז אויסגעוואַקסן בא איר, ווען ער האָט מיט זיך און מיט זיין זיצן באַרירט זי מיט איר ליגן, און מאָדנע, וואָס גראָד אַט דער צו־שטאַנד האָט אַרויסגערופן בא איר אַ פאַנטאַסטישן געדאַנק אויסצוטראַכטן אויף זיך אַזעלכעס, וואָס אַן אַנדערע, ווייט נישט אַזאַ צנועה ווי זי, וואָלט קיינמאָל אַזעלכעס נישט איינגעפאַלן... זיך אַרומגעקוקט און זיך איינגעהערט און אַוועקגעשטעלט דעם בליק אירן אויף שרהלען, האָט זי אָפּגעזיפצט און געזאָגט:

— איך וואָלט שוין געקאָנט האָבן אַ גרעסערע טאָכטער פון איר. . .

און דערציילט, און כמעט אַליין געגלייבט אין איר דערציילן, אַז זי האָט מיידלווייז אַ קינד געהאַט און אַז זי גייט אַלע יאָר אויפן קבר, ווו דאָס עופהלע אירס איז באַגראָבן געוואָרן... ווי אַזוי קיינער ווייסט נאָך נישט פון דעם ביז היינטיקן טאָג און זי טראָגט אַליין די גרויסע ווייטיק אין איר האַרץ...

זי האָט זיך צעוויינט שטיל און רירנד, און מאַסיו ראַבינאָוויטש, צוזאַמען מיט דעם מיטלייד, וואָס ער האָט דערפילט צו איר, האָט איינצייטיק אַ דאַנק דעם, וואָס זי האָט דערציילט, דערפילט אַ ליידנשאַפטלעכן באַגער צו איר, מיט אַ מעגלעכקייט דעם באַגער צו־פרידנצושטעלן, אַ דאַנק, ווידער אַמאָל, דעם זעלבן, און האָט זיך גלייך אָנגעהויבן באַנעמען אַנדערש צו איר... עפּעס אַזוי צוזאַמען ווי ער האָט זי געגלעט אויס מיטלייד צו איר, האָט ער זיך אָנגעהויבן צוטוליען צו איר אַלץ ענגער און ענגער. די אומגליקלעכע, ליידנדע פרוי האָט אָבער נאָך אַלץ גאָרנישט פאַרדעכטיקט. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט גאָר פּלוצ־לינג אויסגעלאָשן דעם לאָמפּ און האָט זיך ערשט פונדאָסניי באַזעצט

הערט לעבן איר, האָט זי זיך גלייך געכאַפּט וואָס ער מיינט און האָט היסטעריש אויסגעשריגן:

— דעם לאָמפּ צינדט אָן! דעם לאָמפּ! דעם לאָמפּ! דעם לאָמפּ!

ער האָט זיך צעוויינט און צעלאַכט.

דער סוד

אין איינעם אַ שטעטל איז מיט גרויס־שטעטיקן קנאַק געקומען זיך שטעלן צום „פּריזיוו" אַ יונגערמאַן פון אַ גרויסער שטאָט, אַ נכתּב פון דעם קלײנעם שטעטל, און האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ זײַנס אַ פעטער. דאָס שטעטל האָט געקענט די עלטערן זײַנע, פײַנע עלטערן, און דערצו האָט ער אַלײן אויך געמאַכט זײער אַ פײַנעם אײַנדרוק מיט זײַן אויסערלעך אויסזען. אַ חוץ זײַנע פײַנע גרויסשטעטישע מאַניערן איז ער געגאַנגען זײער שײן אָנגעטאָן, און וואָס ס'איז קענטיק געווען, אַז ער איז אַ גרויסער פּאַרדינער. דערפאַר, האָט דאָס שטעטל אָפּגעשאַצט, דאַרף ער נעמען, אויב ער וועט זיך נאָר באַפרײַען, טויזנט רובל נדן, און אַזעלכע, וואָס האָט פּאַרמאָגט (אָדער וואָס איר טאַטע האָט פּאַרמאָגט), איז אין שטעטל געווען, און אויך אַ פײַן מײדל פון פײַנע עלטערן, און דערפאַר האָט מען אָנגעהויבן שמועסן, אַז צווישן דעם פּאָרל קאָן און דאַרף געשלאָסן ווערן אַ שידוך.

דערווײַל האָט זיך דער יונגערמאַן באַקאַנט מיט אַן אַנדער מײדל, און גראָד מיט אַזעלכער, וואָס האָט יענע אַלע מעלות נישט פּאַרמאָגט. מ'האָט אים עטלעכע מאָל באַמערקט מיטן מײדל אין הינטערגעסלעך, דאָרט, וווּ עס זענען געגאַנגען ווײניק מענטשן און ס'זענען געשטאַנען פיל בײמער.

דער יונגערמאַן האָט קײן „לגאָטע" נישט געהאַט — דאָס האָבן אַלע געוווּסט. נאָר צי האָט ער עפּעס אַ חסרון — דאָס האָט מען נישט געוווּסט. דער פעטער זײַנער — אַ פעסטער ייד אין געזונט, פעסט אין

פרנסה און האָט שוין צוויי זין געשטעלט צום „פריזיוו“ אוןביידע זענען צוליב געמאַכטע חסרונות באַפרייט געוואָרן, — האָט אים, דעם פלימעניק, דעם ערשטן טאָג, וואָס ער איז געקומען, געפרעגט: צי האָט ער עפּעס? און אַז דער פלימעניק האָט געענטפערט מיט אַ שמייכל, אַז גאָרנישט, האָט אים דער פעטער ווילד אָנגעקוקט: ווי פאַרט עס אַ יונגאַטש אָן אַ „לגאָטע“ צום פריזיוו, אָן אַ ברעקל חסרון?

און אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען אויף די דעכער איז פון באַנאַכט אַ ווייסער שניי געלעגן און די ערד איז געווען בלאָטיק און שוואַרץ, האָט זיך דער פעטער מיטן פלימעניק אויפגעזעצט אויף אַ פור און זענען אַוועקגעפאָרן. קיינער האָט נישט געוווסט וווהין, נאָר מ'האָט פאַרשטאַנען נאָך וואָס...

אין אַ טאָג צען אַרום איז דער יונגערמאַן געקומען צו פאָרן. עס איז אים גאָרנישט געווען צו דערקענען: אַ בלאַסער, אַ געלער, אַ צעקאָטשמעטעטער און האָט איינגאַנצן אויסגעזעען, ווי ער וואָלט ערגעץ אַ לאַנגע צייט אונטער אַ באַרג שמאַטעס געלעגן... און כאָטש קיינער האָט נישט געוווסט, וואָס אַזעלכעס ער האָט זיך געטון, איז דאָך יעדער געווען איבערצייגט, אַז ער וועט שוין קיין סאָלדאַט נישט זיין. און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס דער יונגערמאַן האָט שוין אויף זיך קיין פנים נישט געהאַט, איז מער ענלעך געווען אויף אַ מת, ווי אויף אַ לעבעדיקן מענטש, האָט מען דאָך איצט געוווסט, אַז ער וועט באַקומען דאָס פיינע מיידל פון די פיינע עלטערן מיטן פיינעם נדן.

ביזן פריזיוו איז נאָך געבליבן אַ פאָר וואָכן און צווישן די „לגאָטניקעס“ איז שוין געווען אָפגערעדט: טאָמער גיט מען איינעם פון זיי אָפּ, וועלן זיי אים מסרן. דערווייל האָט מען דעם בחור אינדרויסן נישט געזעען. און עפּעס האָט זיך אָנגעהויבן אַרומטראָגן אַ שטילער קלאַנג, אַז עס האַלט מיט אים זייער נישט גוט... ער האָט זיך געמאַכט אַ צו־ערנסטן פעלער. וועלכן? — דאָס האָט קיינער נישט געוווסט. און אַלע האָבן עס געוואָלט וויסן. דער פעטער האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז און אָן דער נאָז האָט מען דערקענט, אַז מיטן פלימעניק איז גאָרנישט פריילעך...

אין איינעם אַ טאָג איז געקומען צו פאָרן אַ ייד אין אַ טכוירע־

נעם פעלץ און אין אַ הויכן קאַראַקול־היטל. דאָס איז געווען דעם יונגנמאַנס פאָטער. שפּעטער מיט אַ פּאָר שעה האָט מען פון דער נאָענ־טער קרייז־שטאָט אַראָפּגעבראַכט אַ דאָקטאָר, וועלכער איז דאָרט אָפּגע־זעסן גוטע אַנדערטהאַלבן שעה. קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס דער דאָקטאָר האָט געטון. נאָר געשפּירט האָט יעדער, אַז דאָרט האַלט עס שוין מיט אים זייער שמאָל.

איוף צוויי וואָכן — ס׳הייסט די צוויי וואָכן, וואָס די „פּריסוטסטווע״ איז געזעסן, — האָט מען אָן קראַנקן כמעט ווי פאַרגעסן. מ׳האָט נאָר געדענקט, אַז צווישן די אַלע אויסגעבליכטע, אָפּגעצערטע יידישע יונגע־לייט פעלט איינער, וואָס האָט צוגעשטעלט אַ צייגעניש, אַז צוליב זיין קרענק קאָן ער נישט קומען צום פּריזיוו.

עס האָט זיך געראַשט און געטומלט, ווי תמיד אין דער צייט פון פּריזיוו. דער מאַרק איז געווען פול פון פרעמדע און היימישע יידן און גויים. לעבן דער גרויסער טונקל־גרויער שטוב, ווו די „פּריסוטסטווע״ איז געווען, האָט געווימלט פון מענטשן און פון צייט־צו־צייט האָבן זיך גע־לאָזט הערן אויסגעשרייען און פייפערייען. די צוויי־דריי ביר־שענקען זע־נען פול געווען מיט ליצאַרעמדיקע פויערים. געווען אויך אַזעלכע הייזער, וואָס פאַרגעמען זיך נישט אַ גאַנץ יאָר מיט דער טומלדיקער פּרנסה, נאָר אין דער צייט פון פּריזיוו, ווערן דאָרט באַהאַלטן שענקלעך און די שענקלעך געפינען זיך בא די באַלעבאַטים אין די קעשענעס... די חיי־בער קאָכן פיש, באַקן חלה און בייגל, וואָס זענען מיט זייער בלאַסקייט ענלעך אויף מתים, און מיט אָט די „מתים״ אויסגעלייגט אין מולטערס, שטייען די קינדער אינדרויסן און רופן קונים.

די „פּריסוטסטווע״ האָט זיך געענדיקט. אַוועקגעפאָרן איז די „נאַטשאַלסטווע״ מיט גלעקער, צעפאָרן זענען זיך די פרעמדע פויערים, אָנגעזעצט צו אַכט־צען מענטשן אויף אַ פור, מיט אַ פריילעך געוויש און געפילדער, און מ׳האָט נישט געוווּסט, וועמען פון זיי מ׳האָט אָפּגע־געבן און וועמען נישט. אַלע זענען געווען שיכור, אַלע פריילעך און אַלע האָבן געזונגען. אומעטיק זענען אַוועקגעפאָרן די יידישע „פּריזיווני־קעס״. אפילו יענע, וואָס זענען באַפרייט געוואָרן, האָבן זיך אויך אָפּ־געהאַלטן פון פריילעכקייט און נישט געוואָלט אַרויסרופן בא די אָפּגע־

געבענע קיין קנאה צו זיך. אַנדערע, וואָס זענען נישט כשר באַפרייט געוואָרן, האָבן געוואָלט אומבאַמערקט פאַרשווינדן ווערן, מורא האָבנדיק פאַר אַ מסירהלע.

און געוואָרן איז אין שטעטל פוסט און אומעטיק, ווי אַ גאַנץ יאָר אין די וואָכעדיקע טעג. ווילנדיק, נישט ווילנדיק, איז אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט ווידער געווענדט געוואָרן אַהין, צו יענער שטוב, ווו דער קראַנקער פּריזיווניק איז געלעגן, און ווידער האָט מען אָנגעהויבן רעדן און טראַכטן וועגן די צוויי מיידלעך — וועגן יענעם מיידל מיטן פּיינעם נדן און פון די פּיינע עלטערן, און וועגן יענעם מיידל, מיט וועלכן מען האָט אים אַ סך מאָל געזען אַרומדרייען זיך אין די טונקעלע זייטיקע געסלעך. די לעצטע האָט זיך אַזוי געענדערט פאַר דער קורצער צייט, אַז ס'איז זי פּשוט נישט געווען צו דערקענען.

ענדלעך איז געקומען די שרעקלעך דערוואַרטעטע צייט און שרעקלעך איז זי געווען דערפאַר, וואָס דער יונגערמאַן האָט גראָד געקאָנט לעבן און נישט שטאַרבן, ווען ער וואָלט זיך דעם פעלער נישט געמאַכט. יעדערער האָט באַדויערט דעם פּריצייטיקן טויט פון דעם בליענד-שיינעם יונגנמאַן, באַדויערט דעם אומגליקלעכן פאָטער, וואָס האָט אַזוי געוויינט, אַז מען האָט געמיינט, ער וועט פון זינען אַראָפּ. בלויז דאָס מיידל פון די פּיינע עלטערן מיטן פּיינעם נדן האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי זיך צו האַלטן, ווייל איר האָט קנאַפּ-וואָס באַרירט דער טויט פון דעם יונגנמאַן. ס'האָט זי גאָר גערירט טאַקע דערפאַר, ווייל אַלע האָבן אים פאַרמאַסטן פאַר איר, און ער האָט זיך גאָר געמאָסטן צו אַ צווייטער... און וואָס אָנבאַלאַנגט אָט דער צווייטער, האָט מען זי גאָר אינגאַנצן נישט געזען אויף דער ליכטיקער שיין. אָבער דערציילט האָט מען, אַז זי ליגט גאָר איין די וועלט, אַז זי שלאָגט זיך ממש קאָפּ אָן וואַנט און פרומע יידן און ווייבער האָבן אפילו געזען אין דעם, וואָס אַ פרעמד מיידל באַוויינט אים אַזוי, אַ „זלזול המת“...

און פּלוצלינג האָט צענדליקער מענטשן איין געדאַנק דורכגענומען, אין איין מאָמענט האָט זיך דער געדאַנק איבערן שטעטל דורכגעטראָגן, גלייך ווי ער וואָלט געוואָלט, מ'זאָל זיך פון אים דערוויסן דווקא איצט, כל זמן דער מת איז נאָך נישט צו קבורה געבראַכט, גלייך ווי עס וואָלט נאָך מעגלעך געווען, כל זמן „יענער“ געפינט זיך דאָ אויף דער זינדי-

קער ערד, עפּעס צו פאַרריכטן. און שרעקלעך איז פון דעם געדאַנק געוואָרן, און געגלייבט האָט יעדער אין אים, אַזוי שטאַרק געגלייבט, גלייך ווי זיי וואָלטן עס מיט זייערע אויגן געזען. עס וואָלט מעגלעך געווען אַ צווייפל, ווען „צר" וואָלט געלעבט, נאָר ווייל ער איז געשטאָרבן, זענען אַלע געווען אין דעם זיכער. און טאַקע ווייל מ'וויל אויף אַ געשטאָרבענעם אַזעלכעס נישט גלייבן, האָט זיך עס יאָ געגלייבט. קיינער האָט אָבער קיין דרייסט נישט געהאַט צו רעדן דערפון, און קיינער האָט פאַרן צווייטן דעם געדאַנק נישט אַרויסגעזאָגט, און יעדער איינציקער האָט געמיינט, אַז נאָר אים אַליין איז דער געדאַנק איינגעפאַלן...

מ'האָט אים געבראַכט צו קבורה. דאָס גאַנצע שטעטל האָט געוויינט, און געפילט האָט יעדער, אַז דער געשטאָרבענער האָט נאָך זיך עפּעס איבערגעלאָזט אַזעלכעס, וואָס ווערט אין אַ צייט אַרום לאָזן דערמאַנען אין זיך. און אַלע זענען פאַרשטיגן געוואָרן מיט יענער שווייגעניש, וואָס מען באַמערקט, ווען מען דערוואַרט עפּעס שרעקלעכס. און מ'איז זיכער, אַז ס'וועט קומען אין דער באַשטימטער, דערוואַרטעטער צייט...

די מויד

איך וועל מיר דערלויבן אַ קורצע הקדמה צו דער קורצער דערציילונג, וואָס איך גיי דאָ געבן. „די מויד" איז אַ לעבעדיקער טיפּ, וואָס איז שוין פון מיר באַשריבן געוואָרן צוריק מיט אַ יאָר פינפצען, און איך וואָלט אָט די דערציילונג, ווי אַלע אַנדערע דערציילונגען, וואָס זענען פון מיר געשריבן געוואָרן אין יענע יאָרן, צורו געלאָזט. דאָ אָבער האָט געטראָפן אַזאַ פאַל, וואָס איך מוז עס טון. אָט הערט צוליב וואָס: איך האָב מיך דאָ צופעליק באַקאַנט מיט מיינס אַ לאַנדסמאַן, מיט אַ יונגנמאַן, וואָס איז געבוירן און אויסגעוואַקסן אין דער זעלבער שטאָט, ווו איך האָב געכאַפּט דעם טיפּ „די מויד". באַקענט זיך מיט מיר, האָט ער אַ שמייכל געטון און אַ זאָג געטון:

— נישטאָ שוין אייער „מויד".

און דער יונגערמאַן האָט מיר דערציילט, אַז מ'האָט זי, אָט די „מויד", געפונען אַ דערשטיקטע בײַ איר דאָרטן אין בעטל, הינטער איר שפּאַניש ווענטל... געטראָפן האָט עס מיט איר מיט פינף יאָר צוריק, ס'הייסט פונקט אין יענער צייט פון מלחמה און פון בירגער-קריג, ווען די נויט אין „די שמאָלע געסלעך" האָט זיך אַ דאַנק אָט די אומשטענדן פילפאַכיק פאַרטאָפּלט... איך בין לכתחילה געווען איבערראַשט, אָבער נאָכדעם האָב איך עס פאַרשטאַנען, אַז אַזאַ סוף האָב איך געדאַרפט דערוואַרטן, אַז וואָלט עס באַדאַרפט מיט מיין שרייבערישער אינטואיציע פאָרויסזען, אַז אָט די פאַרשוינטע וועט האָבן אַזאַ סוף. ס'הייסט, אַז איך וואָלט באַדאַרפט געווען לכתחילה דעמאָלט פאַרענדיקן אַזוי די

דערציילונג, אַז מ'האָט זי געפונען אַ דערשטיקטע. ווייל אין נאָרמאַלע און רויקע צייטן וואָלט אויך אַזעלכעס מיט אַזעלכער געקאַנט פּאַסירן. פאַרוואָס? אָט צוליב דעם טאַקע מוז איך געבן נאָכאַמאָל די דערציילונג, ווייל ווער געדענקט דען. אַז ס'איז ווען אַזאַ דערציילונג געדרוקט געווען? און נאָך איבער אַנדערע אורזאַכן געפין איך פאַר נייטיק די זאַך איבערצודרוקן, ווייל דער יונגערמאַן האָט מיר איבערגעגעבן איינצלנע אָבער זייער אינטערעסאַנטע שטריכן וועגן איר, און ווייל מיר ווילט זיך אַ ביסעלע העלער מאַכן די שוואַרצע פאַרבן, מיט וועלכע איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל געמאָלן... אַזאַ מאַכט האָט שוין דער טויט... ווען עס שטאַרבט דיינס אַ באַקאַנטער, איז ווי ווייט די זאָלסט נישט זיין פון אַבערגלויבן, איז ווילט זיך דיר אים זעען אין אַן אַנדערער ליכט, ווי דו האָסט אים געזעען בעת זיין לעבן. איז טאַקע מהי טעמא וועל איך עס טון און זאָל טאַקע בלייבן אַ ליכטיקער איינדרוק נאָך איר... און טאַקע, וואָס חיים איך, צי וואָס ווייסן אַנדערע, וואָס פאַר אַ טראַגעדיע אָט דער מענטש, וואָס איז געווען פון אַלעמען געהאַסט, וואָס זי האָט דאָרט אין איר האַרץ געטראָגן... איך וואָלט געוואָלט איין זאַך, אַז נאָך איר טויט כאָטש, נאָך איר טראַגישן טויט, זאָל מען זי נישט דערמאַנען מיט קללות אויף די ליפּן... ווער ווייסט, אויב דאָס לעבן אירס איז נישט געווען נאָך טראַגישער ווי דער טויט אירער.

נאָכדעם, ווי די דערציילונג וועט ווערן איבערגעלעזן, וועט מען פאַרשטיין, וואָס דער מערדער האָט באַצוועקט מיט דעם טויט, וואָס ער האָט איר געמאַכט. און ס'וועלן אַלע זייער נייגיריק זיין צו וויסן, צי האָט דער מערדער טאַקע עפּעס געפונען דאָרטן באַ איר אין בוידנוסל און וויפיל ער האָט געפונען, און צי איז דאָס געווען אינגאַנצן אַ פאַנטאַזיע פון די אָרימע שמאַל-געסלדיקע, צווישן וועלכע זי האָט איר לעבן פאַרברענגט און איר לעבן פאַרענדיקט. איך וואָלט גערן צופרידנגעשטעלט אייער נייגיריקייט, נאָר צום באַדויערן קאָן איך עס נישט וויסן. און קיינער ווייסט עס נישט, אַ חוץ יענעם, וואָס האָט אָפּגעענדיקט מיט איר. ווייסט מען אָבער נישט, ווער דאָס האָט געטון, איז במילא, וועט עס שוין בלייבן פאַר אונז אַ סוד, צי האָט ער עפּעס געקריגן באַ איר, צי נישט...

* *
*

אַלע שמאָל־געסלדיקע קענען זי, און דאָך קען זי קיינער נישט. מ׳ווייסט נישט ווער זי איז, פונוואַנען, ווי און ווען זי איז אַנגעקומען אַהינצו; און כאָטש קיינער קען זי נישט, דאָך ווייסן אַלע, אַז זי איז אַ מויד. פונוואַנען מ׳ווייסט דאָס, ווייסט קיינער נישט, און דאָך זענען אַלע פעסט איבערצייגט אין זייער וויסן — אַז „די מויד" איז אַ מויד.

וויפיל זי איז אַלט? איינער זאָגט, פינפציק, אַ צווייטער — זעכציק, אַ דריטער — זיבעציק. און קוקנדיק אויף איר פּנים זענען אַלע גערעכט. מען קאָן איר טאַקע געבן איינציייטיק אי פינפציק, אי זעכציק, אי זיבעציק יאָר. אָט איז עס, דאָס פּנים אירס: טונקעלער קאָליר, די מאָרדע און די נאָז באַשאָטן מיט קליינע לעכעלעך, ווי נאָדל־שטעך. אין איין זייט געמבע האָט זי אַ ווערצעלע פון עטלעכע געציילטע האָר, און אָט די עטלעכע געציילטע האָר זענען גרוי, ווייס און דערציילן פאַר זיך פון אַ טיפער עלטער, דערפאַר אָבער האָט זי יונגע אויגן, יונגע און שטעכעדיקע ווי בײַ אַ רויב־פויגל. אַ מויל האָט זי אַ ברייטס, די אייבערשטע ליפּ איז כמעט ווי נישט צו באַמערקן. זי איז אינגאַנצן פאַרשטעלט פון דער אונטערשטער, און די אונטערשטע — שטייט אָפּ פון דער אייבערשטער, ווי זי וואָלט זיך מיט דער אייבערשטער נישט געוואָלט אָנקערן. אָט די ליפּ ציטערט כסדר ווי אין פיבער, און פאַר אָט דער ליפּ ציטערן עס אַזוי די שמאָל־געסלדיקע. זיי מיינען און זאָגן, אַז דאָס שעלט זי כסדר. איז טאַקע נישט קיין וווּנדער, וואָס זיי מיינען אַזוי און זאָגן אַזוי. די ליפּ זעט אויס ווי אַ קורצער, דיקער, פעטער, פאַרטרוקנטער ערד־וואָרעם, און ס׳שווידערט צו קוקן אויף אָט דער ליפּ אויף אירער, און טאַקע אויף וואָס עפּעס אַנדערש האָט אַזאַ ליפּ געקאָנט באַשאַפן ווערן, אויב נישט צו שעלטן.

תּמיד, שבת און וואָך, און סיי זומער, סיי ווינטער טראָגט זי איין און די זעלבע קליידער. וויפיל קליידער זי פאַרמאָגט דאָרטן זענען זיי אַלעמאָל מיט איר און אויף איר. פון אויבן אויף די אַקסלען איז אָנגע־

װאָרפֿן אַ גרױלעך בורנוס (מסתּמא אַמאָל שוואַרץ געװען), און כאַטש אַט דאָס בורנוס הענגט אױף אירע אַקסלען ווי אַן איבעריקס, און פֿונדעסטוועגן גײט עס אױך קײנמאָל פֿון איר נישט אַראָפּ. אַלעמאָל מיט איר, אפֿילו בײַנאַכט צעשײדט זי זיך אױך נישט דערמיט. זי ליגט צוגעדעקט מיט אַט דעם בורנוס און פֿונדעסטוועגן איז דאָס אין ערגעץ נישט צעריסן, ווי זי וואָלט עס פֿאַרכּישופֿט.

זײט יאָרן און יאָרן גײט זי זיך טריט בײַ טריט. מענטשן קענען זי און געדענקען זי פֿון צוריק מיט צוואַנציק, פֿינף און צוואַנציק יאָר, אַז פּונקט אַט אַזױ איז זי געגאַנגען דעמאָלט, ווען זײ האָבן זי דערקענט, אַזױ אײַנגעהױקערט און אײַנגעבױגן, און אַזױ ווי זי הינקט איצטער, פּונקט אַזױ האָט זי דעמאָלט אונטערגעהינקט, און פּונקט ווי זי גײט הײַנט מיט אַ שטעקן, אַזױ איז זי דעמאָלט געגאַנגען מיט אַ שטעקן, מיט יאָרן צוריק, פֿון ווען אָן מ׳געדענקט זי. מ׳איז שױן אַזױ צוגעוװינט צו איר, אַז הינטן צו אירע פֿיס זאָל זיך נאָכפּלאָנטערן אַ שטעקן, ווי דאָס וואָלט געווען אַ דריטער פֿוס אירער, און ס׳האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק, אַז נישט אַ פֿוס האָט בײַ איר געהינקט, נאָר דער שטעקן. ס׳האָט זיך פֿיל זײַעריקע געדאַכט, אַז ווען זי וואָלט אַוועקגעוואָרפֿן דעם שטעקן, וואָלט זי גאָר אינגאַנצן אױפֿגעהערט צו הינקען.

פֿאַר דער „מוידס“ אױג היט מען זיך אַזױ ווי פֿאַר פֿײַער. ס׳איז רעכט, אַז זי זאָל אַ קוק געבן אױף אַ כּלי, מוז די כּלי צעבראָכן ווערן. מאַמעס מוזן זיך באַהאַלטן מיט זײערע זײג־קינדער און מיט זײערע זײגעדיקע ברוסטן פֿון אירע אײגעלעך, ווײַל פֿאַלט איר בליק אױף אַ ברוסט, אַזױ הײבט אָן אָפּגענומען ווערן די מילך, און האַלט ווער עפּעס אין מױל און זי גײט פֿאַרבײַ, בלײַבט מען שױן אינמיטן, מ׳קײַעט נישט, נאָר מ׳וואַרט זי זאָל איבערגײן. פֿאַרטראַכט עפּעס ווער צו טון און ער באַגעגנט די מויד, אַזױ איז שױן זיכער, אַז דאָס פֿאַרטראַכטע ווערט שױן קײן מזל נישט האָבן. די „פֿרעכערינס“, ווען ס׳קומט ווער אַלײן אָדער מ׳ברענגט אַ קינד אָפּצושפּרעכן, דערקענען שױן דער מוידס עין־הרע. און נישט אַלע זענען זײ בריהס צו פֿאַרטרײַבן דער מוידס אַ „גוט־אױג“. אײן בריה איז נאָר דאָ אַזעלכע, און דאָס איז חנה מלכּה, און אָנגענומען איז זי פֿאַר דער גרעסטער בריהטע דערפֿאַר, ווײַל זי גענעצט זײער שטאַרק. אַזױ ווי חנה מלכּה גענעצט שפּרעכנדיק דער מוידס עין־הרע,

איז נישטאָ אַ צווייטע צו איר אין די שמאָלע געסלעך, און ס'איז באַלעמען אָנגענומען אַזאַ גלויבן, אַז וואָס שטאַרקער מ'געגעצט, אַלץ זיכערער איז מען, אַז די עין־הרע איז אַ שטאַרקע. חנה מלכּה דערקענט שוין אַפילו ווען מ'קומט צו איר זיך אָפּשפּרעכן, אויב ס'הייבט באַ איר גלייך פון אָנפאַנג אָן צו רייסן דאָס מויל, איז דאָס דער מוידס אויג.

אָבער נאָך ערגער ווי פאַר איר אויג ציטערט מען פאַר איר מויל. אַי, שעלט זי; אַי, קען זי די מלאכה! נישטאָ נאָך אין דער וועלט איינע, זי זאָל זיך קאָנען מיט איר פאַרמעסטן. אין די שמאָלע געסלעך פעלן נישט אַזעלכע בריהטעס. אָבער ווי קומען זיי צו איר! אַז די ליפּ אירע, די אונטערשטע ליפּ איז ספּעציעל ווי באַשאַפן געוואָרן (יאָ, דאָס איז שוין געזאָגט געוואָרן), און דאָס קול אירס איז אויך צוגעפּאַסט. מיט אַזאַ קול דאַרף מען שעלטן און מ'שעלט, און די קללות ווערן אַזוי קונציק צוגעפּאַסט איין קללה צו דער אַנדערער און קלינגען אָפּט מיט גראַמען. און די אויגן, ווען זי שעלט, צעגליען זיך. די ליפּ טרייסלט זיך, פיבערט און ווערט נאָך טונקעלער ווי זי איז תמיד, און אינגאַנצן הייבט עס מיט איר אָן צו וואַרפן, און ווער ס'גלייבט און ווער ס'גלייבט נישט, אַז קללות קאָנען מקוים ווערן, מוז געווירקט ווערן. דער, וואָס גלייבט און וואָס ווערט געשאָלטן וואַרפט זיך צו איר מיט די פויסטן, און זי גיט אַפילו נישט קיין פינטל מיטן אויג. זי שרעקט זיך נישט. זי טוט זיך ווייטער די אַרבעט אירע, זי וויל נישט מפסיק זיין. ווי אַ פרומע יידענע פון אַ וויכטיקער תפילה, און אָט די רוקייט אירע לאָזט נישט צו צו איר.

און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס זי איז אַזאַ פאַרשווינטע, וויל זי דאָך יעדער איינער פון די שמאָל־געסלדיקע האָבן פאַר אַ שכנה, און אַז מ'באַקומט זי און מ'האָט זי, דאַנקט מען און מ'לויבט גאָט, אַז מ'ווערט אירע פּטור. אָבער דאָס שטערט נישט די זעלבע אין אַ געוויסער צייט אַרום זי נאָכאַמאָל צו וועלן באַ זיך האָבן. אָבער נישט זי אַליין באַגערט מען אַזוי צו האָבן באַ זיך, נאָר יעדער איינער האָט אַן אויסקוק, אַז זי זאָל באַ אים צומאַכן אַן אייגל, אַז זי האָט דאָרטן ערגעץ אין איר בוזנסל אַן אוצר באַהאַלטן, איז וויל יעדער איינער זיין דער יורש אירער, און דערפאַר, אַזוי ווי מ'שמייסט זי אַרויס פון איין דירה, אַזוי זוכט זיך

גלייך אַפּ אויף איר אַ נייער בעלן (דער נייער בעלן קאָן אַמאָל זיין אַזעלכער, וואָס זאָל זי שוין האָבן געהאַט באַ זיך) אין פאַרנעמט זי צוריק מיט אירע בעבעכעס. אַ ייד, וואָס האָט אַן עלטערע בתולה חתונה צו מאַכן, אָדער אַזוי אַ ייד אַ נצרך (אין די שמאָלע געסלעך זענען אַלע נצרכים) דערמאָנט זיך פון צייט צו צייט אין אָט דער מויד... אפשר? אפשר וועט ער האָבן דאָס גליק, די מויד זאָל באַ אים מאַכן אַ שטאַרב, נישט מער, מער וויל ער נישט. און אַז דאָס וועט מקוים ווערן, איז ער אַ געהאָלפענער. ס'איז יעדער איינער געווען זיכער, אַז די בחורטע פאַרמאָגט עפּעס אַן אוצר באַ זיך, אין די באַהעלטעגישן פון אירע קליידער, (און דער עיקר, אין בורנוסל). פאַרוואָס דען לאָזט זי דאָס קיינמאָל נישט אַראָפּ פון לייב? אפילו אין שטוב, ווען זי איז, טוט זי דאָס נישט אויס. לאַנג אַרויסקוקן אויף איר און וואַרטן קומט נישט אויס, וויל זי לאַנג האַלטן אין שטוב איז אוממעגלעך. און אויף וויפיל דאָס איז אוממעגלעך, קאָן מען זיך פאַרשטעלן פון דעם אַליין, וואָס דער, וואָס האָט זי אַריינגענומען צו זיך, האָט זי דאָך אַריינגענומען צוליב (מ'ווייסט שוין צוליב וואָס) און דאָך מוז ער זי אַרויסטעלעבענדעווען. מ'דאַרף נאָר אָפּשאַטעווען דעם מאָמענט ווען מ'וואַרפט זי אַרויס, און יעדער איינער, וואָס פאַרנעמט זי צו זיך, טראַכט, אפשר וועט ער זיין דער בעל זוכה און זי וועט באַ אים אַרויסלאָזן די כשרע נשמה אירע, און איינער אַזעלכער, וואָס האָט שוין געהאַט דאָס גליק זי צו האָבן, גייט זי אַריינגעמען צו זיך אַ צווייט מאָל, טראַכט ער אויך דאָס זעלבע: אפשר פריער טאַקע נישט, פריער איז נאָך נישט געווען די צייט, ער זאָל באַגליקט ווערן, אפשר וועט איצט די גליקלעכע שעה קומען...

— קומט, כיעניע, אַריבער צו מיר!

און זי גייט. זי זעט אפילו נישט דעם, וואָס פאַרבעט זי צו זיך. וואָס איז איר פאַר אַ חילוק? זי נעמט די בעבעכעס אירע, און אַ ביסל נעמט דער, וואָס פירט זי צו זיך, און מען טאַסקעט און מען שלעפּט זיך מיט איר און מיט אירע זאַכן, וואָס זי טראָגט, און זי שעלט, זי שעלט די באַלעבאַטים, וואָס האָבן זי אַרויסגעוואָרפן, גייט נאָך דעם נייעם באַלעבאָס, וואָס פירט זי און שלעפּט זי מיט אירע זאַכן אויף אַ נייער דירה, גייט זי נאָך און שעלט די

שטוב און די מענטשן פון שטוב, פונוואַנען זי איז נאָר וואָס אַרויסגע־שמיסן געוואָרן.

אין דער נייער דירה, פונקט ווי אין דער אַלטער, צוימט מען איר אָפּ אַ ווינקל מיט איר שפּאַניש ווענטל, וואָס זי שלעפּט מיט זיך פון איין דירה אין דער אַנדערער, און דאָרטן, אין דער נייער דירה זעצט זי זיך אַוועק מיט איר אַלט־איינגעזעסענעם זיצן, ווי זי וואָלט שוין דאָ אויפן נייעם פּלאַץ יאָרנלאַנג געזעסן, און מיט דער זעלבער היימישקייט און פרעמדקייט... ניין, זי ענדערט זיך נישט, פונקט ווי פון אָנפאַנג, אַזוי ביז... ביז מ'איז זי משלח, זיצט זי זיך שטיל אין טונקעלער אָפּגעצוימט־קייט. און ס'דאַכט זיך, אַז קיינער זיצט דאָרטן נישט, אַז קיינער איז דאָרטן נישטאָ... און די שטוב־מענטשן ווייסן נישט ווען זי שלאָפט און ווען זי וואַכט. גאָרנישט. אַ מענטש, אַ שטיק שטילקייט, אַ מענטש, ווי אַ שטיק שלאָף, און ס'ווילט זיך אַמאָל אַרונטערקוקן צו איר... אפשר... אפשר, און מ'קאָן זי שוין אַ בדקה טון... און פאַר דעם אַרונטערקוקן צו איר, הייבן זיך עס אָן די צרות. זי האָט עס זייער פיינט און דער־פאַר הייבן זיך אָן די קללות, און אַזוי גייט עס אַוועק אויף דער נייער דירה פונקט ווי אויף דער אַלטער, און אַזוי וואַרפט מען זי אַרויס פון דער נייער דירה, ווי מ'האָט זי אַרויסגעוואָרפן פון דער אַלטער.

ווערט די מויד עפּעס נישט געזונט, אַזוי הייבן אָן צו איר עולה־רגל זיין אַלע באַלעבאַטים און באַלעבאָסטעס, ווו זי האָט די גאַנצע צייט, וויפיל זי געפינט זיך אין די שמאָלע געסלעך, געוווינט. מ'קומט צו איר געוויר ווערן און מ'ברענגט איר ווער אַ לימענע און ווער אַ מאַראַנץ, אַן עפּל, אַ באַרנע, שטיקלעך צוקער, אַ ביסל טיי. פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע, וואָס קומען צו איר געוויר ווערן, פאַרגינען נישט דאָס גליק די באַלעבאַטים (ווו די מויד געפינט זיך), אַז זי זאָל מאַכן בא זיי אַ שטאַרב, און ס'טראַכטן זיך די־יעניקע, וואָס האָבן זי ערשט פאַר אַ שכנה געהאַט, פאַרוואָס מ'האָט זי נישט געהאַלטן לענגער. באַ־דאַרפט געוועזן אַ ביסל צו מערפּען. דערפאַר זענען די שטוב־מענטשן איבערגליקלעך. מ'גייט אַרום איר ווי אַרום אַן אייגענער מוטער, מ'לייגט זיך פאַר איר אין דער לענג און אין דער ברייט. נאָר הייבט אָן די מויד צו קומען צו זיך, אַזוי לאָזן מאַן און ווייב די נעז אַראָפּ און זיי שעמען זיך איינער דעם צווייטן צו קוקן אין די אויגן אַריין. וואָס פאַר

אַ פּלענער זיי האָבן זיך שוין געפּלאָנעוועט און וואָס פאַר אַ פאַנטאַזיעס זיי האָבן פאַנטאַזירט! און זיי טוט באַנג די ביסלעך מילך, וואָס מ׳האָט איר געגעבן און זיי פאַרדריסט, וואָס זיי זענען אַרומגעגאַנגען אַרום איר און זי באַדינט, נאָר פאַרפאַלן. מ׳מוז מיט חרפּה און בושה אָפּווישן די ליפּן און מאַכן אַ שווייג, שאַ!...

אַ שכן

לאה איז שוין טיף אַר״נגעקראָכן אין דריטן צענדליק, דער יונג־מיידלשער טשאַד איז שוין פאַריבער... ערנסט און אַלט־מיידלש ניכטער, ווייסט זי שוין אַלע אירע מעלות און חסרונות און גיט שוין אָפּט אַ טראַכט, אַז אַ באַלמעלאָכע... קאָן אויך זיין אַ לייטישער מענטש... און דערפאַר האָט זי זיך אַ מלאכה געלאָזט אויסלערנען... אין אַ נויט... באַהילפיק זיין... און אַ מאַשין אַריינגענומען אין שטוב אַריין... דאָס קאָן דאָך אַלע מאָל צונויץ קומען...

לאה איז געווען איינע פון יענע מיידלעך, וואָס הייסן „היימישע", דאָס הייסט פון יענע, וואָס זיצן באַ טאַטע־מאַמע און טוען נישט קיין האַנט אין קיין קאַלט וואַסער. און די היימישקייט איז אַ באַזונדערע מעלה צו אַ שידוך... דאָס, וואָס זי האָט געהאַט פאַר זיך צו טון, איז שוין לאַנג אָפּגעטון געוואָרן. באַ איר איז שוין אַלצדינג גרייט, כאָטש נעם און פיר זי אונטער דער חופה. ס'ליגט באַ איר בעטגעוואַנט, אויף וועלכן קיינער שלאָפט נישט, וואָס ווערט אַלע נאַכט אָפּגעלייגט אָן אַ זייט און אַלע קאָמאָדן און שופלאָדן זענען אָנגעפּאַקט מיט איר וועש, אויסגענייט, אויסגעצייכנט און אויסגעהעפט. די וועש איז שוין אפילו אַ פּאָר מאָל געוואַשן געוואָרן נישט גענוצטערהייט, עס זאָל נישט פאַרגעלט ווערן ליגנדיק, און נדן איז דאָ. ס'איז דאָ אַזוי פיל, וויפיל אַ היימיש מיידל דאַרף האָבן צו געבן אַ לייטישן בחור, דאָס הייסט אַזעלכן, וואָס טוט אויך גאָרנישט און פאַרדינט געלט גאָרנישט טוענדיק...

ס׳האָבן זיך שוין געוויזן אויף איר האָריזאָנט אַ פּאָר בחורים מיט אַ שדכן און אָן אַ שדכן. דער איז איר נישט געפעלן געוואָרן, אַ צווייטן איז זי נישט געפעלן און עפּעס נאָך אַ בחור, וואָס האָט געוווינט אין הייף און האָט אַ גאַנץ יאָר, וואָס ער האָט דאָרט געוווינט, אַלע מאָל צו זיי אין די פענצטער פאַרקוקט און אַרויפגעשמייכלט צו איר.

אַ חוץ צורוימען די שטוב, האָט לאה גאַרנישט געהאַט וואָס צו טון און ס׳איז שוין גאָר קיין וואונדער נישט, וואָס דאָרטן איז אַזוי ריין געווען... ס׳איז שוין געווען אַזוי ריין, אַז ס׳האָט זיך אַזש געשפּירט אַן אומעט פון דער ריינקייט... אַ דאַנק דער ריינקייט און מוסטערהאַפטער אָרדנונג האָט זיך געדאַכט, אַז די צייט ציט זיך לענגער, די טעג גרע־סער און די גאַנצע שטוב האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי וואַרט אויף עמעצן, אַז זי איז נישט פּאַר שטוב־מענטשן, נאָר פאַר איינעם אַ פרעמדן, אַן אומבאַקאַנטן, וואָס איז נאָך דערווייל נישטאָ און מוז סוף כל סוף קומען..

דריי מענטשן, טאַטע, מאַמע און טאָכטער האָבן די צימערן באַ־וווינט, און די מאַמע און די טאָכטער האָבן שוין לאַנג געטראַכט, אַז מ׳וואָלט געדאַרפט איין צימער פאַרדינגען... באַ לייטן טרעפט אַזוי אָפט, אַז פון אַ שכן ווערט אַ באַלעבאַס... באַזונדערס איז די מוטער אין דעם זיכער געווען... ווייל איר לאהלען דאַרף מען נאָר זעען אין שטוב, און נאָר אַזעלכער, וואָס וועט זי זעען אין שטוב וועט קאָנען וויסן ווער איר לאהלע איז, וואָס פאַר אַ גאָלדענע הענט זי האָט... אַזעלכע דאַרף מען זיפּן און זוכן... כאָטש זי איז שטענדיק געווען קעגן יענע, וואָס האַלטן „קוואַרטיראַנטן" באַ זיך בשעת עס זענען פאַראַן דערוואַקסענע מיידלעך... נאָר צייט אַ פּאָר יאָר האָט זי שוין אַנדערש אָנגעהויבן צו טראַכטן... אַ מעשה אָן אַ סוף... ווייסט זי נישט, צי איר לאהלע וואָלט אויף אַזעלכעס מסכים געווען, אַריינלאָזן אַ בחור אין שטוב אַריין. און כך הוה, האָט איר די טאָכטער איינמאָל אַ זאָג געטון :

— ווייסט, מאַמע, מיר וואָלטן געקאָנט פאַרדינגען אַ צימער. וואָס דאַרפן מיר דריי צימערן, נאָכוואָס ?

די מוטער האָט פאַרדרייט די אויגן אָן אַ זייט, אַ ווישׁ געטון אָן אויג מיט אַ באַק און תמעהאַטע אַ מורמל געטון :

— ווער ווייסט וואָס פאַר אַ שלאַק ס׳קאָן אָנטראָגן אהערצו ?...

— אַ שלאַק ! — האָט לאה איבערגעפרעגט.

— נו, יאָ, עפּעס אַן אָפּגעריסענע קורסיסטקע. וואָס זאָל מיר קריכן אין קיך אַריין וואַשן טיכלעך און בלוזעס.

לאה האָט אַ צופרידענע באַמערקט, אַז קיינער וועט זי נישט נייטן אַזעלכע אַריינצולאָזן.

— אָדער עפּעס אַן אַלטן כריפּאַטש, — האָט די מוטער ווידער אַ מורמל געטון.

נישט לאַנג געטראַכט האָט לאה גענומען אַ ריין פּערטל פּאַפּיר און אָנגעשריבן מיט גרויסן, פעטן שריפט:

„אָטדאַיאָטסיאַ קאָמנאַטאַ דליאַ כאָלאָסטאָוואָ".

נישט באַמערקנדיק איז בײַ איר דאָס וואָרט „כאָלאָסטאָוואָ" אַרויס מיט אַ דיקערער און פעסטערער שריפט ווי די איבעריקע ווערטער. אונ-טערגעשמירט דאָס שטיקל פּאַפּיר מיט אַ ווייסל פון אַן איי, האָט זי עס אָנגעקלעפּט אויפן טויער, און גלייך ווי זי איז צוריק אין שטוב אַריין, האָט זי זיך אַ וואָרף געטון מיט פייערדיקער איילעניש צורוימען דאָס צימער, יענץ צימער, וואָס מ'האָט באַדאַרפט אָוועקצוגעבן. זי האָט עס געטון אַזוי איילנדיק, גלייך ווי „ער", דער, וואָס זי וויל און באַגערט, וואָלט שוין די מינוט באַדאַרפט קומען, און אַזוי פלייסיק, גלייך ווי דער, וואָס וועט קומען דינגען דאָס צימער, וועט טאַקע זיין נאָר דער, וואָס זי באַגערט און נישט קיין אַנדערער.

דעם זעלבן טאָג איז געקומען עפּעס אַן אַלטע פּריצה, מיט אַ לאַנג פערדיש פּנים, מיט אַ משונהדיק היטעלע אויפן קאָפּ, מיט אַ פּעלערינקע אויף די אַקסל און מיט אַ מאַנספּילשן שירעם אין האַנט. ביידע, אי די מאַמע, אי די טאָכטער, זענען איר אַנטקעגנגעקומען מיט אַזאַ ברוגזן אימפּעט, ווי די פּריצה וואָלט זיי געקומען באַרויבן, און לאה האָט זיך אַפילו צעשריגן אויף איר:

— צי זעט זי דען נישט, די אַלטע שליאַכטשאַנקע, אַז ס'שטייט אָנגעשריבן: דליאַ כאָלאָסטאָוואָ ?

אויפן צווייטן טאָג איז געקומען אַן אַלטער ייד, וואָס האָט זיך

רעקאָמענדירט פאַר אַ האָלץ-סוחר און אויך מיט אים האָט מען זיך גיך אָפּגעפּאַרטיקט. ערשט פאַרנאַכט, דעם זעלבן טאָג, איז געקומען דער, פאַר וועמען לאה האָט דאָס קוויטל אַרויסגעהאָנגען: אַ געזונטער, שיינער בחור, פון אַ יאָר דרייסיק, מיט אַן ענערגיש פּנים און מיט קלוגע, שטאָלצע אויגן. לאה האָט פאַר אים נישט ווי פאַר אַ שכן, נאָר ווי פאַר אַ לאַנג-דערוואַרטעטן, מיט איר גאַנצער מיידלשער צאַרטקייט און באַלעבאַטישער ברייטקייט די טיר אין צימער אַריין צעעפנט, און דער יונגערמאַן איז פשוט צוגעזאָטן געוואָרן צום צימער. ער האָט זיך נישט געדוונגען און גלייך מרוצה געוואָרן אויף דעם פּרייז, וואָס מ'האָט אים אָנגעבאָטן, און גלייך באַצאָלט פאַר אַ גאַנצן מאָנאַט פאָרויס.

דער יונגערמאַן איז טאָג-טעגלעך אַוועקגעגאַנגען אינדערפרי און געקומען שפּעט באַנאַכט. געעפנט האָט אים די טיר דער, ווער עס האָט פריער דערהערט קלאַפּן. ווען לאה האָט אים די טיר געעפנט, האָט זי אים אַלע מאָל געבעטן, ער זאָל צוּוואַרטן אַ ביסל, און ער איז אַזוי פיין און איידל געווען און האָט נאָך געהאַרט מיטן אַריינגיין לענגער, ווי ער האָט געדאַרפט וואַרטן, און אַלע פרימאָרגן האָט ער זיך, דער בחור, פאַרענטפערט, זיך אַנטשולדיקט, וואָס ער שטערט זיי דעם שלאָף, און אויף מאָרגן האָט ער ווייטער געטון דאָס זעלבע, ווידער שפּעט געקומען און ווידער געקלאַפּט. בכלל האָט מען אין שטוב נישט אָנגעקוקט. לאה האָט זיך מיט דער צייט אָנגעהויבן שפּירן באַליידיקט, און נישט געוואָלט אים מער גיין עפענען די טיר... שוין גלייכער פאַר איר, מ'זאָל מיינען, אַז זי שלאָפט און אַז זי האָט גאָר איינגאַנצן אויפגעהערט צו וויסן ווען ער קומט... אייגנטלעך האָט זי וואָס אויף אים פאַרדראָסן ?... ס'האָט זי פאַרדראָסן זיין גראָבקייט ? נו, יאָ, זיין גראָבקייט, וואָס ער שטערט נאַכט בײַ נאַכט מענטשן דעם שלאָף. דער אָנשטעלער זיינער... אויף די שפּיץ פינגער גייט ער... ער ווייסט דען נישט, אַז קיינער שלאָפט שוין נישט נאָך זיין קלאַפּן ?

— דו האָסט געהערט ווען ער איז געקומען ? — האָט די מוטער כמעט אַלע פרימאָרגן געפרעגט בײַ דער טאָכטער און די טאָכטער האָט געענטפערט : ניין, זי האָט נישט געהערט...

דער פֿאָטער האָט זיך איינמאָל אויף בײדע צעבײזערט
— בהמות, וואָס איר זענט! איר קאָנט דאָך צומאַכן אַ טליסל!

שוין עטלעכע טעג קומט דער שכן אַ צעטראָגענער, אַ פֿאַרחושכטער, און פֿאַרמאַכט הינטער זיך האַסטיק די טיר. דאָס ערשטע מאָל ווען ער איז אומגעריכט ווי אַ דונער אַריינגעלאָפֿן אין שטוב אַריין, איז לאה פּונקט געשטאַנען באַם שפּיגל אָן אַ בלוזקע. זי האָט אַ קוויטש געטון און פֿאַרוואָרפֿן בײדע הענט אויף דער ברוסט, זיך געטון אַ זעץ נידעריקער פֿונם קאָנסאָל-טישל. נאָר ער איז געשווינד פֿאַרבײגעלאָפֿן. און לאה ווייסט עד היום נישט, צי האָט ער זי גאָר אינגאַנצן באַמערקט... סײ-ווי-סײ, אַזוי צי אַזוי, איז שוין געווען וואָס זי זאָל פֿאַרדריסן: האָט ער זי באַמערקט, האָט פֿאַרדראָסן, וואָס דער, וואָס האָט קיינמאָל נישט געטראַכט פֿון איר, זאָל זי פּלוצלינג זעען אָן אַ בלוזע, און אויב ער האָט זי נישט באַמערקט, האָט עס זי שוין ווידער באַליידיקט...

די עטלעכע פֿאַרנאַכטן, וואָס ער איז אויסערגעוויינלעך פֿרי געקומען, האָט ער זיך האַסטיק אַרומגעדרייט באַ זיך אין צימער הינטער אַ פֿאַרשלאָסענער טיר, און מיט דעם איז נאָך מער געווען ווי געזאָגט, אַז ער וויל נישט עמעצער זאָל אַריינגיין צו אים, אַז ער איז דאָ אַ פֿרעמדער און אַז ס'באַדאַרף דאָ קיינעם נישט אָנגיין, קומט ער שפּעט, צי קומט ער פֿרי, און ס'דאַרף נישט זיין קיינעמס עסק, וואָס ער איז די לעצטע טעג צערודערט. אַ שכן, אַ פֿרעמדער שכן!

לאה איז אַלע פֿאַרנאַכט געשטאַנען באַם פֿענצטער אָן אויסגעפּוצטע, אָן אָנגעפּודירטע, אַ צוגעפֿאַרבטע, און אים אויסגעקוקט. די שוואַרצע אייגעלעך האָבן געגליט פֿון אומגעדולדיקער דערוואַרטונג... זי האָט אַלע מאָל געוואַרט, אַז אָט היינט וועט ער קומען מיט עפּעס נייעס, און דאָס נייע, גוטס צי שלעכטס, וועט עפּעס זיין אַן אָנהייב פֿון עפּעס... זי האָט מיט פֿייכטע, בענקנדיקע אויגן געקוקט אין הויף אַריין אויף דעם געוויינלעכן, וואָכעדיקן טומל און געוואָלט ס'זאָל זיך עפּעס ענדערן... זי האָט פֿול מיט בענקשאַפֿט פֿון דער תּמוזדיקער זון, וואָס האָט פֿאַרגאָסן

מיט העלער גאָלדענער שיין די פענצטער און ווענט פון אַקעגנדיקן פליגל און נאָך גרויסקייט און הייסקייט פון טאָג עפּעס דערוואַרט פון אָוונט, און קילקייט פון אָוונטן קליינע, וואָס עפענען מיט זיך ברייטע מעגלעכקייטן פון שפּאַציר־גאַנג איבער גאַסן און גערטנער.

און אָט איז ער איינמאָל פאַרנאַכט גלייך פון הויף צוגעקומען צום פענצטער און צו לאהן און געזאָגט מיט אַ האַרטער צעטראָגנקייט:

— פריילין לאה! איר וועט זיך אפשר אַ ביסל דורכגיין?

ער האָט עס איר פאָרגעלייגט מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי ער וואָלט געוווּסט, אַז זי קוקט שוין לאַנג דערויף אַרויס און ווי ער וואָלט עס שוין איינגאַנצן געוואָלט טון פון אירעטוועגן. דער גאַנצער אויסדרוק פון זיין פּנים איז געווען אַ טרויעריקער, אַ ברוגזער. קיין סימן נישט פון פאַרלאַנג און באַגער, וואָס דאַרף אויסגעדריקט ווערן אין אַזאַ פאַל, ווען אַ יונגערמאַן לאַדט איין אַ מיידל צום שפּאַציר. לאה האָט זיך געפילט שטאַרק באַליידיקט און האָט אים אויפן אָרט געוואָלט אָפּזאָגן, אָבער זי האָט אַן אַנדערן אויסוועג געפונען:

— איר זענט עפּעס נישט מיט אַלעמען!

אַ ווילד פייערל האָט זיך באַם יונגנמאַן אין די אויגן אָנגעצונדן. ער האָט האַסטיק געזאָגט:

— ס'איז אייער רעכט יאָ גיין און נישט גיין. וואָס געהער מיין צושטאַנד, דאָס לאָזט פאַר מיר!

— לאה איז געווען אין אַ שטאַרקער פאַרלעגנהייט. אָפּזאָגן אים, וואָלט געהייסן אַזוי גלייך ווי איין מאָל אויף אַלע מאָל זיך איינגאַנצן פון אים אָפּצוזאָגן... גיין האָט זי ווידער נישט געקאָנט. ער האָט באַמערקט איר פאַרלעגנהייט און האָט מיט אַ ווייכערן טאָן געזאָגט:

— קומט.

ערשט נאָכדעם האָט זי זיך מישב געווען און געזאָגט, אַז זי וועט גיין פרעגן באַ דער מוטער, צי די מוטער וועט איר דערלויבן צו גיין, און געוואָלט האָט זי דערמיט באַווייזן אָט דעם נישט־העפלעכן בחור, אַז זי איז נאָך גאָרנישט אַזוי אַלט, אַז זי מוז נאָך באַ דער מאַמען זיך אָנפרעגן.

און שוין שטייענדיק אין הויף און אָנציענדיק די הענטשקעס אויף

די הענט, האָט זי געפרעגט בײַ אים, וווהין מ'גייט. און ער האָט גלייך געענטפערט:

— אין פּאַרק אַרײַן

ווען זיי זענען געקומען אין פּאַרק אַרײַן, איז שוין געווען טונקל, טונקל און קיל פון די געדיכטע ביימער און צווייגן, דורך וועלכע מ'האָט זעלטן ווי אַ שטיקל הימל אַרויסגעזעען. ס'האָט זיך געשפּירט אַ שטיל פאַרנאַכטיקע געמיטלעכקייט. אויף די ברייטע אַלעען, באַשאָטן מיט קליינע ים-שטיינדעלעך, האָבן זיך אייַנציקווייַז פּאָרלעך און גאַנצע גרופּעס מענטשן אַרומגעדרייט מיט שירעמס, מיט שטעקעלעך און פאָכערס, מיט צווייגלעך און בלומען אין די הענט, און אַלעמען איז דאָ קענטיק גוט געווען, ווייל אַלע האָבן גערעדט, געשטיפט און געלאַכט. ס'האָט יעדער איינציקער געוווסט נאָך וואָס ער איז אַהערגעקומען און אויסגענוצט דאָס, נאָך וואָס מ'איז געקומען. נאָר איין לאה האָט עס נישט געוווסט, ווייל זי האָט מען געבראַכט אַהערצו און זי האָט נישט געוווסט נאָך וואָס און מיט וועלכן צוועק... זי האָט זיך נאָכגעבלאָנקעט דעם שכן, וואָס האָט זיך ווי אַ צעדולטער אַרומגעדרייט איבער די אַלעען און אַ צעטראָגענער, אַ נערוועזער פּאַרקוקט יעדן מיידל אין פּנים אַרײַן, צייטנווייז פּאַרלאָפן אויף פריער, ווי ער וואָלט שוין גאָר אינגאַנצן פאַרגעסן, אַז מיט אים גייט נאָך ווער, אָדער איז גאָר געבליבן שטיין פון הינטן. לאה האָט זיך פון דעם אַלעמען זייער דערשלאָגן און באַליידיקט געשפּירט, און איז אים דאָך, ווי פאַרמאַגנעטיזירט פון אים, נאָכגעגאַנגען.

ווי דורך אַ כּישוף האָט זיך דאָ און דאָרט איין לאַמטער נאָך דער אַנדערער אָנגעצונדן. אַ בליץ דאָ, אַ בליץ דאָרט. און נאָך יעדן בליץ האָט זיך איבערגעדרייט, צווישן גרינקייט פון ביימער און צווייגן, אַ מילך-ווייסער פּענכער באַוויזן און צעוואָרפן אַרום זיך אַ מילך-צאַרטע לבנה-בלאַסקייט. ס'איז געוואָרן ליכטיק אויף די אַלעען, אָבער אויף די זייטן, צווישן ביימער, צווייגן און בלעטער, האָט זיך געדאַכט, איז פינצטערער געוואָרן. עס האָט זיך געדאַכט, אַז די ביימער זענען זיך נענטער צונויפגעגאַנגען, אַז די צווייגן האָבן זיך ענגער צונויפגע-

פלאַכטן און באַהאַלטן אין זיך פאַר דער שיין פון לאָמטער נאַכט און פינצטערניש...

דער שכן איז געגאַנגען אַ נערוועזער, אַן אומגעדולדיקער און לאה איז אים נאָכגעגאַנגען, כאָטש זי האָט שוין געזען, אַז ער אַליין ווייסט אויך נישט וווהין צו גיין, דערקענט, אַז ער זוכט עמעצן און ווייסט נישט ווו צו זוכן און אַז דאָס איז די אורזאַך פון זיין נערוועזקייט. און באַ לאהן איז איין מאָל און אַ צווייט מאָל אַרויסגעשווומען די פראַגע נאָכ־וואָס ער באַדאַרף זי דאָ... אַן זיין פאַרגעסן זיך אין איר, איז געווען צו זען, אַז ער האָט זי מיט אַ געוויסן צוועק אַהערצו געבראַכט, צוליב אַן אומפאַרשטענדלעכן אויסערגעוויינלעכן ציל און ווייל זי איז שוין גע־ווען זיכער, אַז דער צוועק איז נישט פון די געוויינלעכע, איז עס איר שוין זייער אינטערעסאַנט געוואָרן, און זי איז אים נאָכגעגאַנגען.

פלוצלינג האָט ער זי געגעבן אַ כאַפּ אונטערן אָרעם, פאַרביי־טערט דעם שפּאַן, און פעסט האַלטנדיק אונטער דער האַנט, זי מיטגע־שלעפּט נאָך זיין טריט און גאַנג, ווי אַ פאַרהיפּנאָטיזירטער. נישט אָפּ־געבנדיק זיך קיין רעכנונג אין זיינע מעשים, האָט ער זי געשלעפּט, און קענטיק אַלץ זי נישט אין זינען געהאַט און אָנגעיאָגט אַ פּאָרל, וואָס איז זיי געגאַנגען פאָראויס, געטוליעט איינס אין דעם אַנדערן. האָט ער, דער שכן, פלוצלינג אָנגעהויבן שיטן מיט ליבעס־ווערטער, מעכאַניש, צעטראָגן, איין וואָרט האָט זיך נישט געקלעפּט צום אַנדערן. ער האָט איר, לאהן, די ליבעס־דערקלערונג גערעדט הויך, און דאָס פּאָרל, וואָס איז געגאַנ־גען פאָרויס, האָט געלאַכט. און די „זי" פון יענעם פּאָרל האָט פאַרוואָרפן דאָס קעפּל אויפן אַקסל פונם „ער", און וואָס מער דער, וואָס איז גע־גאַנגען פון הינטן, האָט גערעדט, האָט דאָס פּאָדערשטע פּאָרל אַלץ מער געלאַכט און פון שכנס מויל האָבן זיך געשיט בלייערנע ליבעס־ווערטער. לאה האָט זיך ענדלעך געגעבן אַ שטעל אָפּ און אויסגערופן:

— הערט !...

און ער איז אויך שטיין געבליבן און געשוויגן מיט אַ האַרט פאַר־ביסן שווייגן. זיי זענען ביידע לאַנג געשטאַנען איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, נאָענט געשטאַנען, אָבער אַזעלכע ווייטע, און האָבן זיך אָנגעקוקט מיט האַרבער פרעמדקייט און פאַרביטערטקייט... ענדלעך האָט ער געזאָגט:

— איך בין אַזוי אומגליקלעך !...

און אין אַ ווײַלע אַרום מיטן זעלבן אומגליקלעכן און ציטערדיקן קול זי געבעטן זיך זעצן אויף דער באַנק. פון ווײַלכער זיי זענען נישט ווײַט געשטאַנען, און לאה האָט נישט געוווּסט, וואָס צו טון, צי זאָל זי, צי נישט... איר איז אייגנטלעך אַלצאיינס געווען, סײ־ווי קאָן זי דאָך אַליין אַהיים נישט גיין, ווײַל פאַר אַ מיידל איז שפּעט צו גיין איינע אַליין אין אַזאַ שפּעטער שעה... און צווייטנס האָט זי נישט געהאַט קיין בײַשטייענדן מאָטיוו דאָס צו טון, ווײַל נאָך אַלעמען האָט ער זי דאָך דירעקט נישט באַליידיקט... ער איז איר דאָך נאָך אַלעמען אַ פרעמדער, נישט מער ווי אַ שכן, און דערצו נאָך אַזעלכער, וואָס האָט זיך די גאַנצע צײַט געהאַלטן פון איר פון ווײַטן, האָט זי געהאַט אַ ברירה נישט צו גיין מיט אים, ווען ער האָט זי געלאַדן (אָדער אַנדערש געזאָגט, ווען ער האָט באַפוילן) זי זאָל גיין מיט אים... און שוין דערפאַר אַליין, וואָס זי איז מיט אים אַהערגעקומען און דערפאַר, ווײַל ביידע גייען אין איין הויז אַרײַן, מוז זי מיט אים גיין צוזאַמען...

זיי זענען ביידע געזעסן ווי אומבאַקאַנטע און נאָך ערגער ווי אַזעלכע, ווײַל אומבאַקאַנטע זענען דאָך נישט ברוגז... אַלנפאַלס איז זי אויף אים ברוגז געווען און געוווּסט, אַז זי האָט נישט קיין מאָראַלישע רעכט אויף אים ברוגז צו זײַן, ווײַל אָט דער באַקאַנטער איז איר דאָך אַ פרעמדער געווען, און אַ באַקאַנטער, וואָס האַלט זיך פרעמד, איז נאָך טויזנט מאָל פרעמדער, ווי אײַנער, וואָס מ׳קען אים אינגאַנצן נישט...

אָפּגעזעסן אַזוי אַנטקעגן אַ האַלבע שעה, האָט זיך לאה געטון אַ הייב אויף פון איר אָרט און פון איר זיצן און האָט אַ מורמל געטון:

— מ׳גייט!

— — — — — — — — — — —

ווי נאָר לאה איז אַרײַנגעקומען אין שטוב, האָט זי געזאָגט:

— מאַמאַ, איך בין טויט הונגעריק!

דערמיט האָט זי געוואָלט געבן דער מוטער אָנצוהערעניש, אַז אַנדערש וואָלט זי אַזוי פרי נישט געקומען. די מוטער איז געזעסן באַם טיש, אַנטקעגן איר דער עלטערער ברודער, וואָס האָט נישט התונה גע־

האט צוליב לאהן. דער פאָטער איז שוין געשלאָפן.ביידע — די מוטער און דער ברודער האָבן, זעט אויס, צווישן זיך עפּעס זייער אַן ערנסטן שמועס געהאַט, ווייל ווען זיי, לאה מיטן שכן, זענען אַריינגעקומען, זענען יענע אַנטשוויגן געוואָרן. דער ברודער, וואָס לעבט זיך זעלבסטשטענדיק, באַזונדער, איז זיך ברייטלעך געזעסן בײַם טיש, געגעבן מיט זיין זיצן צו פילן, אַז ער איז זיך דאָ פאַרזעסן איבער זייער אַ וויכטיקן ענין. און ווען לאה איז מיטן שכן אַריינגעקומען, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַ טאַטישן בליק. און ווען דער שכן איז שוין בײַ דער טיר פון זיין צימער געשטאַנען, האָט די מוטער צום לעצטן געזאָגט.

— באַקענט זיך, דאָס איז מיין זון, מיין עלטערער זון.

באין ברירה האָט דער שכן געמאַכט צוויי שפּאַן צוריק און ביידע האָבן זיך די הענט געגעבן. און גלייך איז דער שכן פאַרשוווּנדן געוואָרן און איבערגעדרייט דעם שליסל אין דער טיר. און שפּעטער מיט אַ פּאָר מינוט איז דער ברודער אַוועק און דער שוועסטער באַזונדער „אַ גוטע נאַכט" געזאָגט.

— האָסט זיך מיט אים עפּעס נישט פּאָלאַדעט? — האָט די מוטער בײַ דער טאָכטער געפרעגט, זעענדיק זי אַן אויפגערעגטע.

אַזוי ווייט, האָט די אַלטע געמיינט, האַלט עס שוין. און לאה איז געווען צופרידן, וואָס יענע מיינט אַזוי. גלייך ווי די מוטער איז אַוועק־געגאַנגען שלאָפן, האָט לאה געוואָרפן דאָס עסן, איז אַרויסגעגאַנגען אויפן באַלקאָן און אירע געדאַנקען האָבן זיך איינגאַנצן קאָנצענטרירט אַרום דעם, וואָס מיט איר איז פאָרגעקומען... וואָס האָט ער געוואָלט פון איר און נאָך וואָס האָט ער זי געשלעפּט אין פּאַרק אַריין, און וואָס האָט ער דאַרט מיט איר אַזעלכעס געטון... פּשוט חוזק? אָבער נישט חוזק וויל מען דאָך עפּעס פון אַ מיידל, און פון איר?... און דאָס האָט זי שוין אין צווייען באַליידיקט.

ס'איז געווען אַ וואַרעמע, פינצטערע נאַכט, איינע פון יענע זומער־דיקע נעכט, וואָס זאָגן אַ סך צו און גיבן גאָרנישט, רעדן און שטעלן גאָרנישט צופרידן. בײַ דעם מיידל האָט דאָס האַרץ געבאַנגט, געבענקט און געצויגן... באַליידיקט און באַשפּיגן האָט זיך געפילט איר פרויען־אַ גאַליבע... פאַרוואָס? פאַר ווען?... וואָס האָט ער געהאַט צו איר?... ס'וואָלט דאָך געקאָנט אַנדערש זיין... אָט זענען זיי ביידע פון שפּאַציר

געקומען און ביידע וואַלטן איצט באַדאַרפט זיצן אויפן באַלקאָן... זיצט זי דאָ איינע אַליין, און ער דאָרטן, לעבט זיך דאָרט באַזונדער מיט זיין פרעמד־שכנדיק לעבן, וואָס האַלט זיך מיט זיין גאַנצער בחורישקייט ווייט און פרעמד פון איר. אין איין שטוב זיצן אַ בחור מיט אַ מיידל, און מ'איז אַזוי ווייט און פרעמד איינס פון דאָס אַנדערע...

זעלטן ווי ס'האָט נאָך ערגעץ געבלישטשעט אַ זומערדיק פייערל. אַלע פענצטער אין הויף האָבן געגלאַנצט מיט אימהדיק געדיכטער שוואַרצקייט. נאָר איין פענצטער, זייער פענצטער, „זיין" פענצטער איז געווען העל באַלויכטן. אָבער אַריינקוקן אַהינצו האָט זי נישט געקאָנט, מחמת ס'איז געווען דאָס צווייטע פון באַלקאָן, און דערצו נאָך פאַרשאַרט מיטן פאָרהענגל. לאה האָט נאָר געהערט די טריט זיינע און געזעען דעם שאָטן זיינעם, וואָס איז אַלעמאָל אַרויפגעקראָכן אויפן פאָרהענגל און פאַרשוווּנדן געוואָרן.

לאה האָט אָן זיך כמעט אינגאַנצן פאַרגעסן און אינגאַנצן געטראַכט וועגן אים... עפּעס האָט ער מיט זיינע האַסטיקע טריט און אומרויִקייט געוועקט בײַ איר. פון אירע אויגן איז נישט אָפּגעטרעטן דאָס אומגליק־לעכע פּנים זיינס און געקלונגען האָבן אין אירע אויערן די ווערטער זיינע:

— איך בין אַזוי אומגליקלעך!

אַ „ויחד", וואָס ער איז אומגליקלעך, און ס'האָט ווייטיקדיק פאַרדראָסן, וואָס נישט זי איז שולדיק אין זיין אומגליק.

„אפשר גאָר אַריינגיין צו אים?"

פון יענער זייט טויער איז אַ דראָזשקע פאַרבייגעפאָרן מיט האַרטע, הילכנדע פערדישע טריט, וואָס האָבן דערציילט פון פאַרטויערדיקער פרעמדקייט און נאַכטיקער אומהיימלעכקייט. און לאה האָט זיך נאָך איינ־זאַמער דערפילט און האָט שוין ווידער געטראַכט וועגן זיך, וואָס זי שטייט נעבעך איינע אַליין אויפן באַלקאָן און וואָס דאָרטן, בײַ זיי, דרייט זיך אַרום איינער אַ מאַן, אַ בחור, און וויל גאָרנישט וויסן פון איר, פון דער איינזאַמער... ער לעבט זיך פאַר זיך איבער אַ שלעכט בחורשן מאָמענט און וויל נישט עמעצער זאָל דערפון וויסן...

„אפשר טאַקע אַריינגיין צו אים?"...

אָ, ניין, זי וועט עס נישט טון, און אפשר ווייל זי זיך אַזוי אַרום פאַרנאַרן?

ניין, זי וועט עס נישט טון!

אָבער די נאַכט! די שטילע, פינצטערע, וואַרעמע נאַכט, האָט שטום אויפן נאַכטיקן שטילן אופן גערופן צום לעבן, און פון דעם רוף האָט באַ לאהן געצאַפּלט דאָס האַרץ, אין דער פינצטערניש און שטילקייט האָט זי דייטלעך און קלאָר געוווסט, וואָס זי וויל...

זי מוז אַריינגיין צו אים... זאָל ער איר דערקלערן זיין האַנדלען מיט איר... ניין... זי... זי וועט נאָר אָנקלאַפּן אין דער טיר, ער זאָל אַ ביסל שטילער אַרומגיין, ווייל ער לאָזט טאַטע־מאַמע נישט שלאָפן...

אָבער זי איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און ער האָט זיך דאָרטן אַלץ האַסטיקער און האַסטיקער אַרומגעשפּרייזט איבערן צימער און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער שטילער, שוואַרצער נאַכט באַוועגט זיך אַן אומרויִקער גערוו... לאה האָט זיך איינגעהערט מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. יעדער טריט זיינער האָט זיך ווי אַן אומרויִקער עכאָ אָפּגערופן באַ איר אין האַרץ. זי האָט מיט איר גאַנצן לעבעדיקן אינסטינקט געשפּירט, אַז... זי דאַרף עפּעס טון. זי האָט אָבער צו זיך קיין צוטרוי נישט געהאַט און האָט זיך אין פעסטע קייטן פון שטאַרקן ווילן אָנגעהאַלטן פון נישט אַריינצוגיין צו אים.

זי האָט איין הוסט געטון און אַ צווייטן, און גלייך זיך געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט אָנשטענדיק, און אָנגעהויבן צו זינגען פון אָנהייב גאַנץ שטיל, שפּעטער אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער... דער שאָטן איז פאַרגווילערט געוואָרן אויפן פאָרהענגל און ס'האָט זיך באַקומען אַן איינדרוק, אַז אַ חוץ שאָטן איז דאָרטן אין צימער קיינער נישט געבליבן.

לאה האָט אַלץ העכער און העכער געזונגען. און אין איר קול האָט זיך געפילט אַ טרויעריקע ליידנשאַפטלעכע בענקשאַפט; עס האָט זיך געדאַכט, אַז אין דער נאַכט האָט זיך ערגעץ אַ פאַרבלאָנדזשעטע נשמה צעזונגען מיט נשמה־זיסקייט און נשמה־בענקשאַפט צום גוף, וואָס ווייסט נישט ווו אים צו געפינען. און איינגעהערט האָט זיך אין איר

זינגען נאַכט און שטילקייט און אַלץ, וואָס איז אין דעם און אין יענעם געהילט...

פּלוצלינג האָט זיך דער שאָטן אַ וואָרף געטון אַהער און אַהין, און אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט אַ רעוואָלווער־שאָס, און געדאַכט האָט זיך, אַז די נאַכט האָט מיט איר שטומער צונג אַ קלונג געטון. — — — — — — — — —

— — — — — — — — —

דעם זעלבסטמערדער איז געלעגן אינעם ריין מיידליש אויסגעפּוצטן צימער, און פרעמד ווי ער איז געווען פאַרן לעבן, איז ער פאַר די שטוב־מענטשן נאָך פרעמדער געוואָרן נאָכן טויט... ס'האָט פאַרדראָסן די שטוב־מענטשן, וואָס זיי האָבן גאָרנישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן יענע נייגיריקע מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָכגעפרעגט בײַ זיי וועגן „אים". און זיי האָבן זיך עפּעס ווי באַליידיקט געפילט, וואָס ער האָט אָט די „אַרבעט" בײַ זיי אין שטוב געטון און נישט ערגעץ אַנדערש...

צווישן אַ פולער שטוב מיט פרעמד־אַנגעלאָפענע מענטשן, האָבן זיך די היימישע פרעמד אַרומגעדרייט, האָבן זיך קיין אָרט נישט געפונען, און קיינער פון זיי האָט קיין דרייסטקייט נישט געהאַט צו זאָגן דעם פרעמדן עולם, מ'זאָל זיך צעגיין, ווײַל... ווײַל ער, דער זעלבסטמערדער, איז זיי פּונקט אַזוי פרעמד געווען, ווי צו די אַנגעלאָפענע פון הויף און גאַס, און האָבן פּונקט אַזוי ווי יענע נישט געוווּסט, פאַרוואָס „ער" האָט זיך דאָס לעבן גענומען... זיי האָבן זיך אַרומגעדרייט צווישן דער געדיכטער מענטשן־מאַסע, ווי אומגעבעטענע געסט אויף אַ פרעמדער חתונה און האָבן נאָך ווינציקער פון אַלע געוווּסט, וואָס „דאָרטן" טוט זיך...

לאה איז אַרומגעגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ, און דערפאַר האָבן פיל געמיינט, אַז זי ווייסט עפּעס יאָ. און אייניקע האָבן זי אפילו חושד געווען, אַז זי האָט עפּעס אַ שטיקל חלק אין שכנס זעלבסטמאָרד... לאה האָט פאַרשטאַנען, אַז עס קאָנען זיך צווישן עולם אַזעלכע געפינען, וואָס זאָלן עס אַזוי מיינען, און איז אינערלעך גאַנץ צופרידן געווען דערמיט, און האָט אויף קיין מינוט נישט פאַרגעסן צו זוכן

צווישן די אָנגעלאָפּענע די שלאַנקע פּרויען=פיגור, וואָס זי האָט אין פּאַרק געזעען... נישט געזעען זי אין שטוב, איז זי אַרויס אין הויף, זיך לאַנג אַרומגעדרייט צווישן אַ היפּש ביסל מענטשן און האָט זי דערקענט, האָט זי פונדערווייטנס לאַנג באַטראַכט און צופרידן געווען, וואָס קיינער, חוץ איר, ווייסט נישט, אַז אין הויף געפינט זיך די שולדיקע אינם שכנס זעלבסטמאָרד און ־זאָס אַלע מיינען, אַז דאָס האָט אַ ראָמאַנטישן יסוד, און צופרידן געווען, וואָס אייניקע קאָנען זי חושד זיין, און נישט קיין אַנדערע...

אין איין טאָג

ס׳איז געווען האַלב דריי אַ זייגער באַנאַכט, ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון מיין זיצנדיקן דרימל אין צוג און דערזעען אַ ים מיט ליכט צעגאָסן איבער דער ברייט־סטעפּישער געגנט, וואָס איז געווען באַ־דעקט מיט פאַרשידענע פאַרבן פון פאַרשידענע געוויקסן. די נאַכט האָט נאָך נישט באַוויזן צו פאַרשווינדן. ס׳האָט זיך נאָך געפילט איר אָטעם, דער נאַכטס. און די זון איז שוין געשטאַנען אַזאַ רויטע און אַזאַ ליכטי־קע. ס׳האָט זיך געדאַכט, אַז אַ נאַכטיקער פרימאָרגן האָט זיך אויפן ווייטן האָריזאָנט באַוויזן, האָט זיך אויסגעשניטן פון דאָרטן אַ גליענדער, און ס׳האָבן געגלאַנצט ווי נאָדעלעך די נאָך גרינענקע וואָנסעלעך פון די זאַנגען און דאָס האָט אין מיר אויפגעוועקט אַזאַ בענקשאַפט! איך האָב געפילט ווי צוזאַמען מיט די משופעדיקע שטראַלן פון דער זון, וואָס איך צי צו זיך מיט יעדן פינטל פון מיינע אויגן, וואַקסט דאָס האַרץ מיינס, ווי די ליכטיקע שטראַלן וואָלטן געפאַלן אַהינצו אין מיין האַרץ אַריין... איך האָב געפילט גלייך, ווי צו מיר וואָלט אַ צווייטע יוגנט געקומען, אַ צווייטע און אַ נייע, אַן אומבאַקאַנטע, פול מיט לוסט און פרייד, פון אַ ניי־געבוירן און רייף לעבן, וואָס האָט גלייך און איינצייטיק מיטן געבוירן ווערן דערפילט אַלע זיסקייטן פון ניי־געבוירענער רייפקייט...

איך בין געפאָרן פון איין גרויסער שטאָט אין אַ צווייטער, אין נאָך אַ גרעסערער, און דאָס, וואָס איז פריער מיט אַ צען שעה, ווען איך בין פון יענער שטאָט אַרויסגעפאָרן, פאַר מיר געווען אַזוי פאַרשטענדלעך און נייטיק, האָב איך איצט נישט געקאָנט באַנעמען און באַגרייפן... נאָכוואָס

און צוליב וואָס ?... דאָס גאַנצע שטאָטישע לעבן האָט בײַ מיר אינגאַנצן זיין זין פֿאַרלוירן.

אין לאַמטער האָט געברענט און דערברענט אַ שטיקל ליכט, ס׳איז שוין כמעט ווי נישט געווען, וואָס ס׳זאָל דאָרטן ברענען, און דער קאָנדוקטאָר האָט נישט געהאַט וואָס אויסצולעשן, האָט ער אַזוי, פֿונוויטנס, אַ קוק געטון אויף דער לאַמטער און איז זיך ווייטער אַוועק זיין גאַנג, צו דרייען זיך פֿון איין וואַגאָן אין צווייטן. און מיט זיך אַליין און מיט זיין גאַנג עפּעס אַזוי ווי געהאַלטן צונויפֿגעשמאָלצן די צייט פֿון פֿאָרן, צייט־פֿאַרנעם פֿון נאַכט און טאָג, ווי גלייך ס׳וואָלט אַװעלכעס פֿאַר אים נישט עקזיסטירט... איך האָב אים אַזוי נאָכגעקוקט און באַטראַכט דעם לאַקירענעם פּאַסיק, וואָס האָט אים העלפֿט אויף העלפֿט צעטיילט אויף הינטערשטער און אויף אויבערשטער, און עפּעס אַזוי נעפּלדיק אַריינגעטראַכט וועגן אים... יאָ, איך האָב אים, דאַכט זיך, געוואָלט פֿרעגן, צו וואָס פֿאַר אַ סטאַציע מיר דערנענטערן זיך. איך האָב געוווּסט, אַז ערגעץ דאָ נאָענט דאַרף איך פֿאַרבייפֿאָרן מיין געבוירט־שטעטל, און איך האָב אויף קיין פֿאַל נישט געוואָלט דורכלאָזן די געלעגנהייט כאָטש פֿון ווייטן, פֿון וואַגאָן־פֿענצטער. אַ קוק געבן אויף דער סביבה, וואָס איך האָב שוין בײַ פֿינף און צוואָנציק יאָר נישט געזען... יאָ, פֿינף און צוואָנציק יאָר... און פֿערצן, דאָס פֿינפֿצענטע יאָר בין איך אַלט געווען, ווען איך האָב דאָס שטעטעלע מיינס פֿאַרלאָזט. צו יענער צייט האָב איך געהאַט אַ פֿריינדעלע, וואָס ווען איך האָב גערעדט פֿון פֿאָרן, האָט עס נישט געוואָלט הערן. דאָס פֿריינדעלע מיינס איז געווען אין מיינע יאָרן און אפֿשר ווינציקער מיט אַ יאָר פֿון מיר אַלט...

און איך האָב זיך אַזוי אַריינגעטראַכט וועגן איר. זי האָט אַזוי גענומען אַריינשווימען אין מיין זכרון נאָך פֿיר און צוואָנציק יאָר, וואָס איך האָב אינגאַנצן געהאַט אָן איר פֿאַרגעסן, און דערמאָנט האָב איך זיך ווי עפּעס איינמאָל בין איך אַריין צו זיי אין שטוב און זי געטראָפֿן אין בעט ליגן. זי איז געלעגן קראַנק און ס׳האָט מיך געוווּנדערט, וואָס די מאַמע אירע נעמט זיך גאָרנישט צום האַרץ די קרענק אירע... ס׳איז געווען בלויז אַן אָנגעצויגענע שטילע שטימונג, אָבער נישט קיין אומעטיקע, און ווען איך האָב געפֿרעגט בײַ איר, בײַ דער מוטער, וואָס לאַהלען איז, האָט זי זיך צעשמייכלט און זי, לאַהלע, דער חולה אַליין,

האָט געקוקט אויף מיר און געשמייכלט אַ פאַרשעמטע, און אין די אויגן אירע האָט עפּעס געבלאַנדזשעט אַ פרעמדער „אויסקוק“. אָבער אָט דאָס פרעמדע, אָט דאָס נייע, האָט אַזוי געצויגן צו זיך... אַליין איז דאָס געווען אַזוי בלאַס מיט בלויע רעדער אונטער די אויגן, אָט די בלויקייט, וואָס גיט צו אַזוי פיל יוגנט און אומשולד בײַ דערוואַקסענע מיידלעך און יונגע פרויען, און בײַ יונגע מיידלעך מאַכט עס אַ פאַרקערטן איינדרוק... איך האָב באַמערקט (און נישט געקאָנט באַגרייפן אָן וואָס איך באַמערק עס), ווי עפּעס איז פון איר פאַרשוווּנדן און אַז עפּעס איז איר צוגעקומען, באַמערקט אַן אומבאַמערקבאַרע פאַרענדערונג... ס'האָט צײַטנווײַז אַזוי דורכגעבליקט עפּעס אַ מיידלשער אויסדרוק...

איך האָב פּלוצלינג דערשפּירט, ווי דער צוג שטעלט זיך אָפּ, און נאָך איידער איך האָב מיך געכאַפּט אַ קוק צו טון, אויף וואָס פאַר אַ סטאַציע איך בין, האָב איך צו מײַן גרויסער איבערראַשונג אַ באַקאַנט וואָקזאַלעכל מיט צוויי באַקאַנטע לאַנגע טאָפּאָלן דערזעען... און נישט געטראַכט, האָב איך געכאַפּט מײַן רענצל און אַרויס פון וואַגאָן און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער פּלאַטפאָרמע... און אַליין נישט געוווּסט, צי בין איך אַראָפּ נאָר אויף די פאָר מינוט, וואָס דער צוג דאַרף דאָ שטיין, צי ?... און איך האָב שוין גאָר פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט דעם באַלעגאָלע, וואָס איז גלײַך אויסגעוואַקסן לעבן מיר מיט דער בײַטש אין האַנט און געפרעגט צי איך פאָר אין שטאָט אַרײַן, און איך האָב אויטאָמאַטיש געענטפערט :

— אָ, יאָ, געוויס פאָר איך !

פאַרלאָזט דאָס דאָרף, וואָס האָט זיך געצויגן אַרום וואָקזאַלעכל, האָט פאַר מײַנע אויגן אָנגעהויבן זיך שפּרייטן און וואַקסן דאָס פעלד, דאָס זעלבע פעלד און דערזעלביקער זאַמדיקער שליאַך, וואָס האָט זיך געצויגן מיט טיף-אײַנגעשניטענע „קאָלייעס“ איצט פּונקט אַזוי ווי אַמאָל... איבער דער גאַנצער זאַמדיקער ברייט און לענג האָבן אַרויסגעקוקט קרעמעניעס און יעדער קרעמען האָט פון זיך אָפּגעשלאָגן מיט בינטלעך שטראַלן, וואָס האָט באַצירט און באַשײַנט אָט-די זאַמדיקע איינטאָניקייט.

די פערד זענען געגאַנגען מיט אַ לויפעלע. אָדער געלאָפן מיט אַ גייעלע, אָט ווי קלוגע פערד טוען עס אָפט אָפּצונאַרן די בײַטש, וואָס פּלאַטערט איבער זייערע רוקנס, און פון צײַט צו צײַט האָבן זיך די פיס

זייערע אָנגעקלאַפּטע אָן די האַרטע קרעמעניעס, וואָס האָבן אונטערן דריק פון פערדישן פוס ווייך זיך באַהאַלטן אונטערן זאַמד, און ערגעץ־ווו און אין ערגעץ נישט, אָדער אומעטום, האָט זיך אין רייַנעם דורכזיכטיקן אַוויר געלאָזט הערן אַן אָפּגעריסענער און אָפּגעהאַקטער זונג, קוויטש און פּישטש פון אַ פּייַגעלע, וואָס מ'האָט עס נישט געזען ווו דאָס איז און פונוואַנען דאָס קול־כּל לאָזט זיך הערן, נאָר עפּעס אַזוי ווי פון דער רייַנער לופט איז דאָס געקומען, פון גרויסער און ברייטער פעלד־שטיל־קייט און פון גרויסן יום־טוב פון זומער, פון וואַרעמקייט און פון נאַטור, וואָס לעבט און קוועלט הינטערן הויכן בלויען הימל און הינטער דער ליכטיקער און ברענענדיקער זון...

געקומען אין שטעטל אַרייַן, האָב איך צו מייַן גרויסער איבערראַ־שונג דאָס זעלבע שטעטל געטראָפן, די זעלבע הייַזער, די זעלבע מענטשן. ס'האָט אָבער נישט גענומען קיין פיל צייַט, ווי איך האָב מיך איבער־צייַגט, אַז די קינדער האָבן פּונקט אַזוי אויסגעזען, ווי זייערע טאַטעס, אָבער ס'זענען נישט געווען די יונגע, וואָס איך האָב איבערגעלאָזט צו־ריק מיט פינף און צוואַנציק יאָר, די יונגע, וואָס איך האָב דעמאָלט גע־לאָזט, זענען עס איצט געווען די אַלטע, און די איצטיקע יונגע זענען דאָס געווען קינדער פון די אַלטע פון יענער צייַט. און אַזוי גייענדיק און באַטראַכטנדיק דאָס שטעטל, די געסלעך און די הייַזער, האָב איך אויף אַ בריקל דערזען אַן אַלטן ייִד זיצן אין די זאָקן. איך האָב אים גלייַך דערקענט, און די שטוב האָב איך אויך דערקענט. דער ייִד איז מאיר וואָלף און די שטוב איז מאיר וואָלפס שטוב. נישט די שטוב האָט זיך געענדערט און נישט דער באַלעבאָס פון שטוב האָט זיך געענדערט, פּונקט אַזוי ווי ס'איז געווען. נאָר ליתר בטחון האָב איך אַ פרעג געטון:

— איז דאָ נישט מאיר וואָלפס שטוב?

— יאָ, — האָט דער ייִד אין די זאָקן געענטפערט. — ווער זענט איר?

— זענט איר ר' מאיר וואָלף?

און דאָ האָב איך אַ טעות געהאַט. ס'הייסט אי געהאַט אַ טעות, אי געטראָפן. ער אַליין איז נישט געווען מאיר וואָלף, נאָר דער פאָטער זייַנער, וואָס איז צוריק מיט אַ פּאָר טעג ערשט געשטאָרבן. און דאָ איז

איינער פונקט אַזעלכער געבליבן אַ לעבעדיקער מאיר וואָלף, וואָס זיצט שבעה נאָכן טויטן מאיר וואָלף.

איך האָב אָפּגעצויגן פון אים מיט אַ שווער געדריקט געמיט און בין אַוועק ווייטער בלאָנדזשען אויף גאַסן און געסלעך, און פאַרקוקט אין יעדער אָפענער טיר און אין יעדן אָפענעם פענצטער. און ווו און וועמען איך האָב פון טיר און פענצטער געזעען אַרויסקוקן, האָט מיר אויסגעזעען באַקאַנט, און אַריבערגעגאַנגען פון שטוב צו שטוב און אַריינקוקנדיק פון איין אָפענעם פענצטער אין אַ צווייטן, האָט זיך מיר פּלוצלינג אַ וואָרף געטון אַ באַקאַנט און נאָענט געזיכט אין די אויגן אַריין... און די באַקאַנטקייט איז גלייך פאַרשוווּנדן געוואָרן אין דעם אומבאַקאַנטן פּנים פון אַ מיטליעריקער צעפּלאָסענער פרוי. צו דער זעלבער צייט האָב איך באַמערקט, ווי די אומבאַקאַנטע פרוי האָט זיך פאַרקוקט אויף מיר. איך האָב מיך נישט באַקוועם דערפילט און שוין געטראַכט וועגן זיך אַוועקרוקן ווייטער און פאַרזעצן מיין אויסשפּירן און אויסקוקן די הייזער. דאָ אָבער איז מיר איינגעפאַלן באַ איר אַ פרעג צו טון אויף לאהקען, וואָס איך האָב אַזוי פיל געטראַכט וועגן איר אין וועג.

— אפשר ווייסט איר, ווו ס׳וווינט דאָ איינע מיטן נאָמען לאהקע?

און מיט אַ מאָדנע שמייכעלע און נייגיריקייט האָט זי באַ מיר געפרעגט אויף וואָס פאַר אַ לאהקע איך פרעג, ווי אַזוי הייסן אירע עלטערן... דער מאַן... אָבער פּלוצלינג האָט זיך לעבן איר באַוויזן אַ ייד מיט אַ גרויסער שוואַרצער ערטערווייז גרוילעכער באָרד, מיט ווייסע סוף-וואָכעדיקע קויטיקע אַרבל און אַ פרעג געטון באַ איר, קוקנדיק אויף מיר:

— אויף וועמען פרעגן זיי, אויף וועמען?

זי האָט אים נישט געענטפערט. דער בליק אירער איז געווען אָנגעשטעלט אויף מיר און מאָמענטנווייז האָב איך געהאַט דעם איינדרוק, אַז זי קוקט נישט אויף מיר, נאָר אין מיר, און ס׳איז מיר געוואָרן אַזוי אומעטיק און ענג, אַז איך האָב דאָרטן ווייטער שטיין נישט געקאָנט און אַוועקגיין איז פּונקט אַזוי אומעגלעך געווען.

— וועמען דאַרפט איר? — האָט דער ייד גראָבלעך געפרעגט דירעקט באַ מיר.

איך האָב אים געענטפערט און ער האָט זיך צעשמייכלט און מיט איראָניע געזאָגט:

— איך זע, אַז איר זענט נישט קיין קליינשטעטלדיקער, טאָ ווי פאַלט עס איין אַ מענטש צו פרעגן גלאַט אין דער וועלט אַריין וועגן אַ לאהקע? אָט הייסט מיין ווייב אויכעט לאה, און דאָרטן אין דער דריטער שטוב איז דאָ נאָך אַ לאה, נישט צו פאַרזינדיקן, און דאָ אַנטקעגן, זעט איר די שטוב מיט די געפאַרבטע לאָדנס? דאָרטן איז אויך דאָ אַ לאה, איך קאָן אייך אַליין אויסרעכענען באַ אַ צוויי צענדליק לאהס, און יעקב אבינוס ווייב האָט אויך געהייסן לאה...

איך האָב עפּעס געפּלאָנטערט מיט דער צונג, יינגליש און נאַריש זיך פאַרענטפערט און האָב זיך אָפּגערוקט עפּעס אַזוי הילפסלאָז. איך האָב געשפּירט, ווי מ׳קוקט מיר נאָך, ווי צוויי באַגלייטן מיך מיט פיר אויגן פון פענצטער אַרויס, און איך בין זיך טריט באַ טריט אויף היימי־שער ערד געטרעטן צווישן פרעמדע און אייגענע מענטשן.

* *

*

ס׳איז געווען פאַרנאַכט. די זון, די זעלבע זון, וואָס האָט מיך אַזוי פאַרנאַרט, פון שכל און פון עלטער אַראָפּגעפירט אינם היינטיקן פרי־מאָרגן, האָט זיך שוין אַריבערגערוקט אויף מערב־זייט. און, באמת, איך האָב פאַרלוירן דעם באַגריף אין דער צייט... איך האָב געוווּסט, אַז דאָס איז פאַרגעקומען היינט, אָבער דאָס אומבאַוווּסטע וועזן אין מיר האָט עס נישט געקאָנט אויפנעמען, אַז היינט האָב איך עס געזעען אָט דעם יעניקן פרימאָרגן... איך האָב געהאַט אַזאַ באַגריף, אַז דאָס איז שוין עפּעס זייער, זייער לאַנג... עפּעס אַזוי ווייט און ווייט אָפּגעשיידט פון מיר... אַן אויס־ברוך פון אַ טאָג אין מיטן דער נאַכט מיט אַ זון און מיט עפּעס נייעס און יוגנט, וואָס האָט אין פלאַמען און אין בענקשאַפט אַרומגעכאַפּט דאָס גאַנצע וועזן מיינס, און דאָס אומבאַטראַכטע און זינלאָזע איבערצוּרייסן דעם וועג און זיך אַריינשלעפּן אין דעם שטעטל אַריין, ווו קיינער האָט מיך נישט דערקענט און איך קיינעם. כ׳האָב מיך עפּעס געפילט צעבראָכן און צעווייטיקט.

יידן זענען שוין געגאַנגען, זיך געשלעפּט מיט פאַרנאַכטיקער מנחה-שטימונג צו מנחה. דאָ און דאָרטן זענען ווייבער און מינדעריעריקע מיידלעך געזעסן אויף די בריקלעך און געשאָבן יונגע קאַרטאָפליעס, און די פאַסטוכער האָבן געטריבן די טשערעדעס פון דער פּאַשע און געקנאַקט מיט די בייטשן אין דער פאַרנאַכטיקער קילער לופט אַריין. דאַכט זיך, אַלץ דאָסזעלבע ווי געווען, און דאָך... אָך, וואָס פאַר אַ חילוק, וואָס פאַר אַ שפּרונג אין איין טאָג פון פרימאָרגן ביז פאַרנאַכט... איך האָב געהאַט אַזאַ געפיל, אַז איך האָב אין דעם איינעם טאָג איבערגע-לעבט און אָפּגעלעבט אָט די גאַנצע מיינע אָפּגעלעבטע יאָרן פון קינדווייז ביז איצט... מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אין דעם איינעם טאָג פון זון-אויפגאַנג ביז אונטערגאַנג אָפּגעלעבט אַ גרויס, גרויס שטיק לעבן, נאָך מער, ווי איך בין אינגאַנצן אַלט געווען — — — — — — —

און אָט וואָס ס'האָט פּאַסירט:

אינאָווניט איז צו מיר אין מיין אכסניה אַריינגעלאָפן אַ קליין מיי-דעלע פון אַ יאָר פערצען-פינפצען, און גלייך ווי זי איז אַריין און זיך באַוויזן, בין איך געבליבן אַ פאַרשטיינערטער און אויסגעשריגן:

— לאהקע!

דאָס מיידעלע האָט מיך אַ ווײַלע אָנגעקוקט צעמישט און צעשראָקן, נאָכהער, שמייכלענדיק, געזאָגט:

— די מאַמע מיינע האָט אייך געבעטן, איר זאָלט צוקומען צו אונז. . .

איך האָב אַרומגעכאַפּט דאָס שיינע געלאָקטע קעפּל אירס און צוגע-דריקט צו מיין ברוסט, זי מיט ציטער און פלאַטער געגלעט, געקושט אירע אויגן און אין די טונקעלע בעקעלעך... דאָס מיידעלע האָט זיך געצויגן פון מיינע הענט און איך האָב זי אַלץ פעסטער און פעסטער גע-געדריקט צו זיך.

— לאהקעלע, לאהקעלע!

— מיין מאַמע הייסט לאה! — האָט דאָס מיידעלע ברוגז און אָנגע-בלאָזן געזאָגט, גלייך ווי זי וואָלט מורא געהאַט דערפאַר, וואָס איך רוף זי באַ דער מוטערס נאָמען...

— ניין, דו ביסט באַ מיר איצט לאהקע, דו, דו !... זאָג דער מאַמען דיינער... אַז, אַז...

זי האָט זיך אַזוי דראַסטיק, יונג־קערפּערדיק, מיט אַ הענטל און מיט צווייַ און מיט איר גאַנצן יוגנט־וועזן באַפרייט פון מיר, פון דעם פרעמדן פערציק־יעריקן מאַן, און געוואָרפן אויף מיר אַזאַ נישט פאַרשטענדלעכן, נישט צופרידענעם בליק און מיט אַ ברוגז־מינעלע און ברוגזדיק קעלעכל געפרעגט:

— נו, איר וועט קומען?

איך האָב געקוקט אויף איר מיט אַ ווייטיקדיקער בענקשאַפט, אויף דער נאָענטער און ווייטער פון מיר, אויף דער אייגענער און פרעמדער... פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען פונקט די זעלבע לאהקע, וואָס איך האָב געקענט צוריק מיט זיבן, זעקס און פינף און צוואַנציק יאָר. יאָ, די זעלבע, פונקט די זעלבע, מיט איין־און־איינציקן אונטערשיד, וואָס יענע האָט אויף מיר אַנדערש געקוקט און די אַנדערש פון יענער...

— אַ גוטע נאַכט! — האָט זי אָפּגעזאָגט און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן.

איך האָב איר נאָכגעקוקט דורכן פענצטער און געזען, ווי דאָס לויפט אַזוי פיסלדיק, לויפט און לויפט פון מיר אַלץ ווייטער און ווייטער, ווערט פון ווילדע צו ווילדע אַלץ דינער און שמעלער און איז נישט־געבליבן...

איך האָב מיך אַ צעשרויפטער פאַרפרי אַריינגעלייגט אין בעט אַריין און פאַרן לייגן זיך אָנגעזאָגט אין שטוב, די שטוב־מענטשן, מ׳זאָל מיך פרי אויפוועקן צום פּאָסט־צוג, צו דעם זעלבן, וואָס האָט מיך אַהער געבראַכט...

איך בין זייער שלעכט געשלאָפן. אַ גאַנצע נאַכט האָט זיך מיר געדרייט אין קאָפּ דאָס קליינע מיידעלע „לאהקעלע", דער געשטאָרבענער מאיר וואָלף און דער „מאיר וואָלף, וואָס איז געזעסן שבעה"...

א י ך

שטעלט זיך פאָר די לאַגע פון אַ מענטש, וואָס קומט פון אַ ווייטן וועג און וואַלגערט זיך אַריין אין אַ שטוב, נישט נאָר ווי מען האָט זיך נישט געריכט אויף אים, נאָר מ'ווייסט אפילו נישט, אַז אַזאַ מענטש עקזיסטירט גאָר אויף דער וועלט. און אַזאַ פאַרשוין דאַרף זיך פאָרשטעלן. ער דאַרף זיך פאָרשטעלן נישט ווער ער איז (ווייל מ'ווייסט דאָך נישט, צי עס עקזיסטירט אַזעלכער), נאָר וועמעס ער איז... דאָס איז פאָרגעקומען מיט מיר, ווען איך בין אַראָפּגעפאַלן אין דעם שטעטל וואָלאָדימירעץ, ווי איך האָב זיך באַדאַרפט שטעלן צום פּריזיוו און איך בין אַריין, אָדער בעסער געזאָגט, דער באַלעגאָלע האָט מיך אַריינגעפירט צו איינעם אַ ייד אליה דוד, וואָס די גאַנצע קרובהשאַפט אונזערע איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט אַ מאָל געהאַט פאַר אַ ווייב מיינס אַ קוזינע. די קוזינע מיינע איז שוין לאַנג געווען טויט, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ פּיצל קינד, און עס פאַרשטייט זיך, אַז ער איז קיין אייביקער אַלמן נישט פאַרבליבן און האָט שוין מיטן צווייטן ווייב אַ האַלב טוץ קינדער.

אין זכות פון אָט דער לאַנג-פאַרשטאָרבענער קוזינע, וואָס איז אַמאָל זיין ווייב געווען, זענען דאָס אַלע מיינע ברידער, וואָס זענען געקומען זיך שטעלן צום פּריזיוו, איינגעשטאַנען באַ אים (ווען דער עלטסטער ברודער האָט זיך „געשטעלט", האָט נאָך מיין קוזינע געלעבט).

דער באַלעגאָלע, ווי נאָר ער האָט מיך אַריינגעפירט אין שטוב

אַריין, האָט אַ פרעג געטון באַם באַלעבאָס און באַ דער באַלעבאָסטע, אָנווייזנדיק אויף מיר:

— איר האָט ערגעץ אַזאַ קרוב?

איך האָב געוווסט, וואָס פאַר אַן ענטפער ס'העט קומען, ווייל נישט זיי האָבן מיך ווען-עס-איז געזעען און נישט איך זיי, דערפאַר האָב איך זיך צוגעאיילט פאַרצושטעלן:

— איך בין משה יאַנקלס דער יינגסטער זון.

אליה דוד האָט מיר אָפגעגעבן שלום און אַ פרעג געטון באַם האַלבן טוץ קינדער, וואָס האָבן מיך אַרומגערינגלט, אויף עטלעכן (דאָס איז געווען מיין קוזינעס טאָכטער) און אַלע קינדער האָבן זיך אַ לאָז געטון מיט געשרייען און קולות: עטל. עטל. און אין אַ פאָר מינוט אַרום האָט זיך אַריינגעיאָגט מיט אַ שאַל איבערגעדעקט איבערן קאָפּ אַ קליין געוווקסיק מיידל און איר קליין געוווקסיקייט אַליין האָט מיר גלייך געגעבן צו פילן, אַז דאָס איז מיינס אַן אייגענע, און גלייך ווי זי איז אַריינגעלאָפן אין דעם שאַל, אַזוי גלייך האָט זי אים פון זיך אַראָפּגעוואָרפן און ס'האָט זיך באַוויזן אַ קליין קיילעכיק קעפל, מיט אַ יינגלשן שטערן, אין קורצע, בלאָנדע האָר, וואָס זענען געווען צעוואָרפן און צעשפרייט, ווי באַ אַ פאַרשייט יינגל, ווען מ'האָט נאָר-וואָס אָפגעריסן פון אַ פאַרשייטן שפיל... זי האָט אויסגעזעען ווי אַ יינגל, וואָס איז ענלעך אויף אַ מיידל...

זי האָט זיך מיט מיר צעקושט, און מיר איז שוין געוואָרן היימלעכער, דאָס קושן האָט מיר געגעבן צו פילן, אַז איך בין כאָטש באַ איין מענטש אין שטוב נישט קיין פרעמדער...

און גלייך האָט זי געוואָרפן אַרום מיר אַ קוק און אַ פרעג געטון אויף מיינע „זאַכן". דער באַלעגאָלע האָט געזאָגט, אַז די זאַכן מיינע שטייען נאָך אויפן וואָגן און איז גלייך פון שטוב אַרויס; און פאַרעסקט איז עטל פאַרשוווּנדן אין אַ צווייט חדר און האָט זיך אין אַ מינוט אַרום באַוויזן מיט אַ ברענענדיק ליכט אין האַנט. און איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז דאָס ליכט איז אָנגעצונדן געוואָרן פון מיינעטוועגן, אַז זי קלויבט זיך מיך אַריינצופירן ערגעץ אין אַ צימער, ווו ס'ברענט קיין פייער נישט. זי האָט געעפנט די טיר און אַ מאַך געטון צו מיר מיטן קעפל איך זאָל איר נאָכגיין, מיט אַזוי פיל היימישקייט, ווי זי וואָלט

מיך שוין לאַנג געקענט, און מאָדנע: כאָטש איך האָב געוווּסט, אַז זי פירט מיך ערגעץ צו געבן מיר אַ מקום מנוחה, פונדעסטוועגן האָב איך געפילט עפּעס אַ מין נישט אָנגענעמקייט אין דעם, וואָס איך באַדאַרף אַרויסגיין פון דער טיר, דורך וועלכער איך בין נאַר-וואָס אַריין...

מיר זענען אַרייַנגעפאַלן אין אַ גרויסן קאָרידאָר (דאָס איז געווען דער זעלבער קאָרידאָר, וואָס איך בין פריער דורכגעגאַנגען, נאָר פריער, אין דער פינצטער, האָב איך נישט באַמערקט ווי גרויס ער איז) און דערזען אַנטקעגן אַ טיר: ס'הייסט אַנטקעגן דער טיר, ווו איך בין ערשט נישט לאַנג אַריין און נאָר-וואָס אַרויס, האָב איך פונקט אַ צווייטע טיר דערזען. און דאָס האָט מיך אָריענטירט אין דעם, אַז די שטוב איז אַ צוויי-זייטיקע, וואָס איז געווען צעטיילט אין מיטן מיט אַ גרויסן קאַלטן פינצטערן קאָרידאָר, ווו אַ קורצע טיר איז געהאָנגען, וואָס האָט זיך צוגעמאַכט און צעעפנט פונם קאַלטן ווינט. פאַר דער צייט ביז עטל האָט מיטן שליסל די טיר געעפנט, האָט די קאָרידאָר-טיר זיך אַ פּאָר מאָל פאַרמאַכט און געעפנט. און דאָס פייערל פונם שנויץ האָט זיך געריסן און געקעמפט מיט אַלע קליין-פייערדיקע כוחות אָנצוהאַלטן די פייערדיקע עקזיסטענץ אויפן ליכט, און פון מיינע און פון עטלס נאָזלעכער האָט געשלאָגן אַ פאַרע, און דאָס האָט מיך געמאַכט צו פילן זיך היימיש פונקט ווי אַ קנעכט דערפילט זיך היימיש מיט זיין האַר, ווען זיי זענען אָפּגעריסן פון מענטשן און ביידע פילן זיך צוגלייך אונטערגעוואָרפן די געזעצן פון דער נאַטור.

זי האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ גרויסן זאַל, ווו ס'איז געווען אַזוי קאַלט ווי אין קאָרידאָר, און עס האָט אַזוי ווי דאָרט געזעצט אַ פאַרע פון אונזערע נאָז-לעכער. אין דער קעלט און אין דער אָרדנונג, וואָס דאָרט האָט געהערשט, איז גלייך געווען צו דערקענען, אַז אַהינצו קומט קיינער נישט אַריין... די גרויסע קאַנאַפּע און די גרויסע שטולן זענען געשטאַנען איבערגעצויגן מיט טשעכאָלען, פונקט אַזוי ווי ס'וואָלט תמוז געווען, און ווי אינדרויסן וואָלט די זון געברענט... די פאָדלאָגע איז געווען באַשאָטן מיט געלן זאַמד, און עס האָט געמאַכט אויף מיר אַן איינדרוק, אַז דאָרט איז עפּעס איינער אַ יום-טוב פון די יידישע יום-טובים פאַרגליווערט געבליבן, אַ יום-טוב, וואָס דאָס הויז-געזונט האָט

אינמיטן דערינען פאַרלאָזט און וויל אים מער נישט האָבן, און דערפאַר איז דאָרט אַזוי קאַלט און אומעטיק...

אָט דעם יום-טובדיקן קאַלטן זאַל האָט עס מיר עטל (מסתמא האָט זי די באַלעבאָסטע געהייסן) אָנגעוויזן פאַר מיין מקום-מנוחה, און אַריינגעשטעקט די ליכט אין אַ לייכטער, וואָס איז געשטאַנען אויפן ברייטן ראַנד פון דער הרובע, (וואָס מ'האָט, קענטיק, קיינמאָל נישט געהייצט) און צוגייענדיק צו דער טיר, האָט זי געזאָגט, אַז זי וועט מיר גלייך אַריינברענגען אַ שיסל וואַסער, אָדער זי וועט מיטן מיידל אַריינשיקן. מיט די ווערטער איז זי אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך אַליין אין דעם גרויסן, קאַלטן, פוסטן, האַלב-טונקעלן זאַל...

איך האָב מיך גענומען אַרומקוקן אין מיין קאַלטן מקום-מנוחה און גלייכצייטיק געטראַכט, צי וואָלט מען אַן אַנדערן אויך מכבד געווען מיט אָט דער קאַלטער איזאָלירטער „סאַליע", צי איז דאָס בלויז פאַר מיין „כבוד" וועגן...

ווען איך וואָלט געוווסט, ווי מיין קוזינעס טאָכטער, עטל, פילט זיך דאָ, אַנדערש געזאָגט: ווען איך וואָלט געוווסט, ווי מ'פאַרהאַלט זיך דאָ צו עטלען, וואָס איז נאָר פון איין העלפט (פון פאָטערס צד) אַן אייגענע דאָ, וואָלט איך מיך שוין געקאָנט משער זיין, וואָס דאָס מיינט פאַר מיר, אָדער וואָס זיי, די שטוב-מענטשן, מיינען מיט דעם אָפּצוגעבן פאַר מיר אָט דעם זאַל... אין איין זאַך בין איך געווען זיכער, אַז ווען איך וואָלט צום גאַנצן הויז-געזונט נישט געווען קיין פרעמדער, וואָלטן זיי מיך נישט אַרויסגעמשלחט אין דעם אָפּגעזונדערטן צימער... און ווען איך וואָלט עס אפילו גערעכנט פאַר אַ כבוד פאַר מיר, איז דאָס זיכער אַזאַ „כבוד", ווי מ'קאָן בלויז אָפּגעבן אַ פרעמדן, וואָס האָט דאָ אַ „פאַרטרעטערין" אין דעם הויז, און די פאַרטרעטערין איז אַ האַלב-פרעמדע צו זיי.

אמת, אַז אָט דער גרויסער זאַל, ווו עס איז נאָך קענטיק פון די יום-טובים געווען אויסגעשיט דאָס געלע זאַמד, איז נאָך געווען צו גרויסאַרטיק פאַר מיר, און בײַ אַנדערע אומשטענדן, עס הייסט, ווען דאָס גאַנצע הויז-געזונט וואָלט זיך מיט מיר אָנגעקערט, און ווען איך אַליין וואָלט געווען אַ גרעסערער „פאַרנעם" ווי איך בין געווען -- וואָלט מיר אפשר גאָרנישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז די איזאָלירונג איז אַ באַליידיקונג

פאַר מיר... נאָר אַזוי ווי עס איז דאָך יאָ אַזוי געווען, איז פאַר מיר געווען קלאָר איין זאַך: מ'האָט מיר אַוועקגעגעבן אָט די „סאַליע" פּשוט דערפאַר, ווייל פאַר זיי, פאַר די הויז־מענטשן, איז זי אינגאַנצן אַן איבעריקע, און דערפאַר ווידער, וואָס איך קער מיך מיט זיי גאָרנישט אָן, און דער־פאַר, וואָס איך קער זיך אָן מיט איין פּערזאָן אין דעם הויז, און ווייל אָט די פּערזאָן איז אַ העלפט אַ פרעמדע צו זיי און וואָס אַמאָל מיינט עס נאָך פרעמדער, ווי עס קאָן אַמאָל זיין אינגאַנצן אַ פרעמדע פּערזאָן, איז דערפאַר „נאַ דיר אָט דעם זאַל און שלאָג זיך דאָרט קאָפּ אָן קישן..."

אין אַ מינוט צען אַרום האָב איך דערהערט אַ קלאַפּ אין טיר. כ'האָב זי געעפנט און מיין קוזינעס טאָכטער, עטל אַליין, האָט מיר אַריינגעבראַכט אַ שיסל וואַסער, פון וועלכער ס'האָט געזועצט אַ פּאַרע, מיט אַ שטיק זייף אין שיסל און מיט אַ האַנדטוך אויף זיך פאַרוואָרפן... און אַ מאָדנע זאַך, אַזוי גלייך ווי איך האָב זי דערזעען מיט דער שיסל וואַסער, האָט מיך אַ שטאַרק רחמנות דורכגענומען טאַקע אויף מיר אַליין... אָט טאַקע דערפאַר, וואָס זי און נישט דאָס שטוב־מיידל האָט מיר די שיסל וואַסער געבראַכט... אָט די הויז־משרתים! זיי האָבן אַ גוטן חוש פאַר אַזעלכע זאַכן, אָט ווי קנעכטיש זיי האַלטן זיך דאָרטן בײַ זייערע „הערשאַפטן", איז דערפילן זיי נאָר, אַז עס קומט עפּעס אַ גאַסט, וואָס שמעקט נישט די הערשאַפט זייערע, איז וועלן זיי שוין פאַרן גאַסט נישט טון דאָס מינדסטע...

— צוואָס האָט איר עס באַדאַרפט (געמיינט די שיסל וואַסער אַריינטראָגן)? דאָס האָט דאָך געקאָנט דאָס מיידל...

זי האָט געשמייכלט... יאָ, וואָס האָט זי מיר געקאָנט ענטפערן?... און איך האָב שוין אויך אויף איר רחמנות באַקומען... ס'הייסט, אַז ווייל ס'איז געווען אַ גרויס רחמנות אויף מיר, איז שוין ממילא אויך אויף איר, וועמענס גאַסט איך בין געווען, אויך אַ רחמנות... ווייל מיט איר גאַנצער צופרידנקייט, וואָס זי איז געווען מיט מיר, האָט זי דאָך געמוזט זיין נישט צופרידן, וואָס דאָס הויזגעזונט איז נישט צופרידן מיט מיר... ס'וואָלט איר אָן צווייפל געווען אָנגענעמער, ווען איך וואָלט ערגעץ אַנדערש פאַרפאָרן און נישט אָנגעקומען צו דער גאַסטפריינטלעכקייט, צו די מענטשן, וואָס זענען מיר אינגאַנצן פרעמד.

זי איז געשטאַנען און געציטערט פון קעלט און... נישט אויפגע־הערט צו שמייכלען, ווי זי וואָלט מיר דערמיט געוואָלט באַווייזן, אַז זי אײנע בלויז קער זיך מיט מיר אָן און אַלע איבעריקע זענען פרעמדע צו מיר... און דערפאַר שטייט זי טאַקע און גייט נישט אַוועק, כּדי מיך מאַכן צו פילן, אַז איך בין דאָ נישט איבעריק... אַז פאַר איר איז רעכט צו שטיין און ציטערן פון קעלט, אַבי מיך נישט לאָזן דאָ אַליין.

— גייט אַריין! — האָב איך מיט אַ געבעט געזאָגט צו איר. — איר וועט זיך נאָך צוקילן...

— „אירץ" מיך נישט! — האָט זי מיט אַ טראַגיש קול געזאָגט, און אין אַ ווײלע אַרום אינטים צוגעגעבן: — מיר זענען דאָך אייגענע!...

צי איז דאָס אויך געווען אַ מאַנעוור, כּדי מיר מאַכן זיך בעסער צו פילן, צי איז דאָס טאַקע אַרויס פון די טיפענישן פון איר האַרץ... יאָ, דאָס איז אויך מעגלעך, ווײל פון דער מוטערס צד האָט זי אַרום זיך קיינעם נישט געהאַט און שוין אַ דאַנק דעם אַליין האָט זי געקאָנט פילן צו מיר אַ מער אינטימערע נאָענטקייט, ווי זי האָט געפילט צו אירע שוועסטער, ברידער, וואָס שטיף־מוטערישע פרעמדקייט פון זייער מוטער האָט אויך, ווי עס פירט זיך אַלע מאָל, אָפּגעפרעמדט באַ איר די אייגן־בלוטיקייט פון פאָטערס צד... און ס׳איז נישט געווען אוממ־נאַטירלעך, אויב זי האָט זיך געפילט צו מיר נענטער ווי צו זיי, הגם איך בין געווען מיט איר „אַ שני בשלישי".

— גיי אַריין, — האָב איך געזאָגט צו איר מיט אַ געפיל פון רחמנות צו אונז ביידן.

זי האָט ווידער אַ שמייכל געטון און געזאָגט:

— וועסט באַלד אַריינקומען, ווי דו וועסט זיך אַרומוואַשן, יאָ?

II.

אַזוי גלייך ווי זי איז אַרויס, האָב איך אַראָפּגעוואָרפן מיינע אייבערשטע מלבושים און זיך פאַרנומען צום וואַשן דאָס פּנים, דעם קאָפּ און דעם האַלז און נאַקן, און דאָ האָב איך צו מיין גרויסער איבעראַשונג דערזעען, ווי די שיסל וואַסער איז געוואָרן שוואַרץ, ווי מ'וואָלט אַהינצו אַ טינטער טינט אַרייַנגעגאָסן. אמת טאַקע, אַז איך האָב מיך די גאַנצע דריי מעת־לעת, וואָס איך בין אין וועג געווען, נישט געוואַשן, אָבער אַזוי פיל שמוץ... איך האָב מיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דאָס איז נישט קיין שמוץ, אַז דאָס איז פאַרב, פאַרב פון מיין געפאַרבטן פּאַלטאָ, וואָס איך האָב געלאָזט אָפּפאַרבן פאַר מיין פאָרן, און אַזוי ווי די גאַנצע דריי מעת־לעת איז דער געפאַרבטער אוצר נישט אַראָפּ פון מיין לייב (ווייל איך בין געפאָרן פערסטע קלאַס, ווו די וואַגאָנעס זענען נישט באַהייצט געוואָרן) און אַזוי ווי די פאַרב, אָדער דאָס פאַרבן, איז געווען נישט פון די ערשט־קלאַסיקע, נו, איז זיך אָט די פאַרב פון קאָלנער, וואָס איז געקומען אין באַרירונג מיט מיין האַלז־און־נאַקן, אַריבערגעקראָכן מיט דער גאַנצער שוואַרץ־פאַרביקער שפע. און וואָס מער איך האָב זיך געריבן און געוואַשן, אַלץ מער שמוץ איז פון דאָרט געגאַנגען, און די גאַנצע שיסל וואַסער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ שיסל שוואַרצער פאַרב.

איז וואָס פאַר אַן אומגליק? יאָ, ווען דאָס טרעפט באַ זיך אינדערהיים, וואָלט עס קיין אומגליק נישט געווען, וואָלט איך אויסגעגאָסן דאָס ברודיקע וואַסער און וואָלט אָנגעגאָסן ריינס און זיך אָרומגעשוועקט. דאָ אָבער האָב איך געמוזט אָנקומען צו די פרעמדע מענטשן זיי זאָלן מיר דאָס וואַסער געבן, טאָ ווי אַזוי האָב איך זיך געקאָנט פאַר זיי ווייזן אין אַזאַ צושטאַנד?

און אויף וויפיל איך האָב געוויסט, אַז דאָס איז אומפאַרמיידלעך, האָב איך זיך דאָך נישט געקאָנט באַשליסן דאָס צו טון, ס'הייסט, אַריינווייזן זיך דאָרט אין שטוב אַ נאַסער, אַ ברודיקער און בעטן פריש

וואַסער אויף אַרומצושווענקען זיך. איך וואָלט דאָך געמוזט זאָגן פונוואַנען דאָס קומט, (ווייל נישט אָנגעבן די אורזאַך, איז דאָך אויך געווען אוממעגלעך, ווייל ווי קלויבט עס אָן אַ מענטש אויף זיך אַזוי פיל שמוץ?) יאָ, נאָך דאָס האָט מיר געפעלט, טאָמער האָט מען נאָך נישט געוווּסט, ווי ווייט מיין דלות דערגרייכט, וועט מען זיך עס שוין דערוויסן דורך אָט דער פאַרבּ, וואָס איז אויף מיר אַרויפגעקראָכן פון מיין געפאַרבּטן פאַלטאָ...

ענדלעך בּין איך אַ נאַסער, אַ צעשויבּערטער מיטן גאַנצן בּרוד, וואָס האָט געריננען פון מיר, אַריין אין פינצטערן קאָרידאָר און דאָרט געעפנט די טיר און אַריינגעשטעקט אַ שטיקל פּנים, און מיט אַן עכט אַרימאַנסקע קול געבּעטן, מ'זאָל מיר געבּן אַ קוואָרט וואַסער, און האָב מיך גלייך אָפּגעטראָגן און אַריין צוריק אין „מיין סאַליע", און געוואַרט אויף דער וואַסערדיקער ישועה עטלעכע מינוט, געפילט ווי דאָס פּנים שמערצט מיר פון נאַסקייט און זייף און ווערט „פאַרקלאַסטערט" אין דער קאַלטער אַטמאָספערע.

ענדלעך האָט זיך עטל בּאַוויזן מיט אַ גרויסער קופערנער קוואָרט, פון וועלכער ס'האָט געזעצט אַ פּאַרע. דערזעענדיק זי שוואַרצע זייפן-שוים אין שיסל, איז זי געבּליבּן שטיין אַ פאַרוווּנדערטע און מיטן זעלבּן ווונדער געקוקט אויף מיר... איך האָב געשמייכלט און געפילט (אָדער דאָס האָט זיך מיר בּלויז געדאַכט), אַז איך שמייכל אין דער קרים... און געפילט האָב איך עס אַזוי, ערשטנס, דערפאַר, וואָס ס'האָט זיך מיר נישט געגלוסט שמייכלען, און צווייטנס, דערפאַר, וואָס די הויט אויף מיין פּנים איז געווען פאַרקלאַסטערט פון פאַרטרוקנטן בּרוד און „מילינקעס"...

— דאָס איז פון קאָלנער... פון פאַלטאָ — האָב איך געמורמלט און געפילט, ווי דאָס גאַנצע פּנים מיט די אויערן האָבּן זיך בּאַ מיר אָנגעצונדן פון דער געצוווּנגענער ודוי. אַלץ בּעסער ווי זי זאָל מיינען, אַז פון מיר אַליין איז דאָס אַראָפּ אַזוי פיל שמוץ...

— — — — — — — — —
— — — — — — — — —

אויף מאָרגן האָב איך זיך דערוווּסט פון עטלען, פון מיין קוזינעס טאָכטער, אַז זי איז שוין אַ כּלה, אַז זי נעמט זיך אַ פיינעם חתן,

„אַ קענער", וואָס קען זייער גוט העברעיש, און אַז נאָך בעסער קען ער דייטש און רוסיש... ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז איך בין געווען זייער צופרידן פאַר איר, גלייכצייטיק אָבער האָב איך מיך געפילט געטראָפן, ווייל איך האָב נישט געקענט קיין איינע פון די „שפּראַכן", וואָס דער חתן אירער האָט געקענט... וואָלט איך כאָטש געקענט איין שפּראַך. די, וואָס וווינענדיק אין רוסלאַנד, האָט מען געמוזט קענען, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. וואָלט איך אים שוין מוחל געווען זיין דייטש מיט זיין העברעיש... אָבער קומען פון אָדעס און נישט קענען קיין רוסיש, דאָס איז באמת געווען אַ חרפּה...

אַז זי איז אַ כּלה און וואָס פאַר אַ קענער דער חתן איז, האָט זי מיר דערציילט אינדערפרי, און ערשט באַטאָג, נאָך מיטאָג, האָט זי מיר באַוויזן די פאָטאָגראַפיע זיינע. על פּי שכל וואָלט זי עס באַדאַרפט געווען גלייך טון, נאָר אַ קוק געבנדיק אויפן בילד, איז מיר גלייך קלאָר געוואָרן פאַרוואָס זי האָט זיך נישט געאיילט מיר דאָס בילד צו באַווייזן...

מערקווירדיק, וואָס נישט קוקנדיק אויף מיין גאַנצער בעטריישאַפט צו עטלען און אויף דער גאַנצער צופרידנקייט, וואָס זי נעמט אַ חתן אַ קענער, איז ווען איך האָב דערזעען אָט דאָס בילד, האָט זיך מיין האַרץ דערפרייט... ס'איז שוין איינמאָל געווען אַ צורה... איך האָב מיר גאַנץ אַנדערש פאַרגעשטעלט דעם „קענער". ערשטנס, די באָרד זיינע איז פאַר מיר געווען אַן איבעררעשונג. איך האָב מיר נישט פאַרגעשטעלט, אַז די ווילקענענדיקע עטל זאָל נעמען אַ חתן מיט אַ באָרד, (אין גאַנצן וואָס זי האָט מיר דערציילט פון זיינע קענטעניש, האָב איך עס מיר אוודאי און אוודאי נישט פאַרגעשטעלט...) און חוץ דער באָרד האָט ער גלאַט אויסגעזעען ווי אַ באַלעגאָלע און אַן אַלמן, וואָס פוצט זיך אויס אָנצוקוקן אַ כּלה...

וואָס שייך דער באָרד, בין איך אַליין געווען היפּשלעך באַבערדלט, ווי דאָס רוב פּריזיוניקעס. ס'איז שוין געווען צו יענער צייט אַזאַ טראַדיציע זיך צו פאַרלאָזן אַ באָרד צום פּריזיוו. ווער ס'האָט עס געטון צוליב דעם, ער זאָל אויסזעען חושכדיקער און ווער ס'האָט עס געטון צוליב משפּחה (דאָ רעדט זיך וועגן אַזעלכע, וואָס האָבן פאַרבראַכט ביז די פּריזיוון אין די גרויסע שטעט) און אייניקע האָבן עס געטון אי צוליב דעם, אי צוליב יענעם... און וואָס אָנבאַלאַנגט מיר, הגם איך האָב קיין

האָפֿנונג נישט געהאַט באַפרייט צו ווערן פֿון פּריזיוו, האָב איך שוין צוליב דעם געמוזט אַ באָרד זיך פֿאַרלאָזן, ווייל איך האָב געוווסט, אַז איך וועל דאַרפֿן אָנקומען אויף קעסט און אויף דירה צו פֿרעמדע מענטשן, וואָס קערן זיך מיט מיר גאָרנישט אָן... האָב איך נישט געוואָלט געבן קיין פּתחון פּה אָט די פֿרעמדע מענטשן דורך אַזאַ געלעגנהייט אַרויסצו־ווייזן זייער אומצופֿרידנקייט מיט מיר... (נאַטירלעך, ווען איך וואַלט געקאָנט געווען פֿאַרפֿאָרן אויף אַ סטאַנציע, וואָלט איך זיי געהערט ווי דעם קאָטער)... און דערזעענדיק אָט דעם חתן מיט דער באָרד, האָב איך ערשט איינגעזען ווי גוט איך האָב געטון, וואָס איך בין נישט געקומען מיט קיין אָפּגעסקראָבעטער מאָרדע. גלייכצייטיק אָבער האָב איך דערזען, אַז ווייל אָט דער חתן־בחור האָט אַ באָרד, וואָלט גוט געווען, ווען איך וואָלט מיין באָרד נישט געהאַט... ווייל איך בין זיכער געווען, אַז אַזאַ מיידל ווי עטל דאַרף געפֿעלן ווערן אַ יונגערמאַן אַ ראַזירטער... איז דאָך די פֿראַגע צוליבוואָס האָב איך געוואָלט געפֿעלן עטלען? קאָן איך ענטפֿערן מיט אַ קאָנטער־פֿראַגע: פֿאַרוואָס האָב איך מיך שלעכט דערפֿילט אַנטקעגן איר, ווען זי האָט מיר דערציילט וועגן די דריי שפּראַכן, וואָס יענער, דער חתן אירער, קען און איך קען נישט?

אַזוי צי אַזוי, איז מיר טאַקע דאָ גלייך איינגעפֿאַלן אַ געדאַנק אויסצוכאַפּן דאָס בערדל מיינס... אויב איך האָב זיך נישט מיט עפּעס אַנדערש צו באַווייזן, טאָ לאָמיר זיך כאָטש באַווייזן מיט... אָן אַ באָרד... אויב זיין פּלוס איז באַשטאַנען אין די שפּראַכן, וואָס ער איז באַזעסן, טאָ זאָל אין מיין מינוס־באָרד מיין פּלוס באַשטיין... דערצו האָב איך נאָך איינגעזען, אַז דער טאַטע אירער איז נישט אַזאַ גרויסער פֿרומאַק... אַלנפֿאַלס, האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז ס'וואָלט נישט איבעריק געווען זיך מיישב צו זיין מיט עטלען וועגן דעם בערדיקן ענין, און טאַקע אַזוי גלייך ווי זי האָט אַריינגעלייגט דעם בערדיקן חתן אירן אין שיפֿלאָד פֿון קאָמאָד, פֿונוואַנען זי האָט „אים" נאָר־וואָס אַרויסגענומען, האָב איך אַריינ־געריקט מיינע פֿינף פֿינגער פֿון דער רעכטער האַנט אין מיין קורצער און געדיכטער באַוואַקסנקייט און שטיל, אינטים אַ פֿרעג געטון:

— זאָל איך? ...

זי האָט אויף מיר אַ שמייכלענדיקן גלאַנציקן בליק געוואָרפֿן און געזאָגט:

— כ׳ווייס ?... כ׳ווייס אַליין נישט... ווען דו וואָלסט גלייך געקומען אַהער אָן אַ באָרד, וואָלט נישט אויסגעטאַכט. מיין פאָטער איז נישט קיין פאַנאַטיקער... נאָר אַז דו ביסט שוין געקומען מיט אַ באָרד...

פון איר גלאַנציקן קוק, וואָס זי האָט אויף מיר געוואָרפן, און נאָך די רייד, וואָס זי האָט גערעדט, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז זי אַליין וואָלט מיך אויך געוואָלט זעען אָן אַ באָרד. און דאָס אַליין האָט מיר צוגעגעבן מוט, איך זאָל אָננעמען אַ פּאָזיציון באַשלוס צו באַפרייען מיין פּנים פון אָט דעם האָריק־בערדיקן לבוש. און איך האָב אַ מורמל געטון צו עטלעכן מיט אַ שטיל איינגעטים קול:

— אויף שבת, אַ יאָ...

III.

פרייטיק, אַזוי גלייך ווי מ׳האָט אָפּגעגעסן די הייסע בולקע מיט ראָסל־פלייש, האָב איך מיך אָפּגעזונדערט אין מיין קאַלטן חדר מיוחד און האָב זיך דאָרט גענומען צו דער הייליקער אַרבעט לכבוד שבת... איך זאָג „זיך גענומען", ווייל דאָס ראַזיר־מעסער, וואָס איך האָב געהאַט, איז געווען שטומפּיק, ווי אַ האַק־מעסער. איך האָב עס אָפּגעקויפט אין אַדעס טאַקע בײַ אַן אויסגעדינטן סאָלדאַט און, ראַזירנדיק זיך מיט אַזאַ מעסער, בין איך אַרויס אַ צעקיילטער, עס האָבן זיך אויף עטלעכע ערטער באַוויזן בלוט־פלעקן, און איך האָב געמוזט דאָ און דאָרט אַוועקלייגן לאַטעס פון ציגאַר־פּאַפּיר, כדי צו פאַרהאַמעווען דאָס בלוט; חוץ דעם האָבן זיך בײַ מיר די באַקן פון דעם „קראַצעניש", וואָס איך האָב זיי געקראַצט מיטן שטומפּיקן ראַזיר־מעסער, צעפלאַמט ווי בײַ אַן ערל פון באָד אַרויס און, אַ קוק געגעבן אין שפּיגעלע (וואָס איך האָב אויך מיט זיך געבראַכט). האָב איך דערזעען, אַז איך האָב ממש פאַרלוירן דעם צלם אלוקים. און אָט מיט דעם פּנים האָב איך זיך עס געמוזט ווייזן אין שטוב, און דעם ערשטן „ברוך הבא" האָב איך באַקומען פון עטלס פאָטער. ער האָט מיך גלייך אַזוי ווי ער האָט מיך נאָר דערזעען, באַגעגנט בזה הלשון:

— זייער פיין!... — אנטשוויגן געוואָרן אויף א ווײַלע און, שווייגנ־דיק מיך באַטראַכט מיט חוזק און בטול, האָט ער פאַרגעזעצט: — האָסט עס דאָך געקאָנט דאָרט טון אין דיין אַדעס... וואָס האָסטו זי, די באָרד דיינע, באַדאַרפט ברענגען אַהערצו? אַז מ׳איז אַזאַ פּוסטאָקראַט, האָסטו זי באַדאַרפט דאָרט אָפּשקראַבען די באָרד דיינע.

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן און אַ רוף געטון דאָס ווייב זיינס פון אַ צווייט חדר. — קום אַהער, פריידע, ווילסט עפּעס זעען? — און ווען יענע איז אַריינגעקומען מיט אַ קעמל און מיט דער מוזינקע, וואָס זי האָט געהאַלטן אין קעמען, האָט ער אָנגעוויזן אויף מיר מיט אַ שטייף אויס־געצויגענעם פינגער:

— דו דערקענסט אים?

דאָס האַלב־ווייבל און האַלב־יידענע האָט געקוקט אויף מיר אַ פאַרקרימטע און אַ פאַרזויערטע, ווי איינער קוקט אויף אַ זויער צעקראַ־כענער אוגערקע און ס׳הייבט אים אָן צו גיין אַ זויערע סליונע פון מויל, און אַריינגעשטעקט דאָס געדיכטע קעמל דעם קינד אין קעפל אַריין און אַרויסגעקעמט פון דאָרט, וואָס זי האָט געזוכט, האָט זי דערביי געזאָגט:

— מסתמא דאַרף ער עס צו זיינע געשעפטן...

און זיך ווידער זויער פאַרקרימט און דער ייד אליהו דוד, עטלס פאָטער, האָט מיט פאַרדראָס געזאָגט.

— ווען משה יאַנקל (מיין פאָטער) וואָלט געלעבט און וואָלט עס געזעען. — און זיך געווענדט צו אליהו דודן: — ער האָט שוין איינמאָל געהאַט אַ טאַטן, — און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער זיך ווידער אַ נעם געטון דירעקט צו מיר:

— אַלע דיינע ברידער זענען דאָ בײַ מיר איבערגעשטאַנען און קיינער פון זיי האָט בײַ מיר אין שטוב דאָס נישט געטון.

דערפאַר האָב איך אומדערוואַרטעט נאָך אָט דעם קבלת־פּנים, וואָס איך האָב געהאַט פון עטלס פאָטער און שטיף־מוטער, באַקומען אַ וואַרעמע „אויפנאַמע" פון עטלען אַליין. ווען איך בין מיט איר אויג אויף אויג געבליבן, האָט זי מיר גוטמוטיק אַריינגעשמייכלט אין פּנים אַריין און גע־זאָגט, איך זאָל זיך נישט נעמען צום האַרץ איר פאָטערס רייד... און וואָס

אָנבאַלאַנגט איר פּערזענלעך, געפעלט איך איר א סך, א סך מער אָן דער באָרד, ווי מיט דער באָרד.

און זאָגנדיק דאָס, האָט זי מיר אַ גלעט געטון מיט אַ פּאָר פינ־גערלעך איבער דער מאָרדע, און אָנגערירט אַ פּאַפּירן לאַטקעלע, האָט זי מיט מיידלישער זאַפטיקייט מיר אַריינגעשמייכלט אין די אויגן אַריין און אַ פרעג געטון:

— ס'טוט דיר ווײ?

און איך האָב דערביי געטראַכט, אַז ס'האָט זיך שוין איבער דעם אַליין געלוינט צו ליידן פיזישע און גייסטיקע ווייטיקן פון מיין „אָפּשאָבן" די באָרד, אַבי באַרירט צו ווערן פון די מיידלשע צאַרטע פינגערלעך... הגם איך האָב אויפן אָרט נישט געוווּסט, צי טוט זי דאָס אויס מיטלייד צו מיר, צי דערפאַר, ווייל איך געפעל איר. ערשט שפּעטער, ווען זי האָט גאָר פלוצלינג פאַר מיר צעעפנט דאָס האַרץ און זיך פאַרטרויט פאַר מיר, אַז דער חתן איז איר נישט צום האַרץ, האָב איך גלייך איינ־געזען, אַז מיין „אַרבעט" איז נישט געגאַנגען לאיבוד. נישט קוקנדיק אויף מיין אויסגעצאַצקעט פּנים מיט די פּאַפּירענע לאַטקעלעך, בין איך דאָך פיל שענער געוואָרן, ווי פריער (איך האָב עס דאָך טאַקע צוליב דעם געטון). און הגם זי האָט מיר נישט געזאָגט, אַז איך געפעל איר, נאָר דאָס אַליין, וואָס זי האָט זיך פאַר מיר פאַרטרויט, אַז איר געפעלט נישט דער חתן. איז דאָס פאַר מיר געווען אַ גענוגנדער באַווייז, אַז זי איז נישט גלייכגילטיק צו מיר. איך האָב דאָך גלייך דערשמעקט, אַז בּאַ אַזאַ מיידל, ווי עטל, האָט מער שאַנסן אויסצונעמען אַ בחור אַ ראַזיר־טער... און דאָס איז געווען דאָס איינציקע, וואָס איך האָב געהאַט ביכולת אַוועקצושטעלן זיך יענעם אין קאָנקורענץ...

דעם זעלבן פרייטיק פאַרנאַכט סמוך לשקיעה, האָט עטל מיך איבערגעבעטן און זיך אַוועקגעזעצט באַם שבת־געגרייטן טיש שרייבן אַ בריוו צום חתן. די זילבערנע לייכטער זענען שוין אויפן טיש געשטאַנען אָנגעשטעקט מיט ליכט און פון אונטערן געבלומטן סערוועט האָט בערגל־דיק די חלה אַרויסגעשטאַרצט... עטל האָט מיר דערציילט, אַז ס'איז איינגעפירט באַ זיי, באַ איר מיט איר חתן, זיי זאָלן זיך צוויי מאָל אין וואָך בריוו שרייבן. די וואָך אָבער האָט זי אים נאָך קיין איין מאָל נישט געשריבן, אַ דאַנק דעם גאַסט, וואָס זי האָט, אָבער איין מאָל מוז זי אים

שרייבן... ס'איז געווען אַ חיות צוצוקוקן, ווי דאָס שבתדיקע מיידל האָט זיך באַזעצט מיט וואָכעדיקער אַרבעט באַם שבתדיקן טיש... די קורצע האָר אירע האָבן געגלאַנצט און אַ דאַנק דעם, וואָס זיי זענען געווען לכבוד שבת אָנגעקרויזט, האָבן זיי אויסגעזען נאָך קירצער און די גאָר קורצע האָר האָבן איר פיל שענער געפּאַסט צום פּנים, ווי ווען זיי זענען געווען נישט לאַנג, ווי בא אַ מיידל דאַרף זיין, און ווידער נישט אַזוי קורץ, ווי ס'האָט באַדאַרף זיין, ווען אַ מיידל טראָגט קורצע האָר... אָנגע־טון איז זי געווען נישט שטאַרק יום־טובדיק, אָבער... שבתדיק... מ'האָט דערקענט אויף איר דעם שבת און ס'איז געווען אַ רחבות צו קוקן אויף איר, ווי זי, אַ שבתדיקע, זיצט באַם שבתדיקן טיש און טוט די וואָכעדיקע אַרבעט אירע... ס'האָט געמאַכט אַן איינדרוק, אַז זי זיצט און שרייבט אַ יחוס־בריוו וועגן איר יידישן יחוס... ס'האָט אַזאַ איינדרוק געמאַכט דער־פּאַר, ווייל אַ פּראָסט מיידל וואָלט זיך נישט אָוועקגעזעצט אין אַזאַ שפּעטער צייט, נאָענט צו ליכט בענטשן, אַ בריוול שרייבן... כאָטש געמענט האָט מען נאָך. און וועגן דעם האַנדלט זיך טאַקע, וואָס געמעגט שרייבן האָט מען נאָך טאַקע, אָבער אַ פּראָסט מיידל וואָלט עס פאַרט נישט געטון, אַזאַ זאַך האָט נאָר געפּאַסט פאַר אַ ווויל־קענענדיקער און פאַר אַ יידיש־מיוחסדיק מיידל.

איך האָב זיך אַזוי שפּלדיק געפילט און דווקא מיט מיין געשקראַ־בעטער מאַרדע... איך קאָן נאָך עפּעס אַ חוץ דעם? איר חתן קען דאָך העברעיש און רוסיש... מילא, דאָס העברעישע וואָלט איך אים געקאָנט מוחל זיין, צו „אַדערער" איז נישט מחויב צו קענען העברעיש, אָבער רוסיש?...

פאַרענדיקט שרייבן, האָט זי זיך ברייט פונאַנדערגעשמייכלט צו מיר און האָט מיך געפרעגט, צי וויל איך הערן דעם בריוו אירן, וואָס זי האָט אָנגעשריבן צום חתן...

— יאָ, מיט פאַרגעניגן. וואָס הייסט, ווי דען?

אויסגעהערט דעם בריוו, האָב איך שוין נישט געוווּסט, צי זאָל איך מקנא זיין דעם חתן אירן, צי נישט... אמת, ס'איז געווען זייער אַ פיינער בריוו, אַזעלכער, וואָס לא כל אדם זוכה אַזאַ בריוו אָנצושרייבן. דאָרט זענען געווען אַריינגעמישט לשון קודשדיקע ווערטער, רוסישע און דייטשי־שע, אָבער דער בריוו אַליין אַלס בריוו איז געווען אַ פאַרוווער, עפּעס

באַרניִשט ווי אַ מיידל וואָלט געשריבן צו אַ בחור, און מיר איז איינגע־פאַלן, אַז זי האָט אים מיר דערפאַר געוואָלט איבערלייענען, כדי צו באַווייזן מיר אירע פאַרעוועט געפילן, וואָס זי פילט צום חתן. און אפשר האָט זי לכתחילה אָנגעשריבן אַזאַ פאַרעוועטן בריוו, כדי מיר אים צו לייענען, און... וואָס האָב איך נאָך אַלעמען געקאָנט וויסן? און אפשר האָט זי גלאַט געוואָלט באַווייזן אירע קענטעניש, ווייל ווי אַנדערש? ממה נפשך, האָט זי פיינט דעם חתן, דאַרף זי פילן, אַז זי האָט אים פיינט. אלא וואָס, זי האָט אים נישט פיינט געהאַט, נאָר ער איז איר נישט מער, ווי צום האַרץ (אירע ווערטער). ניין, טויג עס אויך נישט... אָבער, וואָס ס'איז שוין דאָרט נישט געווען, אויף מיר האָט דער בריוו געמאַכט אַ... פאַרעוועטן איינדרוק און דאָס שטיקל געפיל, וואָס איך האָב געפילט צו איר, דאָס געפיל, וואָס איז געשאַפן געוואָרן פון אַ ביסל קנאה צום חתן און אַ ביסל אייפערזוכט, איז אינגאַנצן פאַרשוואונדן גע־וואָרן...

צולעצט האָט זי מיר איבערגעלייענט, ווי זי לאָזט וויסן דעם חתן אירן, אַז זי האָט זייער אַ חשובן און ליבן גאַסט, אַ קוזין אירער. וואָס איז געקומען פון אַדעס זיך שטעלן צום פריזיוו, און גלייכצייטיק האָט זי זיך פאַרענטפערט פאַרן חתן, אַז דערפאַר, ווייל זי האָט אַ גאַסט, דערפאַר האָט זי קיין צייט נישט געהאַט אים צו שרייבן...

אין אַ פאָר טעג אַרום איז אָנגעקומען פון איר חתן אַן ענטפער אויפן בריוו, און צו מיר איז געווען צוגעלייגט באַזונדער אַ שטיקל פאַפיר, וואָס פאַר אַ גרוס איז דאָס געווען צו־גרויס און פאַר אַ בריוו — צו־קליין. עס איז געווען אַ בריוולדיקער גרוס... אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. די גאַנצע וויכטיקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער בריוול־דיקער גרוס איז געווען געשריבן אין... רוסיש, און אַזוי ווי עטל האָט מיר אַ שטעק געטון דעם אוצר, איז מיר פינצטער געוואָרן אין מיינע אויגן און וויסט אין אַלע מיינע רמ"ח אברים... איך האָב גלייך דערפילט, אַז דאָס פנים מיינס האָט זיך מיר אונטערגעצונדן און די אויערן האָבן אָנגעהויבן פלאַמען... איך האָב אַריינגעקוקט אין דעם בריוועלע, ווי אַ האָן אין בני אדם און געטראַכט וועגן מיין געשאָבענער מאָרדע, און באַגראָבן האָב איך זי געוואָלט, אָט די מאָרדע, מיט זיך אינגאַנצן... איך, דער אַדעסער „איסטאָקראַט" מיט דער געשקראָבעטער מאָרדע, קאָן עס

קיין רוסיש בריוול נישט איבערלייענען, און יענער ייד דאַרט מיט דער באָרד... וואָלט ער כאָטש געשריבן אין העברעיש, וואָלט איך אים געהאַט אין דער ערד: אַן אַדעסער איז נישט מחויב צו קענען העברעיש, אָבער רוסיש!?

— ס'איז זייער אַ געדרייט כתב, פונקט ווי אויף מיין פּאַספּאָרט — האָב איך צולעצט געזאָגט צו עטלען — און וויל דער כתב אויף מיין פּאַספּאָרט איז זייער אַ געדרייטער, ווייס איך נאָך ביז היינטיקן טאָג נישט, וואָסערע אויגן איך האָב און וואָסער אַ האָר איך האָב... איך ווייס נישט, צי בין איך אַ בלאָנדין, צי בין איך אַ שאַטין...

עטל האָט זיך שטורעמדיק צעלאַכט און מיט איר קליין, ווייס הענטל, מיטן הענטל, וואָס זי האָט נאָך קענטיק קיינמאָל קיין שווערע אַרבעט נישט געטון, איז זי מיר פינגערדיק אַריינגעפאָרן אין מיינע געדיכטע קודלעס אַריין און אָנגענומען די קודלעס, אַ טרייסל געטון איין מאָל און אַ צווייט מאָל, און עטלעכע מאָל. און אויפגעהערט צו לאַכן און אויפגעהערט צו טרייסלען, האָט זי געזאָגט גוטמוטיק און שמייכלענדיק:

— אוי, וואָס פאַר אַ נאַיוו קינד דו ביסט, דו ביסט דאָך נאָך גאָר אַ קינד!

IV.

און אַז ס'גייט נישט אַ מענטש, גייט נישט. אַ נייע צרה, אַ ניי אָנטשעפעניש. איך עס צו פיל! אמת טאַקע, ס'איז שוין צייט געווען אויפהערן עסן... צוויי וואָכן, די דריטע... אָבער נישט דערין איז עטלס שטיף־מאַמע געגאַנגען. זי האָט געמיינט מיין טובה — פאַר אַ פּריזיוו דאַרף מען נישט עסן אַזוי פיל...

— דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן זע איך, אַז אַ יידיש קינד זאָל פאַרן פּריזיוו אַזוי פיל שטופּן אין זיך...

האָב איך דען אויף אַ ווילע געקאָנט צווייפלען, אַז זי וויל נישט איך זאָל זיין אַ סאָלדאַט? געוויס נישט. און אויב ס'איז אַפּהענגיק אָן עסן, איז דאָך גאַנץ נאַטירלעך, אַז זי זאָל מיר נישט פאַרגינען דאָס עסן

אי דער צייט, ווען דאָס קאָן מיר בלויז שאַדן ברענגען... אַזוי לייטיש קאָן דאָך יעדער זיין, טאָ פאַרוואָס זאָל איך וועגן איר אַנדערש דענקען אין דער צייט נאָך, ווען מיינע עלטערע ברידער האָבן זיך זייער פיל אָנדערציילט וועגן איר און איר לייטישקייט, און אפשר איז זי געווען צו זיי אַזוי לייטיש דערפאַר, ווייל זיי האָבן געגעסן ווי יידישע פּריזיוו־ניקעס באַדאַרפן עסן... יאָ, זי האָט מיר נישט איינמאָל געשטאָכן די אויגן מיט מיינע ברידער, אַז מיינע ברידער פלעגן נישט עסן; אַז אפילו דער האַרבאַטער ברודער מיינער, וואָס איז געווען זיכער, אַז ער וועט „אַריין און אַרויס", אפילו ער האָט אויך נישט געגעסן אַזויפיל וויפיל אים האָט זיך געגלוסט...

און קענטיק, אַז זי אַליין האָט אויך איבערגעטראַכט, אַז איך קאָן אויסטייטשן איר געטריישאַפט צום שלעכטן, האָט זי מיר געגעבן גרויסע פּאַרציעס. און איך בין קיינמאָל נישט געבליבן הינטערשטעליק. איך האָב קיינמאָל נישט מקיים געווען דעם פּסוק פון „שבענו והותרנו", ווייל אַן אַפּעטיט האָב איך געהאַט נאָך אַ פיינעם און האָב קיינמאָל אפילו אויף דרך־ארץ נישט איבערגעלאָזט. און זי פלעגט אַזוי קוקן אויף מיר מיט רוגזה און פאַרדראָס און צווישן יאָ און ניין זיך אַזוי אַ זאָג טון:

— ווען איך וואָלט געווען אַ מאַמע זייערע אָדער אַ שוועסטער, וואָלט איך אים קיין עסן נישט געגעבן...

און ס'האָט נישט איין מאָל געטראָפן, אַז זי האָט באַ מיר אַרויס־געשלעפּט דעם טעלער פון אונטער דער „מאָרדע" און אַזוי דערביי אָפּגעזאָגט:

— געגוג פון דיינעטוועגן...

איינמאָל, ווען מ'האָט זיך געקליבן גיין עסן, האָט מיר עטל גע־זאָגט סודותדיק און גוטמוטיק אויף אַזאַ מין דיפּלאָמאַטישן שטייגער, איך זאָל נישט באַליידיקט ווערן און ס'זאָל נישט הייסן, אַז זי באַרעדט איר שטיף־מוטער:

— יונה, זאָלסט מיר אַזוי לעבן: טו איר אַמאָל צוליב און עס ווינציקער. זי איז אַ גרויסער טיפּש... זי קאָן דיר ווערן דער גרעסטער שונא דערפאַר... מיט מיר און מיט אירע אייגענע קינדער איז אויך אַזוי... ווען זי זאָגט מיר עפּעס אַ זאַך, וואָס זי מיינט, אַז ס'איז גוט פאַר מיר,

און איך פאָלג זי נישט, ווערט זי מיר אַ דם שונא דערפאַר, וואָס איך פאָלג זי נישט.

אויב אַזוי, האָט עס שוין געשטימט: לכתחילה האָט זי, עטלס שטיף־מוטער, טאַקע פון געטריישאַפט צו מיר, געוואָלט איך זאָל עסן וואָס ווינציקער, נאָר אַזוי ווי איך האָט זי נישט געפאָלגט, איז זי מיר דערפאַר אַ שונא געוואָרן און דאָ האָט זי מיר אויף אַ גאַנץ נאַטירלעכן אופן שוין געקאָנט נישט פאַרגינען דאָס עסן... איך האָב עס נאָך דעמאָלט אַזוי פאַרשטאַנען און האָב עס מיר געזאָגט דער קוזינע מײַנער.

— ביסט אַ נאַר — האָט זי מיר געזאָגט, אַרויפלייגנדיק דאָס הענטל אירס צו מיר אויפן אַקסל.

— נאָך דיר אַליין קומט דאָך אַזוי אויס.

און דאָ האָבן זיך בײַ מײַן קוזינע פאַרנעפּלט די אויגן און זי האָט צו מיר אַ זאָג געטון:

— איך אַליין וואָלט אויך געוואָלט דו זאָלסט אַ ביסל ווינציקער עסן...

געקמעטעט וואָס דאָס מיינט, האָב איך פאַר איר דאָס האַרץ מײַנס געעפנט. איך האָב איר דערציילט די גאַנצע לאַגע מײַנע, אַז איך האָב סײַ ווי נישט וואָס אָנצוווערן, אַז אין סאָלדאַטן קאָן מיר שוין ערגער נישט זײַן ווי ס'איז מיר, אַז קיין ערגערע באַרשטעס, ווי איך עס אין די טראַקטירן, וועל איך אין קאַזאַרמע נישט עסן.

איינצייטיק האָב איך געוואָלט, אַז זי זאָל וויסן מײַן מצב — טאַקע דערפאַר... פאַר איר אָנצוהערעניש, אַז זי איז אויך פאַראינטערעסירט איך זאָל עסן ווינציקער... אין די פאַרנעפּלטע אויגן האָב איך דערקענט, אַז די געטריישאַפט אירע באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט איר קרובה־שאַפט מיט מיר... דערפאַר האָב איך געוואָלט זי זאָל וויסן דעם גאַנצן צושטאַנד מײַנעם.

— איך בין דאָך אַ באַלמעלאָכע — האָט זיך פּלוצלינג פון מיר געטון אַ זאָג אַרויס — אַ טאָקער, אַ טאָקער בין איך! איך פאַרדין דרײַסיק, פערציק קאָפּיקעס אַ טאָג!...

און כדי זי זאָל נישט איבערטראַכטן, אַז איך האָב דערשפּירט, אַז בײַ איר האָט זיך אָנגעהויבן צו פלאַנצן אַ געפיל צו מיר, וואָס האָט מיט

קרובהשאַפט נישט געהאַט צו טון, האָב איך זיך אונטערגעאײַלט צו־צוגעבן :

— ס'איז אַזוי גרינג צו רעדן : עסן אַ ביסל ווינציקער, ווען איך בין נאָך זינט איך לעב קיינמאָל רעכט זאַט נישט געווען און נישט געזעסן בײַ אַזאַ שיין געגרייטן טיש... אינדערהיים, בײַ מײַן טאַטן, האָב איך געגעסן מיט אַ בלעכענעם לעפל, מיט פּאַרכעס און פון אַ צעשפּאָלטענעם, צעבראָכענעם טעלער. וואָס איז געווען צונויפגעדראַטעוועט... שפּעטער האָב איך פינף יאָר צייט, וואָס איך בין געווען אין דער לערע, גאָר אײַנגאַנצן פון קיין טיש נישט געוווּסט. איך האָב געגעסן בײַם וואַרשטאַט...

מײַן קוזינע האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן און נאָך אַ לענגערער פּויזע האָט זי געזאָגט, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט מײַן עקאָנאָמישן צושטאַנד, האָט זי גלייך איינגעזען, אַז איך בין „נישט קיין גביר", דערפאַר אָבער איז פאַר איר פשוט אומדערוואַרטעט צו הערן, אַז איך בין אַ באַלמעלאָכע...

— איך האָב נאָך קיינמאָל אַזוי נישט געהערט רעדן אַ באַלמעלאָכע ווי דו רעדסט...

— ...איך אויך נישט...

— וואָס מיינסטו ?

איך האָב איר נישט געקאָנט דערקלערן, וואָס איך מיין, ווײַל איך האָב אין דעם מאָמענט אין זיבען געהאַט זיך אַליין... אַז איך, הייסט עס, האָב נאָך זיך אַליין קיינמאָל נישט געהערט אַזוי רעדן ווי דאָ פאַר דער צייט, וואָס איך פאַרברענג מיט איר... איך האָב פון צייט־צו־צייט זיך געלאָזט הערן מיט אַזעלכע דיבורים, וואָס איך האָב קיינמאָל פון קיינעם נישט געהערט רעדן. איך בין שעהן לאַנג אָפּגעזעסן מיט עטלעך און פון יעדן נייעם וואָרט, וואָס איך האָב אַרויסגערעדט, האָב איך אַזוי אָנגעקוואָלן, ווי אַמאָל קינדווייז פון די נייע כּלים, וואָס מען האָט אַרײַנגעטראָגן אין שטוב אויף פּסח...

און דאָ איז געשען איינס פון די מערקווירדיקע זאַכן, וואָס האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל נישט געטראָפן. איך האָב געפילט, אַז איך פאַרליב זיך. נאָר איך האָב נישט געוווּסט אין וועמען, צי אין דעם מיידל, צי אין זיך אַליין. און דאָס איז טאַקע די גאַנצע זאַך, וואָס כּדי איך

זאָל זיך קאָנען ליב האָבן, — האָב איך געמוזט האָבן לעבן זיך עטלען, ווייל נאָר דעמאָלט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו לאָזן הערן מיינע אויערן אַזעלכע רייד, וואָס איך האָב פון קיינעם קיינמאָל נישט געהערט. אין איר קעגנוואַרט האָט מיין מוט ממש געבליצט. צייטנווייז האָב איך געפילט, אַז אין מיין גאַנץ ווען האָבן זיך ווענטילאַציעס צעעפנט און מיין מוח האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אַלץ געשווינטער און פלינקער, ממש ווי אַ ווינטמיל, וואָס איז יאָרן און יאָרן געשטאַנען „פאַרשטעלט", און פלוצלינג האָט דאָרט עמעצער אַראָפגענומען די „זאַסטאַווע" און די מיל האָט אָנגעהויבן אַרבעטן... ס'הייסט, אַלץ איז דאָרט געווען גרייט צו דער אַרבעט, בלויז ס'האָט געפעלט איין קליינער שטויס, און דער שטויס איז געווען זי, עטל... יאָ, איך וועל נישט זאָגן, אַז זי איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע חכמה, און זי האָט עס גאָר נישט באַדאַרפט זיין, פונקט ווי דאָרט דער מילנער, וואָס לאָזט די מיל גיין, באַווייזט קיין גבורות נישט, נאָר ער נעמט אַרויס דעם קלין, וואָס האָט געהאַלטן פאַרשטעלט די מיל, און אַלץ הייבט זיך אָן באַוועגן און דרייען. אַזאַ ראָל האָט דאָ בלויז מיר עטל געשפּילט, אָבער דערפאַר פאַרדינט זי אויך צו פאַרצייכנט ווערן אין ספר הזכרון, וואָס איך טו טאַקע.

איך האָב מיך אַלץ אָפטער און אָפטער געוואָרפן צום שפּיגל און זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן אין דעם נייעם גלאַנץ אין מיינע אויגן, וואָס איך האָב ביז דעמאָלט נישט באַמערקט. ס'איז געווען אַזאַ ליכטיקער העלער גלאַנץ, ווי עס טרעפט אַמאָל בײַ אַ קינד, ווען ס'האַלט דער מוטערס ברוסט אין מויל און ס'קוקט אַרויף צו דער מוטער אין פּנים אַריין מיט אַזוי פיל חכמה, ווי ס'וואָלט געוואָלט זאָגן, אַז ס'באַדאַרף שוין נישט זייגן, נאָר ווייל ס'קאָן נישט רעדן, זייגט עס...

איין מאָל, ווען איך בין אַזוי בײַם שפּיגל געשטאַנען, איז אַנטקעגן אין שפּיגל און הינטער מיר צוגעקומען עטל און אַרויפגעלייגט אַ האַנט אויף מיין אַקסל, ווי אַ שוועסטער, ווי אַ ברודער און אַ גוטער פריינט אַ לאַנגאָנענדיקער, און האָט צו מיר אין שפּיגל אַריין, און צו מיר, דעם אָריגינאַל, וואָס איז אַנטקעגן שפּיגל געשטאַנען, אַזוי געזאָגט:

— דו ביסט אַ „קראַסאַווי׳עץ"!

איך האָב ־ִי געגעבן אַ כאַפּ אַרום און געטון אַ פּרעס־צו צו זיך, ברוסט צו ברוסט, פּנים צו פּנים, און ביידע האָבן מיר זיך איינס דאָס

אַנדערע אָ'געהויבן צו באַשיטן באַק און פּנים מיט קושן. איך האָב נישט געוווּסט, פון וועלכע קושן איך האָב מער הנאה, צי פון מיינע, וואָס איך גיב איר, צי פון אירע, וואָס זי גיט מיר... איך האָב נישט געוווּסט, צי קוש איך זיך מיט מיינע קושן, וואָס איך קוש זי, צי קוש איך זיך מיט אירע קושן, וואָס זי קושט מיך...

און שפּעטער מיט אַ ווײַלע, ווען מיר האָבן זיך אָפּגעריסן איינער פון אַנדערן, האָט זיך די טיר געעפנט און די שטיף-מוטער האָט דעם קאָפּ אירן אַרײַנגעשטעקט, און געזאָגט:

— מזל טוב!

— ???

זי האָט מיך עטלעכע מאָל גערופן עסן און איך בין נישט געגאַנגען, איז אַ סימן, אַז איך האָב מיך ענדלעך באַטראַכט אויפהערן צו עסן און אָנהייבן צו פּייניקן, און דערפאַר איז דאָס מיר געקומען:

— מזל טוב!

V.

וואָס אַ טאָג נענטער צום פּריזיוו איז אין שטעטל אַלץ טומלדי־קער און רעשיקער געוואָרן. אין שניי און אין בלאָטע האָבן זיך אָפּטער און אָפּטער וועגענער באַוויזן, וועגענער, אָנגעזעצטע מיט יונגע שקצים, וואָס האָבן געהאַלטן פּיס אין פּאָסטעלעס, פּיס אין שטיוול, אַריבערגע־וואָרפן איבער די דראַבינעס. פּלייצע צו פּלייצע איז מען געזעסן און געזונגען און געהאַליאַקעט. אָט די וועגענער, אָנגעזעצטע מיט די זינ־גערס, זענען אויסגעפאָרן און אַרומגעפאָרן דאָס גאַנצע שטעטל, אַזוי זיך צוליבן אַרומפאָרן און צוליבן זינגען... דאָס איז געווען די איינציקע אַרבעט זייערע, פון גוישע פּריזיוווניקעס, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו־נויפפאָרן פון די אַרומיקע דערפער און שטעטלעך. דער גרעסטער טייל פון זיי, וואָס זענען דאָס ערשטע מאָל אין זייער לעבן אַרײַנגעפאַלן אין אַ פרעמדן מקום און אָפּגעריסן פון זייערע היימען און פון זייערע גע־וווינהייטן, האָבן, קענטיק, אין ערגעץ קיין מקום מנוחה נישט געקאָנט

געפינען, איז פאַר זיי געווען דאָס בעסטע זיך אַרומצודרייען אינדרויסן מיט פערד און וואָגן און באַזינגען און באַהאַליאַקען דאָס אַרומדרייען זיך זייערס.

אויך די נעכט האָבן אָנגעהויבן צו ווערן אומרויקע, פון צייט־צו־צייט איז געווען צו הערן, ווי איינער קוואַטשקעט מיט די פיס אין בלאָטע און באַזינגט מיט אַ שיכּור געזאַנג אָט דעם גאַנג־זיינעם, וואָס ער דאַרף נישט גיין, נאָר וואָס ער גייט אים יאָ, דערפאַר, וואָס ער איז שיכּור, און צוליב דעם, כּדי צו לאָזן הערן אָט די שיכּורע נגינה זיינע אין פינצטער־ניש און אין אומעט פון אָסיענדיקע נעכט, און ס'איז עפּעס ווי פריילעכער געוואָרן אין שטעטל און אי אומעטיקער... אומעטיק און שווער געמיטלעך פון פרעמדן גוישן צופלוס, פון פרעמדע ערלים, וואָס האָבן זיך אין שטעטל אָפּט דערלויבט צו טון אַזעלכע זאַכן, וואָס היימישע גויים האָבן זיך נישט דערלויבט צו טון.

די יידישע פּריזיוווניקעס, אפילו די, וואָס זענען פון דער פרעמד געקומען, האָבן באַלד זייער מקום מנוחה אין די בתּי־מדרשים באַקומען; דאַרט האָבן זיך פּרעמדע מתים צו היימישע באַהעפט און צוזאַמען ווי לאַנגע באַקאַנטע האָט מען דערצויגן די לעצטע תּעניתים, און אַ קוק צו געבן אויף זיי, האָבן זיי געמאַכט אַן איינדרוק, אַז איצט פאַסטן זיי שוין דערפאַר, ווייל זיי האָבן שוין קיין כּוח נישט צו עסן. איך האָב זיי מקנא געווען. איך האָב נישט געהאַט צוליב וואָס און צוליב וועמען צו טון דאָס, וואָס זיי טוען... און מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט האָבן אַ נאָענטן מענטש, וואָס זאָל דאָס פאָדערן פון מיר און מיר זאָל ניהא זיין דאָס צו טון פאַר אים...

איך האָב נאָך קיינמאָל, ביז יענער צייט, אַזאַ איינזאַמקייט נישט געשפּירט. איך האָב צו זיך אַליין געפילט גרויס רחמנות און נישט איינמאָל האָט זיך מיר געגלוסט וויינען אויף מיין פינצטער מזל. וועמען וועט עס אַרן, אַז מ'וועט מיך „אָפּגעבן“? ווער וועט זיך פרייען, אַז מ'וועט מיך באַפרייען? און פונקט ווי איך בין פון פריער און די גאַנצע צייט גלייכגילטיק געווען, יאָ זיין סאָלדאַט צי נישט, אַזוי האָט עס מיך די לעצטע טעג אָנגעהויבן צו אַרן. איך האָב עס אַזוי באַרעכנט: מה־דאָך דו ביסט אַ פרייער מענטש. איז דיר ווילטיק און קלאָגעדיק, וואָס דו ביסט אַן עלנטער, וועט דאָך אין סאָלדאַטן זיין טויזנט מאָל ערגער!

אַרומטראָגנדיק זיך מיט אַזאַ געמיט, האָט זיך מיר נישט איינמאָל געוואָלט אַריינגיין אין אַ שענק אַריין, זיך אָנשיכּורן און דערנאָך אַרומקוואַטשען אין בלאָטע און האַליאַקען. יאָ, מיר האָט זיך געוואָלט טון דאָס, וואָס די שקצים טוען. ס׳זענען אָבער געווען מאָמענטן, וואָס איך האָב מיך געוואָלט פאַרייניקן מיט מיינע „אייגענע" אין בית־המדרש, זיך איבערגעבן צו די ווערים און זאָלן זיי מיך פרעסן. און לאָמיר זיך פאַרצערן פון הינגער און פטור ווערן... יאָ, דאָס איז שוין אָבער שפּעט געווען און אפילו ווען נישט שפּעט, ווייס איך אויך נישט, צי איך וואָלט עס געקאָנט טון. איטלעכעס מאָל, ווען איך בין אַריין אין בית־המדרש, בין איך אַריין, איך זאָל דאָרט פאַרבלייבן, אָבער איך האָב מיך געמוזט אומקערן צוריק אין „מיין היים" און כאַפּן דאָרט אַ גנבישן ביס און אַ באַש, וואָס עטל האָט מיר בגנבה אונטערגעטראָגן. ניין, איך האָב מיך גאָך קיינמאָל אַזוי איינזאַם נישט געפילט. עפּעס נישט אַהין און נישט אַהער. אַ ייד געווען און נישט געקאָנט טון, וואָס יידן טוען, און אַ „גוי" געווען, און נישט געקאָנט טון, וואָס גויים טוען.

איך בין שעהן־לאַנג געשטאַנען אין מיין קאַלטן זאַל אין פּאַלטאָ און אין היטל, אַראָפּגערוקט דעם לאַקירענעם דאַשעק ביז די אויגן, און האָב אין פענצטער געקוקט, געקוקט מיט אַזאַ מין קוקן, ווי עס קוקט אַמאָל אַרויס אַ מחותּן אויף אַ חתונה, וואָס ווערט געשפּילט אַנטקעגן זיינע פענצטער; ער אַליין וואָלט אויך באַדאַרפט זיין אויף דער חתונה אַ מחותּן גלייך מיט אַלע אַנדערע מחותּנים, אָבער איבער זיינס אַ קאַפּריז איז ער געבליבן אין שטוב זיצן, קוקט ער אין פענצטער, בלאָזט זיך און איז ברוגז. אַזוי איז דאָס געווען מיט מיר: אין שטעטל זענען זיך צונויפגעפאָרן מחותּנים אויף אַ „חתונה", ווו איך דאַרף זיין אַ גלייכער מחותּן מיט זיי. אָדער איך וואָלט אַרומגיין מיט די שקצים און האַליאַקען, אָדער איך וואָלט זיצן אין בית־המדרש מיט די יידישע בחורים, וואָס האָבן כמעט ווי מיט יציאת נשמה דערקלעהווערט די לעצטע תעניתים זייערע. און דאָך בין איך געשטאַנען אָן אַ זייט און נישט געקאָנט נישט מיט די און נישט מיט יענע ווערן אַ מחותּן אין אונזערס אַלעמענס „חתונה"...

איך האָב דווקא געהאַט אַ שטיקל חסרון. נאָר אַזוי ווי ס׳האָט מיך [illegible]ריער קנאַפּ־וואָס געקימערט, צי וועל איך יאָ זיין אַ סאָלדאַט, צי נישט,

איז דערפֿאַר אַליין האָב איך ווינציק געטראַכט וועגן אים און נישט צוגעגעבן אים קיין באַדייטונג. די לעצטע טעג אָבער האָב איך שוין אָנגעהויבן אַריינטראַכטן זיך און ס'האָט מיר אָנגעהויבן באַנג טון, וואָס איך האָב דעם חסרון מיינעם קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט. פונקט ווי מיט דעם, וואָס איך האָב אים קיין אויפמערקזאַמקייט נישט געשענקט, וואָלט דער חסרון זיין באַדייטונג פאַרלוירן.

און ס'איז גאַנץ פאַרשטענדלעך, אַז אויב איך אַליין האָב נישט געשענקט קיין אויפמערקזאַמקייט דעם חסרון מיינעם, האָט דערפֿאַר באַ מיר קיינער נישט געוווּסט, צי איך האָב עפּעס אַ חסרון. נו יאָ, צוליב וואָס? ווען איך וואָלט זיך געפינען באַ אַ מומע, באַ אַ פֿעטער, אָדער אַזוי באַ אייגענע, וואָלט איך עס געוועזן דערציילט... זיי דערציילן, צו וואָס? איך האָב נישט באַמערקט, אַז ס'זאָל ווער פון זיי לאָזן פאַלן אַ קרעכץ פון מיינעטוועגן, אפילו עטלס שטיף־מאַמע, וואָס זי האָט אַזוי איינגעלייגט די וועלט, איך זאָל אויפהערן צו עסן, אפילו זי אַליין האָב איך נישט געזעען, זי זאָל זיך מצער זיין וועגן מיין גורל... וואָס געהערט עטלען, איז אויך די זעלבע מעשה: ממה נפשך, איז דער חסרון אַ חסרון, וועט מען מיך דאָך באַפרייען, און זי וועט זיך דערנאָך דערוויסן, אַז איך האָב אַ חסרון, אויב נישט, טאָ וואָס איר דערציילן אַ מעשה וועגן אַ חסרון, וואָס האָט קיין ממשות נישט. און נאָך אַ טעם, פאַרוואָס איך האָב איר וועגן מיין חסרון נישט דערציילט: איך האָב באַמערקט, אַז דאָס מאָל איז זי צו מיר נישט גלייכגילטיק. אמת, ס'איז מיר געווען גאַנץ אָנגענעם, און איך האָב געטון אַלעס מעגלעכע, זי זאָל צו מיר גלייכגילטיק נישט זיין. איך האָב אָבער מורא געהאַט, זי זאָל נישט אַוועקגיין צו ווייט, איז דאָס אַליין, וואָס איך וועל אַוועקגיין פאַר אַ סאָלדאַט האָב איך געוואָלט האַלטן פאַר איר אַלס אַ צוים. און נישט נאָר, וואָס איך האָב איר נישט דערציילט וועגן מיין חסרון, נאָר פאַרקערט: איך האָב נאָך די גאַנצע צייט אין איר אַריינגעטענהט, אַז איך וועל זיין אַ סאָלדאַט. גלייכצייטיק האָב איך געטון אַלץ מעגלעכע צוצוציען דאָס מיידל צו זיך, צי זי אַליין, דאָס מיידל, איז מיר געפעלן געוועזן? מאָמענטנווייז יאָ, מאָמענטנווייז נישט. און ס'זענען געווען מאָמענטן פון אַבסאָלוטער גלייכגילטיקייט. פאַרגעסט נישט, אַז איך בין געווען אַ 20־יעריקער בחור, און אויב ס'האָבן געקאָנט זיין מאָמענטן פון אַבסאָלוטער־

גלייכגילטיקייט, איז עס שוין מסתמא מיין שולד נישט געווען. אָבער הערט! הערט אַ כּלב שבכּלבים! (זיך אַליין מיין איך). אפילו דעמאָלט, ווען איך בין צו איר גלייכגילטיק געווען, אפילו דעמאָלט האָב איך אויך נישט אָפּגעשטעלט די אַרבעט מיינע פון צוצוציען זי צו זיך. און אין מאָמענטן, ווען איך האָב דערשפּירט, אַז איך ציִ צו שטאַרק אָן, האָב איך געזוכט און געפונען מיטלען אויף אָפּצוהאַלטן זי. האָב איך גלייך דערמאַנט, אַז זי האָט אַ חתן און אַז איך גיי זיין אַ סאָלדאַט און נאָך זאַכן, אַ שטייגער, וועגן מיין אָרימקייט (געווייינלעך, נישט אינגאַנצן, ווי ס'איז געווען). אָט, אַ שטייגער, האָב איך איר איינמאָל דערציילט, ס'הייסט געוואָלט געבן איר צו פילן, ווי אָרים איך בין, וואָס איך האָב מיר געלאָזט אָפּפאַרבן דעם פּאַלטאָ מיינעם פאַר מיין אָפּפאָרן פון אָדעס. און מערקווירדיק, ווי דער קליגסטער מענטש אין אַ קליין שטעטל קאָן אַמאָל זיין נאַיוו אָדער פּשוט נאַריש — איר איז גאָרנישט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז פון אָרימקייט: פאַרקערט, זי האָט גאָר געמיינט, אַז דאָס באַלאַנגט צו איינער פון יענע פּריווילעגיעס, וואָס אַ גרויסע שטאָט פאַרמאָגט...

בדרך משל ווילט זיך מיר זאָגן, אַז איך מיט עטלעכע האָב געהאַנדלט, ווי עס האַנדלט אַמאָל אַ גערטנער מיט אַ שוואַך ביימעלע, וואָס ער פאַרמאָגט בײַ זיך אין גאָרטן. דאָס ביימעלע איז דאָס שוואַכסטע פון אַלע ביימער, און דווקא אָט דאָס ביימל איז פרוכטבאַרער פון אַלע איבעריקע ביימער. פרייט עס אים, דעם גערטנער, אָבער איינציקווייז מוז ער שניידן די צווייגן. אַזוי האָב איך מיט מיין קוזינע געהאַנדלט: דאָ געטון אַלץ, ס'זאָל וואַקסן און דאָ — האָב איך געשניטן.

VI.

אין שטעטל איז אַלץ טומלדיקער געוואָרן. וואָס אַ טאָג נענטער צום פּריזיוו, זענען אַלץ צוגעקומען נייע פּריזיוונִיקעס און נייע מענטשן, וואָס האָבן געבראַנגט די פּריזיוונִיקעס (אָדער די פּריזיוונִיקעס האָבן זיי געבראַנגט). איך בין די גאַנצע טעג בײַ די פענצטער געשטאַנען, ווי אַ

פליג אין אָסיען, די לעצטע טעג פון איר לעבן, וואָס איז פאַראורטיילט פון קעלט צו שטאַרבן, און טרעט דווקא נישט אָפּ פון פענצטער, ווי ס׳איז קעלטער ווי ערגעץ אַנדערש. יאָ, מיר איז אויך געווען באַם פענצטער ערגער. ווען איך וואָלט באַם פענצטער נישט געשטאַנען, וואָלט איך נישט געזען און דאָס האַרץ וואָלט מיר אַזוי נישט געבלוטיקט, צוקוקנדיק ווי יעדער פריזיוואניק איז געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ נאָענטן מענטש. ווער ס׳איז געקומען מיט אַ טאַטן, מיט אַ מאַמען, ווער מיט אַ פעטער אָדער מיט אַן עלטערן ברודער, מיט אַן עלטערער שוועסטער. יעדער איינער איז מיט עמעצן געקומען, און וואָס ווייטער, האָב איך זיך אַלץ מער אַרומגעקוקט, ווי טיף אין דער ערד איך ליג, אַז ס׳וועט אפילו נישט זיין, ווער ס׳זאָל איבער מיין קאָפּ אַ טרער לאָזן, ווען מ׳וועט מיך אָפּגעבן פאַר אַ סאָלדאַט. וואָס אַ טאָג ווייטער האָט זיך מיר אַלץ שוואַרצער פאַרגעשטעלט דאָס סאָלדאַטסקע לעבן. גלייכצייטיק אָבער האָב איך פאַר די פאַר וואָכן, וואָס איך בין דאָרט געווען, דערפילט דאָס לעבן, וואָס איך האָב געלעבט פריער. עפּעס אויך פיל ערגער, ווי איך האָב עס פריער געפילט. יאָ, איך בין פאַר דער קורצער צייט עפּעס אַנדערש געוואָרן. טויזנטער אויגן האָבן זיך אין מיר מיטאַמאָל צעעפֿנט און מיך געמאַכט זען, אַז ווייטער פאַרזעצן אָט דאָס לעבן, וואָס איך האָב געלעבט ביז אַהער, וועל איך נישט קאָנען. גאָט מיינער, ס׳איז גענוג געווען, איך זאָל נאָר אַ דערמאַן טון זיך אָן די ווילדע יונגאַטשעס, מיט וועמען איך האָב טאָג־באַ־טאָג צו צוועלף און פינפצען שעה אַ מעת־לעת פאַרבראַכט. יאָ, זייער, זייער טרויעריק. אָבער וואָס דערוואַרט מיך אין קאַזאַרמע? וועל איך דען דאָרט האָבן בעסערע „קאַמעראַדן״?

מיין לאַגע איז געווען געגליכן צו איינעם, וואָס טרינקט זיך אין מיטן ים, און ער האָט נישט קיין האָפענונג ניצול צו ווערן. דאָ אָבער, אינמיטן, ווי ער האַלט זיך אַזוי אין טרינקען, קומט אים אָן אַנטקעגן אַ ים־מחבל און כאַפּט אי דאָ, אי דאָרט דערוואַרט אים דער טויט, פונדעסטוועגן דאַכט זיך אָט דעם צום טויט־פאַראורטיילטן, אַז ליגן אויפן אָפּגרונט פון ים איז ווינציקער שרעקלעך ווי אַריינצופאַלן אין דער בויכיקער פינצטערניש פונם פיש. אָט די בויכיקע פינצטערניש האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט, ווי דאָס סאָלדאַטסקע לעבן, און נישט זעענדיק פאַר

זיך קיין אויסגאנג, האָט זיך פשוט געגלויסט שלאָגן קאָפּ אָן וואַנט פון פאַרצווייפלונג.

אין איינעם אַ פרימאָרגן (איך געדענק נישט וויפיל טעג ס'איז נאָך געווען צום פריזיוו), האָב איך אין אַזאַ מאָמענט פון אויפרעגונג געפרעגט באַ עטלען, ווען זי שרייבט אַ בריוו צום חתן. זי האָט מיך פאַרוווּנדערט אָנגעקוקט און געפרעגט צוליב וואָס איך פרעג עס, און איך האָב גלייך געענטפערט:

— איך וויל אים ענטפערן אויף זיין גרוס.

מיר אַליין איז נישט געווען קלאָר, וואָס איך וויל דאָ טון. עפּעס האָט מיך אַרומגעכאַפּט אַ בלינדער באַגער אויף אַ שטומען שרייבנדיקן אופן אויסצוגיסן דאָס האַרץ מיינס. און איך האָב קיין אַנדערע שליטה נישט געהאַט צו דער פען, סיידן דורך אַזאַ געלעגנהייט.

איך האָב געכאַפּט די פען אין האַנט, און מיט אַ האַרץ, וואָס איז געווען פול פאַרלאָפן מיט בלוט, מיט אַ האַרץ, וואָס האָט שיער נישט געפּלאַצט פון ווייטיק, האָב איך זיך אַוועקגעזעצט שרייבן צו אַ ווילד-פרעמדן מענטש, צו אַ מענטש, וואָס איך האָב אים אויף מיין לעבן אין די אויגן נישט אָנגעקוקט און נישט געוווּסט, וואָס איך גיי צו אים שרייבן, און דאָ איז געשען עפּעס אויסערגעוויינלעכס: די האַנט, וואָס האָט נאָך קיינמאָל צו קיינעם נישט געשריבן, די האַנט, וואָס האָט פון צוועלף יאָר אָן (פון חדר) קיין פען נישט געהאַלטן, איז אַוועק אַ גאַנג... פאַרגעסן צו וועמען צוליב וואָס און צוליב ווען; ס'איז אַוועק אַ גאַנג, און גלייכצייטיק איז אין האַרץ געוואָרן אַ קאַלעטוכע... עס איז מיר, דאַכט זיך, געוואָרן בעסער. מיט דער בעסערקייט איז מיר געוואָרן ערגער און ערגער, און מאָמענטנווייז האָב איך געפילט, אַז אָט-אָט פּלאַצט דאָס האַרץ, אַז אָט-אָט באַקום איך אַן אַפּאָפּלעקסיע. איך האָב אָבער די פען נישט אַוועקגעלייגט. ניין, איך האָב נישט געקאָנט און נישט געוואָלט וואַרפן זי. עס איז באַ מיר פאָרגעקומען ווי באַ איינעם, וואָס טרינקט זיך און ער כאַפּט זיך אָן עפּעס אָן, און כאָטש ער זעט, אַז ער טרינקט זיך ווייטער, אַז קיין הילף ברענגט עס אים נישט. אַז פון סעקונדע צו סעקונדע פאַרבלייבט ער זיך אַלץ מער מיטן וואַסער, לאָזט ער פונדעסטוועגן אַלץ נישט אָפּ אָט די זאַך, וואָס ער פאַקט אין וואַסער.

ווען איך האָב פאַרשריבן איין בייגעלע פאַפּיר און זיך גענומען

צום צווייטן, האָט זיך עטל פאַרנומען צו לייענען דאָס פאַרשריבענע ביי־געלע, און שרייבנדיק האָב איך געהערט, ווי זי לאָזט פון צייט־צו־צייט אַרויס אַזעלכע מאָדנע אויסרופן, אָבער איך האָב ווייניק געלייגט אַכט אויף דעם. איך האָב ביז יענער צייט נישט געוווּסט און קיין אַנוּנג נישט געהאַט, אַז ס'איז פאַראַן עפּעס אַ מין „שרייבעכץ", וואָס איינער אַ מענטש זאָל אָנשרייבן און ס'זאָל האָבן אַ ווערט פאַר אַ סך מענטשן... איך האָב געוווּסט פון אַזאַ שרייבן, וואָס קאָן נאָר האָבן אַ ווערט, ווען עס שרייבט ווער צו וועמען אַ בריוו... פון אַ שרייבן אין דער וועלט אַריין, שרייבן צו קיינעם נישט, און דאָס זאָל האָבן אַ גרויסן ווערט, וועגן דעם האָב איך ביז דעמאָלט נישט געהערט. אמת, איך האָב געוווּסט, אַז עס זענען פאַראַן ביכער אויף דער וועלט, אָבער ס'איז מיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן, אַז אָט די ביכער ווערן פריִער געשריבן...

איך געדענק אַ קליין שטיקל פון דעם, וואָס איך האָב דעמאָלט געשריבן. איך גיב עס אייך דאָ איבער:

„ס'איז מיר זייער אומעטיק אויפן האַרץ און פינצטער איז מיין לעבן ווי די סוף־חודשדיקע נאַכט. פריינט מיינער, וואָס זאָל איך טון? איך טרינק זיך און האָב נישט קיין האָפנונג אַרויסצוראַטעווען זיך. מיין האַרץ קאַטשעט זיך אויף די ווילדע שוואַרצע כוואַליעס און קיינער קומט מיר נישט צו הילף. איך פיל, אַז נאָך אַ סעקונדע און נאָך אַ סעקונדע און איך וועל גיין צום אָפּגרונט, און קיינער וועט אפילו נישט וויסן ווו מיין געביין איז אַהינגעקומען. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט זעען דעם הימל. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט זעען די לבנה און די שטערן. אָ, ווי איך וואָלט געוואָלט זעען די זון שיינען אויפן הימל! אָ, ניין, איך וועל זיי שוין קיינמאָל, קיינמאָל נישט זעען".

— קאָנסט דאָך זיין אַ פּראָפעסער! — האָט עטל ענטוזיאַסטיש אויסגערופן און אַרויפגעלייגט די האַנט אירע אויף מיין קאָפּ. און געוויינט און געקוואָלן גלייכצייטיק, לייענענדיק די און אַנדערע ענלעכע ווערטער.

ווען איך האָב געענדיקט דאָס שרייבן און זי דאָס לעזן, האָט זי שטורעמדיק אַ דריק געטון דעם קאָפּ מיינעם צו איר ברוסט און מיר אַריינגעקושט און אַריינגעמורמלט אין אויער אַריין:

— מיין ליבער, מיין טייערער קוזין!

און איך, נישט ווייסנדיק ווי אַזוי און מיט וואָס צו רעאַגירן אויף עטלס ליבע ווערטער, האָב בײַ איר גאָר פּלוצלינג אַ פרעג געטון:

— ווי מיינסטו, ס'איז נאָך נישט שפּעט צו מאַכן זיך אַ חסרון?...

און נישט וואַרטנדיק אויף איר ענטפער, האָב איך אַרויסגעכאַפּט פון מיין קעשענע דאָס שטיקל שפּיגעלע, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט, און עס אָנגעהויבן מיט די פאַדערשטע ציין צו בייסן... געביסן, ווי אַ ראַץ, וואָס פאַלט אַריין אין אַ פּאַסטקע, בייסט די דראָטן פון דער פּאַסטקע, פּרוּוואַנדיק ער ווייסט, אַז ער וועט שוין נישט אַרויס... פון מויל און ציין זענען מיט בלאַנק און גלאַנץ געפלויגן שטיקלעך, ברעקלעך און פּיצלעך שפּיגל-גלאָז, וואָס האָבן אויסגעזען ווי קליינע פּיצלעך און ברעקלעך שטערנדלעך...

עטל האָט אַ צופרידענע געשמייכלט. זי האָט עס קענטיק אָנגענומען, אַז איך וועל מיר מיט דעם אַ חסרון מאַכן, איר איז נישט איינגעפאַלן, אַז איך טו דאָס פון גרויס פאַרצווייפלונג, און אַזוי קוקנדיק אויף מיר מיט שמייכלענדיקע און נצחונדיקע אויגן, אָננעמענדיק, אַז דאָס ווערט פון מיר געטון אונטערן איינדרוק פון איר ליבעס-דערקלערונג, האָט מיר אַ גלעט געטון איין מאָל און אַ צווייט מאָל איבערן פּנים. נאָכהער האָט זי מיט דער זעלבער האַנט געשווינד גענומען אָפּצווישן די פּיצלעך.

די „מלאכי חבלה" זענען שוין געווען... בײַנאַכט האָב איך געהערט גלעקער קלינגען, און ניין אַ זייגער אינדערפרי האָט זיך באַדאַרפט אָנהייבן די „פערעקליטשקע" (דאָס אויסרופן, צי אַלע, וואָס האָבן באַדאַרפט קומען, זענען געקומען). מערקווירדיק, מיר האָט זיך אַלץ געבאָמבלט אין קאָפּ, אַז מיך וועט מען נישט אַרויסרופן. די געפילן פון מיין איינזאַמקייט האָבן דערגרייכט צו אַזאַ מדרגה, אַז ס'האָט זיך מיר נישט געגלאָזט גלייבן, אַז ערגעץ דאָרט-ווו זאָל זיין פאַרשריבן דער נאָמען מיינער. און אַז „אַ שרייבער", וואָס קען מיך נישט און וואָס ווייסט נישט, אַז אַזעלכער ווי איך איז דאָ אויף דער ווייסער וועלט, זאָל אויסרופן דעם נאָמען מיינעם.

איך האָב געצויגן אַ ווייטן נומער און נאָכן נומער נאָך האָב איך

שוין געוווסט, אַז אויפֿן דריטן טאָג נאָך דער דערעפֿנונג פֿון דער „פּרי־סוסטוויע" וועט מיר אויסקומען צו שטיין.

נאָך דעם ערשטן טאָג איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די פּריסוסטוויע איז אַ „שלעכטע"; מ'האָט געשניטן ווי אין קרויט אַריין: ווער ס'איז אַריין, איז געווען „גאָדיען" (ער טויג), און דעם זעלבן טאָג האָט מען זיך דערוווסט, אַז אַן אויער, וואָס פּייפֿט, איז קיין חסרון נישט, אַז אויף דעם, וואָס איין פֿינגער איז פֿאַרלייגט אויפֿן צווייטן (פֿון פֿוס), קוקט מען זיך גאָרנישט אום; אַז מ'האָט גאָר אפֿילו נישט געוואָלט אויסהערן איינעם אַ היקעוואַטן, וואָס האָט געוואָלט רעדן און לאָזן הערן זיך מיט זיין שטי־מע, ווי אַזוי ער פֿאַרהיקעט זיך; אַז מ'האָט צוגענומען אייגעם, וואָס האָט כמעט ווי גאָרנישט געזען אויפֿן לינקן אויג; אין יענע חסרונות, די „געבלאָזענע מעשׂיות", האָט מען פֿאַרשריבן זיי אַריינצוואַרפֿן אין די שפּיטעלער...

VII.

נאָך די אַלע חסרונות האָב איך שוין גאָר אינגאַנצן פֿאַרלוירן מיין האָפֿנונג אויף מיין שטיקל חסרון. איך האָב פֿאַרויס געוווסט, אַז איך בין אַ „געקוילעטער". ס'איז מיר אפֿילו צייטנווייז איינגעפֿאַלן אַ ספֿק, צי זאָל איך נאָך אינגאַנצן דערמאָנען וועגן אָט דעם חסרון; אַז „מ'שניידט" מיט אַזעלכע חסרונות, טאָ מעג איך זיך דאָך מיט מיין חסרון באַגראָבן. און איך האָב שוין באַ זיך געטראַכט, אַז זייער גלייך האָב איך געטון, וואָס איך האָב קיינעם נישט דערציילט קיין מעשׂיות, אַז איך האָב עפּעס אַ שטיקל חסרון, ווייל אין אמתן, וואָס פֿאַר אַ ממשות האָט עס דאָרט געקאָנט האָבן אַ שטיקל העכערע ריפּ אַנטקעגן אַזעלכע חסרונות, ווי די, וואָס מ'האָט „אָפּגעגעבן".

עטל האָט מיך איינמאָל און אַ צווייט מאָל געפֿרעגט, וואָס עס הערט זיך מיטן גלאָז, וואָס איך האָב געגעסן. זי האָט געוווסט, אַז דאָס גלאָז, וואָס איך האָב געגעסן, האָט מיר עפּעס געדאַרפֿט מאַכן אַ חסרון. זי האָט אָבער נישט געוווסט און איז זייער נייגעריק געווען צו וויסן, וואָס

פּאַר אַ מין חסרון קאָן עס ברענגען, אַז מ׳עסט גלאָז. און ווי ביטער מיר איז געווען אויפן האַרץ, האָב איך געמוזט שמייכלען, און סוף־כּל־סוף איר געזאָגט, אַז איך האָב מיר קיין חסרון נישט געמאַכט און נישט געקלערט צו מאַכן.

איך ווייס נישט, צי זי האָט מיר געגלייבט, צי ניין. אַלנפאַלס, האָט זי מיר געוואָלט באַווייזן, אַז זי גלייבט מיר, און זי האָט עס מיר ווירקלעך באַוויזן דערמיט, וואָס זי האָט זיך פאַרנומען מיין וועש „איבער־צוקוקן״. און גראָד דאָס וואָלט איך מוחל געווען במחילה גמורה... ס׳איז מיר געווען אַזאַ חרפּה! שוין דערמאָלט האָב איך געהאַט דעם איידעלן חוש פאַר אַזעלכע זאַכן, אַז צעריסענע און ביליקע וועש איז עפּעס מער בזיון ווי דאָס אויבערשטע אָנטון וואָלט געווען צעריסן... און זי אַליין האָט זיך, קענטיק, אויך געשעמט און זיך באַהאַלטן מיט דער אַרבעט בחדרי־חדרים.

זי האָט מיר מיין האַרץ צעבראָכן. און איך האָב געטראַכט, אַז ס׳וואָלט אַ יושר געווען עפּעס אַ טראַכט צו טון... און אפשר האָב איך גאָר איינגאַנצן אַ טעות געהאַט: אפשר איז די גאַנצע האַנדלונג אירע נישט מער, ווי אַ לייטישע האַנדלונג... זי איז דאָך אַ קלוג מיידל. זי ווייסט דאָך מיין לאַגע, און אָן אייגעגער בין איך איר, און אַליין איז זי דאָך נאָך אַלעמען אויך אָן איינזאַמע, און אַ חתן האָט זי. וואָס איז איר נישט צום האַרץ, איז קאָן זיין, אַז אָט די אַלע זאַכן צוזאַמען שאַפן באַ מיר אַ פאַלשע מיינונג וועגן אירע באַציונגען צו מיר...

דעם לעצטן טאָג, ס׳הייסט דעם טאָג, וואָס איך האָב געדאַרפט זיך שטעלן צום פּריזיוו, בין איך אויפגעשטאַנען, ווען ס׳האָט אָנגעהויבן שאַרען אויף טאָג. איך האָב געטראָפן אַ ווייסן שניי ליגן און ס׳האָט נאָך געהאַלטן אין שיטן. נישט קוקנדיק אויף דער ווייסקייט, איז דאָך געווען אינדרויסן גרויל־טונקל און אומעטיק. אינמיטן, אין דער לענג פון גאַס, האָבן זיך געצויגן צוויי פּאַסן, טיף איינגעשניטן אין שניי און אין בלאָטע.

איך בין אויפגעשטאַנען מיט אַ ציטער (פּשוט פון קעלט) און זיך אָנגעטון מיט אַ ציטער און פאַרלאָזט דעם קאַלטן זאַל מיט אַ ציטער און אַריין אין עס־שטוב, און כאָטש דאָרט איז געווען וואַרעם, איז אָבער דער גרויער אומעט דאָ געווען דער זעלבער, וואָס דאָרט. מיט אַ באַזונדערער

פרעמדקייט און מיט אַ באַזונדער קאַלטן אומעט האָט געגלאַנצט די געַ־צאַצקעוועטע סאַראַטעַ אויפן טיש, ווו עס איז געווען אָנגעשיט אין איין אָרט אַ ביסל זאַמד־צוקער, און באַ דעם ביסל צוקער איז געשטאַנען אַן איין און איינציקע פליג און האָט „פאַרזיסט" די לעצטע טעג (אפשר די לעצטע שעהן) פון איר לעבן.

אין עטלעכע מינוט אַרום נאָך מיין אַריינקומען האָט זיך פון קיך באַוויזן דאָס דינסט־מיידל מיט אַ „ברעמניע" האָלץ אויף זיך און מיט פרימאָרגנדיקער פאַרזיכטיקייט און שטילקייט, וואָס אַ דינסט־מיידל קאָן נאָר באַווייזן, ווען ס'איז נייטיק און מ'באַדאַרף עס פון רעספעקט צום הויזגעזונט, האָט זי אָפּגעלייגט דאָס האָלץ און געעפנט דאָס טירל פון דער הרובע, און גלייך איז זי אַרויס און גלייך צוריקגעקומען מיט אַ בעזעקן און אָנגעהויבן אַרויסשאַרן פון דאָרט די קוילן, וואָס זענען פאַרבליבן פון נעכטיקן הייצן; צווישן די קאַלטע קוילן האָבן זיך דורכגעוואָרפן אויך „הייסע" קוילן, וואָס האָבן פאַרגעזעצט דאָס גליען זייערס אינם בעקן. אַרויסגעשאַרט וויפיל עס איז דאָרט געווען, איז זי אַוועק, איבער־לאָזנדיק דאָס טירל צעעפנט מיטן אָפענעם פירעקיקן שוואַרצן חלל פון דער הרובע. און דאָס האָלץ איז געבליבן ליגן דאָ דערביי קאַלט און נאַסלעך. און ס'האָט זיך געפילט אין האָלץ יענער אומעט, וואָס ס'פילט זיך אַלעמאָל, ווען האָלץ ליגט לעבן אַן אויוון אין דער צייט, ווען ס'וואָלט באַדאַרפט ליגן אין אויוון און ברענען.

איך האָב געעפנט אַ סידור און געקוקט אויף די גרויסע אותיות פון „מה טובו". איך האָב געוואָלט דאַווענען, און ס'האָט זיך מיר געגלוסט דאַווענען, נאָר כ'האָב נישט געוואָלט, דווקא דערפאַר, ווייל „זיי" ווילן און פאָדערן עס פון מיר. מיר האָט זיך דווקא געוואָלט אָפּדאַווענען פרום און האַרציק, ביז מ'וועט אויפשטיין, אַז עס זאָל מיך גאָר קיינער נישט זען, ווי איך דאַוון, און איך האָב געוואָלט, אַז זיי זאָלן מיינען, אַז איך האָב פאַרן „שטעלן זיך" נישט געדאַוונט.

פינקטלעך זאָגן, וואָס איך האָב אין יענעם פרימאָרגן געוואָלט — איז נישט מעגלעך. שטעלט זיך פאָר, אַז טועַנדיק אפילו די זאַך, וואָס איך האָב קלאָר געוווּסט, אַז איך וויל דאָס טון, איך מיין דאָס דאַווענען, האָב איך אויך טועַנדיק עס פון צייט־צו־צייט פאַרגעסן, אַז איך טו עס. איך געדענק שוין זייער גוט, ווי איך האָב מיך אַ שעה אַנדערטהאַלבן

ווי אַ תּם אַרומגעדרייט אין די תּפילין און זיך נישט געקאָנט אָפּגעבן קיין רעכענונג צי בין איך אַזוי לאַנג אין די תּפילין, ווייל איך דאַוון נישט, צי דאַוון איך נישט, ווייל איך בין אַזוי לאַנג אין די תּפילין.

פאַר דער צייט האָט זיך עטל באַוויזן, און אין איר אַריינבווייזן זיך איז קענטיק געווען, אַז דאָס פּרי אויפשטיין אירס איז צוליב מיר. זי האָט זיך באַוויזן אַזאַ שיינענדיקע, אַזאַ ליכטיקע, ווי די נשמה אירע וואָלט זיך נאָר־וואָס אומגעקערט צו איר פון הימל, ווי זי, די נשמה אין איר, וואָלט צופרידן געווען פון דעם דין־וחשבון, וואָס זי האָט אָפּגעגעבן פון אירע נעכטיקע מעשים. אַזוי, זאָג איך, האָט עס אַרויסגעשיינט פון איר. זי איז גלייך צו צו מיר און גלייך אין מיר אַריינגעזאָגט מיט אַ געהיימ־נישפּול קול:

— דו ווייסט, איך פּאַסט היינט !... נאָר שאַ, קיינער זאָל נישט וויסן...

און דאָ אַזוי גלייך איז זי צוגעפאַלן צו מיר און זיך איינגעגעסן אין מיר, זי מיט זיך אינגאַנצן, און מיך אַרומגענומען באַ די לענדן און מיך געטון אַ דריק צו זיך און אָנגעהויבן באַנעצן דאָס גאַנצע פּנים מיינס מיט הייסע, מיט בריענדיקע קושן. און נאָכדעם, ווי זי וואָלט אַליין גע־וואָלט אָפּשוואַכן דעם איינדרוק פון דעם, וואָס זי האָט געטון, און ווי זי וואָלט פאַר מיר געוואָלט באַווייזן, אַז איך דאַרף עס נישט נעמען אַזוי ערנסט, האָט זי אָנגעכאַפּט מיט אַ האַנט דעם של־ראש און אים געטון אַ צי אַראָפּ צו זיך, האָט זי איין קוש און אַ צווייטן אין אים געטון, און דערביי געלאַכט און געוויינט גלייכצייטיק: און איך אַליין האָב זיך אויך צעוויינט. און דאָ האָט עס מיך אַזוי אַ צענעם געטון, אַז איך האָב זי געגעבן מיט מיינע הענט אַ קלעם־איין און אַ שמיד־צו צו זיך און האָב זיך מיט פייער און פלאַם מיט מיינע ליפּן, מיט מיין מויל און מיט מיינע ציין איינגעגעסן אין אירע ליפּן, אין איר מויל און אירע ציין. איך האָב זי געהאַלטן אינדערלופטן און נישט געפילט, אַז איך האַלט עפּעס. איך האָב נאָר געהאַט אַזאַ געפיל, אַז מיר אַליין איז עפּעס וואָג צוגעקומען...

דאָ האָט זיך באַוויזן די שטיף־מוטער. פון ערשטן מאָמענט איז גע־ווען צו זעען, אַז זי איז שטאַרק איבערראַשט. גלייך אָבער איז די אי־בערראַשונג פאַרשוווּנדן און זי האָט אָפּגעזאָגט עטלעכע געציילטע ווערטער:

— ניכאַי :וואָלסטו כאָטש אויסגעטון די תּפילין. וואָס באַדאַרפסטו די תּפילין פאַר עדות ?...

עטל האָט מיך באַגלייט אין „פּריסוטסטוויע" אַריין, זי איז געגאַנגען אין אַ שאַל געהילט, מוטערלעך, אָדער ווי אַן עלטערע „אויסגעגעבענע" שוועסטער, און איבערן פּנים איז שפּיציק און דעכלדיק אָפּגעשטאַנען די שאַל. איך בין געווען גליקלעך, וואָס איך בין נישט אַליין. גייענדיק, האָב איך איר דערציילט (אונטערן איינדרוק פון איר פאַסטן, וואָס זי פאַסט פאַר מיר, פאַר איר ליבע צו מיר, וואָס זי האָט אַרויסגעוויזן אויפן ניכטערן האַרץ, און פאַר דעם, וואָס זי האָט מיך באַגלייט אין פּריסוט־סטוויע אַריין), אַז איך האָב אַ שטיקל חסרון... נישט פונם גלאָז, וואָס איך האָב געגעסן, נאָר טאַקע אַ געבוירענער חסרון. דאָס מיידל האָט זיך אַזש אַ צאַפּל געטון. איך געדענק נישט, וואָס זי האָט מיר געזאָגט, אָבער פון איר זאָגן, האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז איך האָב דעם חסרון נאָר־וואָס באַקומען, אין איר זכות און אין זכות פון איר תענית. נאָר וואָס האָט עס מיך געאַרט? זאָל זיין אַזוי, פאַרוואָס זאָל איך זי נישט מאַכן גליקלעך, ווען זי מאַכט מיך גליקלעך... אַ קלייניקייט, נישט גיין אַליין זיך שטעלן צום פּריזיוו, און פילן, זייענדיק אין די ווענט פון „פּריסוטסטוויע", אַז דאָרט, אינדרויסן, שטייט דיינס אַ נאָענטער מענטש, וואָס ועט נישט אָפּטרעטן ביז מיין „אַריין" אָדער „אַרויס". — — —

יאָ, איך בין באַפרייט געוואָרן. און אויף מאָרגן נאָכן פּריזיוו, אַרום איינס אַ זייגער. אַזוי ווי מ'האָט נאָר־וואָס געהאַט אָפּגעגעסן מיטאָג, איז צו דער שטוב צוגעפאָרן מיט זיין פערד און וואָגן דערזעלבער באַלעגאָ־לע, וואָס האָט מיך געבערענגט צו פירן אַהערצו, און ווי נאָר ער איז אַריין אין שטוב, האָט ער גלייך בײַ מיר אַ פרעג געטון:

— נו, ביסט שוין פאַרפאַקט?...

ער האָט עס געפרעגט מיט אַזאַ טאָן, גלייך ווי איך וואָלט אָפּגע־רעדט, ער זאָל קומען נאָך מיר. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָס האָט מען פון שטוב באַפוילן, דער באַלעגאָלע זאָל קומען נאָך מיר. איך ווייס נישט, צי עטל האָט עס אויך פאַרשטאַנען, אָבער אַז זי איז געווען צעטומלט — דאָס איז געווען צו זען אויף איר. זי האָט מיר געקוקט אין די אויגן אַריין, און ס'איז ממש געווען צו זען, ווי דאָס מיידל בעט זיך נעבעך רחמים: גיב איין „פּיפּס" און איך פאָר מיט דיר. כ'האָב אָבער דעם „פּיפּס" נישט געגעבן, ווייל כ'האָב אים נישט געקאָנט געבן. און דאָך האָב איך מיך געפילט אַזוי שולדיק אַנטקעגן איר, איך האָב

איר איינמאָל און אַ צווייט מאָל אַריינגעקוקט אין די אויגן אַריין און מיט מיינע שטומע בליקן האָב איך זיך געבעטן בײַ איר און געזאָגט צו איר: איך וויל פּונקט אַזוי ווי דו דאָס, וואָס דו ווילסט, נאָר איך קאָן נישט. זי האָט אָבער, קענטיק, מיינע געבעט־געפילן נישט פאַרשטאַנען. זי האָט זיך געזעגנט מיט מיר קאַלט און אַרויסגעוויזן צו מיר אַזוי פיל פרעמדקייט!... און געפילט האָב איך, אַז אויב ס'האָט מיך ווער אין מיין לעבן געהאַסט, האָט מיך נאָך קיינער אַזוי נישט געהאַסט ווי זי.

איך בין נאָך פריער פאַרן באַלעגאָלע אויפן וואָגן געזעסן, און קיינער איז אפילו נישט אַרויס אויפן גאַניקל מיך באַגלייטן, נאָר איידער די פור האָט זיך גערירט פון אָרט, איז אַרויסגעשפּרונגען דאָס פּערצן־יעריקע מיידעלע, דאָס ערשטע קינד אליה דודס פון צווייטן ווייב, און האָט צו מיר אַ געשריי געטון:

— פאָרט געזונט!

איך האָב אָפּגעדרייט מיין פּנים און זיך צעכליפּעט.

Public Library, Newark, N. J.